This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

היימלאנד

1

1981

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

1

יאַנוואַר

1981

אינהאַלט

אלעקסאנדער ליזען. דאָס אומגעווינלעכע אינעם געוויינלעכן 4
מענטשן פון צענטן פינפיאָר (ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט) . 12
בוזי מילער. צווייַגן און צווייַגעלעך 21
הערשל פּאָליאנקער. א יאם מיט ארבעט . . . 29
הירש רעלעס. אין זשיטקאָוויטשי 35
טעוויע גען. אין טאָרזשאָק. אין פּאלאנגע אפן פּליאזש. 46
יוסעף שוסטער. גרינע צעכן 53
כאַיםביידער. דעראזשנע — מאָסקווע 61
בראָכע און ארן בורשטיין. אין פערציק יאָר ארום 73
כאַים גורעוויטש. בלויז דרייַ באגעגענישן . . . 80
אווראָם גאָנטאר. ווען קרייצן זיך איבער . . . 83
באָריס מאָגילנער. גווורע. 96
כאַים מעלאמוד. אין רויש פון די ווייצן 99
שירע גאָרשמאן. בילדלעך פון וועג 107
יוסעף בורג. בא זיך 110
באָרעך שיינגאוטער. זומער 114
רוּוון פּוסטילניקאָוו. צופוס איבערן לאנד . . . 119
פּיניע פּלאָטקין. דאָרט, ווּ עס פליסט די בערעזינא 122
וויקטאָר מיטראָשענקאָוו. דער ערשטער פון דער לעגענדע (יורי גאגארין) 125
ארן ווערגעליס. די קאָלעקטיווע שפּעפערישע עקספּעדיציע דויערט 168
רעזיומע לויט די מאטעריאלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) 1

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פּאָליאנקער, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר), י. שרייַבמאן

מיר באַגריסן האַרציק
אונדזערע לייענער
מיטן נײַעם, 1981 יאָר

דעם 23 פעווראַל
ווערט זיך עפֿענען
דער XXVI צוזאַמענפֿאָר
פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד.
צו דער דאָזיקער היסטאָרישער געשעעניש
קומט אונדזער לאַנד,
דאָס גאַנצע סאָוועטישע פֿאָלק
מיט מערקווירדיקע דערגרייכונגען
אין דער בויונג פֿונעם קאָמוניזם.
דער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער לענינישער פּאַרטיי
וועט אונטערצ׳ען א סאַכאַקל
פֿון דעם צענטן פֿינפֿיאָר
און וועט אָנמערקן די אויפֿגאַבן
אויפֿן עלפֿטן פֿינפֿיאָר.
די פֿילשפּראַכיקע סאָוועטישע ליטעראַטור,
אַרײַנגערעכנט די ייִדישע,
האָט ברייט אָפּגעשפּיגלט
די ניצחונות פֿון אונדזער היימלאַנד,
דעם מעכטיקן אויפֿבלי
פֿונעם פֿאַרבאַנד פֿון די סאָוועטישע
סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.
דער דאָזיקער נומער פֿון אונדזער זשורנאַל,
וועלכער דערשײַנט אויף דער שוועל
פֿונעם XXVI פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר,
איז געווידמעט
דער דאָקומענטאַלער קינסטלערישער פֿאַרצייכענונג.

אלעקסאנדער ליזען

דאָס אומגעוויינלעכע אינעם געוויינלעכן

הימל. א בלויער אָדער א בלאָווער — באַטאָג, א רויטער — בעשאס דער שקיִע, א געשפּרענקלטער מיט גאָלדענע אָדער זילבערנע צאַצקעלעך — באַנאַכט.

ביימער. צאַרט־גרינע — פרילינג־צײַט, רײַף־גרינע — אום זומער־לעבן, געלע און רויטלעכע — אין האַרבסט, הוילע — ניין, ניט הוילע — ווײַס־פּוכיקע מיט אַראָפּגעהאַנגענע שניי־שלייערס — אום ווינטער.

בערג. אויסגעבעטע מיט גרינעם סאַמעט, די שפּיצן — גרויע, אָדער מיט שטײַפן אײַז־שניי באַדעקט, הויכע און שטאָלצע, ביזן הימל־געוועלב דערגרייכן זיי, דו דאַרפסט אָבער ניט פאַרײַסן דעם קאָפּ, פאַרשטעלן די אויגן מיט דער דלאָניע, וועסט סײַווי דערזען בוילעט דאָס, וואָס ניט דײַן אורזיידע, ניט די אורבאָבע האָבן קיינמאָל אין זייער לעבן ניט געזען.

אָקעאַנען. יאַמען. טײַכן. מידבאַריעס, ווולקאַנען, גייזערס, וואַסערפאַלן. ווונדערפולע, סוידעספולע פּאָליאַר־שײַן. לייבן. טיגערס. וועלף. העלפאַנדן. און פלוצעם — א אינד! א יונגע אינד, א שטאַלטנע, א שיינהײַט, מיט געטאָקטע פיס, מיט א ליבלעך געמבעלע, וואָס בעט זיך מאַמעש, מע זאָל דאָס א קוש טאָן.

אָדלערס. שפּאַרבערס. העלע, בונטע, ווי שטיקלעך רעגנבויגן, פּאָפּוגײַען. סאָוועס, וואָס האָבן גרויסע, מעשונעדיקע, א ביסל טאַקע אָפּשרעקנדיקע אויגן, ווי בײַ א קישעפמאַכערן.

פיש, קאָלערליי פיש. הײַפיש. וואַלפיש. קליינע און גרויסע. רויבערישע און ענגסטלעכע. און אפילע אזא פישל איז פאַראַן, טילאַפּיע הייסט עס, וואָס כאָוועט אויס קינדערלעך און ראַטעוועט זיי פון געפאַר אין אייגענעם פּיסק.

נאָר דעריקער — מענטשן. מענטשן. ווײַסהויטיקע. רויטהויטיקע. שוואַרץ־הויטיקע. בלאָוו־אויגיקע. שוואַרץ־אויגיקע, גרוי־אויגיקע. אין פאַרשיידענע קליידער אָנגעטאָן. און אפּילע — אָן קליידער. ניט מער, ווי א געקינצלטע פּאַטשיילקע אף זייערע טונקל־ברוינע לענדן.

איז אָט. אַמאָל האָט מען געדאַרפט אויספאָרן א וועלט, קעדיי צו דערזען די אַלע ווונדער. און פּאַטערן אף דעם יאָרן און יאָרן. איצטער טוט מען עס פיל פּאָשעטער. מע שליסט אײַן א קאָלירטן טעלעוויזאָר... און מע פאָרט ניט אין ערגעץ. מע זיצט אין דער היים. און עפּשער גאָר ליגט מען אף א ווייכער קאַנאַפּע, און מע קוקט אפן צויבער־עקראַן, איבער וועלכן עס מינען זיך פילפאַרביקע בילדער פון א שיינער, בונטער, פּרעכטיקער וועלט.

פּיאָטער סאַמוילאָוויטש ראָזענבערג זאָגט:

— כ׳מיין, אז צו גיך ווערן מיר צוגעוווינט צו ווונדער, און מיר הערן אוף זיך צו כידעשן...

עמעס. די דערהויבענע פייִקײַט ניספּאָעל ווערן פאַרטעמפּט זיך. טעלעוויזיע... ווי־זי־ע!.. א צויבער־זעונג... ווער און ווען האָט פון אזוינס געהערט? נאָר מיר, אונדזער דאָר, און פאַר־העלטנסמעסיק — ניט אזוי לאַנג, אויב עס גייט אין קאָליר־טעלעוויזיע. וויפל איז זי דען אלט? א צענדליק יאָר. א קינד נאָך.

מיר האָבן אָבער שטאַרק געבענקט נאָכן קאָליר. איר געדענקט דאָך: אף אן עקראַן פון א געוויינלעכן שוואַרץ־ווײַסן טעלעוויזאָר פלעגן מיר צופּאַסן א פאַרביקן פילטער, א הײַטל אזא. פון אויבן איז דאָס געווען בלוי, פון אונטן — גרין און אין דער מיט — עפּעס א ראָזעווע־

מאָלענע קאָליר. און אָט אַזוי פלעגן מיר זיך שאַפן קינדערשע איליוזיעס. איז גוט, ווען אַפן עקראַן איז אַ הימל: ער איז ווירקלעך פון אויבן, און טאַקע בלוי. ניט שלעכט — ווען גראָז איז פון אונטן און גרין. נו, און אויב אַ וואָלף? אַ גרויסער וואָלף איבערן גאַנצן עקראַן? באַקומט ער אַ בלויען קאָפּ, אַ ראָזעווען גוף און גרינע פיס...

צי דאַרפן מיר ניט אַצינדער יעדעס מאָל, ווען מיר טוען אַ דריק אַפן קנעפּל און דאָס גרוי־פאַרגליווערטע גלאָז פונעם עקראַן לעבט אויף מיטאַמאָל און באַפאַרבט זיך מיט אַלע זיבן קאָלירן פון אַ רעגנבויגן, צי דאַרפן מיר ניט אַלע מאָל פונדאָסנײַ באַוווּנדערן די מענטשלעכע געוויניקשקייט? ס׳איז פּאַשעט אַ פאַרשוועכונג, ווען מע זיצט קעגן אַזאַ וויזיע מיט אַ פאַרעוועפּאָנעם. און ס׳איז אויך אַ פאַרשוועכונג, ווען מע גייט איבער דורך אַזאַ מין צויבער־קאַנאַל מיט אַזאַ גוואַלד־גרויסער עסטעטישער און עטישער אופווירקונג גרויע פּראָגראַמעס, וואָס רופן אַרויס באַם צושויער אַ געגנעץ...

פונוואַנען נעמט זיך דער געבענטשטער קאָליר?

אַף מײַן פראַגע ענטפערט ניט דער פאָטער, נאָר דער זון — סאַשע ראָזענבערג. ביידע אַרבעטן זיי אין דער לוואָווער פּראָדוציר־פאַרייניקונג „עלעקטראָן”. האָבן מיר שוין, הייסט עס, אַ שטיקל „דינאַסטיע”. סאַשע איז קימאַט צוויי מאָל ייִנגער פונעם טאַטן, נאָר ער איז שוין אַ גרויסער מייוון אין הילכעס טעלעוויזיע, ווײַל ער האָט אָנגעהויבן פונעם סאַמע אָנהייב און איז דורכגעגאַנגען אַלע עטאַפּן פון טעאָריע און פּראַקטיק. אין 1965 האָט ער פאַרענדיקט דעם ראַדיאָעלעקטראָנישן טעכניקום און איז אָנגעקומען אַרבעטן אַפן טעלעוויזיע־זאַוואָד. דער פאָטער האָט אים געייצעט: הייב אָן פון אָן אַרבעטער, וועסטו ווערן אַ גוטער ספּעציאַליסט. ווײַל ווען אַ יונגער מענטש הייבט אָן זײַן פּראָדוציר־טעטיקייט גלײַך פון אַן אינזשעניער, איז ווי פייִק ער זאָל ניט זײַן, פילט ער זיך די ערשטע צײַט אַ ביסל אָפּהענטיק.

סאַשע האָט אָנגעהויבן פון אַ שלאָסער־מאָנטאַזשלער. נאָכדעם ווערט ער אַן אַפּאַראַטור־רעגולירער. דער פּערטער ראַזריאַד, פינפטער, זעקסטער... איינצײַטיק שטודירט ער אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, אַפן ראַדיאָ־טעכנישן פאַקולטעט. ס׳באַקומט זיך אַ געשמעלץ פון טעאָריע און פּראַקטיק. און אין 1971 אַרבעט ער שוין אַלס אינזשעניער פון דער צענטראַלער אויספּרווו־לאַבאָראַטאָריע באַם זאַוואָד. איצט איז ער דער שעף פון אַ ביוראָ פון דער אויספּרווו־אָפּטיילונג.

— דער קאָליר נעמט זיך פונעם קינעסקאָפּ, — פאַרטײַטשט מיר סאַשע, אָדער סאַמויִל פּעטראָוויטש, פאָרט שוין אַ שעף, און אַלט איז ער שוין פיר און דרײַסיק יאָר, און ער האָט שוין, קיין אײַנהאָרע, אַ פרוי און אַ טעכטערל, לענאָטשקע הייסט עס, זעקס יאָר אַלט, — און דעם קינעסקאָפּ רופן מיר גוטברודעריש „צויבער־טרײַבל”. אַ קוק טאָן אַף דעם, איז דאָס אויסערלעך ניט אַזוי גרויס און ניט אַזוי אימפּאָזאַנט, עס ווערט אָבער געבוירן, ווי מע זאָגט, אין כעווליי־לידע, אַף דרײַ באַצירקן, וואָס זײַנען געדיכט אויסגעשטאַט מיט פיל אַגרעגאַטן, מאַשינעס, קאָנווייערן, בײַ וועלכע ס׳זײַנען פאַרנומען אַכט הונדערט אַרבעטער...

די הויפּט־שוועריקייט באַשטייט טאַקע אינעם קאָליר.

מע באַדעקט דעם עקראַן פון דער לינקער זײַט מיט אַ דרײַפּאַכיקער מאָזאַיִק, וואָס באַשטייט פון רויטע, גרינע און בלאָווע פּיצינקע גרײַפּעלעך, ליומינאָפאָרן...

— וואָס הייסט ליומינאָפאָרן?

— ס׳איז אַ לאַטײַניש וואָרט. און בוכשטעבלעך באַטײַט עס — שײַנטראָגנדיקע...

— שײַנטראָגנדיקע?.. סאַראַ וווּנדערבאַר־שיין וואָרט!

— יאָ, אי אַ שיינס, אי אַ ליכטיקס... אַ געוויינלעכער עקראַן פון אַ קאָלירטן טעלעוויזאָר אַנטהאַלט אָנדערהאַלבן מיליאָן אַזעלכע גרײַפּעלעך...

— אָנדערהאַלבן מיליאָן?

— אומגלייבלעך, ניט אַזוי? אַזאַ גוזמע ליומינאָפאָרן אַף אַזאַ קליינעם שטעטך! און דאָך איז דאָס אַזוי. נאָך מער, די דאָזיקע אָנדערהאַלבן מיליאָן גרײַפּעלעך זײַנען פאַנאַנדערגעטיילט איבערן עקראַן ניט אַבי־ווי, ניט כאַאָטיש, נאָר אין אַ שטרענג־באַשטימטער אָרדענונג, טריאַדעסווײַז, און אין יעדער טריאַדע זײַנען פאַראַן דרײַ גרײַפּעלעך — אַ רויטס, אַ גרינס און אַ בלאָווס. דאָס זײַנען דרײַ הויפּט־קאָלירן. אַלע איבעריקע באַקומט מען דורך אַ באַשטימטער קאָמבינירונג פון יענע דרײַ.

איז וויאַזוי באַזאָרגט מען, אַז עס זאָל זיך ניט באַקומען קיין מישמאַש, קיין ווירוואַרישער געמיש פון די דאָזיקע דרײַ קאָלירן, ווען מע נעמט זיך באָמבאַרדירן די ליומינאָפאָרן פון דרײַ עלעקטראָנישע קאַנאָנען?

סאַשע ווערט אַנשוויגן. פרעג איך:

— וויאַזוי טאַקע?

כ׳האָב אים נאָך געוואָלט פרעגן, צי מע קען זיך ניט באַגיין אָן אַזעלכע ניט איבעריקס אַנגענעמע אויסדרוקן, ווי „באַמבאַרדירן“, „קאַנאָנען“. נאָר כ׳האָב פאַרשפּאָרט צו פרעגן. סאַשע האָט זיך אַליין אַנגעשטויסן, און ער פאַרענטפערט זיך מיט אַ שמייכל, אַז ס׳איז, הייסט עס, אַ געוויינלעכע טעכנישע לעקסיק.

אזוי, צוביסלעך, האָט ער מיר געענטפערט אַף אַלע מײַנע פראַגן...

וולאַדימיר איוואַנאָוויטש פּעטריק איז דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוצירן־פאַראייניקונג „עלעקטראָן“. ער איז אויך אַ וועטעראַן, און אויך אָנגעהויבן אַלס אַרבעטער. געווען אַ שלאָסער, מיט דער צײַט געוואָרן אַ מײַסטער. אייגנצײַטיק געלערנט זיך אין דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. דערנאָך האָט מען אים אויסגעקליבן פאַרן סעקרעטאַר פון דעם זאַוואָדישן קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל. שוין פיר יאָר שטייט ער אין שפּיץ פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון „עלעקטראָן“. ער איז אַ מיטגליד פון דעם לוואָווער שטאָט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

וולאַדימיר איוואַנאָוויטש געפינט זיך טאָמיד אין דער סאַמע געדיכטעניש פונעם קאָלעקטיוו. ער איז אין קורס פון אַלע געשעענישן, גרויסע און קליינע, ווייסט וועגן די שטימונגען, שטרעבונגען, פאַרלאַנגען און באַגערן פון די מענטשן, וואָס רינגלען אים אַרום. אַזאַ אײַנדרוק: ער קען און ווייסט אַלץ און אַלעמען.

— אַלעמען ניט, — טוט אַ שמייכל וולאַדימיר איוואַנאָוויטש, — נאָר יעדן צווייטן אַרבעטער קען איך פּערזענלעך.

יעדן צווייטן! פון אַ פילטויזנטקעפּיקן קאָלעקטיוו! ס׳איז אַ מערקווירדיקער צייכן ניט נאָר פון פרײַנטשאַפט, כאַווערישקײַט, נאָר אויך פון נײַע מעטאָדן פון פאַרוואַלטונג. לויט דער שאַרפזיניקער דעפיניציע פונעם אַקאַדעמיקער גלושקאָוו, איז דער ציל פון אָנפירונג — דערגיין צום צושטאַנד פון דער פּערזענלעכקײַט פון יעדן מענטשן. מיר האָבן דאָ עטלעכע אַספּעקטן. דער מאָראַלער — דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. פאַראַן אָבער אַ ריין זאַכלעכער אַספּעקט.

ערשטנס, וואָס מער מענטשן דו קענסט, אַלץ גרינגער איז אָנפירן מיטן קאָלעקטיוו.

און צווייטנס, באַשענקט די מענטשן מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ שמייכל, מיט אַ געפעליקײַט, און זיי וועלן דיר קיינמאָל שוין ניט בלײַבן שולדיק. און אויב עס וועט ערגעץ טרעפן אַ מעניע אין דער פּראָדוצירונג, וועלן זיי גערן אונטערשטעלן אַ פּלייצע.

נו, און אָן דעם קאָן מען דאָך ניט שאַפן קיין געהעריקן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן קלימאַט. ס׳איז אַלגעמיין באַוווּסט, אַז אין אַזאַ מין קלימאַט איז ניט נאָר בעסער דער „צושטאַנד פון דער פּערזענלעכקײַט“ פון יעדן מיטגליד פונעם קאָלעקטיוו, נאָר עס איז אויך העכער די פּראָדוקטיווקײַט פון דער מי.

ס׳איז אַף שטענדיק פאַרשווונדן די נאַיווע פאָרשטעלונג וועגן אַ דירעקטאָר, ווי פּאַשעט אַן אַדמיניסטראַטאָר. איצטער איז אַלגעמיין באַוווּסט, אַז פאַרוואַלטונג, אָנפירונג איז אַ וויסנשאַפט. און ניט קיין איינפאַכע. מע דאַרף זײַן ניט נאָר אַ געניטער אינזשעניער, אַן עקאָנאָמיסט מיט אַ ברייטן באַנעם, נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָג און אַ פּעדאַגאָג.

וועגן די הויפּט־שטריכן פון אַ מאָדערנעם אָנפירער פון אַ גרויסער אונטערנעמונג האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט ראָזענבערגן. ער איז אַ ווייסער פון די דאָזיקע פּראָבלעמען. ערשטנס, האָט ער אַ סאַך יאָרן געאַרבעט אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם גענעראַלן דירעקטאָר פון „עלעקטראָן“. און צווייטנס, אַרבעט ער איצטער אין וויסנשאַפטלעכן פיליאַל בא דער פאַראייניקונג, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע פראַגן. נעמלעך — מיט וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פון מי און פאַרוואַלטונג.

אַלזאָ, וואָס פאַרא מעלעס דאַרף האָבן אַ הײַנטצײַטיקער אָנפירער?

ראָזענבערג פאַרטראַכט זיך. דערנאָך פרעגט ער:

— אויסרעכענען זיי נאָכאַנאַנד לויט זייער וויכטיקייט?

— ס׳איז ניט קיין מוז, כאָטש... עס וואָלט פונדעסטוועגן געווען טשיקאַווע צו וויסן, וואָס, לויט אײַער מיינונג, איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע?

— און עפּשער וועלן מיר טאָן אַזוי? אויסרעכענען אַלע מעלעס אָן אַ סיידער, און ערשט נאָכדעם וועלן מיר צוזאַמען באַשטימען, וועלכע איז די וויכטיקסטע.

— גוט. לאָמיר אַ פּרווו טאָן.

טאַלאַנטפולער אָרגאַניזאַטאָר.

פעסטער ווילן.

אַלזײַטיקע קאָמפּעטענץ.

ברייטמאַסשטאַביקע דענקונג.

שטרענגע צילגעווענדטקייַט.
גרייטקייַט צו ריזיקירן.
הויכע קולטור.
גוטהאַרציקייַט.

ס'איז ווירקלעך א כידעש, וואָס קימאַט יעדע מײַלע האָט אַן אייגנשאַפט פון א „בומעראַנג".

טאַלאַנטפולער אָרגאַניזאַטאָר? יאָ. נאָר צוזאַמען מיט דעם דאַרף אַליין דער אָנפירער אויסזען אין די אויגן פון די, מיט וועמען ער פירט אָן, ווי א מוסטער פון פערזענלעכער אָרגאַניזירטקייַט, אַניט האָט ער ניט קיין רעכט צו פאָדערן פון אַנדערע.

פעסטער ווילן? פאַרשטייט זיך. נאָר בעשום־אויפן ניט סטימולירן ווילנשוואַכקייַט בא די אונטערגעאָרדנטע, האָבנדיק אין זינען, אז דאָס פאַרגרינגערט קלוימערשט און פאַרייַנפאַכט דעם פּראָצעס פון אָנפירונג.

אַלזײַטיקע קאָמפּעטענץ? נאָר אײנזײַטיק — קענען אויסהערן אויך אַנדערע, קענען אויפ־כאַפּן די נוצלעכע „קערנדלעך" אין זייערע מיינונגען און רעאַליזירן זיי.

גרייטקייַט צו ריזיקירן? אומבאַדינגט. עמעצער האָט געזאָגט: דעם אויטאָריטעט פונעם אָנפירער קאָן מען פאַרהיטן, נאָר ווען מע שטעלט אים איַין. נאָר ריזיקירן מיט זיך, מיטן אויטאָריטעט דאַרף מען אַזוי, אז קיין שאָדן זאָל פון דעם ניט אַרויסקומען פאַר דער אונטערנעמונג, פאַרן קאָלעקטיוו.

נו, נאָך איין באַמערקונג, און גענוג. וועגן גוטהאַרציקייַט און שטרענגקייַט באַם פאָדערן, אז די אַרבעט זאָל געטאָן ווערן ווי ס'געהער צו זײַן. וויאַזוי צונויפפּאָרן די צוויי זאַכן? אף פּאַפּיר איז דאָס גרינג, ווי א בייגל אופעסן. אין דעם פּראַקטישן לעבן אָבער... דאָס בעסטע וואָלט עפּשער געווען צו האָבן דערבײַ אַלע מאָל אין זינען: און אויב איך וואָלט געווען אף זײַן אָרט? ס'הייסט, בײַטן זיך אף א ווײַלע מיט די ערטער און אָפּריכטיק פרעגן זיך: וויאַזוי וואָלט איך רעאַגירט אף אַזאַ אויפן פון גוטהאַרציקייַט?

א מענטש איז ניט קיין מאַלעך. און ביפראַט, א מענטש — אַן אָנפירער.

— פאַרוואָס עפּעס „ביפראַט"?

— ווײַל ער האָט דאָך אויך אַן אָנפירער איבער זיך. אַזאַ, הייסט עס, וואָס פאָדערט פון אים גוטהאַרציקייַט און שטרענגקייַט, קוואַנטיטעט און קוואַליטעט, דרייסטקייַט און פאַרזיכטיקייַט. מעגלעכס און אומעגלעכס.

איז אָט: בא יעדן מענטשן, און בא אַן אָנפירער איבערהויפּט, טרעפן זיך קאָלערליי אויסברוכן, אופבריויזן, סטרעסן, ער קאָן אָנשרײַען, אָנגוואַלדעווען, זײַן גראָב, טאַקטלאָז, נאָר...

— וואָס נאָר?

— נאָר מע וועט אים אַלץ מויכל זײַן, אויב ער איז אַליין אַן ענטוזיאַסט און קען פאַנאַנדערבלאָזן א פונק אין די הערצער פון מענטשן, וואָס רינגלען אים אַרום, און זיי טוען צוזאַמען מיט אים איין זאַך.

איצטער איז געקומען די רעכטע צײַט, כ'זאָל אים פרעגן גלײַך און אָפן:

— און איר, פּיאָטער סאַמוילאָוויטש, אַליין איר? ס'הייסט, טעאָריע איז טעאָריע. אָבער צי האָט איר אַליין געפּרוווט פאַרווירקלעכן די דאָזיקע דערהויבענע פּרינציפּן? איר זײַט דאָך דרײַ צענדליק יאָר אַן אָנפירער.

ער ענטפערט ניט. אף זײַן פּאָנעם זעט זיך נאָר א באַשיידענער שמייכל. ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום ענטפערט ער, נאָר אַזוי, גלײַך ווי דאָס וואָלט צו אים פערזענלעך קיין שײַכעס ניט געהאַט.

— איר ווייסט וואָס עס איז דער איקער? עפּעס אַזוינס, א פאַרהוילנס, אַן אומזעבאַרס, אומפּילבאַרס... עפּשער וואָלט מען דאָס געקאָנט אָנרופן א זעקסטער כוש. און אונדזער גענעראַלער דירעקטאָר פאַרמאָגט דאָס. ער האָט אַן אײַנגעבוירענעם טאַלאַנט צו פאַרייניקן, צונויפשמעלצן די־אָ אַלע מײַלעס פון אַן אָנפירער. אָט, אַשטייגער...

— נו, און איר, פּיניע ראָזענבערג, ווער זײַנט איר? (ער האָט ניט באַמערקט, אז כ'האָב אים אָנגערופן ניט פּיאָטער, נאָר פּיניע).

— צום אַלעם ערשטן — אַן אינזשעניער (ער האָט פאַרענדיקט דעם קיִעווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, דעם מעכאַנישן פאַקולטעט, און א סאַך יאָרן האָט ער געאַרבעט אַלס אינזשעניער. אָפן טעלעוויזיע־זאַוואָד איז ער אויך צוערשט געווען דער שעף פונעם אָפּטייל פון דעם הויפּט־מעכאַניקער און ערשט נאָכדעם איז ער געוואָרן שטעלפאַרטרעטער פונעם גענעראַלן דירעקטאָר פון דער פאַרייניקונג לויט אַלגעמיינע פראַגן. ער קען זייער גוט די טעכניק און די טעכנאָלאָגיע פון טעלעוויזאָר־פּראָדוצירונג).

ראַזענבערג איז א דערפאַ־רענער עקאָנאָמיסט. זײַן דעוויז און זײַן גאַנג: אויספּילן דעם פּלאַן? יאָ. פאַרשטייט זיך. ווי דען? נאָר ניט אום יעדן פּרײַז. מע דאַרף אַרבעטן שפּאָרעוודיק, ציילן יעדע קאָפּעקע. דער פּרינציפּ פון רענטאַבעלקײַט דאַרף דורכדרינ־גען די גאַנצע פאַראייניקונג און דערגרייכן ביז יעדן באַצירק, ביז יעדער בריגאַדע, ביז יעדער אַר־בעטער.

ראַזענבערג איז א געלערנ־טער. זײַן געלערנטקײַט איז ענג פאַרבונדן מיט זײַן פּראַקטישער אַרבעט, זי וואַקסט דירעקט אַרויס פון דער פּראַקטיק. נאָך אין 1962 דערפינדעט ער צוזאַמען מיט א גרופּע כאַוויירים, א ראָטאַר־מאַשין אַף פּרעסן גלאָז־פּאַ־בריקאַטן. און די לעצטע יאָרן איז ער פאַרנומען מיט פּאַנאַנדעראַרבעטן פּראָבלעמען פון וויסנ־שאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פון דער מי און אָנפירונג. אין 1978 רוקט מען אים אַרויס, איניי־נעם מיט זײַנע מיטאַרבעטער, אַף א פּרעמיע פונעם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פאַר פאַרפולקומען די אָרגאַניזאַציע פון דער סאָציאַליסטישער פאַר־מעסטונג. אין לענינגראַד טרעט ער אַרויס מיט א לעקציע און קאָנסולטירט די צוהערער וועגן דער קאָמפּלעקס־סיסטעם פון פּראָדוקציע־קוואַליטעט. אין טערנאָפּאָל לייענט ער א רעד־פעראַט אַף דער רעפּובליקאַנישער וויסנשאַפטלעך־פּראַקטישער קאָנפערענץ וועגן די פּראָ־בלעמען פון אויסנוצן עלעקטראָנישע אויסרעכענונג־מאַשינעס אין דער אָנפירונג מיט דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג. ער איז אויך אַן אָנפירער פון דיפּלאָם־פּראָיעקטירונג באַם לוואָווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט.

פּיאָטער ראָזענבערג מיט זײַן זון אַלעקסאַנדער

ער איז א קאָמוניסט, האַלט ער, אַז אַלץ האָט צו אים א שײַכעס. לאָמיר נאָר כאַפּן א קוק אַף דער „געאָגראַפישער מאַפּע" פון זײַנע קאָמאַנדירונגען: אַרכאַנגעלסק און ווילניוס, סווערד־לאָווסק און ריגע, אירקוטסק און יערעוואַן, נאָוואָסיבירסק און דאָנעצק, לענינגראַד און נאָוואָ־קוזנעצק, מאָסקווע, זשדאַנאָוו, סאַראַנסק, ריאַזאַן, בריאַנסק...

און ער איז פּאַשעט א גוטער מענטש. פאַראַן אין אים אי צויבער, אי לײַטישקײַט, אי מילדקייט, אי גוטהאַרציקײַט און א שטענדיקע גרייטקײַט טאָן עמעצן א געפעליקײַט.

איך וויל בעשום־אויפן ניט זאָגן, אַז ראָזענבערג איז עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע פּערזענ־לעכקײַט. ניין. ער איז א געוויינלעכער סאָוועטישער מענטש. דאָס אומגעוויינלעכע איז גראָד אין דער געוויינלעכקײַט.

ס'איז אַלגעמיין באַוווּסט, אַז קוואַליטעט און עפעקטיווקײַט זײַנען די צוויי הויפּט־ריכטונגען אין דער עקאָנאָמיק פונעם צענטן פינפיאָר. די אייכעסדיקע צײַגערס ווערן אַרויסגערוקט אַפן ערשטן פּלאַן. און דאָס האָט געפונען אַן אָפּשפּיגלונג און פאַרקערפּערונג אין נאָך איין סיסטעם, וואָס הייסט: קאָמפּלעקס־סיסטעם פון אָנפירונג מיט דער קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע.

דער קאָלעקטיוו פון די עלעקטראָנאַוטצעס, וואָס פאַרנעמט בעעמעס די פּאָדערשטע פּאָ־זיציעס אין אײַנגלידערן אַלץ, וואָס איז מאָדערן, פּראָגרעסיוו, איז אויך אין דעם פאַל געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך מיט לײַב און לעבן גענומען פאַר א ראַדיקאַלער פאַר־בעסערונג פון דער קוואַליטעט פון די טעלעוויזאָרס מיט דער הילף פון דער עפעקטיווער סיסטעם. און דאָס אומגעוויינלעכס באַשטייט ניט נאָר אין דעם, וואָס פאַר א קורצן פּעריאָד האָט מען דעם טעלעוויזאָר מיט דער מאַרקע „עלעקטראָן" צוגעטיילט א מעלוכע־קוואַליטעט־צייכן, נאָר אויך, און עפּשער דעריקער, אין דעם, וואָס אַליין די מענטשן, די אַרבעטער האָבן זיך אויפגעהויבן אַף א נײַעם ניוואָ, פּראָפעסיאָנעלן און מאָראַלישן. וואָרעם די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע איז סאָפּקאָלסאָף — קוואַליטעט פון מי, און דאָס איז שוין א מענטשלעכער פאַקטאָר. און אויב אַזוי, הייבט זיך אָן דאָס אומגעוויינלעכע טאַקע פון דעם מענטשן, פונעם סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן קלימאַט, אין וועלכן דער מענטש אַרבעט און לעבט.

אָט האָבן מיר א בונטע, ניט סיסטעמאַטיזירטע „מאָזאַיק" פון אומגעוויינלעכן אין געוויינלעכן.

פאַראַן בא דער פאַרייניקונג א פאָלקס־אוניווערסיטעט מיט אזעלכע פאַקולטעטן: קיבערנעטישער, ראַדיאָטעכנישער, סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער, פּעדאַגאָגישער, אָנפירונג־מעטאָדן, טעכנישער שעפערישקייט.

פאַראַן אויך א „קאַבינעט פון פּסיכאָלאָגישער פאַנאַנדערלאָדונג". א געוויינלעך־אומגעוויינלעכער צימער. זיבן טיפע פאָטעלן מיט הויכע ווענטלעך. אקוואַריומס מיט גאָלדענע און זילבערנע פישלעך. אף די ווענט — סלײַדן: הימל, ביימער, קוויטן, א טײַך... פאַר די אויגן — אן עקראַן. רויק און פּאַמעלעך „רינען" איבער אים און בײַטן זיך די קאַדרען. פעלדער, וועלדער, א אינד מיט א ליבלעך געמבעלע. אפן וואַלד־ראַנד — אן אָזערע... און א שטילע שטים פליסטערט: „איך רו זיך אָפּ. דער גאַנצער קערפּער רוט זיך אָפּ. איך זיץ רויק, אלע מוסקולן זײַנען פרײַ. די הענט, די פיס, די פּלייצע נעמט ארום א כוואַליע פון וואַרעמקייט, פאַרפלייצט מײַן קערפּער..."

צי איז פאַראַן א קרויוועשאַפט צווישן דעם מײַסטערס „גאָלדענע הענט" און דעם מענטשן — „גאָלדן האַרץ"? כ'מיין, פאַראַן. יעלענע טערענטיעוונע מיסיוראַ איז ניט נאָר א געניטער מײַסטער, נאָר אויך א גוטהאַרציקער מענטש און א באַסטאַווניצע. זי האָט געשטעלט אף די פיס וואַלענטינע גאַרבאַן, און אזוי פעסט געשטעלט, אז וואַלענטינע איז שוין געוואָרן א לאַורעאַט פון דער קאָמיוג־פּרעמיע.

וואַלענטינע גאַרבאַן איז ניט קיין אויסנאַם. עס ווערט אלץ שעפערישער די מי פון די אַרבעטער. לאַורעאַטן פון דער מעלוכע־פּרעמיע און פון דער קאָמיוג־פּרעמיע זײַנען אויך געוואָרן די אַרבעטער־רעגולירער פון ראַדיאָ־אַפּאַראַטור זינאָווי ראַגאַלסקי, אַרעסט מעלניק, וואַלענטין סעראַדין, וואַסילי וואָלאָקיטין און אנדערע.

פונקציאָנעלע מוזיק. דער דאָזיקער עפּיטעט איז אויך אן אומגעוויינלעכער. מוזיק האָט מען ביז אהער געקרוינט ניט אנדערש ווי הארמאָנישע, פּרעכטיקע, דערהויבענע, צויבערהאַפטע, און אפילע געטלעכע. און פּלוצעם האָט מען איר באַפוילן אראָפּלאָזן זיך פונעם הימל אף דער זינדיקער ערד, אין די צעכן, באַצירקן, וואַרשטאַטן און ווערן פונקציאָנעל... נו, איז וואָס? די פונקציעס זײַנען דאָ הומאַנישע. די מי דערווערבט אלץ מער שעפערישע אייגנשאַפטן, און שעפערישקײַט רופט ארויס באַגײַסטערונג — ניט אזוי?

שטימונג אלס פאַקטאָר פון הויכער פּראָדוקטיווקײַט. די עלעקטראָנאָווצעס פאַרמאָגן, קיין אײַנהאָרע:

א פּאַלאַץ פון קולטור.

דעם וואָקאַל־כאָרעאָגראַפישן אנסאַמבל „גאַליטשינאַ".

דעם אנסאַמבל פון ליד און טאַנץ „סוזיריאַ".

דעם פאָלקס־טעאַטער „סאָווּרעמעניק".

אַפּרו־באַזעס אין טשאַרנאָמאָרקע, ווינקי און בריוכאָוויטשי. אפילע א מוזיי. און דאָרטן, אין דעם זאָוואָדישן מוזיי, וואָס איז מער ענלעך, לויט זײַן אויסזען און לויט די עקספּאָנאַטן, אף א וויסנשאַפטלעכער לאַבאָראַטאָריע, קען מען זיך באַקענען מיט דער קורצער, נאָר ביז גאָר שטורמישער געשיכטע פון דער מיט צוויי אָרדענס באַלוינטער פאַרייניקונג „עלעקטראָן".

און נאָך עפּעס (שיר ניט פאַרגעסן, אזוי איז פול דער קאָפּ מיט אײַנדרוקן, אײַנדרוקן...) א טעלעוויזיע־אַטעליע „ספּאַסיבאָ". טאַקע אזוי איז מיט גרויסע אויסיעס אָנגעצייכנט אפן שילד: „ספּאַסיבאָ". צווישן קאָלערליי וואָכעדיקע, פּאַשעטע און זאַכלעכע שילדן — „גאַסטראָנאָם", „אוניווערמאַג", „פליייש", „ברויט", „גאַלאַנטעריי", „מילך" — אנטשטייט פלוצעם עפּעס אומגעוויינלעכס — „ספּאַסיבאָ", און דאָס האָבן צוגעטראַכט אונדזערע יונגע עלעקטראָנאָווצעס (סאַשע ראָזענבערג בעסוויכעם): לאָמיר באַדינען אונדזערע סאָוועטישע מענטשן, און צום אלעם ערשטן די אינוואַלידן און וועטעראַנען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, די פּענסיאָנערן, לאָמיר פאַר זיי רעמאָנטירן טאַקע אונדזערע טעלעוויזאָרס, אז זיי זאָלן זײַן א קוואַל פון פאַרגעניגן און ניט פון פאַרדראָס, און דאָס אלץ פאַרשטייט זיך, טאַקע נאָר „זאַ ספּאַסיבאָ" — פאַר דעם, וואָס מע וועט דיר זאָגן א דאַנק.

עט, א קלייניקייט — מיינט איר? ניין, ס'איז א טראָט אין דער צוקונפט.

איך פרעג זיך אליין: צי איז ראָזענבערג כאַראַקטעריסטיש אלס א טיפּ, וואָס פאַראַלגעמיינערט געוויסע שטריכן, אייגנטימלעכע פאַר זײַן דאָר אינגאַנצן גענומען? יאָ, כאַראַקטעריסטיש. אויב ניט, וואָלט ניט געוווען קעדײַ צו שרײַבן וועגן אים.

טאַ לאָמיר אָפּ א רגע ווײַלע זיך אומקערן אַף אוועלכע דרײַ און פערציק יאָר צוריק, ווען פיניע ראָזענבערג האָט צוזאמען מיט זײַנע פערצן כאווייִרים פאַרענדיקט די סאָוועטישע ייִדישע שול אין וויניצע.

זכאַ פופצן זײַנען זיי געווען. לאָמיר זיי אָנרופן בײַ די נעמען. דאָוויד רעזניק, סאשע אורמאַן, זיאַמע ליטווין, סאשע הויכמאַן, יודל פעטשערסקי, ראָזע מאַרגוליס, אוראַן גוראַלניק, סאשע פּיסאַרעווסקי, פימע גאָלדענבערג, סיאָמע ראָזמאַרין, איזי רעזניק, מישע מעדוועד, סאשע וואָסקאָבויניק, פימע קילימניק, פיניע ראָזענבערג.

איצטער לאָמיר זיך פאָרשטעלן א נעס: מיר קומען קיין וויניצע, און אין דעם זעלבן שול־הויף, ווו די פאַרשײַטע שילער פלעגן אמאָל ארומלויפן בעשאַס די האַפּסאָקעס, מאַכן מיר אַן איבערוף שפּעטער מיט דרײַ און פערציק יאָר, און די איצט שוין גראָוו געוואָרענע שילער, אָדער זייערע שאָטנס, רופן זיך אָפּ. איז לאָמיר אָנהייבן:

— דאָוויד רעזניק!

שטיל.

— דאָוויד רעזניק!.. רוף זיך אָפּ, דאָווידל, מיר בעטן דיך, מיר ווייסן, אַז דו לעבסט ניט. נאָר אומקומענדיק, ביסטו דאָך געבליבן א לעבעדיקער אין אונדזער זיקאָרן... דאָוויד רעזניק!

— איך!

— דערציילן וועגן דײַן לעבן, דאָווידל.

— איך האָב קימאַט ניט וואָס צו דערציילן. איך בין אומגעקומען אין שלאַכט אין טויזנט נײַן הונדערט צוויי־און־פערציקסטן.

— סאשע אורמאַן!

— איך! אוועק פרײַוויליק אין דער אַרמיי. אומגעקומען אין א שלאַכט פאַר אוקראַ:נע אין טויזנט נײַן הונדערט איין־און־פערציקסטן.

— זיאַמע ליטווין!

— איך! פאַרענדיקט א טאַנקען־שול. געווען קאָמאַנדיר פון א טאַנקען־ראָטע. אומגעקומען אין טויזנט נײַן הונדערט איין־ און־פערציקסטן.

— סאשע הויכמאַן!

— איך! אומגעקומען אין טויזנט נײַן הונדערט צוויי־און־פערציקסטן.

— יודל פעטשערסקי!

— איך! אוועק אין דער אַרמיי פרײַוויליק פונעם פערטן קורס פון אינסטיטוט. אומגעקומען אין טויזנט נײַן הונדערט דרײַ־און־פערציקסטן.

— ראָזע...

וואַרט. לאָמיר מאַכן דעם ערשטן כעזשבן־האַנעפעש. פופצן זײַנען זיי געווען. פערצן פון זיי — די ייִנגלעך — זײַנען גלײַך אוועק מילכאָמע האַלטן מיטן געפערלעכן סוינע. פינף זײַנען געפאַלן אין שלאַכט. פינף פון פערצן, וועלכע האָבן פאַרענדיקט אין 1937 א ייִדישע שול אין וויניצע. און דער פופצנטער?

— ניין, די פופצנטע...

— ראָזע מאַרגוליס!

— איך! מיר האָבן ניט באַוויזן עוואַקויִרן זיך, איך, מײַן מוטער און מײַן קליין ברודערל. מײַן קראַנקע מוטער און דאָס אַכט־יאָריק ברודערל האָבן די פאַשיסטן דערהאַרגעט, און איך בין אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער, געקעמפט צוזאַמען מיט זיי און... און...

וויין ניט, ראָזע מאַרגוליס! פאַרן בלוט פון דײַן מוטער, פון דײַן קליין ברודערל, פאַרן בלוט פונעם פאָלק, פון דעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, האָבן מיר דעם סוינע באַצאָלט! דאָס לעבן פון די לעבעדיקע גייט ווײַטער. אין דער בויונגס־אַרבעט פון דעם גאַנצן פאָלק טראָגן אַרײַן זייער כיילעק די צען לעבנגעבליבענע.

ראָזע מאַרגוליס איז א דאָקטער. פימע גאָלדענבערג איז הויפּט־אינזשעניר פון א וויכטיקן פּראָיעקט. פימע קילימניק איז אַן אַרבעטער־גראַווירער. סאשע וואָסקאָבויניק איז א מילכאָמע־אינוואַליד. דאָס לינקע אויג פאַרלאָרן אין א שלאַכט, נאָר ער אַרבעט מיט אַלעמען גלײַך, ער איז אַן אינזשעניר אין שפּײַז־אינדוסטריע. מישע מעדוועד איז א פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע. ער לעבט און אַרבעט אין סטאַווראָפּאָל. איזי רעזניק איז א דערפאַרענער דאָקטער, בעשאַס דער מילכאָמע איז ער געשטאַנען אין שפּיץ פון א באַזונדערער מעדיצינישער טייל, די קאָמאַנדשאַפט האָט אים באַערט מיט נײַן מעלוכישע באַלוינונגען. סיאָמע ראָזמאַרין האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון מעדיצין־וויסנשאַפטן, ער איז פאַרוואַלטער פון א קאַטעדרע

אין כאבאראווסקער מעדיצין־אינסטיטוט. סאשע פיסארעווסקי פארנעמט א פאראנטווארטלעכן אמט אין דער מאסקווער קאנטאר פון הויפטנאפטאפזאץ. וועגן אוראן גוראלניקן דארף מען דא ניט דערציילן — דער נאמען פון אט דעם ליטעראטור־פארשער, דאקטער פון פילאלאגישע וויסנשאפטן איז גוט באוווסט די לייענער פון „סאוועטיש היימלאנד". נו, און מיט פיניע ראזענבערגן זיינען מיר שוין באקאנט. עפשער וואלט ניט געווען איבעריק צו פארגאנצן זיין פארטרעט נאך מיט א פאר שטריכן.

ער האט, פארשטייט זיך, אויך געהאלטן מילכאמע. אן עלטערער טעכניק־לייטענאנט געווען, שטעלפארטרעטער פונעם קאמאנדיר פון א באזונדערן ארטילעריע־דיוויזיאן. ביז איצט, זאגט ער, איז פארבליבן אין זיקארן דער גרענעץ־סלופ מיטן האקנקרייץ און די ערשטע ברענענדיקע שטאט אף דער ערד פונעם סוינע. אין מארט 1945, בעשאס אונדזער אנגריף אין מיזרעך־פרייסן, האבן עטלעכע טאנקען אנגעהויבן פלוצעם זינקען אין עפעס אן אזערע, וועלכע איז געווען באדעקט מיט שניי. נעמט מען זיך זיי ארויסשלעפן. די דייטשן האבן באמערקט און געעפנט א מוירעדיק פייער פון מינענווארפערס. האט מען אויסגעטיילט א ספעציעלע עוואקא־גרופע מיט ראזענבערגן אין דער שפיץ. שטייענדיק אין אייז־קאלטער וואסער אונטערן פייער פון די פאשיסטן, האט מען צוגעטשעפעט טראסן צו די טאנקען, און מע האט זיי ארויסגעשלעפט. פאר דער דאזיקער אפעראציע האט מען ראזענבערגן באלוינט מיט אן ארדען פון דער פאטערלענדישער מילכאמע, צווייטער גראד.

און פארענדיקן וועלן מיר מיט א יובילײ. און דער באליוויול איז טאקע אונדזער גוטער באקאנטער — פיאטער סאמוילאוויטש ראזענבערג. אזוי האט זיך באקומען, אז גראד דעמלט, ווען מיר האבן זיך באגעגנט, איז ער געווארן א בען־שישים.

דער זאל איז פול געפאקט. באגריסונגען — אן א שיר. עס הערן זיך אלערליי עפיטעטן: גוטער, דערפארענער, ווילער, געניטער, ליבער, קלוגער, מילדער, צוגעלאזטער, הארציקער. ווינטשונגען — די סאמע בעסטע. ערנסטע און מיט א קאטאוועסל. אין פראזע און אין פערזן.

און דאס אומגעווײנלעכע האט זיך אנגעהויבן דעמלט, ווען דער זון סאשע ראזענבערג האט זיך דערנעענטערט צום טיש פונעם פרעזידיום און, פארהיקענדיק זיך א קאפעלע פון אופרעגונג, האט ער זיך גענומען באגריסן זיין טאטן. אט אזוי שטייען זיי איינער אנטקעגן דעם אנדערן, דער זון מיט א שווארץ בערדל, און דער טאטע דאפקע אן א בארד. סאשע איז צעמישט. אנשטאט באגריסן, פארענטפערט ער זיך גאר. ס'הייסט, ער האט ניט געוואלט. עפעס פאסט ניט... אפיציעל א טאטן באגריסן. ביפראט, אז ער האט שוין באגריסט אים אין דער היים... נאר מע האט אים געצוווּנגען, אלע צעכן און אפטיילן האבן צוגעשיקט זייערע פארשטייער, זיי זאלן באגריסן... און נאכדעם האט סאשע ארומגענומען דעם פאטער און פראסט און פאשעט געזאגט:

— איך דאנק דיר, טאטע, פאר אלץ.

און דאס איז געווען די גאנצע באגריסונג. עפשער האט ער, סאשע, נאך עפעס גערעדט, נאר א דונער פון אפלאדיסמענטן האט פארהלושעט זיינע ווערטער. דער פאטער, ווידער, האט געשמייכלט. און אומגעריכט האט זיך באוויזן א קארגע טרער...

און ווען ס'איז געקומען די צייט צו געבן דאס ווארט דעם יובילאר, האט פיניע ראזענבערג געזאגט:

— איך וועל גערן ארבעטן מיט אייך, מיינע טייערע, קאלזמאן עס וועט מיר סטייען קויעך.

ס'איז א סימען, אז פיאטער סאמוילאוויטש ראזענבערג הייבט אפילע ניט אן צו קלערן וועגן פענסיע.

מענטשן פון צענטן פינפיאָר

די פאַרצייכענונגען, וועלכע מיר דרוקן איבער פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן", דערציילן וועגן מענטשן פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. די העלדן פון די פאַרצייכענונגען זײַנען פּאַשעטע האָרעפּאַשניקעס, וועמענס גורל איז כאַראַקטערי־סטיש פאַר אונדזער גאַנץ סאָוועטיש פאָלק. מענטשן פון פאַרשײַדענע פּראָפעסיעס — צעמענטלער, שאָפערן, עלעקטראָ־שווייסער, שלאָסערס, אינזשעניערן, געאָדעזיסטן, אויסגעוואַקסענע אף דער געבענטשטער וויִטמיזרעכדיקער ערד, האָבן זיי דאָ געפונען זייער גליק און געלאָזט אין איר טיפע וואָרצלען.

צעמענט

זאַוואָדן זײַנען ווי מענטשן. יעדער זאַוואָד האָט זײַן כאַראַקטער, זײַנע פריידן, פּראָבלעמען, פּלענער. אויך זײַן אייגענע ביאָגראַפיע. ווען דעם טעפּלאָאָזיאָרסקער צעמענט־זאַוואָד זאָל אויסקומען פארפולן א „פּערזענלעכע אנקעטע", וואָלט עס אויסגעזען אזוי:

די צײַט און דאָס אָרט פון געבוירן. ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט, 1949.

נאַציאָנאַליטעט. אף דער אונטערנעמונג מיִען זיך פאַרשטייער פון צוועלף נאַציאָנאַליטעטן, צווישן זיי — רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן, ייִדן, מאָלדאַוואַנער, טשוואַשן, טאָטערן, ארמענער.

פּאַרטיייִשקייט. 216 מיטגלידער פון קפּסס, 334 קאָמיוגיסטן.

בילדונג. הויכבילדונג האָבן 38 מענטשן, ספּעציעלע מיטלבילדונג — 283, מיטלבילדונג — 405.

באַלוינונגען. דער זאַוואָד איז באַלוינט מיטן אָרדען „ערן־צייכן". מיט אָרדענס און מעדאַלן פון פּסכר זײַנען באַערט 53 צעמענטלער. דער קאָלעקטיוו פאַרנעמט א לענגערע צײַט דאָס ערשטע אָרט אין דער אלפאַרבאַנדישער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג צווישן די קרויוישע אונטערנעמונגען.

פּראָדוציר־צייגערס. פונעם 1 מאַרט 1979 ווערט די גאַנצע פּראָדוקציע פונעם זאַוואָד ארויסגעלאָזט מיטן מעלוכע־צייכן פון קוואַליטעט.

דעפּוטאַטן פונעם קאַנטיש, געגנטלעכן, ראַיאָנישן און ייִשעוו־סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן זײַנען מער פון 40 צעמענטלער.

אָט אזא איז די ביאָגראַפיע פונעם זאַוואָד. און געשאַפן האָבן זי די מענטשן. דער אַרבעטער־קאָלעקטיוו באַשטייט ניט פּאַשעט פון טאַקערס, שלאָסערס, מאַשיניסטן פון צעמענט־מילן. פריִער פאַר אלץ זײַנען דאָס לעבעדיקע מענטשן, בא יעדערן איז פאַראַן א געזינד, שטובּיקע דײַגעס, געוווינהײַטן. נאָר קומענדיק צו די זאַוואָדישע טויערן, בילדן זיי אלע אויס א קאָלעקטיוו, וואָס טוט איין געמיינזאַמע זאַך.

די בעסטע פאַרשטייער פון דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו פאַרגיבן דעם טאָן אין דער גאַנצער אַרבעט, דינען אלס מוסטער פון שעפערישער באַציִונג צו דער מי. צווישן זיי — דער מאַשיניסט פון רונד־אויוונס, העלד פון סאָציאַליסטישער מי וו. וורובליעווסקי, דער מאַשיניסט

פון אן עקסקאַוואַטאָר, קאַוואַלער פונעם אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן ב. סאַוועלאָוו, וועלכער אַרבעט אַף דער אונטערנעמונג זינט זי איז געגרינדעט געוואָרן, דער טאָקער פונעם רעמאָנט־מעכאַנישן צעך, מיטגליד פון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט וו. ליסענקאָ, דער קאַוואַלער פון די אָרדענס פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און „ערן־צייכן" וו. קוזמין.

דאָס דאָזיקע צעטל קען מען פאַרזעצן און פאַרזעצן, נאָר ניט אין דעם גייט עס. די אוואַנגאַרדיסטן פאַרייניקט איין געמיינזאַמער שטריך. זיי טוען אַלץ באַוווסטזיניק, די גאַנצע מײַסטערשאַפט גיבן זיי אָפּ דעם זאַוואָד. ווען עס איז אוועק אין אורלויב איינער פון די געהילף־מאַשיניסטן פון די רונד־אויוונס, האָט זײַנע פליכטן פרײַוויליק גענומען אַף זיך דער מיטגליד פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט פון דער אונטערנעמונג קאַוואַלער פונעם אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן א. טשעטוועריקאָוו. ווען, אַשטייגער, ניט אַלץ איז קעשורע באַ א שלאָסער, וועלכן מע האָט ניט לאַנג צוריק אָנגענומען אַף דער אַרבעט, אײַלט צו אים גלײַך דער אַרבעטס־דערציִער פון דער יוגנט, וועטעראַן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, קאַוואַלער פונעם אָרדען פון אַרבעטס־רום, מיטגליד פונעם זאַוואָדישן פּראָפאַריין־קאָמיטעט ב. איוואַנאָוו.

וואָס באַוועגט מיט די דאָזיקע מענטשן?

אַף אָט דער פראַגע איז שווער צו ענטפערן מיט איין וואָרט. עפשער די גרייס פונעם געהאַלט, וואָס זיי באַקומען? אינעם אָפּטייל פון מי־ און אַרבעטסלוין האָט מען מיר געגעבן אַזעלכע אָנגאַבן: אַן אַרבעטער פון מיטעלער קוואַליפיקאַציע באַקומט דורכשניטלעך 226 רובל א כוידעש — אַף 40 רובל מער, איידער אינעם נײַנטן פינפיאָר. באַ די אַרבעטער פון העכער קוואַליפיקאַציע דערגרייכן די פאַרדינסטן, אַלס קלאַל, 310—350 רובל א כוידעש. צו דעם דאַרף מען צוגעבן די רעגולערע פּרעמיעס, און די דאָזיקע ציפערן שטײַגן באַדײַטנדיק. ניט צופעליק האָט פאַר די יאָרן פונעם צענטן פינפיאָר די „פליסעוודיקייט" פון די קאַדרען אָפן זאַוואָד זיך פאַרקירצט ביז א מינימום.

הייסט עס, אַז ניט געלט באַוועגט מיט די דאָזיקע מענטשן. עפשער דער פאַרלאַנג צו ווערן באַרימט? אַפן זאַוואָד מיִען זיך הונדערטער כאַשעווע מענטשן: אָרדענטרעגער, שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי, מײַסטערס פון זייער פאַך. קאָוועד און רום האָבן זיי גענוג.

וואָס באַטײַט קאָמוניסטישע באַציִונג צו דער מי? אין דעם ליגט א טיפער אינהאַלט. דאָס איז, קוידעמקאָל, קאָמוניסטישע באַציִונג צום אַרבעטס־מענטש, צו זײַנע אינטערעסן, נאָכפראַגן.

דאָס קולטור־הויז פון די צעמענטלער פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט אין ווײַטן מיזרעך לויט דער קינסטלערישער אויספּאָרמירונג. אין דעם איז אויסגעדריקט די שטרעבונג צו באַהעפטן דעם קאָלעקטיוו צו קונסט, קעדיי זי זאָל ווערן אן אייגנס פון יעדן אַרבעטער. אָט די אויספּאָרמירונג האָבן צוויי מאָסקווער קינסטלער — אַנאַטאָלי גרעבענטשיקאָוו און יעווגעני סעמיאָנאָוו — אויסגעפילט לויט די מאָטיוון פון אַלעקסאַנדער גרינס ווערק. ניט צופעליק האָט די קאָמיסיע פונעם קינסטלערישן פאָנד פון פססר אָפּגעשאַצט די דאָזיקע אַרבעט אין 150 טויזנט רובל, און זי איז גענומען געוואָרן אונטער דער שוץ פון דער מעלוכע. קלאַרע פיליפּאָווא, דער דירעקטאָר פונעם קולטור־הויז, דערציילט, אַז די צעמענטלער שטאָלצירן מיט זייער פּאַלאַץ, זיי קומען אַהין מיט פרײַנט און קרויווים פון פאַרשיידענע שטעט פונעם לאַנד.

עס פילט זיך די שטרעבונג פון יעדן איינעם באַרימט צו מאַכן ניט זיך פערזענלעך, נאָר דעם זאַוואָד, דעם ייִשעוו, דעם קאַנט, אין וועלכן זיי לעבן.

מע רופט אים אַלי, נאָר לויטן פּאַספּאָרט קלינגט זײַן פולער נאָמען און די פאַמיליע אַזוי: אַלי־אָגאַ גוסיין־אָגאַ אָגלי גאַסאַנאָוו. ער איז א שלאָסער־רעמאָנטלער פון אויטאָמאָבילן אינעם אויטאָטראַנספּאָרט־צעך. „פאַרוואָס ניט אין באַקו, נאָר אין טעפּלאָאָזיאָרסק?" — פרעגט ער איבער און ענטפערט אַליין:

דער ווײַטער מיזרעך איז געוואָרן פאַר מיר טײַער, נאָך ווען כ'האָב דאָ געדינט אין דער אַרמיי. דאָ האָב איך כאַסענע געהאַט, דאָ זײַנען געבוירן געוואָרן מײַנע קינדער. ווען איך קום קיין באַקו אין אורלויב, זאָגן מיר די פרײַנט: „סאַליאַם, אַלי! סאַליאַם, אונדזער טײַערער ווײַטמיזרעכניק!" און איך ענטפער זיי אַזוי: „אַלצײַנס זײַנען מיר מיט אײַך לאַנדסלײַט, מיר לעבן אין איין לאַנד, אין סאָוועטנפאַרבאַנד".

עס טרעפט, אַז צו אַלי גאַסאַנאָוון אַף רעמאָנט קומען די מעכטיקע אויטאָמאָבילן פון די ברידער מאָטל און לייזער צייטינס. דער ערשטער איז אַלט 34 יאָר, דער צווייטער — 30. ביידע האָבן זיי זיך געלערנט אין לענינסק, אין דער פּראָפעסיאָנעל־טעכנישער שול, געאַרבעט אַלס מעכאַניזאַטאָרס אינעם דאָרף באַבסטאָווא. מע קאָן זאָגן, אַז די ברידער האָבן איבערגענומען די פּראָפעסיע בעירושע: זייער טאַטע מוישע צייטין, וועלכער איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע מילכאָמע פון אוקראַיִנע ביז בערלין, איז אין 1948 געקומען פון קריוואָי ראָג קיין

קאָקוליעוואַ, געאַרבעט אַלס שאָפער ביז דער סאַמע פּענסיע. דעם טאַטנס פּראָפעסיע האָבן ליב באַקומען די זין. אין באַבסטאַוואָ האָט מאָטל זיך באַגעגנט מיט א מיידל, און זיי האָבן כאַסענע געהאַט. ליודמילע האָט געאַרבעט אַלס וועטערינאַרער דאָקטער. געבוירן געוואָרן איז זי טאַקע אין טעפּלאָאָזיאָרסק, און דאָרט האָבן געלעבט אירע עלטערן. זי האָט אײַנגערעדט מאָטלען אַריבערפאָרן צו אירע עלטערן. אַצינד וואַקסן בא זיי פינף קינדער — פיר ייִנגלעך און איין מיידעלע.

לייזער, דער ייִנגערער ברודער, האָט גענומען בענקען נאָכן עלטערן און איז פון באַבסטאַוואָ געקומען קיין טעפּלאָאָזיאָרסק. ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַף אַרבעט אין דעם זעלבן צעך אַף אַן אויטאָ־אָנלאָדער און אין א יאָר אַרום האָט ער אויסגעבויט בישיכיינעס מיטן ברודערס שטוב זײַן אייגענע. בלויז אין איין זאַך איז ער געבליבן הינטערשטעליק בענעגייע דעם ברודער: זײַן פרוי לידיע האָט אים געבוירן בלויז פיר טעכטער און קיין איין זון. „די דאָזיקע זאַך קאָן מען פאַריכטן! — שמייכלט לייזער. — עס וועט בא מיר זײַן א זון אויך!".

פּאָשעטע אַרבעטס־מענטשן, אָפּענע בײַנעוודיקע פּענעמער. געוויינלעכע גויראָלעס... און געבענטשט זײַנען זיי טאַקע מיט זייער געוויינלעכקייט. די צייטינס קלאָגן זיך ניט, ווען מע רופט זיי אַרויס באַנאַכט אין ווײַטן קאַריער אָנלאָדן טוף אָדער קאַלכשטיין. אויב מע דאַרף, איז קיין טײַנע ניט, ווײַל, הייסט עס, אָן זיי קאָן מען זיך ניט באַגיין. פאַר אַן אַרבעטס־מענטש איז ניטאָ קיין העכערע באַלוינונג, איידער אָט די.

אין די אָפּרו־טעג נעמען די ברידער זייערע פרויען און קינדער און מע גייט אין קולטורהויז. פאַר יעדערן געפינט זיך דאָרט אַן אינטערעסאַנטע פאַרווײַלונג. די מאַמעס און די קינדער האָבן ליב צו קוקן די אַרויסטרעטונגען פונעם היגן ליאַלקע־טעאַטער, און די טאַטעס הערן אין אָט דער צײַט אינעם אַגיטפּונקט אַן אינטערעסאַנטע לעקציע. טאַקע דאָרט האָב איך געטראָפן זיצן אַף איין באַנק אַלי־אַגאַ גוסיין אַגאַ־אָגלי גאַסאַנאָוון און די ברידער מאָטל און לייזער צייטינס. און דאַן האָב איך באַשטימט אָנשרײַבן די דאָזיקע פאַרצייכענונג.

קורץ זײַנען די ווינטערדיקע טעג. שוין אין אָוונט קערן זיך אום אַהיים די ברידער צייטינס. מיט העלע פײַערן זײַנען באַלויכטן די גאַסן פונעם יישעוו. העל לײַכטן אויך די פענצטער און די פילגאָרנדיקע הײַזער און אין די

די ברידער מאָטל און לייזער צייטינס

האַנדלס־צענטערס פונעם זאַוואָדישן סטאַדיאָן „צעמענטניק" טראָגט זיך א הילכיקער געלעכטער, פריילעכע מוזיק. דאָרט איז פול מיט יוגנט דער גליטש־פּלאַץ. אומעטום מונטערט די פרישע פראָסטיקע לופט. אַגעוו, אַזוי איז געווען ניט שטענדיק. מיט א יאָר פופצן צוריק זײַנען די גאַסן אין טעפּלאָאָזיאָרסק געווען באַשאָטן מיט צעמענט שטויב. ווינטער איז דאָ דער שניי געווען א גרויער. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעקאָנסטרוקציע פונעם זאַוואָד, האָט מען באַשלאָסן מאַכן א סאָף צו דער פאַרשטויבטקייט. עס איז געטאָן געוואָרן אַלץ, קעדיי די לופט זאָל זײַן שטענדיק ריין און פריש.

ווי עס דערציילט דער פאָרזיצער פונעם אויספירקאָם פונעם יישעוו־סאָוועט פון פאָלקסדעפּוטאַטן ס. זובאַריעוו, איז אַף וויל־אײַנאָרדענען טעפּלאָאָזיאָרסק אויסגעגעבן געוואָרן אין 1979 י. 15 טויזנט רובל פונעם ביודזשעט פון דעם יישעוו־סאָוועט און 150 טויזנט רובל האָבן אַרײַנגעטראָגן פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און אָרגאַניזאַציעס, און אין דער ערשטער ריי דער צעמענט־זאַוואָד. לויטן ביודזשעט איז פאָרויסגעזען א ווײַטערדיקע פאַרגרעסערונג פון די אויסגאַבן אַף וויל־אײַנאָרדענונג. גרויסע סומעס געלט וועלן אַסיגנירט אַף פאָלקסבילדונג, געזונט־פאַרהיטונג און אַנדערע סאָציאַלשטייגערישע נויטן.

דער זאַוואָדישער פּראָפילאַקטאָרי איז געגליכן צו א געזונט־צעך פון דער אונטערנעמונג. צווישן פיל פּראָצעדורן איז דאָ אויך אײַנגעגלידערט די היילונג מיט טערמאַלע וואַסערן, וועלכע ווערן געבראַכט פון די קולדוררער הייל־קוואַלן. בלויז אין פאַריקן יאָר האָבן אין פּראָפילאַקטאָרי אָפּגערוט בא 600 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פונעם זאַוואָד.

מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דעם הויכן אַרבעטסלוין פון די צעמענטלער. צו דעם דאַרף מען צוגעבן די אינטענסיווע אײַנקויפספּייִקייט אין 1979 זײַנען אינעם יישעוו פאַרקויפט געוואָרן סכוירעס אַף 10 מיליאָן רובל, דערונטער אויטאָמאָבילן, מאָטאָציקלען, קאָלירטע טעלעוויזאָרס, טעפּיכער, קרישטאָל און אַנדערע טײַערע סכוירעס.

און די לעצטע ציפער — איין מיליאָן טאָן. אַזויפיל צעמענט האָט דער קאָלעקטיוו באַשלאָסן אַרויסלאָזן אינעם שלוס־יאָר פונעם צענטן פינפיאָר, ניט פאַרגרעסערנדיק די צאָל אַרבעטער און די פּראָדוציר־מעכטיקייטן. לויט די פּאַרלויפיקע סאַכאַקלען זעט מען, אַז לעקאָוועד דעם XXVI צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן די צעמענטלער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט געגעבן זייער מיליאָן צעמענט.

ל. שקאָלניק

א פאַרנומענער מענטש

וורָאם מעניס, איינער פון די עלטסטע בירָאבידזשאנער טוישווים, האָט אופגענומען פּילצאָליקע באַגריסונגען. מע האָט אָפּגעמערקט זייער א וויכטיקן יובילײ אין זײַן לעבן — פופציק יאָר, זינט ער איז אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ווען איך האָב זיך אופגעהויבן אפן דריטן שטאָק פון א שיינעם פינפגאָרנדיקן מויער אף דער דימיטראָוו־גאַס און אָנגעקלונגען אין דער טיר, האָט אפן שוועל מיך באַגעגנט א מיטל־וווּקסיקער איידעלער מענטש מיט א ווייכן שמייכל אף די עטוואָס גראָבלעכע ליפּן.

אונדזער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן ניט אַזוי, ווי איך האָב געמיינט. געוויינלעך, אין מײַן זשורנאַליסטישער פּראַקטיק, פאַרגיב איך פראַגן, און מײַן מיטשמועסער ענטפערט אף זיי. דאָס מאָל האָט זיך באַקומען אַזוי: ווען איך האָב געפרעגט מעניסן צי ער געדענקט דעם טאָג, ווען מע האָט אים אָנגענומען אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און וויאַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, האָט ער אף דער פראַגע געענטפערט מיט א פראַגע: „זאָגט, טײַערער, וויפל זײַנט איר אַלט?"... און ווען איך האָב געזאָגט, האָט ער זיך צעשמייכלט: „אויב אַזוי, זײַנט איר דעמלט נאָך אפילע אף דער וועלט ניט געווען"...

פופציק יאָר אין דער פּאַרטיי! פאַרן לעבן פון איין מענטשן פון איין דאָר איז א האַלבער יאָרהונדערט זייער א סאַך, ביפראַט נאָך, ווען די דאָזיקע יאָרן זײַנען געווען ניט פון די לײַכטע. עמעס, ניט אַלע, נאָר א היפּשע העלפט פון זיי.

פאַרשטייט זיך, אַז מיט די ווערטער „שווערע יאָרן" האָבן מיר אין זינען די מילכאָמע. און ווירקלעך, די גרויסע פּאָטערלענדישע מילכאָמע איז געווען א ביז גאָר האַרבער אויספּרוּוו פאַרן לאַנד, פאַר יעדן סאָוועטישן מענטשן. נאָר עס זײַנען געווען נאָך אַנדערע שווערע יאָרן. אַצינד, אַשטייגער, ווען עס קומט צו רייד וועגן די ערשטע איבערוואַנדערער אין אונדזער געגנט אָדער וועגן די ערשטע העקטאַרן אופגעאַקערטער רויערד, וועגן די אויסגעבויטע זאַוואָדן און פאַבריקן, באַזונדערס ווען דער געשפּרעך ווערט געפירט אין א גערַאמער דירע אָדער אין א וויל־אײַנגעאָרדנטן בירָאבידזשאַנער סקווער, זײַנען די ווײַטע דרײַסיקער יאָרן באַהויכט מיט עכטער ראָמאַנטיק; דאָס אַלץ איז טאַקע געווען ראָמאַנטיק, נאָר ווילדע טײַגע, ניט באַווינטע סטעפּעס, בערייִשעסדיקע זומפּן, כמאַרעס מיט קאָמאַרן, פאַרפלייצונגען, קאַלטע ווינטן... אוורָאם מעניס געדענקט דאָס אַלץ זייער גוט. ווײַל ווער, אויב ניט ער, דער יונגער אינזשעניער־געאָדעזיסט, וועלכער האָט צופוס דורכגעשפּאַנט און דורכגעמאָסטן די געגנט אין דער לענג און אין דער ברייט, ווייסט דאָס בעסער?

דערפאַר איז גרויס געווען די פרייד, ווען עפּעס א שווערע אַרבעט פלעגט אָפּגעטאָן ווערן. מעניס געדענקט א פריילינגדיקן אָוונט פונעם ווײַטן 1936־טן יאָר, ווען ער האָט איבערגעגעבן דעם פּאָרזיצער פונעם אַמורזעטער קאָלווירט „רויטער אָקטיאַבער" יורי שפּאָליאַנסקין זײַן ערשטע אין לעבן זעלבשטענדיקע אַרבעט — דעם מעלוכע־אַקט אף אייביקן ערד־באַנוץ. דערנאָך זײַנען געווען פיל אַזעלכע דאָקומענטן, נאָר די אופגעלעבטע פּענעמער פון די אַמורזעטער קאָלווירטניקעס, זייערע גליקלעכע אויגן קאָן מעניס ניט פאַרגעסן.

ניט פון די לײַכטע זײַנען געווען פאַר מעניסן, שוין דעם שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון דער געגנטלעכער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרוואַלטונג, די פופציקער יאָרן, די צײַט פון דער ווײַטמיזרעכדיקער צעלינאַ, ווען אין דער געגנט זײַנען אופגעאַקערט געוואָרן באַ 17

טויזנט העקטאר רויערד און מע האָט געשאפן צוויי נײַע סאָווירטן — דעם באבסטאָווער און אונגונער.

מעניס איז געווען פאראנטוואָרטלעך פאר אָט דער וויכטיקער ארבעט, און ער האָט ניט שלעכט זיך ספראוועט מיט איר. ער איז געווען א גענאָדעזיסט, דער דירעקטאָר פון דער וואָראָשילאָווער מאשין־טראקטאָר־סטאנציע, אָנגעפירט מיט דער געגנטלעכער פארייניקונג פון „סעלכאָזטעכניקא“.

א צוגעווינטער צו טאָגטעגלעכער ארבעט, צו פארנומענקײַט, קען מעניס אויך איצט ניט זיצן אין שטוב, כאָטש ער פארשטייט, אז ער האָט רעכט אף אָפּרו. שוין נאָך דעם, ווי ער איז אלט געוואָרן זעכציק יאָר, איז ער ווידער געוואָרן א גענאָדעזיסט אינעם טרעסט „ביראָבידזשאנוואָדסטראָי“. פון זײַן ארבעט איז מען געווען צופרידן. די יונגע מעלי:אָראטאָרס האָבן זיך געכידעשט:

— מעניס קלעטערט איבער די קאנאלן און בריקן אזוי שנעל און לײַכט, אז קיינער קען אים ניט דעריאָגן...

פונוואנען שעפּט ער קויכעס? איך פארשטיי, אז זײַן פּיליאָריקע מי האָט אים פארהארטעוועט, נאָר ניט נאָר דאָס איז דער אייקער. אָט וואָס עס זאָגט אליין מעניס:

— אלע מײַנע יאָרן שעפּ איך קויכעס פונעם קוואל, וועלכער רופט זיך קאָמוניסטישע פּארטיי.

אווראָם מעניס

מעניס פארטראכט זיך אף א ווײַלע און זעצט פאָר:

— אנדערש קאָן ניט זײַן, ווײַל דער קאָמיוג און דערנאָך די פּארטיי האָבן מיך, א זון פון אן אָרעמען קרעמענטשוגער ייִדן, ארויסגעריסן פון דער דוירעסדיקער פינצטעניש. צוערשט האָט מען מיך אוועקגעזעצט זיך לערנען אין אן ארבעטער־פאקולטעט, נאָכן פארענדיקן אים האָב איך שטודירט אין א לאנדווירטשאפטלעכן אינסטיטוט...

אווראָם מעניס איז ביז הײַנט נאָך פארבליבן א פארנומענער מענטש. אנדערש קען ער ניט, אנדערש איז ער ניט געוווינט...

ר. שויכעט

דער שלאָסער און זײַנע זין

וישע ליבערמאן — א שלאָסער־ווירטואָז, אָדער, ווי מע זאָגט אפן זאוואָד־לאָשן — א שלאָסער־אוניווערסאל...

אף אָט דעם באצירק פון „דאלסעלמאש“ פּראָדוצירט מען דעטאלן פארן גאנג־טייל פון די קאָמבײַנען, און יעדע דעטאל פאָדערט א יוועליר־באארבעטונג, דעם שלאָסערס באוועגונגען דארפן זײַן פונקט אזעלכע פינקטלעכע, ווי בא א מוזיקאנט, וואָס שפּילט אף א פּיאנע, די אויגן און די הענט מוזן האָבן איין ריטם. רופט מען טאקע מוישע ליבערמאנען: א מענטש מיט גאָלדענע הענט...

ווען איר קומט ארײַן אין מעכאנישן צעך פונעם זאוואָד, שאפט זיך אן אײַנדרוק, אז ער איז דורכויס אָנגעפילט מיט ווערקשטעלן, אָן א וועלכער־ניט־איז אָרדענונג, אָבער ווען איר קוקט זיך אײַן, זעט איר, אז ווערקשטעלן, פארשיידענע לויט דער ברייט, הייך און פאָרם זײַנען דאָ טאקע פאראן אָן א שיר, נאָר אלע זײַנען זיי פארבונדן צווישן זיך לויט א שטרענגער אָרדענונג, יעדערער האָט זיך זײַן אָרט און זײַן „שטים“.

בא איינעם א ווערקשטעל ארבעט מוישע ליבערמאן. ער איז א „באלמעלאָכע“ מיט א כאראקטער. די אויסגעפּארטיקטע דעטאלן באַ־

טראכט ער פון אלע זײַטן, מעסט אויס מיטן שטאנגענצירקול, קוקט ארײַן אין דער צייכענונג און לייגט זיי א צופרידענער אוועק אפן טישל, וואָס שטייט בא דער זײַט. און כאָטש ליבערמאן ווייסט, אז די ארבעט האָט ער אויסגעפילט ווי ס׳באדארף צו זײַן, איז ער אלצייַנס ניט רויִק. עפשער איז עפעס ניט אזוי? מאלע וואָס עס קאָן זיך טרעפן. נאָר „אזוינס" טרעפט זיך בא אים קיינמאָל ניט. איצט קאָן ער שוין די דעטאלן אָפמערקן מיטן פערזענלעכן שטעמפל, און זיי ווערן אופגענומען אָן א קאָנטראָל.

בייסן מיטיק־איבערײַס האָב איך זיך דורכגעשמועסט מיט ליבערמאנען. אין צימער, ווו מיר זײַנען געזעסן, איז געווען שטיל, קיינער האָט אונדז ניט געשטערט.

— אהער, אפן זאוואָד, בין איך אָנגעקומען אין פינף־און־פופציקסטן יאָר, — דערציילט ער. — געווען א שילער בא שלאָסערײַ. דערנאָך אָנגעהויבן ארבעטן זעלבשטענדיק. די פראָפעסיע איז מיר צום הארצן, און איך וועל זי קיינמאָל ניט בײַטן.

אף א באזונדערן אויפן דערציילט ליבערמאן וועגן די ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אפן זאוואָד, באזונדערס פאר די לעצטע יאָרן. די קאָמבײַנען, וואָס ווערן דאָ אויסגעפארטיקט, רופט ער אָן „שיפן פונעם סטעפ". ער רעדט וועגן דעם מאָרגנדיקן טאָג פון דער אונטערנעמונג, ווי גלײַך ער אליין וואָלט געהאט א מירמלנעם פאלעץ און ער קלײַבט זיך ארײַנשטעלן דאָרט נײַ מעבל און פיל זעלטענע זאכן.

וועגן זיך אָבער רעדט ער מער גאָרניט. ווערן א ספעציאליסט פון הויכן קלאס האָבן אים געהאָלפן די אלטע קאדרעווע ארבעטער פונעם זאוואָד, און ער פארגעסט עס ניט. פון זײַטיקע באמערקונגען דערוויס איך זיך, אז מוישע איז א גרויסער ליבהאָבער פון ליטעראטור, לייענט טעכנישע זשורנאלן, און דאָס העלפט אים גיין פוסטריט מיט דער צײַט, ניט אָפשטיין פון דעם טעכנישן פראָגרעס.

ליבערמאן איז באוווּסט ווי א דערציִער פונעם ארבעטער־אומבײַט. ער האָט אויסגעלערנט דעם שלאָסער־פאך א סאך יונגע כעווּרע. באזונדערס שטאָלצירט ער מיט זײַן געוועזענעם שילער סטעפאן קראסילאָוו, וועלכער איז אצינד איינער פון די בעסטע שלאָסערס, א שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי.

די ליבע צו מעטאל, צו דער אונטערנעמונג האָט מוישע ליבערמאן איבערגעגעבן זײַנע צוויי זין. דער עלטערער, דאָוויד, האָט אויך, ווי דער טאטע, אָנגעהויבן דאָ פון א שילער און איז איצט דער עלטערער מײַסטער פון א באצירק. האיאָר פארענדיקט ער דעם מעכאנישן אָוונט־טעכניקום. אפן זאוואָד ארבעטן אויך דאָווידס פרוי נאטאשע, וועלכע האָט פארענדיקט דעם זעלבן טעכניקום, און ליבערמאנס ייִנגערער זון אלעקסאנדער.

— די ליבערמאנס, — זאָגט מען מיר, — ארבעטן שוין אפן זאוואָד א האלבן יאָרהונדערט!

און איך שטעל זיך פאָר, ווי אלע גאנצפרי שפאנען זיי צוזאמען: די פיר פאָרשטייער פון איין ארבעטער־מישפאָכע, צו די טויערן פונעם זאוואָד, וועלכער איז פאר אלעמען פון זיי געוואָרן די צווייטע היים. אין צעך האָבן זיי באקומען גוטע פראָפעסיעס, געוואָרן כאָשעווע מענטשן, דערגרייכט זייער גליק. נאָך דער ארבעט קומט מען אהיים. אין די געראמע ליכטיקע צימערן איז ריין און געמיטלעך. דאָ איז פאראן אלץ, אין וואָס עס נייטיקט זיך א הײַנטצײַטיקער מענטש: מאָדערנע מעבל, טעפיכער, א קאָלירטער טעלעוויזאָר. די פארדינסטן דערלויבן, און מע קאָן זיך פארגינען צו האָבן דאָס, וואָס מע וויל.

מיט א צײַט צוריק האָט כאסענע געהאט דער מיזיניק אלעקסאנדער, ס׳האָט זיך אָפּגעצווײַגט פון די ליבערמאנס נאָך איין ארבעטער־מישפאָכע. גלײַך פונעם ערשטן טאָג איז בא די יונגע דאָס לעבן אוועק מיט א גוטן וועג.

מוישע ליבערמאן מיט זײַן זון דאָוויד

פ. מאָלדאווסקאיא

פּינקטלעך, ווי לויט א זייגער

דער אויטאָבוס האָט שנעל געיאָגט איבערן גלײַכן און ברייטן וועג. פון ביידע זײַטן האָבן זיך געצויגן געדיכטע גרינע אַלייעס מיט בערעזעס, טאָפּאָלן, דעמבן. דורך די אָפענע פענצטער האָט אין סאלאָן זיך דערטראָגן דער מעכײַעדיקער גערוך פונעם אינדערפרי.

און אָט פאָרט שוין דער אוטאָבוס איבער די גוט באקאנטע גאסן פון דער שטאָט. דאכט זיך, אז יעדעס שטיינדל אפן וועג ווייסט ווײַנ־שטיין אויסגעצייכנט, און דאָך פאָרט ער ארויס אפן מארשרוט אלע טאָג „צום ערשטן מאָל".

— יאָ, ביראָבידזשאן איז פּרעכטיק, — זאָגט ער, — באזונדערס אין די קאיאָרן...

אין דער קינדהײַט פלעגט זיך אים כאָ־לעמען, אז ער איז א שאָפער. די יאָרן לויפן, ווי די קילאָמעטערס אפן ספּידאָמעטער. דער קליינער ליאָווע האָט, דאכט זיך, ניט באוויזן זיך א קער טאָן, ווי ער איז שוין אלט געוואָרן זעכצן יאָר. ער איז אוועק ארבעטן פאר א צו־קייטלער צום טראקטאָריסט סטעפאן סידאָרענ־קאָ. דאן האָבן די ווײַנשטיינס געלעבט אין ביי־

לעוו ווײַנשטיין

רעפעלד און געארבעט אינעם קאָלווירט אף קיי־ראָווס נאָמען. דער טרוים צו ווערן א שאָפער האָט אים אָבער ניט פארלאָזט, מעקוייעם איז ער געוואָרן בלויז נאָכן דינען אין דער ארמיי.

און אָט זײַנען שוין אדורך אכצן יאָר, זינט לעוו ווײַנשטיין דרייט די „באראנקע". דער־ציילנדיק אונדז וועגן דעם, לאכט ער מיט יע־נעם גוטן געלעכטער, וועלכער איז אייגנטימ־לעך פאר א מענטשן, וואָס איז צופרידן פון זײַן גורל.

מיר דערוויסן זיך, אז צו זײַן ציל איז ער געגאנגען אײַנגעשפארט, ניט פארקערעוועדיק אין א זײַט. אין 1962 איז ער אָנגעקומען אין דער ביראָבידזשאנער פּאסאזשירישער אוטאָ־טראנספּאָרט־אונטערנעמונג אלס שאָפער פון דריטן קלאס. אין צוויי יאָר ארום — באקומען דעם צווייטן און נאָך אין דרײַ יאָר ארום — דעם ערשטן קלאס.

— דאכט זיך, אז אָט ערשט איז דאָס גע־ווען, — זעצט ער פאָר. — אלע יאָר פאָר איך דורך, צוזאמען מיט מײַן כאַווער באָריס שטשער־באקאָוו, אומגעפער הונדערט טויזנט קילאָמע־טער, און אויב דאָס אלץ איבערקייפלען אף אכצן יאָר, באקומט זיך א קײַלעכיקע ציפער — ניט מער און ניט ווייניקער פון א מיליאָן מיט אכט הונדערט טויזנט קילאָמעטער, וואָס עס וואָלט געקלעקט אף פינף און פערציק מאָל ארומקרײַזן דעם עקוואטאָר.

מיר דערוויסן זיך אויך, אז דאָס דורכגע־גאנגענע יאָר איז פאר ווײַנשטיינען געווען באזונדערס מערקווירדיק. אין יון 1980 איז אף זײַן ארבעטס־קאלענדאר שוין געווען דאָס יאָר 1981. פארן דערגרייכטן דערפאָלג איז ער בא־לוינט געוואָרן מיט א לענינישער ערן־גראמאָ־טע.

פ. פאסמאניק

נאכעס און פרייד

שײַע און סאָרע האָבן געפּראוועט די גאָלדענע כאסענע. ס'האָבן זיך פארזאמלט טײַערע און געגארטע געסט. פון פארשיידענע שטעט זײַנען געקומען צו פאָרן די קינדער און איי־ניקלעך, ווי אויך קרויווים און גוטעפרײַנט. דעם אויבנאָן באם טיש פארנעמט דאָס גליק־לעכע פאָרפאָלק, און די סימכע הייבט זיך אָן. עס הערן זיך פײַערלעכע רייד, מע טרינקט פארן געזונט פון די „יונגע", עמעצער פארציט און אלע כאפּן אונטער „לאָמיר אלע איניי־נעם"...

שײַע ווארפט א מילדן בליק אף דער פרוי, וואָס זעט אויס ווי א באסמאלקע:

— הא, סאַרע, דערלעבט! אַזויפיל נאַכעס פון קינדער און פון אייניקלעך... און דו געדענקסט?

איר פּנים שײַנט פון פאַרגעניגן, פון די אויגן קײַקלען זיך אַראָפּ אַף די באַקן לויטערע טראָפּנדלעך... טרערן פון פרייד. אַזאַ סימכע!

יאָ, אַוואַדע געדענקט זי...

אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט איז דאָס געווען. פריידיק האָבן זיך אַרײַנגעוואָרפן אינעם נײַעם לעבן די יונגע, און צווישן זיי זײַנען געווען שײַע און סאַרע. געלעבט האָבן זיי דאַן אַף כערסאָנשטשינע. שײַע האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָלעקטיוויזאַציע, צוזאַמען מיט אַנדערע ענטוזיאַסטן געשאַפן אַ קאָלווירט אינעם דאָרף. סאַרע האָט נאָכן פאַרענדיקן דעם וויניצער פּעדאַגאָגישן טעכניקום געלערנט קינדער אין שול און אינאָוונט געפירט אַ „ליקבעז"־קרײַזל.

אין 1935 יאָר איז דאָס פּאָרפאָלק געקומען קיין ביראָבידזשאַן. די שטאָט האָט זיך געבויט, עס האָבן זיך געפאָדערט אַרבעטס־מענטשן, און שײַע וויוועניצאָוו האָט באַשטימט ווערן אַ בויער. אָט דער דאָזיקער פּראָפעסיע האָט ער אָפּגעגעבן אַלע זײַנע יאָרן ביז דער פּענסיע. איצינד, ווען ער פאָרט זיך דורך איבער דער שטאָט אויפן אייגענעם אויטאָמאָביל און זעט די שיינע גאַסן, די פילשטאָקיקע מויערן, פרייט זיך אים דאָס האַרץ, ווײַל אין דעם אַלעמען איז פאַראַן אויך זײַנער אַ באַשיידענער כיילעק. וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט געאַרבעט, זאָגן איידעס די פילצאָליקע גראַמאָטעס און די צײַכעניש פון אַ שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי.

מיר זיצן אין דער געמיטלעכער דירע פון די וויוועניצאָווס, וואָס געפינט זיך אין איינעם פון די מויערן אַף דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס.

דרײַ זין און צוויי טעכטער האָבן זיי דערצויגן און טאַקע דערלעבט פון זיי גרויס נאַכעס. אַלע קינדער האָבן באַקומען בילדונג, אויסגעקליבן פאַר זיך פּראָפעסיעס, און זיי זײַנען פאַרנומען אין פאַרשיידענע געביטן פון דער פאָלקסווירטשאַפט. דער עלטערער, דמיטרי, האָט פאַרענדיקט אַ באַרג־מעטאַלורגישן אינסטיטוט און אַרבעט אויפן קאָלסקער האַלבאינדזל, ער איז אַן אינזשעניער. אין כאַבאַראָווסקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט האָט זיך געלערנט דער אַנדערער זון, וואָלאַדימיר. צוואַנציק יאָר איז ער געווען דער שעף פון דער ביראָבידזשאַנער באַוועגלעכער מעכאַניזירטער קאָלאָנע פונעם טרעסט „דאַלסאַנטעכמאָנטאַזש" — פון איינער פון די פּאָרגעשריטענע בוי־אָרגאַניזאַציעס. איצינד אַרבעט ער אַף אַ העכערער שטעלע אין כאַבאַראָווסק. דער זון וויקטאָר איז געווען אַ סאַנטעכניקער, זיך געלערנט הינטער־אויגיק אינעם בלאַגאָוועשטשענסקער באַרג־טעכניקום, און איצט פירט ער אָן מיט אַ באַצירק אויפן סאָלנעטשנער באַרג־באַרײַכערונגס־קאָמבינאַט.

ניט פאַרשעמט האָבן די עלטערן ביידע טעכטער. אויך זיי האָבן באַקומען הויכבילדונג. ליִע איז פאַרוואַלטערן מיטן טעכנישן קאַבינעט אַף איינער פון די אונטערנעמונגען אין דער שטאָט זשעלעזנאָגאָרסק, ליודמילע — אַן אינזשעניער פון דער טעלעוויזיע־סטודיע אין באַקו. אויך די איידעמס און די שניר זײַנען האָרעפּאַשנע מענטשן, און מיט אַלעמען שטאָלצירן טאַטע־מאַמע.

— די קינדער, — זאָגט די באָבע, — האָבן אונדז געשענקט, קיין אײַנהאָרע, צען אייניקלעך און צוויי אוראייניקלעך, געזונט זאָלן זיי זײַן. איר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פרייד עס איז בא אונדז געווען, ווען דאָס געזינד האָט זיך פאַרזאַמלט אַף אונדזער גאָלדענער כאַסענע. ווער איז צו אונדז גלײַך! מיר זײַנען מאַמעש אויפן זיבעטן הימל...

ש. קאָניק

שײַע און סאַרע וויוועניצאָווס מיט זייערע קינדער און אייניקלעך

אוקאַז

פון פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר

וועגן באַלוינען די געגנטלעכע צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" מיט אַן אָרדען „ערן־צייכן"

פאַר דער פרוכטבאַרער אַרבעט און דער קאָמוניסטישער דערציִונג פון די אַרבעטנדיקע און מאָביליזירן זיי אַף אויספילן די אופגאַבן פון דער ווירטשאַפטלעכער און קולטור־בויונג באַלוינען די געגנטלעכע צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" („ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ") מיט אַן אָרדען „ערן־צייכן".

פאַרזיצער פון פרעזידיום
פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר

ל. ברעזשניעוו

סעקרעטאַר פון פרעזידיום
פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר

מ. געאָרגאַדזע

מאָסקווע, קרעמל,
31 אָקטיאַבער 1980 י.

אוקאַז

פון פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר

וועגן באַלוינען די געגנטלעכע צײַטונג „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ" מיט אַן אָרדען „ערן־צייכן"

פאַר דער פרוכטבאַרער אַרבעט אין דער קאָמוניסטישער דערציִונג פון די אַרבעטנדיקע און מאָביליזירן זיי אַף אויספילן די אופגאַבן פון דער ווירטשאַפטלעכער און קולטור־בויונג באַלוינען די געגנטלעכע צײַטונג „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ" מיט אַן אָרדען „ערן־צייכן".

פאַרזיצער פון פרעזידיום
פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר

ל. ברעזשניעוו

סעקרעטאַר פון פרעזידיום
פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר

מ. געאָרגאַדזע

מאָסקווע, קרעמל,
31 אָקטיאַבער 1980 י.

די רעדאַקציעס פון די צײַטונגען „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ" און „ביראָבידזשאַנער שטערן"

דער געגנטלעכער קאָמיטעט פון קפסס, דער געגנטלעכער סאָוועט פון פאָלקס־דעפוטאַטן פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט באַגריסן הייס די קאָלעקטיוון פון די רעדאַקציעס, די אַרבעטער־און דאָרף־קאָרעספאָנדענטן, די פאָליגראַפיסטן אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַלוינען די צײַטונגען „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ" און „ביראָבידזשאַנער שטערן" מיט אָרדענס „ערן־צייכן" פאַר דער פרוכטבאַרער אַרבעט אין דער קאָמוניסטישער דערציִונג פון די אַרבעטנדיקע פון דער געגנט און מאָביליזירן זיי אַף אויספילן די אופגאַבן פון דער ווירטשאַפטלעכער און קולטור־בויונג, אין 50־טן יאָרטאָג, זינט עס זײַנען דערשינען די ערשטע נומערן.

געשאַפענע אין די יאָרן פון קאַרדינאַלע סאָציאַליסטישע איבערשטאַלטונגען פונעם בײַאַמורער קאַנט, באַוויזן ברייט די צײַטונגען, אָנגעהויבן פון די ערשטע נומערן, די גרענעצלאַנד, מעסירעסנעפעשדיקע הילף פון די ערשטע בויער, דעם קאַמף פון די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פאַר פאַרפעסטיקן און אַנטוויקלען די עקאָנאָמיק און קולטור פון דער געגנט, דעם טריומף פון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פאָליטיק באַ אונדז אין לאַנד.

אין די יאָרן פון די ערשטע פינפיאָרן, אין די גרויזאַמע טעג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אינעם פעריאָד פון דער נאָכמילכאָמעדיקער בויונג טרעטן אַרויס די צײַטונגען אַלס קאָלעקטיווע פראָפאַגאַנדיסטן, אַגיטאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון די האָרעפּאַשניקעס פון דער געגנט אַף לייזן די ווירטשאַפטלעך־פאָליטישע אופגאַבן, וועלכע עס האָט געשטעלט פאַרן סאָוועטישן פאָלק די קאָמוניסטישע פאַרטיי.

איצט זײַנען די באַמיִונגען פון די זשורנאַליסטן פון די צײַטונגען און פון זייער פילצאָליקן אויטאָר־אַקטיוו געריכטעט אַף באַגײַסטערן די אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, אָנגעשטעלטע פון דער געגנט צו פאַרענדיקן דערפאָלגרײַך די פאָלקסווירטשאַפטלעכע פלענער פונעם צענטן פינפיאָר, ווירדיק באַגעגענען דעם אָרדנטלעכן XXVI צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי.

דער געגנטלעכער קאָמיטעט פון קפסס און דער געגנטלעכער סאָוועט פון פאָלקס־דעפוטאַטן דריקן אויס די פעסטע זיכערקײַט, אַז די צײַטונגען וועלן אויך אַף ווײַטער זײַן קעמפערישע געהילפן פון דער געגנטלעכער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אַקטיווע קעמפער פאַר פאַרווירקלעכן אין לעבן די לענינישע אידייען, פאַר אויסבויען די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט באַ אונדז אין לאַנד.

געגנטלעכער קאָמיטעט פון קפסס

געגנטלעכער סאָוועט פון פאָלקס־דעפוטאַטן

בוזי מילער

צווײַגן און צווײַגעלעך

די באשטעלונג איז געווען אזא: אָנשרײַבן א פּאַרצייכענונג. באשטעלן א דערציילונג, א פּאָעמע, א פּיעסע קאָן מען ניט, דאָס איז, ווי מע זאָגט, א גאָט־זאַך. אָבער א פאַרצייכענונג...

דאָס מיינט: נעמען א קאָנקרעטן מענטשן און אָנשרײַבן וועגן אים. פאַרשטייט זיך, מע דאַרף אין זינען האָבן ניט גלאַט א מענטשן, נאָר אזא, וואָס האָט פאַרדינט, מע זאָל שרײַבן וועגן אים, אזא, וואָס אין זײַן לעבן, אין זײַן ארבעט, אין זײַן כאַראַקטער זאָל מען קענען דערזען אויך דאָס לעבן, די ארבעט, דעם כאַראַקטער פון אנדערע, און נאָך מער — דעם כאַראַקטער פון דער צײַט.

און ניט נאָר וועגן איין מענטשן קאָן מען שרײַבן, מע קאָן שרײַבן וועגן עטלעכע, וועגן א בריגאַדע, אָדער א קאָלווירט.

האָב איך גלײַך טאַקע גענומען נישטערן מיטן געדאַנק — וועמען? וועמען אויסקלײַבן, ווו געפינען דעם העלד אָדער די העלדן, וואָס זייער לעבן און מי קאָנען געבן גענוג שטאָף? נעמען יענעם, וועמען איך קען? אָדער גאָר אוועק אף אַן אונטערנעמונג, אין קאָלווירט, א זוך טאָן נײַע מענטשן, וואָס איך קען זיי נאָך ניט, וואָס מיר שטייט ערשט פאָר מיט זיי זיך צו באַקענען דאָס איז אלעמאָל אינטערעסאַנט.

כ'האָב זיך שוין אָנגעהויבן קלײַבן אין וועג, האָט מען מיר אָנגעזאָגט: אין צוויי טעג ארום דעם 9 מײַ, ווער איך אײַנגעלאַדן צו אלעקסאַנדער באָריסאָוויטש ווילענסקין אף א סימכע — אין דעם טאָג ווערט ער א בען־שיווים.

דער נײַנטער מײַ איז ביכלאַל א יאָמטעוו, א גרויסער יאָמטעוו, דער גרעסטער פון אלע יאָמטויווים, וואָס מע האָט ווען־ניט־איז געפײַערט, ווײַל ווען ניט דער טאָג פון ניצאָכן פונעם סאָוועטישן פאָלק איבער די היטלערישע ראָצכים, וואָלטן דאָך בא אונדז מער קיין שום אַנדערע יאָמטויווים ניט געווען. און ווײַזט אויס, אז מיר אליין וואָלטן אויך ניט געווען.

איז קלאָר, אין אָט דעם טאָג דאַרף מען זיך מעסאַמייעך זײַן.

און בא אלעקסאַנדער באָריסאָוויטש ווילענסקין איז דעם 9־טן מײַ א צווייענדיקער יאָמטעוו — אין אָט דעם טאָג פאַלט אויס זײַן געבורטסטאָג. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, איז עס בא אים געווען אפילע א דרײַענדיקער יאָמטעוו, נאָר וועגן דעם — שפּעטער.

אלעקסאַנדער באָריסאָוויטש איז, כוץ אלעמען, מײַנער א קאָרעוו, און דעריבער האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין שום רייד וועגן ניט גיין צו אים אף דער סימכע ניט געקאָנט זײַן. האָב איך אָפּגעלייגט אלע ארבעטן און דעם נײַנטן מײַ זײַנען מיר מיט דער פרוי אוועק אף דער גאַס פּיאָנערסקאיא, 39.

אלעקסאַנדער באָריסאָוויטש וווינט אין א קאָאָפּעראַטיוון הויז (דאָ ניט לאַנג האָט מען אים אויסגעווײלט אלס פאָרזיצער פונעם קאָאָפּעראַטיוו), און ער פאַרנעמט א צווייצימערדיקע דירע. געוויינלעך איז עס פאַר אים און זײַן פרוי — אלע קינדער האָט מען שוין לאַנג אויסגעגעבן און זיי לעבן אינצווייען — גאַנץ גענוג, אפילע געראַם. נאָר קומט אויס פראָוועןא סימכע, ווערט ענג. מע האָט אויך דאָס מאָל זיך היפּש געקליגט, געפּלאַנעוועט און סאָפּקאָל־

סאַך אויסגעפּלאַנעוועט: א טייל מעבל אַריסגעטראָגן אין צווייטן צימער, א טייל איבערגע־שטעלט און אינמיטן געמאַכט אַרט פאַר עטלעכע צונויפגעשטעלטע טישן, פון וועלכע עס איז געוואָרן איין לאַנגער טיש, אַרומגעשטעלט פון ביידע זײַטן מיט בענק און בענקלעך. פונויבן אָן, ווי דאָס קעפּל צו א „זײַען", איז געשטאַנען נאָך איין טיש פאַרן באַלסימכע אַליין און פאַר די סאַמע נאָענטסטע קרוווים. אַזויאַרום האָבן, כאָטש ענגלעך, אָבער גאַנץ געמיט־לעך, זיך פאַנאַנדערגעזעצט א מענטשן דרײַסיק. דאָ זײַנען געווען אַלעקסאַנדער באַריסאָ־וויטשס זון מיט דער פרוי און צוויי אייניקלעך — ייִנגעלעך, סימע לאַזאַרעוונעס (אַזוי הייסט אַלעקסאַנדער באַריסאָוויטשס פרוי) צוויי שוועסטער און א שוואָגער, צוויי טעכטער אירע מיט די איידעמס, דער זון, וואָס איז ספּעציעל אַף דער סימכע געקומען צו פליִען פון מאָסק־ווע, די טעכטער פון סימע לאַזאַרעוונעסביידע שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער, אייניקלעך, מיט איין וואָרט — די גאַנצע מישפּאָכע.

אַלעקסאַנדער באַריסאָוויטש ווילענסקי און סימע לאַזאַרעוונע סקאַלניק זײַנען זיך צונויפ־געגאַנגען א יאָר פינף צוריק. בא איר איז צוריק מיט העכער צען יאָר געשטאָרבן דער מאַן, בא אים, עטוואָס שפּעטער, — די פרוי. אַף דער עלטער האָבן צוויי מענטשן זיך געפונען, גע־שאַפן א נײַע מישפּאָכע, זיך צונויפגעלעבט. ער האָט מיט פּאַטערלעכער איבערגעגעבנקײַט ליב באַקומען אירע קינדער און אייניקלעך, זי — זײַנע.

און אָט זיצט מען אַלע צוזאַמען באַם יאָמטעוודיקן טיש.

מענטשן האָבן א טעווע צו קלאָגן זיך. און נאָך: שלעכטס פאַרגעסט מען, גוטס געדענקט זיך. דאָס, וואָס בייס און אויך נאָך דער מילכאָמע האָט מען באַקומען ברויט אַף קאַרטלעך, און ס'איז קנאַפּ וואָס און צומאָל גאָרניט געווען צום ברויט, — געדענקט מען שוין ניט. מע געדענקט אָבער, אַז פאַר דער מילכאָמע זײַנען אין בירָאָבידזשאַן געווען א סאַך קאַלערליי פיש.

— שטעק אַרײַן א גאָפּל אין טײַך און נעם אַרויס א פיש...— אַזוי האָט מען איצט גע־שמועסט אויך דאָ באַם טיש. און מע האָט גענומען איבערעכענען די אַלע מינים פיש, וואָס האָבן זיך געפירט דעמלט אין די היגע טײַכן: העכט, שלײַען, סאַזאַן („יעדער ליסקע — א שטיקל גאָלד"), און קאַרפּ, און סאָם, און טאָלסטאָלאָב, און סיג, און גאַרבושע... שוין אָפּגע־רעדט פון קאַראַסלעך און אַנדערע דרויב...

— הײַנט אין האַרבסט די קעטאַ, די רויטע רויג, וואָס איז געווען אין אַלע מאַגאַזינען...

— ווו איז עס אַהינגעקומען?

ווי געוויינלעך, ווען עס קומען זיך צונויף א סאַך מענטשן און מע רעדט וועגן פאַרשיי־דענע זאַכן אַלע מיטאַמאָל, איז די דאָזיקע פראַגע געבליבן הענגען אינדערלופטן. נאָר ווי א שטומער ענטפער אַף איר, אָן ענטפער, וואָס האָט צו זאָגן, אַז כאָטש מיט קיין גאָפּל פון טײַך קיין פיש כאַפּט מען איצט ניט, איז נאָך פונדעסטוועגן דער הימל ניט בא דער ערד, — זײַנען אין ווײַסע פאַרצעלײַענע פּאַלומסיקעס שטײַף געלעגן גאָלדיק צוגעברוינטע, מיט פעפער שמעקנדיקע געפילטע פיש, וואָס האָבן זיך געבעטן מאַמעש, מע זאָל זיי פאַרזוכן.

ס'איז קעדײַ איבערעכענען אויך די אַנדערע מײַכאָלים, וואָס זײַנען אַרום די געפילטע פיש געשטאַנען אויסגעשטעלט פון איין עק טיש ביזן אַנדערן. געהאַקטע לעבער, געקוועטשטע אייער. א סאַלאַט פון גרינע אוגערקעס מיט פרישע פּאָמידאָרן. צונג, פאַרפּרעגלט מיט אייער, כאָלאָדיעץ, קראַבן, א הערינג „אין פּעלץ". געזאַלצענע פיש. געררייכערטע פיש, געזײַערטע פּאָמידאָרן. מע רעדט שוין ניט פון די פולע טעלער און טעלערלעך מיט דין אָנגעשניטענעם וווּרשט פון עטלעכע סאָרטן, האָלענדער קעז און ווינעגרעט, וואָס פאַרנומען מיט די אַנדערע, מער געשמאַקע מײַכאָלים, רירט מען זיך צו זיי געוויינלעך ניט צו.

צווישן אָט די אַלע געקעכצן האָבן מיט ניט גרויסע אינטערוואַלן זיך דערהויבן ענג צונויפגעשטעלטע פלעשער — בראַנפן, שאַמפּאַניער, מינעראַלע וואַסער. געווען איז דאָ אויך אונגאַרישער ווײַן, קאָניאַק און עטלעכע סאָלידע פּירעקעכיקע בוטלען מיט שאָטלענדישן וויסקי. די דאָזיקע מינים האָט געבראַכט מיט זיך פון מאָסקווע סימע לאַזאַרעוונעס זון.

פון אים טאַקע, פון וויקטאָר סקאַלניקן, עפּשער אָנהייבן פאַרשטעלן דעם אוילעם, וואָס איז געזעסן אַרום טיש? ניין, ער איז בא סימע לאַזאַרעוונען דער מיזיניק. פאַראַן בא איר צוויי טעכטער עלטערע פון אים. דאָ זײַנען געזעסן אויך אירע עלטערע שוועסטער מיט א שוואָגער.

אָנהייבן דאַרף מען פון זיי.

שלימע און יאַנקל כינקעס. זי — ווײַס, ווי א טויב, און שטיל, ווי א טויב. באַם טיש הערט מען זי ניט. דערפאַר הערט זי זיך אופמערקזאַם צו צו אַלץ, וואָס מע רעדט אַרום איר, און מע זעט — וועגן אַלץ און אַלעמען מאַכט זי פאַר זיך אירן אָן אויספיר.

ער — ניט הויך, גראָבלעך. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער פאַרענדיקט שוין דעם אַכטן צענדליק, איז ער נאָך געגוג קרעפטיק, די באַקן רויטלעך, דער בליק אַ גוטמוטיק שמייכלענ־דיקער, אַ בליק פון אַ מענטשן, וואָס איז אין לעבן ניט וויניק אויסגעשטאַנען און וואָס איז קיינמאָל גאָר ניט געווען צו שווער...

אַלע יאָרן לעבט מען אין דאָרף, אין וואַלדהיים. מע האָט דאָרט אַ גוטן שעם פון געטרײַע האָרעפּאַשניקעס. מע האָט נאָכעס פון קינדער און אייניקלעך. דער זון איז אַ כירורג. איין טאָכטער — אַ פּעדאַגאָג, די אַנדערע — אַן אינזשעניער, די עלטערע, בראָניע, אָדער ווי מע רופט זי אין שול, ווו זי אונטעריכט אין די עלטערע קלאַסן געאָגראַפיע, — בראָניסלאַוואַ יאַ־קאָוולעוונע, זיצט אויך דאָ באַם טיש, צוזאַמען מיטן מאַן, אַ מעבל־מײַסטער, און דעם 28־יאָריקן נאָך ניט כאַסענע געהאַטן זון, אַ טעראַפּעווט.

די צווייטע שוועסטער סימעס — אידע — איז אויך שוין אינגאַנצן ווײַס. דאָ ניט לאַנג איז געשטאָרבן דער מאַן אירער, אַ מענטש, וואָס האָט פיל יאָרן געקרענקט און דאָך דערצויגן ביז אַריבער אַכציק. פאַראַן זין און טעכטער. איינע פון זיי, די שוואַרצכיינעוודיקע בעטיע, אַ מעדיצין־שוועסטער, — זיצט דאָ אויך מיט איר מאַן, זייער אַ לעבעדיקן און זשוואַוון פאַרשוין, אַ בויער.

באַנאַנד מיט זיי — סימעס עלטערע טאָכטער דאָרע מיט איר מישפּאָכע. זי אַליין איז אַ פּעדאַגאָג, איצט אַרבעט זי אין געגנטלעכן בילדונגס־אָפּטייל אַלס שול־אינספּעקטאָר. דער מאַן — אַלע רופן אים פּאַשעט און היימיש ליאָניע — אַ מײַסטער, אַ צושנײַדער אין אַטע־ליִע. צווישן זיי זיצן די זין — וווקסיקע, שטאַלטנע, שיינע, ווי צווי יונגע דעמבלעך. דער עלטערער האָט פאַרענדיקט דעם קולטור־אינסטיטוט אין כאַבאַראָווסק, דעם רעזשיסאָרישן פאַקולטעט, דער ייִנגערער לערנט זיך אין וולאַדיוואָסטאָקער אוניווערסיטעט אַף אַ געאָלאָג.

פון דער אַנדערער זײַט טיש, אַנטקעגן, זיצט דאָרעס ייִנגערע שוועסטער סוועטע מיט איר מאַן. זיי זײַנען געקומען פון כאַבאַראָווסק. דער מאַן אירער, דער סאָליד אויסזעענדיקער עטלעכע־און־פערציקיאָריקער מארק באַריסאָוויטש, איז דירעקטאָר פון אַ זאַוואָד. זי — אַ מעדיצין־טוער‏ן. דער זון, אַ סטודענט פונעם כאַבאַראָווסקער מעדיציניש אינסטיטוט, האָט דאָ ניט לאַנג כאַסענע געהאַט. דאָס טעכטערל, אַ סטודענטקע פון דער פּעדאַגאָגישער שול איז דאָ מיט זיי.

נו, און איצט קאָן מען שוין דערציילן איך וועגן דעם מיזיניק. דערציילן וועגן אים איז דאָ ניט גאָר געוויינלעכס.

ער איז הויך, ספּאָרטיוו אונטערגעצויגן. שוואַרצע האָר, דעם לענגלעכן פּאָנעם גיבן צו סאָלידקייט די שוואַרצע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס.

געבוירן איז ער דאָ אין בירָאָבידזשאַן, דאָ פאַרענדיקט די שול, אָנגעקומען אינעם וולאַ־דיוואָסטאָקער אוניווערסיטעט אַפן פאַקולטעט פון ענגליש, דערנאָך זיך אַריבערגעפירט אַף אַן אַנדערן, דערלערנט יאַפּאַניש. צוליב פּראַקטיק איז ער בײַם די קאָניקולן עטלעכע מאָל מיט דער שיף געפאָרן קיין טאָקיאָ, באַגלייט אַלס איבערזעצער טוריסטן.

פון איינער אַזאַ רײַזע האָט ער אַראָפּגעבראַכט מיט זיך קיין בירָאָבידזשאַן אַ יאַפּאַ־ניש מיידל.

— זי הייסט אַטאַקע, — האָט ער געזאָגט, — זי איז מײַן קאַלע.

די עלטערן (דער פאָטער האָט נאָך דעמלט געלעבט) זײַנען מעוווּלוול געוואָרן. עפּעס האָט זיך ביז אַהער ניט געהערט בײַ ייִדן, מע זאָל אַ שידעך טאָן מיט אַ יאַפּאַנערן. נאָר מאַלע וואָס... אַמאָל, ווען מע איז געווען פאַרשפּאַרט אינעם טכום, איז אַזוינס אַוודאי ניט מעגלעך געווען. אָבער איצט, ווען פאַר דיר איז אָפן די גאַנצע וועלט, וויקטאָר האָט שטודירט יאַפּאַ־ניש, אַטאַקע — רוסיש, איז עס דען אַ קלענער גרונט, אַז צוויי יונגע מענטשן זאָלן איינס דאָס אַנדערע געפינען?

זי איז אָנגעקומען זיך לערנען אינעם אינסטיטוט אַפן נאָמען פון לומומבאַ אין מאָסקווע. ער, וויקטאָר, האָט זיך אויך אַריבערגעפירט אַהין. טאַקע דאָרט, אין איינעם פון די שענסטע רעסטאָראַנען פון דער הויפּטשטאָט, האָט מען געפּראַוועט די כאַסענע. אַף איר זײַנען געווען פאָרשטייער פון אַלע עקן וועלט...

קיין בירָאָבידזשאַן האָט וויקטאָר געשריבן אָפּטע בריוו, און צו יעדן בריוו זײַנעם האָט מיט אַ פערלדיקן קסאַוו און אַף אַ גלענצנדיקן רוסיש צוגעשריבן עטלעכע שורעס אַטאַקע.

איצט אַרבעטןביידע אינעם מאָסקווער פאַרלאַג „פּראָגרעס”, וואָס גיט אַרויס אויסלענ־דישע ליטעראַטור. אַטאַקע זעצט איבער פון רוסיש אַף יאַפּאַניש, וויקטאָר — פון יאַפּאַניש אַף רוסיש.

זיי האָבן צוויי קינדער. דער עלטערער, וועניע, איז שוין אַלט צען יאָר און איז אַריבער אין פערטן קלאַס. ער רעדט גוט אַף יאַפּאַניש און אַן אַ מינדסטן אַקצענט אַף רוסיש. ער פּרוּווט שוין מאַכן די ערשטע איבערזעצונגען פֿון ביידע לעשונעס.

דער ייִנגערער, עמילטשיק, איז אַלט דרײַ יאָר. די ביראָבידזשאַנער קרויווים האָבן אים נאָך ניט געזען, איז וויקטאָר אַ באַלן געווען אים איצט אָראָפּבריינגען אַהער מיט זיך. אַט פּויזעט ער אונטערן טיש מיט אַלעקסאַנדער באָריסאָוויטשס צוויי אייניקלעך, זיי האָבן דאָרט פאַרפּירט אַ שפּיל...

אַלעקסאַנדער באָריסאָוויטשס זון יעפים — ער איז אויך דאָ — האָט פאַרענדיקט אַ פּאָלי־טעכנישן אינסטיטוט און אַרבעט אין אַן אַרכיטעקטור־אָרגאַניזאַציע. ער קאָן אײַך געניי דערציילן, ווו וואָס עס ווערט געבויט און וואָס און וויפֿל עס וועט געבויט ווערן אין ביראָ־בידזשאַן און אין דער געגנט אַזש ביזן סאָף פֿונעם יאָרהונדערט.

געווען איז באַם טיש אויך דעם באַל־יויוולס שוועסטער ווערע באָריסאָוונע — אַ פּול־בלעכע פרוי מיט אַ קלוגן, אַלץ פאַרשטייענדיקן בליק. אַ לערערן לויטן פאַך, איז זי אַ היפּשע צײַט געווען אַף פאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטיי־שער אַרבעט, דערנאָך אַף סאָוועטישער — סע־קרעטאַר פֿונעם געגנטלעכן אויספּירקאָמיטעט פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. אַצינד איז זי אַף פּענסיע, נאָר זעצט פאָר אַרבעטן.

ווערע באָריסאָוונע האָט געגומען אַף דער סימכע דאָס ערשטע וואָרט. פֿון איר טאָקע האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער ברודער אירער פּראַוועט הײַנט ניט קיין צווייענדיקן, נאָר אַ דרײַענדיקן יאָמטעוו: דעם טאָג פֿון ניצאָכן, זײַן געבורטסטאָג און...

— דעם 9 מײַ 1945, — האָט געזאָגט ווערע באָריסאָוונע, — אינעם טאָג פֿון ניצאָכן איז מײַן ברודער אָנגענומען געוואָרן אין פּאַרטיי... אַ האַלב לעבן זײַנס איז ער אין אירע רייען...

— ניט איין מאָל, — האָט ליאַניע, דער איידעם, אויסגערופֿן, — נאָר דרײַ מאָל דאַרף מען אויסטרינקען פאַר דעם!

ס'איז געוואָרן טומלדיק.

ווערע באָריסאָוונע האָט געטאָן אַ קלאַפּ מיטן גאָפּל איבער אַ פּלאַש.

— כ'האָב נאָך ניט אַלץ געזאָגט...

ס'איז געוואָרן שטילער, און זי האָט צוגעגעבן, אַז אין פּאַרטיי האָט מען דעם ברודער אָנגענומען אין דער זעלבער אַרמיי־טייל, מיט וועלכער ער האָט דורכגעמאַכט אַלע פיר יאָר פֿון דער מילכאָמע און מיט וועלכער ער איז דערגאַנגען ביז בערלין. טאָקע דאָרט, אין בער־לין, האָט ער באַקומען דעם פּאַרטיי־בילעט.

אַלעקסאַנדער באָריסאָוויטש האָט זיך אופגעהויבן.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — איך בין צוויי מאָל געקומען אַף דער וועלט: איינמאָל מיט זיבעציק יאָר צוריק, אַ צווייט מאָל — צוריק מיט פינף און דרײַסיק. אַזוי אַז, — האָט ער צו־געגעבן באַ אַ פריילעכער אופלעבונג אַרום טיש, — איר מעגט רעכענען, אַז מיר איז פינף און דרײַסיק, און אַף קיין האָר ניט מער...

ווערע באָריסאָוונע האָט נאָך איר וואָרט ניט פאַרענדיקט.

— נעכטן אינדערפֿרי, — האָט זי זיך געווענדט צום ברודער — ווען דו ביסט געווען פאַר־נומען מיט דײַנע אייניקלעך פֿונעם הויז־קאָאָפּעראַטיוו, איז מען געקומען פֿון דער ביראָבי־דזשאַנער ראַיאָנישער אָפּטיילונג פֿון „סעלכאָזטעכניקאַ“ און געבעטן דיר איבערגעבן אָט דאָס... — זי האָט באַוויזן אַן אַקוראַט פאַרוויקלט פּעקל און אַ שיינע קאָלירטע גראַמאָטע. די גראַמאָטע האָט זי פאָרגעלייענט. דער קאָלעקטיוו פֿון „סעלכאָזטעכניקאַ“ האָט באַגריסט איר געוועזענעם טוער, דעם מילכאָמע־וועטעראַן און וועטעראַן פֿון מי מיט זײַן יובילײַ.

— געדענקט מען, הייסט עס, — האָט שטיל אַ זאָג געטאָן אַלעקסאַנדער באָריסאָוויטש און צוגעגעבן: — איך בין דאָך שוין צען יאָר אַף פּענסיע... נאָר פאַר דעם האָב איך דאָרט אָפּגע־אַרבעט 28 יאָר נאָכאַנאַנד...

ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּעקל און אַרויסגענומען אַ האַנט־זייגער. די אויגן זײַנען באַ אים געוואָרן פײַכט. אַ לענגערע ווײַלע האָט ער געשוויגן. דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— דער זייגער, מיילע, מע קאָן אים קויפֿן אין קלייט. אָט דאָס אָבער, — ער האָט געטײַנ־מען אין האַנט די גראַמאָטע, — אָט דאָס קען מען פאַר קיין געלט ניט קויפֿן...

יאַנקל כינקעס — ער איז געזעסן ווײַטלעך פֿונעם יובילאַר, — האָט זיך אַ צי געטאָן צו אים מיטן קעלישעקל און געפּרוּווט איבערשרײַען דעם פריילעכן טומל:

— סאַשע, געדענקסט כאַטש, ווי דו ביסט באַ אונדז אין וואַלדהיים פאַרהריזנעט געוואָרן מיט אַ פּולער מאַשין אינמיטן דער גאַס, — ס'איז געווען נאָך אַ רעגן, — און מע האָט דיך אַרויסגעשלעפּט מיט אַ טראַקטאָר?

— איינמאָל האָט אזוינס געטראָפן? — האָט יענער געענטפערט.
— איצט וואָלסטו ניט פאַרהריזנעט געוואָרן, — האָט צוגעגעבן כינקעס. — אַספאַלט. דורכויס אַספאַלט. — און ער האָט געזאָגט: — דאָ זיצן יונגעלײַט, וואָס וויסן זיי? מיר מיט דיר אָבער וויסן... לאָמיר נעמען צו קאַפּעלעך...
— לאָמיר...
אינמיטן דער פרייידיקער געריידערײַ האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן.
— די מומע נינע, פון כאַבאַראָווסק, — האָט געזאָגט איינס פון די עלטערע אייניקלעך און מיטן לאַנגן שנור דערלאַנגט אַלעקסאַנדער באַריסאָוויטשן דעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט. ער האָט גענומען דאָס טרײַבל.
— איך הער...
פינף שוועסטער זײַנען זיי געווען — שלימע, שורע, אידע, סימע און נינע. שלימע, אידע און סימע זײַנען געזעסן דאָ באַם טיש. שורע איז מיט אַ צײַט צוריק געשטאָרבן. די ייִנגסטע, נינע, לעבט אין כאַבאַראָווסק. דאָס האָט זי איצט געקלונגען, באַגריסט דעם באַל־יוֹיוול און זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי מיטן מאַן האָבן ניט געקאָנט קומען.
נינע לאַזאַרעווינע גערצוואָלף איז אַ כאַשעווער מענטש אין כאַבאַראָווסק אַ פאַרדינסט־פולע לערערן, איינע פון די בעסטע לערערנס אין שטאָט. כאַשעוו איז אויך דער מאַן אירער, דער סקולפּטאָר יאַן פעטראָוויטש מילטשין. דאָס האָט ער געשאַפן דעם מאָנומענט כאַבאַראָוון, וואָס איז דערהויבן אַפן וואָקזאַל־פּלאַץ פונעם קאַנטישן צענטער. זיי האָבן ווױלע קינדער — אַ זון אַ דאָקטער, אַ טאָכטער אַ זשורנאַליסטקע.
ווי נאָר מע האָט אוועקגעטראָגן דעם טעלעפאָן, האָט איינער פון די איידעמס, דער כאַבאַראָווסקער זאַוואַד־דירעקטאָר, אַ מענטש פול מיט ענערגיע, אַ ליבלינג און אַ וויצלינג (ער איז געווען באַם טיש דער טאַמאַדאַ) אויסגערופן:
— שטילער! איצט וועלן די שוועסטער פּיאַדאַראַווס... — ער האָט זיך פאַריכט, — אַנטשולדיקט, די שוועסטער גערצוואָלף — זינגען אַ ייִדישע לידו!
באַם טיש — אַ פרייילעכער גערודער. אַלע האָבן געוווסט — קיין איינע פון די שוועסטער האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געזונגען... אַלע דרײַ האָבן זיך גענומען אָפּשלאָגן.
— אַז מיר קענען ניט...
— אַז מיר וויסן ניט...
— זאָל ייִנגערס פון אונדז...
נאָר דער זאַוואַד־דירעקטאָר איז געווען אַן אײַנגעשפּאַרטער מענטש. וואָס עס זאָל ניט זײַן, פּילט אויס דער זאַוואָד, מיט וועלכן ער פירט אָן, פון כוידעש צו כוידעש דעם פּלאַן, וועט ער זיך ניט דערשלאָגן, אַז דרײַ ייִדישע ווײַבלעך זאָלן עפּעס אויסזינגען?
סאָפקאָלסאָף האָבן זיי פאַרזויגן:

לאָמיר אַלע איניינעם, איניינעם...

שלאַבעריק פאַרזויגן, קוים צו הערן, נאָר מער האָט מען ניט געדאַרפט. מע האָט גלײַך אונטערגעכאַפּט:

לאָמיר אַלע איניינעם, איניינעם
אַלעקסאַנדער באַריסאָוויטשן מעקאַבל פּאָנעם זײַן...

ווען עס איז געקומען צום „נעמען אַ ביסעלע ווײַן", האָט שוין דער גאַנצער עולעם צוזאַמען אַזוי פּלײַסיק געדונערט, אַז די סטעליע האָט זיך געהויבן.

לאָמיר אַלע איניינעם, איניינעם...

נאָכן באַל־יוֹיוול איז מען מעקאַבל פּאָנעם געווען סימען, די פּרוי, דערנאָך זײַן שוועסטער און אירע שוועסטער, זײַן זון און אירע קינדער, זײַנע אייניקלעך און אירע אייניקלעך...
ווען מע האָט פאַרענדיקט זינגען, צוביסלעך זיך אָפּגערוט, האָט יאַנקל כינקעס אַ קער געטאָן זיך צו דער טאָכטער:
— בראָניע!
זי איז געזעסן ווײַטלעך פון אים, האָט זי ניט באַלד דערהערט.
— אַ, בראָניע!
— וואָס איז, טאַטע?

— לאָמיר א ביסעלע גראַמען...

— בראַניע, אָדער ווי עס רופן זי די שילער אין שול, ווו זי אונטעריכט געאָגראַפיע — בראָניסלאַווע יאַקאָוולעוונע, האָט נאָך אויסגעזען גאַנץ יונג. אַלנפּאַלס, קוקנדיק אױף איר, וואָלט קיינער ניט געזאָגט, אַז דאָ ניט לאַנג האָט זי שוין געפּראַוועט איר פופציקיאָריקן יובילײ. אינעם שוואַרצן קאָפּ געדיכטע קרויזן קיין איין גראָוע האָר, דער בליק פון די קאַרע אויגן לעבעדיק, ענערגיש.

— אַיַ, טאַטע, — האָט זי זיך א קער געטאָן צו אים, — כ'האָב שוין פאַרגעסן. ווען האָבן מיר מיט דיר צום לעצטן מאָל געגראַמט?

יאַנקל כינקעס איז מיט א סאַך יאָרן צוריק געקומען אין אַט די קאַנטן פון א שטעטל אױף אוקראַינע, פון פּאָדאָליע, און איז געבליבן טרײַ דעם פּאָדאָליער דיאַלעקט מיטן „אָ". דאָס זעלבע — די קינדער. „גראַמען" האָט געמיינט — גראַמען, ריידן צום גראַם. אַלע באַם טיש, באַזונדערס די עלטערע לײַט, האָבן שוין ניט איין מאָל אױף גרעסערע און קלענערע סימכעס געהערט, ווי דער טאַטע מיט דער טאָכטער פאַרמעסטן זיך אין גראַמען, און גלײַך געוומען פּאַדערן:

— גראַמט, גראַמט!

— שטילער! — האָט א קאָמאַנדעווע געטאָן דער טאַמאַדאַ.

מע האָט דערהערט יאַנקל כינקיסעס ניט הויכע שטים. מיט א פּאַשעטער און כיינעוודי־קער פּאָלקס־מעלאָדיע האָט ער געזונגען:

אוי, זײַנען מיר געווען אױף גרויסע צאַרעס,
נאָר מיט אַלע אונדזערע סאָנים האָבן מיר געשלאָגן קאַפּאָרעס...

די טאָכטער האָט אונטערגעכאַפּט מיט דער זעלבער מעלאָדיע:

נאָכעס, פרייד איז באַ אונדז ניט קיין כאָלעם,
אױף דער גאַנצער וועלט זאָל זײַן שאָלעם...

זי האָט שולדיק א שמייכל געטאָן, ווי פאַרענטפערנדיק זיך, — זי האָט שוין לאַנג ניט גע־גראַמט.

דער טאַטע:

עס מעג רעגענען, עס מעג שנייען,
נאָר מיר אױף סימכעס וועלן זיך פרייען...

די טאָכטער:

פרייען מיר וועלן זיך, הוליען און טאַנצן!
מעקאָנע זײַן וועט אונדז די וועלט די גאַנצע...

טאָן גוטס, נאָר גוטס איז אונדזער גרויס שטרעבן, —

האָט ווײַטער געזונגען כינקעס. א ווײַלע האָט ער זיך פאַרטראַכט, די אַנדערע שורע איז ניט באַלד געקומען, האָט ער אומגעריכט פאַרענדיקט:

זאָל זשע דער באַל־ויוול לאַנג לעבן!..

בראָניע האָט שוין געעפנט דאָס מויל, נאָר דאָ איז פון אונטערן טיש ארויסגעקראָכן עמילטשיק און געמאָלדן, אַז ער וויל אויך זינגען.

— נו, ער איז בילכער! — האָט אויסגערופן יאַנקל כינקעס.

וויקטאָר האָט גענומען דאָס קינד אױף די הענט.

— וואָס ווילסטו זינגען?

— א יאַפּאַניש לידעלע...

— א וועלכס?

— אַט דאָס... — און ער האָט גענומען זינגען.

דער טאַטע האָט נאָכדעם איבערגעזעצט דאָס לידעלע — א לידעלע, וואָס קינדער זינגען

עס אַף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. אַ פוקס האָט געוואָלט כאַפּן אַ האָז, נאָר יענער איז אַנטלאָפן און איז בעשאָלעם געקומען צו זײַנע קלײנע העזעלעך...

מע האָט שטאַרק אַפּלאָדירט דעם קלײנינקן זינגער.

דערנאָך האָט מען געמאַכט אַ האַפּסאַקע.

ווער עס איז אַרויס אין שמאָלן קאָרידאָר, ווער אַף יענער זײַט טיר, זיך אָפּקילן.

— וואָס מאַכט מען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן בײַ יאַנקל כינקעסן.

— וואָס זאָל מען מאַכן? אָט ווי איר זעט, פּאַוואָלינקע.

— ווערליק איך ווייס, האָט איר קײנמאָל קיין זאַך ניט געטאָן פּאַוואָלינקע...

— קײנמאָל ניט, און איצטער יאָ. — ער האָט ערנסט אַף מיר אַ קוק געטאָן. — איר פאַר־געסט, אַז כ׳בין שוין קאָרעוו צו שמונים.

יאָ, דער דאָזיקער מענטש האָט אין די שווערסטע צײַטן, אין די האַרבסטע באַדינגונגען אָפּגעאַרבעט זײַנס, אַצינד איז ער אַף פּענסיע. נאָר אויך אַצינד שעמט זיך ניט אָן אײַנצו־האַלטן זיך מיט אים דער יונגער קאַלווירט־פאַרזיצער פעליקס גליקשטײן, פּונקט ווי עס האָט זיך ניט געשעמט עס צו טאָן דער פריערדיקער פאַרזיצער פעלער, וועלכער איז שוין ניטאָ אַף דער וועלט.

— אָט דאָס איז געווען אַ מענטש! — רופט אויס מיט אַנציקונג כינקעס וועגן פעלערן און דערציילט: — אײנמאָל, צוליב עפּעס אַן איניען — ער געדענקט שוין ניט גענוי צוליב וועלכן, — איז ער געקומען צו פעלערן אין קאַלווירט־פאַרוואַלטונג, אָן עפן געטאָן די טיר און דערזען בײַ אים זיצן עטלעכע ניט היגע מענטשן, האָט ער אָפּגיך די טיר פאַרמאַכט. עס זאָל אים „ניט זײַן לאַנגווײַליק צו וואַרטן, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אָפּן ערשטן שטאָק, אין מאַגאַזין אַ קוק טאָן, וואָס מע האָט געבראַכט נײַס. ווען ער האָט זיך נאָכאַמאָל אופגע־הויבן צו פעלערן, איז יענער שוין געווען פרײַ. אוי, האָט ער אים אַרײַנגעטײלט אַ קײלעק!

— מײנסט, — האָט פעלער געזאָגט, — כ׳האָב ניט געזען, ווי דו האָסט אַרײַנגעשטעקט די נאָז און אַנטלאָפן? וואָס האָסטו זיך דערשראָקן?

— דאָ זײַנען געזעסן פאַרשטײער... מיסטאָמע נאַטשאַלסטווע?..

— און אַז נאַטשאַלסטווע, איז וואָס? — האָט געענטפערט פעלער. — דו ביסט בײַ מיר כאָשעווער פון יעטווידער נאַטשאַלסטווע. נאַטשאַלסטווע קומט און פאָרט אַוועק, און דו לייגסט אַזויפיל יאָרן דעם קריזש פאַרן קאָלכאָז... אַ צווייט מאָל זאָלסטו ניט אַנטלויפן...

— אײנמאָל אַ מענטש געווען! — האָט פאַרענדיקט כינקעס.

מע האָט גערופן דעם אוילעם צום הײסן געקעכץ.

אָפּן לאַנגן טיש האָט אין אַ גרויסן טעלער געדעמפט אַ געשמאַקער ראָסלפלייש מיט הייסע קנישעקלעך דערבײַ.

באַם באַלסימכע האָבן געפלאַמט די באַקן. ער האָט זיך געזען אין וועג, אין אַ ווײַטן וועג. אײגנטלעך, איז ער דאָס גאַנצע לעבן געווען אין וועג, אין זומערדיקע היצן, אין ווינ־טערדיקע זאַווייען... אין פרילינגדיקע בלאָטעס, אונטער האַרבסטיקע רעגנס... די „באַראַנקע" אין האַנט, און קילאָמעטערס, קילאָמעטערס לייגן זיך אונטער די רעדער... געפירט זריזע, פּוראַזש, רעזערוו־טײלן, געהילץ, טוווע פון נײַע געררעטענישן... איז דען איבערצוציילן, וויפל ער איז פאַר זײַן לעבן אויסגעפאָרן, וויפל פראַכטן אַריבערגעפירט... הײַנט די מילכאָמע־וועגן... פיר אומענדלעכע יאָר... די אייגענע ליבע ראַכוועסן דאָ... און אָט אין דער לוין — דאָס, וואָס מע רעדט וועגן אים הײַנט, די גראַמאָטע — מע געדענקט אים, מע שעצט, און דאָס איז טײַער...

אָט דאָס אַלץ האָט אַלעקסאַנדער באַריסאָוויטש געוואָלט אַרויסזאָגן דעם אוילעם באַם טיש. ער האָט זיך אופגעהויבן.

דער טאַמאַדאַ האָט באַפוילן אָנפילן די קעלישעקלעך. ווען דאָס איז געטאָן געוואָרן, האָט דער באַל־יויוול מיטאַמאָל דערפילט אַף דער באַק אַ טרער... האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך געזאָגט:

— עס ווילט זיך הײַנט אַ סאַך ריידן, נאָר... עס רעדט זיך ניט... איר דאַרפט מיך פאַר־שטײן... — ער האָט אופגעהויבן דעם קאָס. — איר האָט דאָ אַלע געטרונקען פאַר מיר. איך וועל אויסטרינקען פאַר אײַך...

ס׳איז שוין געווען שפּעט. מיר האָבן געווינט ווײַט, האָבן מיר גענומען אַ טאַקסי.

ס׳איז דורכגעגאַנגען אַ רעגן. טונקל־פּײַכט האָט אָפּגעגלאַנצט דער אַספאַלט, ווו־ניט־ווו זײַנען געשטאַנען קאַליוזשעס, אַף די ראָגן פון די גאַסן האָבן לענגלעכע גרינע, געלע און רויטע זײַלן אין זיי געציטערט — די אָפּשפּיגלונג פון די סוועטאָפאָרן.

— ווען זשע קלײַבסטו זיך אין וועג?
כ׳האָב ניט גלײַך באַנומען, וואָס די פרוי מײַנע האָט אין זינען מיט דער דאָזיקער פראַגע.
— אין וואָס פאַר אַ וועג?
— צוליב דער פאַרצייכענונג, וואָס דו קלײַבסט זיך שרײַבן.
— אַ, — האָב איך זיך דערמאָנט, — מע דאַרף עס טאָן וואָס גיכער.
די מאַשין האָט געיאָגט איבער דער לאַנגער יאַמטעוודיקער איליומינירטער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס.
— וועגן וואָס קלײַבסטו זיך שרײַבן? — האָט אין אַ לענגערער ווײַלע אַרום געפרעגט די פרוי.
— וואָס הייסט? וועגן מענטשן. ווי מע לעבט, צוליב וואָס מע לעבט...
— מוזסטו צוליב דעם פאָרן?
— ס׳וואָלט ניט געשאַט...
— נו, און דער הײַנטיקער אָוונט?
— וואָס — דער הײַנטיקער אָוונט?
— דער הײַנטיקער אָוונט איז דיר ווייניק?
— דער הײַנטיקער אָוונט? — האָב איך איבערגעפרעגט. — וואָס פאַר אַ שײַכעס? מיר זײַנען געפאָרן פאַרבײַ דעם העל־באַלויכטענעם קולטור־פּאַלאַץ.
— טו אַ טראַכט, — האָט געזאָגט די פרוי, — וואָס זײַנען ווערט די שוועסטער גערצאַוואַלף? — קוקנדיק אַף די פאַרבײַיאָגנדיקע מויערן, האָט זי פאָרגעזעצט: — מיט פופציק יאָר צוריק איז געקומען אַהער פון בערדיטשעוו אַ ייִד מיט פינף מיידלעך אין דער מישפּאָכע. די מיידלעך האָבן כאַסענע געהאַט און עס זײַנען אַוועק נײַע צווײַגן און צווײַגעלעך... האָט יענער בערדיטשעווער ייִד, דער טאַטע זייערער, וואָס האָט נאָך געדענקט דעם טכום, געקאָנט האָבן אַפילע אַפן צענטן געדאַנק, אַז די אייניקלעך און אוראייניקלעך זײַנע וועלן ווערן דאָקטוירים, פּעדאַגאָגן, זשורנאַליסטן... אַז פאַר זיי וועט זיך עפענען אַ גרויסע וועלט און זײַנס אַן אייניקל וועט זיך מעשאַדעך זײַן מיט אַ יאַפּאַנערן און ברענגען צום לעבן נאָך איין שפּאָגל־נײַעם צווײַג...
די מאַשין האָט פאַרקערעוועט אין אַ זײַטיקער גאַס און אײַנגיכן זיך אָפּגעשטעלט בײַ אונדזער הויז.
נאָכן רעגן איז די לופט געווען פריש, עס האָט זיך ניט געוואָלט אַרײַנגיין אין שטוב.
— ווייסט, — האָב איך געזאָגט צו דער פרוי, — ביסט, דאַכט זיך, גערעכט.
אַף מאָרגן בין איך אופגעשטאַנען זייער פרי.

הערשל פּאָליאַנקער

אַ יאָם מיט אַרבעט

שטענדיק איז ער פאַרהאַוועט, פאַרטראָגן און האָט ניט קיין פרײַע מינוט אָפּ אַרומקוקן זיך.

די הענט זײַנע רוען ניט, ער שרויפט עפּעס צונויף, שניצט, קלעפּט, צייכנט, מאָלט. זײַן טיש, דאָס בעטל, די בענקלעך זײַנען פאַרוואַלגערט מיט פאַרשיידענע אינסטרומענטן, מאַכשירים, מאַטעריאַלן, — וואָס זײַנען דאָס פאַרא קינדער־שפּילעכלעך?

— אַ מאָדנער פאַרשוין. זעט אויס, ער האָט ניט וואָס צו טאָן, — טראַכט איר זיך.

נאָר באָריס לעווין, אונדזער לאַנדסמאַן, טראַכט גאָר אַנדערש:

— אַ מענטש, קאָלזמאַן ער לעבט אָף דער וועלט, — זאָגט ער, — דאַרף עפּעס טאָן. ברענגען אַ נוץ, אַרײַנטראָגן זײַן צושטײַער. ווען מיר זאָלן ניט טראַכטן, וואָלט די וועלט, געוויס, ענלעך געווען אָף אַ שטייענדיקן זומפּ.

אַזאַ איז אונדזער באָריס לעווין. שוין לאַנג איז ער באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד מיט זײַנע דערפינדונגען. נאָך מיט עטלעכע יאָר פאַר דער מילכאָמע איז ער אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם קיִעווער ראַדיִאָ־זאַוואָד, שוין דעמלט אַן אַרבעטזאַמער, אַ צילגעווענדטער.

אַהער האָט אים געבראַכט דאָס, וואָס נאָך אָף דער שילערישער באַנק האָט ער זיך קיינמאָל ניט צעשיידט מיט זײַנע אינסטרומענטן. אין דער פרײַער צײַט האָט ער צוגעטראַכט אַ ראַדיִאָ־אַפּאַראַט, מיט וועלכן אַן עכטער דערפינדער וואָלט זיך געקאָנט גרויסן.

געקומען אָפן זאַוואָד פונעם טעכניקום, וועלכן ער האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט, האָט ער גאָר איינגיכן פאַרשטאַנען, אַז מיט נאַטשאַלסטווע וועט ער בעשאָלעם ניט קאָנען לעבן. עפּעס איז אים דאָ ניט אַלץ געפעלן געוואָרן פונעם ערשטן טאָג.

און אַלץ איז טאַקע אַוועק קידער־ווידער.

אַלע טאָג איז ער געקומען צו דעם צעכמײַסטער, צום אינזשעניער, מיט נײַע טײַנעס.

דאָס האָט ער באַטראַכט, אַז ניט אַלע מעכאַניזמען זײַנען צעשטעלט ווי געהעריק, אַז די אַרבעטער פאַטערן אומזיסט צײַט. באַם קאָנווייער, ווו עס שטייען פיר מאָנטאַזשניקעס, וואָלט גענוג געווען נאָר צוויי, ווײַל איינער דעם אַנדערן שטערט אַרבעטן.

אים זײַנען ניט געפעלן די אינסטרומענטן, מיט וועלכע מע באַנוצט זיך. ווען מע זאָל נעמען אָט די, וועלכע ער האָט צוגעטראַכט, וואָלט מען געקאָנט געבן מער פּראָדוקציע.

הײַנט וואָס איז שײַעך דעם נײַעם ראַדיִאָ־אופנעמער, וועלכן מע קלײַבט זיך אַרויסלאָזן, וואָלט מען די קאָנסטרוקציע געקאָנט מאַכן פּראָסטער און מע וואָלט דעמלט אײַנגעשפּאָרט אַ סאַך טײַערע מאַטעריאַלן. ער האָט שוין די סכעמע באַטראַכט, און אויב מע וויל, קאָן ער באַווײַזן זײַנע צייכענונגען.

„יאָ, מיט אָט דעם דאַרינקן בלאָנדהאָריקן באָכערל מיט די גרויסע, שטענדיק פאַרזאָרגטע בלויע אויגן, וועלן מיר, דאַכט זיך, האָבן צו זינגען און צו זאָגן", האָבן געטראַכט די וואָרטזאָגער פון דער זאַוואָדישער קאָנסטרוקטאָרביוראָ. ער לאָזט קיינעם ניט צורו. און דער איקער, וואָס ער איז אַ באָכערל מיט אַ קאָפּ. און מע מוז זיך צו אים צוהערן.

און אין האַרצן האָט מען אים געזידלט:

„אַ טײַוול! רוט אַליין ניט און לאָזט קיינעם ניט צורו. ער דאַרף מער ווי אַלע".

דעם בריגאַדיר און דעם מײַסטער פון צעך איז ניט גרינג אָנגעקומען זיך צוגעוווינען צו אָט דעם קאַפּריזן מאָנטאַזשניק. עמעס, אַז ער האָט עפּעס געטאָן, האָט מען זיך אָף אים געקאָנט פאַרלאָזן. ער וועט ניט מאַכן קיין שטיקל אַרבעט אַבי־ווי. און דערפאַר טאַקע האָט מען אים פאַרטרויט די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע פּראָצעסן, דאָרטן, ווו עס איז נייטיק די גרעסטע פּינקטלעכקײַט.

ער האָט אָבער געוווּסט, אַז אין אַ קאָלעקטיוו איז איינער — קיינער. אויב די דעטאַלן,

וועלכע ער שטעלט צונויף, זײַנען גוט געמאַכט און די שכייניש — ווי־ניט־איז, ניט דער־טראַכט, וועט דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט ניט דינען ווי עס געהער צו זײַן. טאַקע דערפאַר האָט ער זיך צוגעקוקט צו די שכיינים, און וועמען מע האָט געדאַרפט — אונטערגעזאָגט, צוגעהאָלפן און אַנדערע אַפילו אויסגעזידלט.

ניט בלויז דער נאַטשאַלסטווע איז שווער געווען מיט אים האָבן צו טאָן, נאָר אויך די מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט באַנאַנד מיט אים. אָבער אינגיכן האָט מען זיך צו אים צו־געוווינט און זיך אָנגעהויבן באַציִען צו אים מיט גרויס אכטונג.

און ניט בלויז אין זײַן צעך — אַפן גאַנצן זאַוואָד.

באָריס לעווין האָט דאָ געהאַט א גוטן שעם. מיט זײַן מיינונג האָבן זיך גערעכנט אַלע ספּעציאַליסטן, קאָנסטרוקטאָרס. מע האָט זיך געוווּנדערט, וואָס אַזא יונגער אַרבעטער, וועל־כער האָט ניט געענדיקט קיין אינסטיטוט, האָט געקענט אַזוי טיף אַרײַנדרינגען אין אַלע דע־טאַלן פון דער קאָמפּליצירטער ראַדיאָ־טעכניק.

אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז דער באַרימ־טער זאַוואָד לאָזט אַרויס די נײַסטע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן ניט בלויז צוליב דעם, אַז מענטשן זאָלן הערן די לעצטע נײַעס און מוזיק... דאָס לאַנד איז געווען אַרומגערינגלט מיט סאָנים, מ'האָט געדאַרפט ספּעציעלע אַפּאַראַטן, קעדיי האָבן א פאַרבינדונג מיט אונדזערע אַעראָפּלאַ־נען, טאַנקען, אַפּאַראַטן פאַר דער קאָמאַנדשאַפט פון דער אַרמיי. און יעדער אַפּאַראַט האָט גע־דאַרפט זײַן פון דער בעסטער קוואַליטעט.

שוין אין יענע ערעוומילכאָמע־כאַדאָשים האָט דאָס יונגע אַרבעטער־באָכערל געמאַכט אייניקע דערפינדונגען, וועלכע זײַנען רעאַלי־זירט אין א ריי זאַוואָדן פון לאַנד. אין דער געזעלשאַפט פון די ראַדיאָ־קאָנסטרוקטאָרן איז אינגיכן באַוווּסט געוואָרן דער קאָמיוגיסט פו־נעם קיִעווער ראַדיאָ־זאַוואָד באָריס לעווין.

פיל מאָל האָט מען באָריסן פאָרגעלייגט, ער זאָל פונעם צעך אַריבערגיין אין קאָנסטרוק־טאָר־ביוראָ, מע האָט אים אויך פאָרגעלייגט גיין לערנען אין אַן אינסטיטוט, אים צוגעזאָגט שאַפן די בעסטע באַדינגונגען, נאָר טײַערער פון אַלץ איז פאַר אים געווען זײַן צעך, זײַן בריגאַדע, זײַנע גוטע פרײַנט, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבעט. נאָך די אַכט שאָ אין זאַוואָד איז אים געבליבן גענוג צײַט ביז האַל־בער נאַכט, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט באַ זיך אין שטוב, ווו ער האָט אײַנגעאָרדנט א קליינע „לאַבאָראַטאָריע”, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט, צוגעטראַכט נײַע מאַכשירים, געליי־ענט טעכנישע ביכער.

דער בעסטער אוניווערסיטעט איז פאַר אים געוואָרן דער זאַוואָד.

באָריס לעווין האָט פאַר אַלץ געפונען צײַט. ער האָט ניט דורכגעלאָזט אין טעאַטער קיין איין נײַע פאָרשטעלונג, ליב געהאַט צו באַזוכן סימפאָנישע קאָנצערטן, ליטעראַרישע אָוונטן, אָפּטלעך אַרײַנגעקומען אין זאַוואָדישן קולטור־הויז, געגאַנגען מיט די כעוורע טאַנצן, באַזוכט ספּעציעלע קורסן פון אויסלענדישע שפּראַכן. מע האָט אים אויך געקאָנט טרעפן אין קאָלווירט, אַף וועלכן דער זאַוואָד האָט גע־האַלטן שעפטום. ווען ער פלעגט זיך דאָרטן באַווײַזן, האָט מען אים גלײַך פאַרשאָטן מיט אַרבעט — ער האָט פאַריכט די טעלעפאָן־ליניע, געלאָזט אין גאַנג א מאַשין, אַף וועלכער מע האָט שוין פון לאַנג א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

איינמאָל איז באָריס לעווין שטאַרק קראַנק געוואָרן. דער באָכער האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, ניט געפונען קיין צײַט אַף גיין צום דאָקטער. אָבער אינגיכן האָט ער געמוזט זיך לייגן אַף א שווערע אָפּעראַציע.

נאָך דער אָפּעראַציע האָט ער שלעכט אָנ־געהויבן הערן אַף אַן אויער. ער האָט זיך אָבער באַמיט דאָס אויסבאַהאַלטן פון אַלעמען.

בלויז ווען ער האָט זיך געשטעלט צום פּריזיוו, האָט די מעדיצינישע קאָמיסיע דאָס באַמערקט און אים אין אַרמיי ניט גענומען.

דאָס האָט אים געמאַטערט. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? ער האָט געפונען א באַפרידי־קונג אין דעם, וואָס זײַן אַרבעט אַפן זאַוואָד איז געווען פאַרבונדן מיט דער באַשיצונג פון לאַנד, מיט דער אַרמייִשער טעכניק, און ער האָט נאָך מיט מער פלײַס געאַרבעט.

קיינער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז באָריס לעווין זאָל זיך אַמאָל צעשיידן מיטן זאַוואָד, און דאָך האָט ער זיך צעשיידט.

אין יענעם ווײַטן זוניקן פרימאָרגן, ווען די דײַטשישע באָמבאַרדירער האָבן זיך דורכגע־ריסן צו אונדזער שטאָט און די ערשטע באָמ־בעס האָבן אופגעטרייסלט די ערד, האָבן עס די ערשטע, מינאַסטאַם, דערהערט די אַרבעטער פון דעם גרויסן ראַדיאָ־זאַוואָד. אַהער האָבן די שפּאַרבערס געצילט.

דעם זעלבן טאָג האָבן הונדערטער יונגע אַרבעטער זיך געמאָלדן אין מיליטער־קאָמיסאַ־ריאַט און געפאָדערט, מע זאָל זיי גלײַך שיקן אַפן פראָנט.

אין מעשעך פון א פּאָר טעג זײַנען די ריי־ען פון די אַרבעטער שיטער געוואָרן. א סאַך האָבן גענומען געווער אין די הענט. באָריס האָט פאַרשטאַנען, אַז עס קאָן טרעפן, דער זאַ־וואָד מיט זײַנע בעסטע אַרבעטער, ספּעציאַ־ליסטן, מיט זײַן אויסשטאַטונג זאָל זיך מוזן

עוואַקויִרן אַף אוראַל און דאָרט פאַרזעצן די אַרבעט, אײַנגאַנצן זיך איבערשליסן אַף מיליטערישער פּראָדוקציע. נאָר אַף דעם פאָרשלאָג פונעם דירעקטאָר, ער זאָל ניט פאַרלאָזן דעם זאַוואָד, האָט דער אַקשן אײדל געענטפערט, אַז ער שעצט הויך דעם דירעקטאָרס גוטע באַציִונג צו אים, נאָר דאָך מוז ער זיך אָפּזאָגן — זײַן אָרט איז איצט אַפן פראָנט.

— מיר וועלן דיך אויסשליסן פון קאָמיוג...

— דאָס וועט איר ניט טאָן, — האָט רויִק געענטפערט לעווין, — איך קלײַב זיך דאָך גײן אַפן פראָנט און ניט פונעם פראָנט.

— נו און דאָס, וואָס דו האָסט ערשט ניט לאַנג איבערגעטראָגן א שווערע אָפּעראַציע?

— נישקאָשע, כאָטש דירעקטאָר, איך בין דאָך א שטיקל דערפינדער, וועל איך עפּעס צוטראַכטן...

אַפן צווייטן טאָג איז באָריס אוועק אין מיליטער-קאָמיסאַריאַט, געמאָלדן, אַז ער איז א פאַרבינדלער, א ראַדיסט און אין אַזעלכע שווערע טעג איז זײַן אָרט אַפן פראָנט.

מע האָט אים אויסגעהערט אופמערקזאַם און געזאָגט, אַז דער דירעקטאָר פון דעם ראַדיאָ-זאַוואָד האָט נאָך נעכטן געקלונגען און געבעטן, מע זאָל לעווינען בעשום-אויפן ניט שיקן אַפן פראָנט. ער איז זײער א נוצלעכער מענטש פאַרן זאַוואָד.

נאָר דער באָכער האָט זיך פאַרט דערשלאָגן זײַנס.

ווען ער איז געקומען זיך געזעגענען אַפן זאַוואָד מיט זײַנע פרײַנט א פאַרפוצטער אין סאָלדאַטישע קלײדער, האָט מען אים באַגעגנט אָן באַגײַסטערונג. דער דירעקטאָר האָט ניט געוואָלט רײדן מיט אים. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַלעמען אונטערגעפירט. נאָר מע האָט אים געמוזט מויכל זײַן די זינד. און אים צוגעוווּנטשן, ער זאָל ערלעך אויספּילן זײַן סאָלדאַטישן כויוו און נאָכן ניצאָכן זיך אומקערן אַף זײַן אָרט — אַפן זאַוואָד.

ניט ווײַט פון קיִעוו, באַם טײַך אירפּען זײַנען שוין געגאַנגען שווערע שלאַכטן קעגן סוינע, וועלכער האָט זיך דורכגעריסן אַהער מיט זײַנע האַרמאַדעס טאַנקען. דעם שטאַב פון דער טײל, וווּהין לעווין האָט באַקומען א באַפעל זיך יאַווען, האָט ער געפונען ערגעץ אין דאַרניצער וואַלד.

עס איז אַזוי געשען, אַז מע האָט אים פונעם ערשטן טאָג אָן אײַנגעשלאָסן אין א ספּעציִעלן וווזוואָד פון פאַרבינדלער, וועלכע האָבן אויסגעפילט אופגאַבעס אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס — בעשאַס די שלאַכטן זיך געפונען אַף די קאָמאַנדע-פּונקטן און נאָכגעשפּירט, אַז די פאַרבינדונג זאָל זײַן א סטאַבילע, שנעל פּאַריכט דאָס, וואָס איז קאַליע געוואָרן, געהאַלטן אין אָרדענונג די גאַנצע אַפּאַראַטור.

און ער, באָריס לעווין, דער גוואַרדיע סערזשאַנט, איז געוועזן א גרויסער מײַסטער אַף די אַלע זאַכן. בעשאַס די שלאַכטן האָט ער אין עטלעכע מינוט געקאָנט פאַריכטן די קאָמפּליצירטסטע אַפּאַראַטור, און די הויכגעשטעלטע קאָמאַנדירן האָבן ליב געהאַט האַלטן לעבן זיך אָט דעם פאַרבינדלער.

באַ באָריס לעווינען האָט קײנמאָל ניט געטראָפן, אַז זײַן קאָמאַנדיר זאָל זיך ניט קאָנען פאַרבינדן מיט זײַנע אָפּטײלן.

ווער פון די שלאַכט-קאָמאַנדירן האָט ניט געשעצט די באַדײַטונג פון א פעסטער פאַרבינדונג בעשאַס א שלאַכט! די ערד הודעט, ווי בעשאַס אַן ערדציטערניש, און דער, וואָס פירט אָן מיט דער שלאַכט, מוז די גאַנצע צײַט „זען דאָס שלאַכט-פעלד". אין אַזעלכע פאַלן, ווען א מינוט קאָן לײזן דעם גורל פון דער שלאַכט, דאַרפן די פאַרבינדלער באַווײַזן זײער מײַסטערשאַפט.

ניט אַנדערש, ווי מע וואָלט אים געגעבן א גוט-אויג.

אין אײנער א שלאַכט, אין פרילינג פונעם דרײַ-און-פערציקסטן יאָר, בעשאַס ער האָט זיך געלאָזט פויזען איבערן סטעפּ, קעדיי פאַריכטן די פאַרבינדונג-ליניע, איז ער שווער פאַרווונדעט געוואָרן פון א סנאַריאַד-שפּליטער. די סאַניטאַרן האָבן דעם באַרימטן אַרמײ-פאַרבינדלער אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן פײַער, געבראַכט צו א כאַטע און טאַקע דאָ, אין דער כאַטע, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געטרײסלט פונעם געברויל פון דער אַרטילעריע, האָט מען אים אָפּערירט.

דער צושטאַנד זײַנער איז געוועזן א שווערער. די גענײטע און שטרענגע פראָנט-כירורגן האָבן גלײַך אַרויסגעטראָגן דעם אורטײל:

— אַמפּוטירן די האַנט...

כאָטש לעווין איז געלעגן אָן באַוווּסטזײַן, נאָר אין דער מינוט האָט ער לויט א נעס דערהערט דעם כירורגס שרעקלעכע ווערטער און מיט די לעצטע קויכעס זיך אָנגערופן:

— ווי אַזוי זשע וועל איך קאָנען לעבן אָן א האַנט? איך האָב נאָך אַזויפיל אַרבעט... אַלץ, אָבער ניט אַמפּוטירן!

די כירורגן האָבן מיט מיטגעפיל באַטראַכט דאָס יונגע באָכערל. דאָס ערשטע מאָל פאַר די יאָרן פון דער מילכאָמע האָבן זײ געהערט אַזעלכע נאַיִווע און צוזאַמען דערמיט מענטשלעכע ווערטער.

מע האָט זיך פאַרטראַכט, קוקנדיק אַף דעם סאָלדאַט, וואָס האָט אין דער געפערלעכסטער רעגע פון זײַן לעבן געטראַכט וועגן אַרבעט.

לאַנג, ביז נאָך האַלבער נאַכט, אונטערן געברום פון דער אַרטילעריע, ווען אַרום איז די ערד געווען אַרומגעכאַפּט אין פלאַמען, האָבן זיך איבער דעם פאַרוווּנדעטן געפּאָרעט די כי־רורגן.

אינדערפרי, ווען ער איז געקומען צו־זיך נאָכן נאַרקאָז, האָט ער גענומען זוכן די האַנט, און די אויגן האָבן זיך צעשײַנט פון גליק — די האַנט איז געווען אַפן אָרט. זי איז בלויז געווען פאַרבאַנדאַזשירט.

עס האָט שטאַרק וויי געטאָן, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט — ער וועט ווידער קאָנען אַרבעטן.

אינגיכן האָט ער זיך אומגעקערט אין זײַן טייל.

אין יענעם זומער האָט די זעקסטע גוואַר־דייִשע געפירט שווערע שלאַכטן קעגן די דײַ־טשישע טאַנקען לעבן דער באַרימטער פּראָכאָ־ראָווקע. לעווין האָט זיך געפונען אַפן שלאַכט־פעלד, ווו עס האָבן געפירט אַ שווערן געפעכט אונדזערע טיילן קעגן די דײַטשישע „טיגערן". דרײַ טאַנקען זײַנען געווען אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען. די פאַרבינדונג איז איבערגעריסן גע־וואָרן, און באָריס לעווין האָט זיך געסטאַרעט זי אופשטעלן. פויזענדיק איבערן פעלד, האָט ער נאָכגעשפּירט ווי אונדזערער אַ שווערער טאַנק באַשיסט אַ „טיגער" אָבער בײַקומען אים ניט געקאָנט. דער קאָמאַנדיר פונעם טאַנק האָט, זעט אויס, געבעטן באַ די שכייניש מאַשינעס הילף, נאָר אַף קיין הילף זיך ניט דערוואַרט, קיינער האָט זײַן רוף ניט דערהערט, און ווען ער האָט זיך אויסגעקערט מיט דער זײַט און געפּרוּווט אַראָפּגיין אין אַ דערבײַיִקער באַל־קע, האָט דער „טיגער" אים אונטערגעשאָסן.

לעווין האָט זיך געפונען דאָ ניט ווײַט און אויפגעפּויזעט צו דעם טאַנקיסט, וואָס איז געלעגן אונטער זײַן טאַנק. אויסצײַענדיק זיך באַנאַנד מיטן פאַרוווּנדעטן, האָט ער איבערגע־בונדן דעם טאַנקיסט די וווּנד. נאָר יענער, אַ פאַרשוואַרצטער, אַ פאַרבלוטיקטער האָט גע־זידלט די ראַדיסטן פאַר זייער „כאַלטורנער" אַרבעט.

לעווין האָט אַראָפּגענומען פונעם אונטער־געקלאַפּטן טאַנק דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, אָפּגע־קראָכן אין אַ וואַראָנקע, באַטראַכט, וואָס איז דאָ געשען און דערשטוינט געוואָרן. איין דראָטל איז געווען שלעכט פאַרפעסטיקט און איבער־דעם האָט דער טאַנקיסט ניט געקאָנט זיך איבעריידן מיט זײַנע שכיינים. בעפיירעש זאָ־וואָד־בראַק, איבער איין דרעטעלע, וואָס איז געווען שלעכט צוגעלייט, האָבן מענטשן דאָ, אַפן פראָנט, אָפּגעגעבן דאָס לעבן.

באָריס האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן. ווען ער האָט זיך דערקליבן מיטן אַפּאַראַטל אין אַ טראַנשיי און זיך נאָכאַמאָל צוגעקוקט צו דעם, האָט ער דערזען די מאַרקע פון זײַן זאַוואָד, וועלכער האָט זיך איצט געפונען אַף אוראַל. ווען די שלאַכט איז שטילער געוואָרן, האָט ער געפונען אַ ווינקעלע אין אַ בלינדאַזש און אָנגעשריבן אַ בייזע בריוו זײַנע פרײַנט. ער האָט באַשריבן דאָס, וואָס ער אַליין האָט געזען מיט זײַנע אויגן.

צוזאַמען מיט דעם בריוו האָט ער אַוועק־געשיקט מיט דער פעלד־פּאָטשט דאָס בראַ־קירטע ראַדיאָ־אַפּאַראַטל.

די כאַווערים פון זאַוואָד האָבן אים גע־שריבן, אַז דער גאַנצער זאַוואָד־קאָלעקטיוו האָט געלייענט און באַהאַנדלט דעם בריוו פון זייער כאַווער, וואָס געפינט זיך אַפן פראָנט.

אַלע האָבן געגעבן אַ שוווע, אַז מע וועט צולייגן אַלע קויכעס, קעדיי מער זאָל אַזוינס ניט געשען.

נאָך דעמלט, בייס דער מילכאָמע, האָט לע־ווין באַ זיך באַשטימט, אַז נאָכן קריג וועט ער ווידמענען דאָס לעבן דער טעכניק פון פאַר־בינדונג.

ער האָט ניט ליב דערציילן וועגן דעם, וואָס אים איז אויסגעקומען אויסשטיין אַפן פראָנט. אָבער איינעם אַ פאַל וועט ער קיינמאָל ניט קאָנען פאַרגעסן.

...געווען איז דאָס בעשאַס די שלאַכטן ניט ווײַט פון סטאַלינגראַד.

ער איז געווען אַפן קאָמאַנדע־פּונקט און באַקומען אַ באַפעל דערקלײַבן זיך אין אַ פּע־כאָטע־פּאָלק, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן אָנצאָליקע אַטאַקעס פון די דײַטשן. דאָרט איז געשען אַן אומגליק: אַ סאַך טעלעפאָן־אַפּאַראַטן און ראַ־דיאָסטאַנציעס זײַנען קאַליע געוואָרן און מע מוז זיי דרינגענד פאַריכטן.

אונטערן פײַער פון דײַטשישע האַרמאַטן, האָט דער פאַרבינדלער זיך אַוועקגעלאָזט אין פּאָלק אויסצופילן דעם באַפעל. לעווין האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס עס הייסט איבערלאָזן אַ פּאָלק אָן פאַרבינדונג אין אַזאַ מאָמענט.

דער פאַרבינדונג־שעף האָט זיך דערפרייט און אים גלײַך אַרײַנגעפירט אין אַ בלינדאַזש, ווו עס זײַנען געלעגן „טויטע" טעלעפאָן־אַפּאַ־ראַטן און ראַדיאָסטאַנציעס. די קאָמאַנדירן האָבן געוואַרט. יאָ, נישקאָשע פון אַ שטיקל אַרבעט אינמיטן שלאַכטפעלד! און דאָ האָט שוין אָנ־געהויבן פינצטער ווערן. מע האָט אַהער גע־בראַכט אַ טאַנקען־אַקומוליאַטאָר, קעדיי דער מײַסטער זאָל קאָנען אָנוואַרעמען דעם עלעק־טרישן שווייסער, אַ קאָפּטילקע איז געמאַכט געוואָרן פון אַ סנאַריאַד־הילזע, קעדיי מיט איר צו באַלײַכטן דעם בלינדאַזש.

פון אונטער לעווינס הענט האָבן די סאָלדאטן ארויסגעכאַפּט די אָפּגערעמאָנטירטע אַפּאַראַטן און זיי גלייך געלאָזט אין גאַנג.

באַנאַנד, זייער נאָענט, איז געגאַנגען אַ שלאַכט. די דײַטשן זײַנען שוין עטלעכע מאָל אַריבערגעגאַנגען אין קאָנטראַטאַקעס, שטרעבנדיק ארויסשטויסן דעם פּאָלק פון די פּאַרנומענע פּאָזיציעס. דער בלינדאַזש האָט געציטערט פון די אויפרײַסן. דאָס זאַמד האָט זיך אָן אויפהער געשאָטן לעווינען אַפן קאַרק, נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געפילט — פאַרטיפט געווען אין זײַן אַרבעט.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, און אַרבעט איז נאָך געווען אַ סאַך. ער האָט פאַריכט נאָך עטלעכע אַפּאַראַטן, געוואַרט, די סאָלדאַטן זאָלן אַרײַנשפּרינגען נאָך זיי, נאָר קיינער איז ניט געקומען. וואָס איז דאָרטן געשען פונויבן? און פאַרוואָס איז שטיל געוואָרן? פאַרוואָס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דאָס שיסערײַ?

דער פאַרבינדלער האָט ניט געוווּסט, אַז די דײַטשן האָבן געצוווּנגען אונדזערע טײלן אָפּצוטרעטן. לעווינען האָט מען ניט באַוויזן וואָרענען, ער זאָל פאַרלאָזן זײַן בלינדאַזש. אַזויאַרום איז דער בלינדאַזש, ווו ער האָט געאַרבעט געבליבן אַף „קיינעמס ערד". אונדזערע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געוווּסט, אַז דאָרט איז פאַרבליבן דער פאַרבינדלער, האָבן זיך פאַרגראָבן אין דער ערד און פון זייערע קוילנוואָרפערס געשאָסן אין דער ריכטונג פונעם בלינדאַזש, קעדיי ניט צולאָזן אַהין די דײַטשן.

דאָס שיסערײַ האָט געדויערט די גאַנצע נאַכט. מע האָט צום בלינדאַזש דעם פײַנט ניט צוגעלאָזט. אַלע האָבן איבערגעלעבט — דעם פאַרבינדלערס לעבן איז געווען אין אַ גרויס געפאַר.

אָבער ער אַליין, לעווין, האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס עס קומט פאָר אַף יענער זײַט בלינדאַזש, ניט געוווּסט, אַז ער איז אָפּגעשניטן פון זײַניקע, און פאַרגעזעצט זײַן אַרבעט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מע קומט ניט נאָך די אַפּאַראַטן.

דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק האָט באַפוילן אום יעדן פרײַז אָפּוואַרפן דעם סוינע, אומקערן די פאַרלאָרענע פּאָזיציעס, ראַטעווען דעם פאַרבינדלער. כאָטש קיינער האָט שוין ניט געגלייבט, אַז ער לעבט נאָך. די גאַנצע ערד אַרום דעם בלינדאַזש איז געווען איבערגעאַקערט פון מינעס און סנאַריאַדן.

קוים האָט דער הימל אָנגעהויבן ווערן פאַרטאָגיק־בלאַס, איז אונדזערער אַ באַטאַליאָן איבערגעגאַנגען אין אַטאַקע. מע האָט אָפּגעוואָרפן דעם פײַנט. דער קאָמאַנדיר פון דער טייל איז צוגעלאָפן צו דעם בלינדאַזש, אויפגעהויבן די פּלאַשטשפּאַלאַטקע, מיט וועלכער די טיר איז געווען פאַרהאַנגען. די פּאַלאַטקע איז געווען צעקאַרדאַשעט פון שפּליטערס. אַלע האָבן געשפּירט נאָכן קאָמאַנדיר, וואָס איז אַרײַנגעשפּרונגען אין בלינדאַזש, געוואַרט מיט אומגעדולד. מיטאַמאָל איז ער פון דאָרטן אַרויסגעשפּרונגען און אינעם טומל פון דער שיסערײַ אויסגעשריגן:

— זשיוואָי, זשיוואָי! ער לעבט!..

די סאָלדאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום בלינדאַזש און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט דעם פאַרמאַטערטן און פאַרטויבטן פאַרבינדלער, אונטערגעכאַפּט אים אַף די הענט און אָנגעהויבן אונטערוואַרפן:

— מאָלאַדעטשינאַ! גוואַרדייסקאַיאַ דושאַ!

— איך בין טויט הונגעריק, — האָט געבעטן באַריס, — פאַרוואָס איז קיינער ניט געקומען נאָך די אַפּאַראַטן? אַלץ איז פאַרטיק, כ'האָב געאַרבעט די גאַנצע נאַכט.

דעם זעלבן טאָג האָט מען דעם פאַרבינדלער באַלוינט מיט אַן אָרדען פון דעם רויטן שטערן.

ער האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע נאָך גאָר אַ יונגער, אַ דרײַ־און־צוואַנציקיאָריקער, נאָר זײַן קאָפּ איז שוין געווען גראָוו. דאָס, וואָס ער איז אין די שלאַכטן עטלעכע מאָל געווען פאַרוווּנדעט און איבערגעטראָגן ניט איין אָפּעראַציע, האָט אים ניט געשטערט גלייך זיך נעמען צו פרידלעכער אַרבעט. פאַרווירקלעכן זײַנע פאַרטראַכטן און פּלענער.

מע האָט לעווינען אָנגענומען אין וויסנשאַפט־פאָרשערישן אינסטיטוט פון עלעקטראָניק, ווו ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין שאַפן קאָמפּליצירטע אַפּאַראַטן. אָבער דערמיט האָט ער זיך ניט באַנוגנט. פון די ערשטע טעג האָט דער אומרויִק־יונגער מענטש אײַנגעאָרדנט בא זיך אין שטוב אַ פערזענלעכע „לאַבאָראַטאָריע". דאָס מאָל האָט ער פאַרטראַכט שאַפן אינסטרומענטן, קעדיי מעכאַניזירן די האַנט־אַרבעט. אַלע, וואָס אַרבעטן אַף די ראַדיאָ־טעלעפאָן־אונטערנעמונגען ווייסן גוט, וויפל מי עס קומט אויס צו פּאַטערן אַף אָפּרייניקן מיט די פּרימיטיווע מעסערלעך די עקן פון דראָט, און וויפל מענטשן עס זײַנען פאַרנומען מיט דער דאָזיקער אַרבעט, און דאָך, ניט געקוקט אַף אַלע באַמיִונגען, טרעפט דאָ ניט ווייניק בראַק. איין דרעטעלע, וואָס איז ניט ווי געהעריק באַאַרבעט, קאָן קאַליע מאַכן אַ טײַערן ראַדיאָאַפּאַראַט, אַ טעלעוויזאָר, אַ קאָמפּליצירטן קיבערנעטישן אַפּאַראַט.

צי קען מען ניט צוטראַכטן אַזאַ אינסטרומענט, וואָס זאָל פאַרבײַטן אַף די אונטערנעמונגען הונדערטער אַרבעטער און זאָל מאַכן די אַרבעט פינקטלעך, אָן שום בראַק?

לאנג האָט געאַרבעט איבער דער פּראָבלעם דער דערפינדער און געשאַפן פּראָסטע אָבער זייער וויכטיקע אינסטרומענטן, מיט וועלכע עס באַנוצן זיך איצט די אַרבעטער פון א סאַך זאַוואָדן פון לאַנד.

אָבער דערמיט האָט באַריס לעווין זיך ניט באַנוגנט. א וויכטיקע ראָל שפּילט אומעטום דאָס אַרבעטס־אָרט. די אינסטרומענטן, יעדער קלייניקייט באַם קאָנווייער דאַרפן זײַן אַזוי צעשטעלט, אַז דער מאָנטאַזשניק זאָל עס גלײַך האָבן אונטער דער האַנט.

עטלעכע יאָר האָט לעווין געפּאַטערט אַף צו שאַפן אַן אינסטרומענט־טיש, וואָס טראָגט איצט זײַן נאָמען — „לעווינס טיש". איר קאָנט אים זען אַף אַלע ראַדיאָ־זאַוואָדן פונעם לאַנד, אַף די אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטן אויס טעלעוויזאָרס, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, טעלעפאָן־אַפּאַראַטן, קיבערנעטישע מאַשינעס...

באַריס לעווין האָט שוין מער ווי צוואַנציק דערפינדונגען, וואָס האָבן באַרײַכערט א גאַנצע ריי וויכטיקע געביטן אין דער אינדוסטריע פון פאַרבינדונג. און כאָטש ער איז מיט זײַנע אַרבעטן אַזוי באַוווּסט, ווייסט ער נאָך אַלץ ניט פון קיין רו. פיל נײַע אידייען דאַרף ער נאָך פאַרווירקלעכן.

אויב ערגעץ אַף א זאַוואָד שווימען אויף פּראָבלעמען, ווענדט מען זיך צו אים, צו באַריס לעווינען, מע בעט בא אים הילף, מע לאַדט אים אײַן, ער זאָל מיט זײַן אויג א קוק טאָן, וואָס מע קאָן צוטראַכטן.

וועגן זײַנע דערפינדונגען און אינסטרומענטן, וועגן „לעווינס טיש" זײַנען געשאַפן קינאָ־פילמען. אַפן עקראַן באַווײַזט זיך א מיטלוווּקסיקער מענטש מיט א גראָווען קאָפּ, אין ברילן, מיט א באַגײַסטערטן פּאָנעם פון א דענקער. ער דערציילט פּראָסט און פּאָשעט, וויאַזוי מע דאַרף זיך באַנוצן מיט זײַנע אינסטרומענטן, מיט זײַנע דערפינדונגען. דאָס איז א הויכקולטורעלער מענטש, גאָר ניט קיין פאַנאַטיקער. ער גיט אָפּ די גאַנצע נעשאָמע זײַנע דער אַנטוויקלונג פון דער פּאָטערלענדישער טעכניק.

ס'איז אַזוי געשען, אַז לעווין האָט ניט פאַרענדיקט קיין שום אינסטיטוט, ניט באַקומען קיין דיפּלאָם, נאָר דאָס שטערט אים ניט אין זײַן אַרבעט. עס איז ניטאָ קיין טאָג, ער זאָל זיך ניט לערנען, ניט לייענען, ניט אַרײַנדרינגען אין אַלע דעטאַלן פון דער וויסנשאַפט, ניט זײַן באַקענט מיט די אופטוען פון פיל וועלט־מעכאַניקער, געלערנטע, דערפינדער.

העכער צוואַנציק דערפינדונגען האָט לעווין אַף זײַן כעזשבן. ניט איין מאָל האָט די אַלפאַרבאַנדישע פאָלקסווירטשאַפטלעכע אויסשטעלונג, ווו עס איז פאַראַן זײַן באַשטענדיק ווינקל, אים באַלוינט מיט גאָלדענע מעדאַלן. דאָרט ווערן שטענדיק דעמאָנסטרירט זײַנע אַרבעטן.

באַריס לעווינען איז איצט שווער צו טרעפן אין דער היים.

זינט א פילם וועגן אים איז באַוויזן געוואָרן אַפן ברייטן עקראַן, שרײַבט מען אים פון אַלע עקן לאַנד, מע לאַדט אים אײַן אַף באַגעגענישן — מע דאַרף זיך מיט דעם מענטשן אויסייצענען און דורכריידן. אָט איז ער אין ריגע אַפן באַרימטן ראַדיאָ־זאַוואָד, אָט איז ער אין טאַלין אַף דעם טעלעוויזאָר־זאַוואָד, אָט איז ער אין לענינגראַד, אין לוואָוו...

גאַנץ אָפט לאַדט מען אים אײַן אין די מיליטערישע שולן, ווו מע גרייט קומענדיקע ראַדיסטן פאַרבינדלער פאַר דער סאָוועטישער אַרמיי. באַריס לעווין דערציילט די צוהערער וועגן זײַן אַרבעט אַפן פראָנט, וועגן זײַנע שלאַכט־פרײַנט, און די קורסאַנטן הערן מיט גרויס אינטערעס דעם געניטן פאַרבינדלער און העלדישן שלאַכטמאַן.

נאָרוואָס האָט ער זיך אומגעקערט פון א באַגעגעניש מיט די פראָנט־וועטעראַנען, וועלכע האָבן געקעמפט בא סטאַלינגראַד, און אין צווײ טעג אַרום האָט ער שוין געדאַרפט זײַן אין מאָסקווע אַף אַן אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פון מעכאַנישע שפּילעכלעך, ווּהין ער האָט אויך צוגעשיקט זײַנע אַרבעטן.

באַריס לעווין האָט צוגעטראַכט פאַר זײַן אייניקל, וואָס האָט אָנגעהויבן לערנען אין ערשטן קלאַס, אַן עלעקטרישע פאַרביקע טאַבעלע מיט קליינע לעמפּעלעך, וועלכע שפּײַזן זיך פון א געווײנלעכער באַטאַרייקע. מיט דער הילף פון דער דאָזיקער טאַבעלע קאָן יעדער קינד גרינג אײַנכאַזערן די קייפּל־טאַבעלע. מיט א שטעקעלע דאַרף דער שילער אָנרירן די נייטיקע ציפערן, דעמלט צינדט זיך אָן דאָס לעמפּעלע מיטן ריכטיקן ענטפער.

איצט וועלן אַרויסגעלאָזט ווערן טויזנטער אַזעלכע קייפּל־טאַבעלעס.

נאָך צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט באַריס וועניאַמינאָוויטש געשאַפן אַן עלעקטרישע מאַפּע פון אונדזער לאַנד, ווו מע קאָן זייער לײַכט געפינען די נייטיקע שטעט, טײַכן, בערג...

עס איז אומעגלעך איבערדערציילן וועגן אַלע זײַנע דערפינדונגען. דער מענטש אָבער קאָן זיך אַלץ ניט באַרויִקן. ער האָט נאָך א יאַם מיט אַרבעט.

■ ■ ■

הירש רעלעס

אין זשיטקאָוויטשי

ענטיאַבער, די בושלען זײַנען נאָך הי, איצט קאָן מען זיי שוין זען ניט אין פאָרן, נאָר גאַנצע געזינדן, און ס'איז שווער אונטערצושיידן די עלטערן פון זייערע יאָרשים, מע שטייט אין די נעסטן און מע האַלט אין איין פּוצן זיך. מיט די לאַנגע שנאָבלען טאַפּן זיי אויס יעדעס פעדערל און יעדער פּושינקע. קאָנטיק, מע גרייט זיך אין ווײַטן וועג. קיין אַנדערע זאָרגן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן איבערפלי, האָבן זיי ניט. קיין שום באַגאַזש נעמען זיי מיט זיך ניט, מע לאָזט זיך פליִען אַזוי, ווי מע שטייט און מע גייט. ניט אומזיסט זאָגט מען אויף אַ מענטשן, וואָס שטרעבט ניט צו אייגנס, אַז ער איז אַ פרײַער פויגל.

דאָ אין פּאָלעסיע איז די האַרבסטיקע זון אַ מער צאַרטע, איידער בײַ אונדז, אויף מינשטשינע. איר וואַרעמקײַט איז דאָ אַ ווייכע, אַ מעכײַעדיקע, מאַמעש ווי דו וואָלסט זיך געפונען בײַ אַ וואַרעמען קוואַל. מעגלעך, דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער אַרבעטער־יִשעוו געפינט זיך צווישן געדיכטע וועלדער, אָזערעס און קאַנאַלן.

אין זשיטקאָוויטשי איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין די דרײַסיקער יאָרן. ניט ווײַט פונדאַנען איז דורכגעגאַנגען די פּוילישע גרענעץ. בײַ אַ וואָך האָב איך דאָ פאַרבראַכט, און פון די אײַנוווינער האָט זיך דעמלט מיר פאַרקריצט אין זיקאָרן דער דירעקטאָר פון דער ייִדישער שול פריימאַן און די לערערן אַלטשולער.

בײַ די פריימאַנס, אויף וויפל איך געדענק, זײַנען קיין אייגענע קינדער ניט געווען, האָבן זיי גענומען אַ קליין ייִנגעלע פון קינדערהיים, דאָס קינד איז בײַ זיי געווען טײַערער פונעם לעבן, מע האָט פון דעם קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט.

כאָטש פון יענער צײַט זײַנען פיל וואַסערן פאַרשוווּמען, און זשיטקאָוויטשי האָט זיך זייער געענדערט, דאָך דערקען איך די צענטראַלע געסלעך. עמעס, עס זײַנען, געוויינלעך, צוגעקומען ניט ווייניק מויערן.

אָט איז דער האָטעל, אַ דרײַשטאָקיקע געבײַדע. קאָנטיק, ניט לאַנג צוריק אויסגעבויט. אַרײַנגיין אײַל איך זיך ניט, בעסער וואָלט געווען זיך אײַנאָרדענען אויף אַ פּריוואַטער דירע, ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנטער און נוצלעכער, מיט דער הילף פון מײַנע באַלעבאַטים וואָלט איך זיך נעענטער באַקאַנט מיט די אײַנוווינער פונעם יִשעוו. איך ווייס, אַז אין די שטעטלעך איז ניט שווער צו קריגן אַ פרײַען צימער, די יוגנט ציט זיך פונדאַנען אין די גרויסע שטעט, און דו ווערסט אין פיל הײַזער טרעפן נאָר אַן אַלט פאָרפאָלק.

אָט זיצט אויף אַ בענקל בײַ אַ טויער אַ באַיאָרטער מאַן, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ רונד געגאָלט פּאָנעם, די אויגן — פריילעכע, אויפמערקזאַמע.

— רוט זיך אָפּ אַ ווײַלע, — לייגט ער מיר פאָר.

איך באַנוץ זיך מיט זײַן גאַסטפרײַנטלעכקײַט.

די גאַס איז אַספאַלטירט, נאָר בײַ די זײַטן זײַנען די פאַרקנס באַוואַקסן מיט ווילדגראָז, עס פּאַשעט זיך אַ געפּענטעט פערד.

איך פרעג באַם אַלטן אויפן הײַמישן דיִאַלעקט:

— ווי לאַנג פרייט איר זיך דאָ?

— א געבאָרענער הי.

— און ווו האָט איר געאַרבעט?

— אליין בין איך א שוסטער, — מעסט ער מיך דערבײַ אָפּ מיט די פּריילעכע אויגן פון אויבן ביז אראָפּ. — ווי איך זע, מאַכט עס אָף אײַך א שטאַרקן אײַנדרוק, איז טושויעט זיך ניט אזוי, איר קאָנט מיט מיר ריידן, ווי מיט א פּאָשעטן מענטשן. עפּשער שטאַמט איר אויך פון אונדזערע מעקוימעס?

— ניין, — ענטפער איך, — אליין בין איך א מינסקער, איך בין דאָ אין קאָמאַנדירונג.

פונעם אַנטקעגנדיקן הויף גייט ארויס אן עלטערער מאַן, אויך א ברייטפּלייציקער, מיט א גראָווער שעוועליורע, וואָס זעט אויס ווי א דעכעלע איבערן קאָפּ. ער דערנעענטערט זיך צו אונדז, דערלאַנגט מיר א האַנט און שטעלט זיך פאָר:

— ליאָווע.

לעבאַטכילע קלינגט עס מיר גאַנץ מאָדנע: וואָס עפּעס ליאָווע און ניט לייב אָדער לייבע, ווי ס׳וואָלט מער געפּאַסט אָף דער עלטער? שפּעטער דערוויס איך זיך, אַז אלע עלטערע לײַט רופט מען דאָ פאַרצויגן, ווי זיי האָבן געהייסן אין דער קינדהײַט אָדער אין דער יוגנט. קאָנטיק, אזוי גייט עס שוין לויט דער געוווינטשאַפט.

— אויב איר פרעגט, ווי לאַנג לעב איך דאָ, איז ניט אַנדערש, ווי עמעצער פונדאַנען אינטערעסירט אײַך? — ווענדט זיך צו מיר דער שוסטער.

— פאַרשטייט זיך, — ענטפער איך. — גלאַט אזוי וואָלט איך ניט געפרעגט. בא אײַך האָט דאָ אמאָל געלעבט א לערער פריימאַן.

איצט מישט זיך שוין אַרײַן דער ייִד מיט דער ווײַסער באָרד:

— הײַנט פרייט ער זיך אין קאַלינקאָוויטשי.

— הערט א מײַסע, — וווּנדער איך זיך, — איך פאָר דאָך פונדאַרטן, פינף טעג האָב איך פאַרבראַכט אין קאַלינקאָוויטשי. ווען איך וויס, וואָלט איך צו אים ארײַנגעגאַנגען. א שאָד!

— מישע, בא דיר איז דאָך ערגעץ פאַראַן זײַן אדרעס, — ווענדט זיך ליאָווע צום שוסטער.

— וואָסי, איר קלײַבט זיך ווידער פאָרן אהין? — פרעגט מיך מיכל.

— ספּעציעל ניט, סײַדן עס וועט אויסקומען נאָכאַמאָל דאָרט זײַן.

— דאַרפט איר ניט קיין אדרעס. יעדערער וועט אײַך אָנווײַזן, ווו עס וווינט דער לערער פריימאַן.

— בא אים האָט זיך דערצויגן א ייִנגעלע פון קינדערהיים, — דערמאָן איך זיי.

— אָר־וואָ, מיטן קינד איז א גאַנצע היסטאָריע. מיט א יאָר צען צוריק האָט זיך אָפּגע־זוכט זײַן מוטער. ס׳איז פאַרגעקומען אזא רירנדיקע באַגעגעניש, וואָס נאָר אין טעאַטער קאָן עס טרעפן, — דערציילט מיר ליאָווע.

— און די לערערקע אלטשולער? — פרעג איך.

— זי וווינט אין קאַזאַכסטאַן, געוועזן אהינצו עוואַקויִרט, כאַסענע געהאַט מיט אן אוזבעק, ער איז דער פאַרזיצער פון א קאָלווירט. זיי האָבן שוין גרויסע קינדער. אָבער, אויב ס׳איז ניט קיין סאָד, פונוואַנען קענט איר דאָס פריימאַנען און אלטשולער?

— פאַר דער מילכאָמע בין איך דאָ געוועזן אין קאָמאַנדירונג, האָבן זיי זיך מיר פאַרגע־דענקט.

— א שטאַרקער זיקאָרן בא אײַך, — מאַכט מיר מיכל א קאָמפּלימענט.

עס גייט פאַרבײַ א הויכע פרוי, אליין איז זי א דאַרע, און הויזן טראָגט זי ברייטע. איך באַמערק, אַז זי סטאַרעט זיך אומיסטן אויסמײַדן אונדזער קאָמפּאַניע, אָבער מיכל פאַרהאַלט זי.

— ראַכילקע, — זאָגט ער צו איר, — אין די אוראַלטע צײַטן איז געוועזן פאַרשפּרייט א מאָדנע געוווינשאַפט: ווען מע האָט געטראָפן אָף באַקאַנטע, פלעגט מען זיך גריסן.

זי גיט זיך א קער צו אונדז אָף נײַנציק גראַדוס און זאָגט מיט א הילכיקער זאַפּטיקער שטים:

— שוין זשע פאַרשטייט איר ניט, אז איך גריס זיך ניט מיט אײַך אומיסטן?

— אויב אזוי, בין איך נײַגעריק צו וויסן, מיט וואָס האָב איך עס פאַר דיר זיך פאַרזינ־דיקט?

— די זעלבע פראַגע האָב איך באַדאַרפט אײַך שטעלן. שוין א לאַנגע צײַט, אַז אין דאָרף, ווו איר אַרבעט, קריגט איר ביליק רינדנפלייש און איר באַזאָרגט מיט דעם אלע פרײַנט און באַקאַנטע. און וויפל איך בעט אײַך, איר זאָלט מיך אויך האַבן אין זינען, איז עס ווי צו דער וואַנט.

— נו, דאָס ביסטו שוין געוויס ניט גערעכט, — פאַרענטפערט זיך מיכל, — האָסט א גרויסן טאָעס. אלע מאָל, ווען איך עס פלייש, האָב איך דיך אין זינען.

— אײַ, ניטאָ וואָס צו ריידן, — באַשטימט ראָכל, זי גיט זיך אַ קער אָפּ און גייט ווײַטער.

זע איך שוין, אַז מיכל געהערט צו די לײַט, וואָס אַ פינגער אין מויל ווערסטו אים ניט אַרײַנלייגן, ער קאָן נאָך אָפּבײַסן.

— ווער זײַנט איר? — פרעגט ער מיך.

— איך בין אַ שרײַבער, געקומען אין אַ שפּעפערישער קאָמאַנדירונג.

מיכל, וואָס איז ביז איצט געווען פּאַסיוו, ווערט פּלוצעם אופגעלעבט:

— אויב אַזוי, האָב איך פאַר אײַך אַ פּרעכטיקע ווינונג. אָט זעט איר דאָס אַנטקעגנדיקע הויז? ציילט פון אים אָפּ דרײַ שטיבער און אין דער פערטער גייט אַרײַן. דאָרטן לעבט אַבראַשע דער שמיד. ער פאַרנעמט איינער אַליין אַ גרויסע דירע פון פיר צימערן, אַפן הויף איז בײַ אים אַ גאַניידן. ווי איר וועט זיך נאָר פאַרשטעלן פאַר אים, אַז איר זײַנט אַ שרײַבער, וועט ער אײַך גלײַך צוכאַפּן, ווי אַ קאָנפעט. האַ, ווי זאָגסטו, ליאָווע?

— יאָ, יאָ, — באַשטעטיקט יענער, — דאָרטן וועט אײַך טאַקע זײַן גוט.

— אַ קלייניקײַט, אַ שרײַבער!

און מיכל דערציילט אַ שיינע געשיכטע, ווי אַזוי אַפן פּראָנט אין אַ שאָ פון שטילשטאַנד האָט ער באַמערקט, ווי אַ גענעראַל לייענט אין אַ בלינדאַזש שאָלעם־אַלייכעמס אַ בוך אין רוסיש. דערזעענדיק מיכלען, טוט דער גענעראַל אים אַ פרעג, צי האָט ער געלייענט שאָלעם־אַלייכעמען אין ייִדיש. „ווי זשע, — האָט אים געענטפערט מיכל, — אַלע זײַנע ווערק געלייענט. אין ייִדיש באַקומט זיך עס נאָך מער שפּיציקער“. און צוליב שאָלעם־אַלייכעמס זכות האָט אים דער גענעראַל פאַרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס. פון דעמלט אָן פלעגט ער זיך גריסן מיט מיכלען און בײַ אַ געלעגנהײַט זיך איבערוואַרפן מיט אים מיט אַ פּאָר ווערטער. די סאָלדאַטן האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, מיט וואָס האָט מיכל אַזוי נויסע כיין געווען בײַם גענעראַל.

— אָט וואָס אַ שרײַבער הייסט! — רעזומירט ער.

עס עפנט זיך דאָס טירל פונעם טויער, און עס באַווײַזט זיך אַ ייִדענע. די האָר גראָווע, קורץ געשוירן.

— אין שטוב איז קיין קאַפּ מילך ניטאָ, — וואַרפט זי זיך אָרוף אָף מיכלען, — ס׳וועט ניט זײַן מיט וואָס פאַר אַליקן די קאַשע פאַרווײַסן, און ער האַלט אין איין באַלאַהורען.

— שוין גיי איך, — כאַפּט זיך מיכל, און מיר פאַרזאָגט ער: — איר זאָלט אומבאַדינגט אַרײַנגיין צו אַבראַשען. איר הערט, וואָס מע זאָגט אײַך?

— אוי, מע קאָן פון אים כאַלעשן, — טײַנעט ווײַטער די ייִדענע און פאַרקרימט זיך. איך טו אַ טראַכט, אַז ווען מע פאָטאָגראַפירט זי אָפּ מיט אַזאַ מינע, וואָלט די פּאָטאָ געפּאַסט אַלס אַ רעקלאַמע פאַר אַ קראַם, ווו מע פאַרקויפט עסיק.

איך הייב זיך אוף.

— אָף ווידערזען! — זאָג איך צו דער קאָמפּאַניע, און כ׳לאָז זיך גיין צו אַבראַשען.

דאָס פערד צופּט שוין ניט דאָס גראָז. עס שטייט בײַם פּאַרקן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי עס וואָלט געוואַרט, אַז עמעץ זאָל צוגיין.

און אָט איז דאָס הויז, וואָס מע האָט מיר אָנגעוויזן. איך עפן דאָס טויערל און פאַל אַרײַן גלײַך אין אַ סאָד. די ביימער — ווּקסיקע, נאָר פּייִרעס אָף זיי גיט איבעריקס, אַ יאָר אַזאַ, ניטאָ קיין גערעטעניש אָף פּרוכטן. ווי אומעטום אָף פּאָלעסיע, זײַנען דאָ די פּרוכט־ביימער מאַמעש גיגאַנטישע, ווי הונדערטיאָריקע דעמבן: אַ סימען, אַז דער באָדן איז אַ גוטער.

ס׳באַמערקט זיך, אַז סײַ אין גאָרטן, סײַ אין הויף הערשט דאָ אַ מוסטער־אָרדענונג. די קווייטן, צוגעבונדענע צו שטעקעלעך, ציִען זיך שלאַנק אינדערהייך. אַזוי זעען אויך אויס די פּאָמידאָרן־קוסטעס. די סאָלנעטשניקעס שטייען אין שטרענגע רייען.

בײַם ראַנד פונעם הויף — אַ ספּעציִעל אָפּגעזונדערט אָרט פאַר אוליעס. דאָרט שפּאַנען אַרום אַ דרײַ צענדליק ווײַסינקע הינדעלעך, שוין גאַנץ היפּשע, נאָר זיי פּישטשען נאָך, ווי אייפעלעך. אַ ביסעלע ווײַטער גייט אַרום אַ שוואַרץ־ברוינער האָן אין אַרומרינגלונג פון ווײַסע פוכקע הינער. פאַרטאָן אין זייערע אייזאָקים, האַלטן זיי זיך אָפּגעטיילט פונעם קליינוואַרג.

הינטערן סאָד, אָף יענער זײַט פּאַרקן, וואַקסן הויכע ברייטע בערעזעס. דאָרט אייסעקן זיך די סאָראָקעס. ווײַסע, מיט שוואַרצע פליגלען, זעען זיי אויס ווי פּרויען אין פּאַטשיילעס, זיי קוקן גנייוויש אָף דער הינער־שטײַג, ווײַזט אויס, אַז פון צײַט צו צײַט גיט זיך זיי אײַן עפּעס אַ לאַקכן טאָן פונדאָרטן.

איך פּאַרקערעווע צו דער ווערענדע און דערזע אַ הויכן מאַן אין ברילן, אַפן פּאָנעם אַ ווייכער שמייכל. ס׳פּילט זיך, אַז דער מענטש איז אַ גוטמוטיקער און צוגעלאָזטער.

— אַנטשולדיקט, — ווענדע איך זיך צו אים, — מע האָט מיר געזאָגט, אַז בײַ אײַך קאָן מען קריגן אַ ווינונג אָף אַ קורצער צײַט.

לויט דעם, ווי ער האָט צענומען די הענט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פאַר אים אומגעריכט, ניט אַזוי אָפּט קומט מען צו אים מיט אַזעלכע ביטעס.

— וואָסי, איר האָט דאָ ניט ווו אָפּשטעלן זיך?

— איך קען דאָ קיינעם ניט.

און דאָ דערזע איך אָף דער ווערענדע אַ גרויסן סיבירער קאָטער, אָן אַן עק. ווען ער האָט דערצו לענגערע אויערן, וואָלט איך אים אופגענומען פאַר אַ קראָליק. לויט דעם, ווי ער שפּאַנט גאַדלעסדיק און מעיוכעסדיק, פּילט זיך, אַז ער איז דאָ אַ גאַנצער מעיוכעס, און טאַקע, דערזעענדיק דעם קאָטער, עפּנט אים גלײַך דער באַלעבאָס די טיר און לאָזט אים אַרײַן אין פּאַדערצימער.

— די זאַך איז אַזוי, מײַן פרײַנט, — ענטפערט ער מיר, — איך לעב אײנער אַלײן, אָן אַ באַלעבאָסטע, ווערט דאָ אײַך זײַן ניט אַזוי באַקוועם. אין אַכסאַניע וואָלט געווען בעסער.

ער קווענקלט זיך:

— איר זײַנט אַהער אָנגעפאָרן גלאַט אַזוי, צי אין אַ קאָמאַנדירונג?

און דאָ געפין איך דעם פּאַסיקן מאָמענט אָפּצורעקאָמענדירן זיך אַלס אַ שרײַבער, ווערט ער דאָך געוויס ניט אָפּזאָגן, ווי עס האָט מיך פאַרזיכערט דער שוסטער.

אָבער ווי נאָר ער האָט דערהערט, ווער איך בין, האָט זײַן פּאָנעם טײקעף באַקומען אַן ערנסטן אויסזען.

— אַנטשולדיקט, ביטאָ בא מיר קײן פּרײַ אָרט, — האָט ער מיר שטרענג געמאָלדן, — גײט אײַך געזונטערהייט אין אַכסאַניע!

הייב איך אים אָן אײַנריידן:

— איך וועל אײַך אַבסאָליוט ניט דערקוטשען, כ׳וועל נאָר איבערנעכטיקן.

— מע ווייסט, מע ווייסט די קונצן, — ענטפערט ער שוין מיט גרימצאָרן, — אַזוי, אַז סטאַר־רעט זיך ניט אומזיסט. ווען איר גיט מיר הונדערט רובל אַ מעסלעס, וואָלט איך אײַך אויך ניט אַרײַנגעלאָזט.

פאַרשטײ איך שוין, אַז דער שוסטער האָט מיר אָפּגעטאָן עפּעס אַ שפּיצל, ניט אַנדערש, ווי ער האָט בעקיוון מיך אַהער געשיקט, ווויסנדיק, אַז אַזוי וועט זיך ענדיקן. נאָר פאַרוואָס באַציט זיך אוראָם מיט אַזאַ ביטל צו שרײַבער?

— וואָס האָט איר זיך אַזוי אופגערעגט, ווען איר האָט זיך דערוווּסט, מיט וואָס איך פאַר־נעם זיך?

— פרעגט וועגן דעם בא די, וואָס האָבן אײַך אַהער געשיקט.

אָף דעם האָט זיך געענדיקט מײַן פרווו אײַנצואָרדענען זיך אָף אַ פּריוואַטער דירע. איך בין גלײַך אוועק אין האָטעל, און דאָרט האָט זיך טאַקע געפונען פאַר מיר אַ פרײַער צימער.

אָף מאָרגן בין איך אופגעשטאַנען נאָך פריער פון די פייגל. דאָס איז געזאָגט געוואָרן ניט צוליב אַ שײן וואָרט: ווי נאָר עס הייבט דאָ אָן שאַרײַען אָף טאָג, באַלאַגערן זײ סטײַעס־ווײַז די הייכן און פּלײַען זיך שפּײַזן צו די שניט־פעלדער, סטײַע נאָך סטײַע טראָגן זײ זיך מיט ראַש און געפּילדער, מאַמעש דער הימל ווערט פון זײ שוואַרץ.

דאַכט זיך, אַזוי פרי, נאָר באַם וואָקזאַל שטײען שוין די פּאַרקיפּערנס מיט אויבס. כאָטש האַיאָר איז ניט קײן גרויסע געראַטעניש אָף פּרוכטן, פּילט זיך עס ניט. און נאָך באַמערקט זיך: דאָ, אין טיף פּאַלעסיע, זײַנען די עפּל און באַרן מער זאַפטיק און מער באַטאַמט, אײדער אין אַנדערע ערטער.

איך גײ צוריק אין האָטעל מיט אַ פולן קויש עפּל און באַרן. אַנטקעגן שפּאַנט אַ שוואַרצ־ כײַנעוודיקע עלטערע פרוי מיט אַ קאָשעק פרישע, מאַמעש לעבעדיקע שלײַענס. די פרוי איז אַ קורצע, אַ געזעצטע, דאָס פּאָנעם — אַ רונדס, די אויגן — פרײַנטלעך געשטימט.

— פונוואַנען איז עס צו אונדז אַזאַ אָנגעפּאָרן זשעדנער גאַסט, וואָס לויפט פאַרטאָג מיט אַ לאַמטערן אײַנקויפן פּרוכטן?

— פון מינסק, — ענטפער איך.

— אַזאַ דויכעק אָף אויבס איז דאָרטן?

— דאָ איז ביליקער.

— אָט דאָס הייסט בא אײַך ביליק? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אין אָט דער צײַט זאָל קאָסטן פופציק קאָפּעקעס אַ קילאָ באַרן? צען קאָפּעקעס איז די העכסטע פרײַז אָף זײ אין סאָף אויגוסט... מײלע, זאָגט מיר, ווו האַלט איר דאָ קוואַרטיר?

— אין האָטעל.

— וועט אײַך אויסקומען וואַרטן אַ פּאָר שאָ, ביזוואַנען עס וועט זיך עפענען די קאַפע. איז עפשער וואָלט איר זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אונדז אַף אַ גלעזל טיי?

— אַ דאַנק, איך בין ניט געוווינט פרישטיקן אַזוי פרי.

— איז קומט צו אונדז אַרײַן באַטאָג. אינטערעסאַנט דורכצושמועסן זיך מיט אַ פרישן מענטשן. מיר, די היגע, האָבן שוין איינער דעם צווייטן די אויגן אויסגעמאַליעוועט. וועגן אַלץ הונדערט מאָל איבערגערעדט. דאָ קאָן מען אַמאָל טרעפן אָנגעפאַרענע פון האָמעל, פון באָברויסק, פון לענינגראַד, פון מינסק, אָבער זעלטן. ווּעלן מיר זײַן צופרידן זען אײַך בא אונדז אין שטוב. איר וועט פרעגן, ווו ווינט רווין מעלאַמעד, וועט אײַך יעדערער אָנווײַזן.

איך האָב זיך גערן באַנוצט מיט איר גאַסטפרײַנטלעכקײַט.

דערלײַדיקט מײַנע איניאַנים אין דער היגער רעדאַקציע און אין אַנדערע אַנשטאַלטן, בין איך אַוועק לויט דער אײַנלאַדונג.

דאָס פאַרפאָלק האָב איך געטראָפן אַפן הויף, אַף אַ בענקעלע, בא אַ טיש, צווישן די געדיכטע קוסטעס זשאַרזשינעס, וואָס האַלטן אין רעכטן בלײַען. דער באַלעבאָס איז אויך אַזאַ קורצער און געזעצטער, ווי זײַן פרוי. ביידע זײַנען זיי פאַרנומען מיט אַ וויכטיקער אַרבעט: ער שנײַדט עפּל אַף טיילעכלעך, וואָס זעען אויס ווי רעדעלעך, און זי מיט אַן אָל ציט אַרויף די דאַלקעס אַף אַ שנירל.

אַפן טיש זײַנען שוין געלעגן עטלעכע פאַרטיקע קרענץ, אַ סאַך אַזעלכע זײַנען שוין געהאַנגען אַף דער וואַנט.

סײַ אין הויף, סײַ אין גאָרטן איז דאָ נאָך אַ גרעסערע אָרדענונג, ווי בא אוראָם דעם שמיד, פון וועלכן איך האָב געהאַט דעם שיינעם קאַבאַלעס־פּאַנעם. דאָס עצעם הויז, וואָס געפינט זיך טיף אין הויף, זעט אויס, ווי אַן אַלטע זקיינע, הײַנטמאָדיש געקליידט. קאָנטיק, אַז עס איז אַ יערושע פון אַן עלטערזיידן, מאַכמעס ס'איז שוין אַ ביסל אײַנגעזונקען אין דער ערד, נאָר די ווענט זײַנען אָפּגעשאַליעוועט און דער דאַך איז באַדעקט מיט נײַעם בלעך.

דער באַלעבאָס איז שוין קאָרעוו צו שמונים, און כאָטש ער זעט אויס פעסט, איז ער שוין געבויגן, און די באַוועגונגען זײַנען בא אים פאַרלאַנגזאַמט.

— ניטאָ שוין קיין קויכעס, — קלאָגט ער זיך פאַר מיר.

— כע, געפונען מיט וואָס אָנצוהייבן אַ שמועס, — באַמערקט די פרוי.

— אַף דעם איז פאַראַן אַ רוסיש גלײַכווערטל, — באַמערקט ער, — יעדערער שרײַט וועגן דעם, וואָס אים טוט וויי.

אַף וויפל אין דעם פּראַט קאָן איך אים העלפן נאָר מיט אַ קרעכץ, שליס איך איבער דעם שמועס:

— איר זײַנט דאָ אַ געבוירענער?

— איך שטאַם פון סלאָוועשנע, דאָרט בין איך געבאָרן געוואָרן און פאַרבראַכט די קינדהײַט.

דערהערט דעם נאָמען פונעם שטעטל, ווער איך שטאַרק פאַרינטערעסירט:

— פון וואָסער סלאָוועשנע זײַנט איר? פאַראַן צוויי סלאָוועשנעס: איינע אין ווײַסרוסלאַנד, בא אַ צוואַנציק קילאָמעטער פון יעלסק, די צווייטע — אַף אוקראַיִנע, הינטער אָווורוטש...

— זעט, פונוואַנען ווייסט איר עס אַזוי? ניט אַנדערש, ווי איר זײַנט אויסגעפאָרן אַ וועלט.

— אַ פּאַשעטע זאַך, — טראָגט אַרײַן אַ קלאָרקײַט די פרוי, — זיי ווייסן עס פון געאָגראַפיע.

— איצט זאָגט מיר, וואָס איז אײַך דער אונטערשייד, פון וואָסער סלאָוועשנע איך שטאַם?

— דאָס וועט איר זיך פון מיר נאָכדעם דערוויסן.

— נו, און אויב איך שטאַם פון סלאָוועשנע הינטער אָווורוטש, אָרדנט עס אײַך אײַן?

— אָט דאָס טאַקע האָב איך געוואָלט פון אײַך הערן. אויב אַזוי, האָט איר באַדאַרפט קענען דעם יידישן שרײַבער איציק קיפּניס.

דער אַלטער ווערט אויפגעלעבט:

— איך האָב געאַרבעט בא זײַן טאַטן אין האַרבאַרניע. נו, און פונוואַנען ווייסט איר קיפּניסן?

— איך האָב געלייענט זײַנע ווערק.

— זעט, ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן, אַז פון אים וועט אַרויס אַזאַ באַוווסטער שרײַבער? איך האָב אים געקענט פון דער קינדהײַט. אין 1919, נאָכן פּאָגראָם, בין איך אַוועקגעפאָרן פונדאָרטן, און מער איז מיר שוין ניט אויסגעקומען צו זײַן אין סלאָוועשנע. דעם עמעס זאָגנדיק, בין איך קיינמאָל ניט געווען פאַרטאָן אין די ביכער. האָב איך ערשט ניט לאַנג זיך דערוווּסט, אַז איציק איז געוואָרן אַ שרײַבער...

— דערפֿאַר אָבער קאָן מען דיך איצט פֿונעם טעלעוויזאָר ניט אָפּרײַסן, — מישט זיך אַרײַן דאָס ווײַב. — טאָג און נאַכט וואָלט ער געקוקט...

— טאָג און נאַכט, — קרימט ער זי איבער גוטמוטיק. — א רגע לאָזט זי ניט זיצן פֿרײַ: טו דאָס, טו יענץ. איר זעט, — ווײַזט ער אַף דער שטוב, — אַליין געשאַליעוועט, אַליין אָפּגע־פֿאַרבט, און דעם קעלער אַליין אויסגעבויט, אַלץ מיט די אייגענע הענט.

— איז וואָס טאַקע האָט איר צו אים? — נעם איך זיך אָן זײַן קריוודע.

— וואָס ריכטיק, איז ריכטיק, אָבער ער האָט אין זיך א כאַלאַס. ווען ער ענדיקט אַן אַרבעט, פֿרעגט ער בא מיר: „נו, וואָס זאָל איך דיר נאָך טאָן?". איר פֿאַרשטייט? ער טוט עס פֿונמײַנעטוועגן! און דאָס, וואָס איך טאָן צווינג אים טאָן צוביסלעך, שאַט ניט. די דאָקטוירים הייסן אַזוי באַגיין זיך מיט אים. ביז א צײַט האָט ער געהאַלטן זיך בא מיר מאַלאַדצעוואַטע, איר וואָלט אים בעשום־אויפֿן ניט געגעבן זײַנע יאָרן. נאָר זינט אומבאַקאַנטע האָבן אים גענומען רופֿן „דיעדושקאַ", האָט אים גלײַך גענומען ברעכן די פּלייצע און שטעכן אין א זײַט. און ווען ער טוט גאַרניש, טראַכט ער נאָר וועגן די ווייטעקן.

— טראַכט יאָ, טראַכט ניט, זיי גיבן בעמיילע צו וויסן.

— אָבער ביסט דאָך אַראָפּ פֿון דערעך, — דערמאָנט זי אים, — האָסט אָנגעהויבן דער־ציילן וועגן דײַן בען־איר...

— איר זעט, — ווענדט ער זיך צו מיר, — אַליין אַראָפּגעשלאָגן מיך פֿון די פּאַנטעליקעס, און איך בין דער שולדיקער, און אַזוי שטענדיק. איז יאָ, הייסט עס, אַף וויפֿל איך האָב ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין ביכער, האָב איך אַפֿילע ניט געוווּסט, אַז איציק איז געוואָרן א שרײַבער. נאָר דאָ בא אונדז, אין זשיטקאָוויטשי, איז דאָ א גרויסער קענער פֿון ליטעראַטור, דער בוכהאַלטער יאַשע עפּשטיין. דעם „סאָוועטיש היימלאַנד" לייענט ער, ווי א וואַסער, און קלײַבט זיך גוט פֿאַנאַנדער, וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָרט. האָט ער אויסגעפֿונען, אַז קיפֿניס האָט מיך באַשריבן אין זײַנעם א בוך, און טאַקע פֿון יאַשען האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איציק איז געוואָרן א שרײַבער. מע דערציילט, אַז זײַנע ביכער זײַנען איבערגעזעצט אין רוסיש און אַף אוקראַיִניש. קיין נאָענטע קאָווײרים זײַנען מיר מיט אים ניט געווען, אין דער קינדהײַט איז ער שוין געווען פֿאַרטאָן אין די ביכער און פּלעגט זיך קאָמפּאַנירן מיט מער געלערנטע כעווערע. ער האָט געהערט צו די צאַרבאַלעכאַזימניקעס, קיין פֿלייש פּלעגט ער אין מויל ניט נעמען. ער האָט פּרי כאַסענע געהאַט און זיך אָפּגעטיילט פֿון די עלטערן. געאַרבעט האָט ער בא זײַן טאַטנס א פֿעטער, וואָס האָט אויך פֿאַרמאָגט א האַרבאַרניע. איציק האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן, ווען מע באַאַוולט א מענטשן. איך געדענק עס אַלץ, פּונקט ווי הײַנט וואָלט עס פֿאָרגעקומען. זײַן ווײַב האָט געהייסן בוזיק. א צאַרטע אַזאַ, א פֿײַנע און א שטילע, ווי א טויב, און ער אַליין איז אויך געווען א גאַנץ אָנגעזעענער יונג. ס'האָט מיט אים געקאָכט דאָס שטעטל, ער פּלעגט אַרויסטרעטן מיט רעדעס אַף די פֿאַרזאַמלונגען, אַרומטראָגן זיך מיט די יונגען. נאָר ווער האָט געקאָנט טראַכטן, אַז ער וועט ווערן אַזאַ באַוווּסטער? זאָגט מיר, אײַך איז אויסגעקומען זיך זען מיט אים ווען־ניט־איז?

— צום באַדויערן, ניט. נאָר מיר פֿלעגן זיך מיט אים דורכשרײַבן. בא מיר פֿאַרהיטן זיך זײַנע בריוו.

— וואָס זשע פֿאַר א שײַכעס האָט איר צו אים געהאַט, וואָס איר פֿלעגט זיך מיט אים דורכשרײַבן? עפּשער זײַנט איר עפּעס א קאָרעוו זײַנער?

— וואָס פֿאַרשטייסטו ניט, — מישט זיך אַרײַן דאָס ווײַב, — זיי זײַנען אויך א שרײַבער.

ער לייגט אַוועק דעם מעסער, רוקט פֿון זיך אָפּ דעם קאַשעק מיט די עפּל, ווערט ערנסט און מער אָנגעשטרענגט:

— זײַנט איר, הייסט עס, געקומען אונדז באַשרײַבן?

איך באַרויִק אים. דאָס ווײַב קוקט אַף אים און לאַכט:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעפּאַלאַכעט, ווי די ווילדע ענטעלעך בא דער אָזערע, ווען זיי דערזעען א יעגער? דאַרפֿסט שוין זײַן געוווינט צו אַזוינע זאַכן. קיפֿניס האָט דיך באַשריבן, איז וואָס זשע אַרט דיך, אַז דער כאַווער וועט אויך וועגן דיר ערגעץ אַרײַנזאָגן א פּאָר ווער־טער? גאַרנישט וועט פֿון דיר ניט אָפּקומען. קיין שלעכטס וועלן זיי וועגן דיר ניט שרײַבן, האָסט אַף זיך ניט אַזוינע כאַטאָים. אַזוי, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך.

— ווער שרעקט זיך? וואָס דוכט זיך דיר?

ער נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט, דאָך באַמערקט זיך, אַז ער איז אָנגעשטרענגט.

— ווי פֿילט איר זיך בא אונדז אין אַכסאַניע? — פֿרעגט דאָס ווײַב.

— ניט שלעכט, נאָר בא מיר איז געווען א פּלאַן אײַנאָרדענען זיך אַף א פּריוואַטער דירע, כ'וואָלט זיך געפֿילט מער היימישער, בין איך אַרײַנגעגאַנגען צו איינעם א כאַווער,

וואָס פֿאַרנעמט אַליין אַ גאַנצע שטוב, אָבער ווי נאָר ער האָט דערהערט, אַז איך בין אַ שרײַבער, האָט ער מיך אָפּ דער שוועל ניט אַרופֿגעלאָזט.

זיי קוקן זיך איבער.

— שאַט, באַ וועמען זײַנט איר דאָס געווען? — פֿרעגט זי.

— באַ אַבראַשע דעם שמיד.

— אוי, איך האָב עס טאַקע פֿאַרשטאַנען, — שרײַט זי אויס און צעלאַכט זיך הויך אָפּ אַ קאָל.

— ווי אַזוי האָט איר עס דאַפֿקע צו אים געטראָפֿן? — כידעשט ער זיך.

— מע האָט מיר אָנגעוויזן.

— ניט מישע דער שוסטער?

איצט לאַכן זיי שוין ביידע.

— איך האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זײַן שפּיצל. אײַ, איז דאָס אַ מישענקע! ווי אין דער יוגנט געווען, אַזוי אָפּ דער עלטער פֿאַרבליבן. אָט פֿון וועמען מע דאַרף נעמען אַ בײַשפּיל, הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט ער לעבן מיט אַזאַ כאַראַקטער. איינמאָל ברענגט ער פֿון וואַלד אַ שפּראָצלינג פֿון אַ דעמב און פֿאַרזעצט אים אין סאָד לעבן פֿאַרקן. גייט פֿאַרבײַ דער קאָלווירטישער גערטנער און זאָגט אים: „צי דען ווייסט איר ניט, אַז זײַנע וואָרצלען ברענגען שאָדן די פּרוכט־ביימער? און ביכלאַל, וואָס איז אײַך אײַנגעפֿאַלן אין געדאַנק פֿלאַנצן אַ דעמב לעבן פֿאַרקן". ענטפֿערט אים מישע: „ווען דער דעמב וועט אויס־וואַקסן, וועל איך אים אָפּזעגן, אָוועקפֿירן דעם שטאַם אָפּן קאָמבינאַט און באַשטעלן זיך אַן אָרן, וועט עס הונדערטער יאָרן ניט פֿוילן". — „אָבער אַ דעמב וואַקסט דאָך זייער לאַנגזאַם, — דערווידערט אים דער גערטנער. — ס'וועט ניט איין צענדליק יאָר דורך, ביז פֿון אים וועט ווערן אַ גרויסער בוים". — „איז וואָס? איך האָב ניט קיין צײַט צו וואַרטן?" — ענטפֿערט אים מישע. וועגן זײַנע כאָכמעס קאָן מען אַ גאַנצן בוך אָנשרײַבן, ס'וואָלט זיך באַקומען ניט ער־גער, ווי וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער, אָט זעט איר דאָך, וואָס פֿאַר אַ שפּיצל ער האָט מיט אײַך אָפּגעטאָן.

וויל איך טאַקע וויסן, וואָס עס איז אַזוינס פֿאָרגעקומען מיט אַבראַשען, איבער וואָס ער ציטערט אַזוי פֿאַר שרײַבער.

ענטפֿערט זי:

— אַן אויסגעצייכנטער מענטש, אָט דער אַבראַשע. דאָס איז באַ אים מאַמעש אָנגעשריבן אָפּן פּאָנעם. אַ פֿרײַנטלעכער, אַן ערלעכער און זייער אַ ווילער, נאָר אַז מע פֿירט אים אַרײַן אין כאַס, קאָן ער געבן דעם עמעסן קיילעק.

— פֿאַרוואָס זשע איז ער מיט מיר אַזוי זיך באַגאַנגען?

— ס'איז פֿאַראַן טאַקע אַ סיבע. מיט אַ יאָר זעקס צוריק האָט זיך אין אונדזער ייִשעוו פֿאַיאָוועט עפּעס אַ מאָדנער נעפֿעש: אַ קורצער, מיט אַ ציגן פּענעמל און מיט אַ שעפּעליאָוו לאָשן. ער האָט זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר אַ שרײַבער, זיך אָנגעבעטן צו אַבראַשען אַלס קוואַר־טיראַנט אָפּ אַ קורצער צײַט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיט גאַרנישט ניט דאָקוטשען: עסן וועט ער אין קאַפֿע, אין שטוב וועט מען אים ניט זען און ניט הערן. אַבראַשע נייטיקט זיך ניט אין קוואַרטיר־געצאָלטס, נאָר פֿון ראַכמאָנעס־וועגן האָט ער אים אַרײַנגעלאָזט. פֿון אָנ־פֿאַנג האָט זיך דער קוואַרטיראַנט געהאַלטן טאַקע לײַטיש. אָפּן דריטן טאָג מעלדעט ער אַב־ראַשען, אַז די עסנס אין קאַפֿע קריכן אים אין האַלדז ניט, און אויב דער באַלעבאָס וועט דערלויבן, וועט ער אַראָפּטרעבעווען אַהער דאָס ווײַב, וועט זי אים קאָכן וואַרעמעסן, די פֿלי־טע פֿאַרמאָגט פֿיר גאָרעלקעס, וועט ער זיך נוצן נאָר מיט איינער, און נאָר וואַרמעס וועט דאָס ווײַב קאָכן. נו, מיילע, זאָל זײַן אַזוי. קומט אָבער דאָס ווײַב ניט אַליין, נאָר מיט צוויי קינדער, און אין שטוב איז געוואָרן אַ הו־האַ, אַ טאַראַראַם. מע האָט באַדאַרפֿט זען, ווי דאָס נעבעכל, דער מאַן, הייסט עס, האָט געקאָמאַנדעוועט מיט זײַן פֿרוי: טאָמער דערלאַנגט זי אים ניט אין דער מינוט עפּעס, מאַכט ער גוואַלדן ביזן הימל, און די קינדער טומלען אויך, און אַבראַשעס פֿרוי, אַ ליכטיקן גאַניידן זאָל זי האָבן, אויב ס'איז דאָ אַ יענע־וועלט, איז שוין דאַן געווען געפֿערלעך קראַנק, מיט די לעצטע קויכעס האָט זי געפֿירט די באַלעבאַטישקײַט און האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן דעם טומל. זי האָט, נעבעך, געליטן, מאַכמעס זי האָט פֿאַר־מאָגט אַ גוט האַרץ און זיך געסטאַרעט אַלעמען צופֿרידנשטעלן. דער נעפֿעש זעט, אַז אַלץ פֿירט ער אויס, האָט ער געמאָלדן, אַז איין גאָרעלקע איז אים קנאַפּ, ער דאַרף אַ האַלבע פֿליטע, און ווען זײַן ווײַב איז פֿאַרנומען מיטן קאָכן, זאָל די באַלעבאָסטע צו דער פֿליטע נאָענט ניט צוגיין, מאַכמעס זי שטערט. דאָס האָט שוין אַבראַשען שטאַרק אָנגעווירט, נאָר

א ברייערע האָט מען? גייט דורך א פּאָר טעג, און דער נעפּעש מעלדעט אז ער דאַרף די גאַנצע פּליטע, און אַזויווי דאָ נאָענט לעבט אַבראַשעס טאָכטער מיט איר מישפּאָכע, וועט אַבראַשעס ווײַב אויסקומען בא דער טאָכטער קאָכן, דערבײַ שטעלט ער א פּראַגע: „ניט שוין זשע וועט אײַך די טאָכטער אָפּזאָגן?". דערהערט אַזוינע דיבורים, פרעגט בא אים אַבראַשע: „ווי לאַנג טראַכט איר דאָ פאַרברענגען?" — „ביזן סאָף זומער", — ענטפערט ער. — „איז אָט וואָס, — מעלדעט אים אַבראַשע, — איך גיב אײַך צוויי טעג אָפּ צוזוכן א דירע, מער וועל איך אײַך דאָ קיין מינוט ניט האַלטן". — „ווי וואַגט איר מיט מיר אַזוי ברוטאַל זיך באַגיין? — פאַלט אָף אים אָן דער שרײַבער, — שוין צײַט זיך באַפרײַען פון דער אייגנטימערישער פּסיכאָלאָגיע! איך וועל מאַכן אַזוי, אַז די וועלט וועט וויסן, אַז איר זײַנט א טונעיאַדעץ!" אַבראַשע, דאַרף מען אײַך זאָגן, האָט פון קינדווײַז אָן א גאַנץ לעבן אָפּגעהאָרעוועט בא דער קאָוואַדלע סײַ אין עמטעס, סײַ אין שטייגער־קאָמבינאַט, אָן אויג האָט ער פאַרלאָרן בא דער אַרבעט, אָן אַנגעגליט שפּליטערל האָט אים געטראָפן אונטער דער ברעם...

— אַנטשולדיקט, — שלאָג איך איר איבער, — ער פאַרמאָגט דאָך ביידע אויגן, עפּשער איז דאָס ניט דער אַבראַשע?

— ער. ניט קיין אַנדערער. איין אויג איז בא אים אָן אַרײַנגעשטעלטס. נאָר אַזוי גוט צוגעפּאַסט, אַז מע קאָן עס ניט אונטערשיידן פון דעם עמעסן. נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרלאָרן דאָס אויג, איז ער סײַווי געבליבן בא שמידעריי, געווען א סטאַכאַנאָוועץ, א שלאָגלער פון סאָציאַליסטישער מי. און דאָ געפינט זיך א נעפּעשל, וואָס מאַכט אים פאַר א טונעיאַדעץ, דאָס האָט אים שוין אינגאַנצן אַרויסגעפירט פון געדולד, „פאַרגעדענקט, אַז מער ווי צוויי טעג האַלט איך אײַך ניט דאָ", — האָט ער געוואָרנט דעם קוואַרטיראַנט. האַקלאַל, דעם נעפּעשל איז אויסגעקומען איבערקלײַבן זיך מיט דער מישפּאָכע אין דער אַכסאַניע. ער האָט נאָכדעם ווידער געפּרוווט זיך ערגעץ אײַנאָרדענען, האָט אים קיינער צו זיך ניט געלאָזט. און אַבראַשע האָט פון ראַסטראָיִסטווע באַקומען אָן אינפאַרקט. אָט וואָס עס האָט אים געקאָסט זײַן גאַסטפרײַנטלעכקײַט. איצט פאַרשטייט איר, וואָס פאַר א שפּיצל עס האָט אײַך אָפּגעטאָן מישע דער שוסטער, און פאַרוואָס האָט אַבראַשע ניט געוואָלט אײַך נעמען אין דער דירע?

— זעט, ווי מע דאַרף זײַן פאָרזיכטיק, — זאָג איך. — ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אָף אַזאַ שפּיצל?

— ס'מאַכט ניט אויס, — באַרויִקט מיך רוון, — איר דאַרפט אָף מישען קיין פאַריבל ניט האָבן. בא אים הייסט עס פּאַשעט געשפּאַסט, אָן קיין שום ביזן מיין.

— נו, מיילע, מיט גײַסטיקער שפּײַז האָבן מיר שוין אײַך מעכאַבעד געווען, — זאָגט די באַלעבאָסטע. — איצט בלײַבט אײַך מעכאַבעד זײַן מיט געפילטע שלײַענס. זײַט אַזוי גוט, קומט אַרײַן אין שטוב.

פאַר דער צײַט, וואָס מיר האָבן געשמועסט, האָבן זיך אָפּן טיש באַוויזן זעקס נײַע קראַנצן עפּל־לושטקעס.

— עפּשער וואָלט געווען א פּלאַן, מיר זאָלן דאָ, אָף דער פרײַער לופט, פּראַוון די סודע? — לייגט פאָר דער באַלעבאָס.

די פרוי גייט אָף דעם ניט אײַן:

— וואָסי, אין שטוב איז ווייניק פּלאַץ?

רוון הענגט אָן די קרענץ אָף דער לינקער האַנט און טראָגט זיי אוועק צו דער וואַנט. איך מיט דער פלוינעסטע גייען אין שטוב.

די צימערן זײַנען אויסגעשטאַט מיט פּאָלירט מעבל, אָפּן דיל — טעפּיכער. דאָס פּאַרפּאָלק פאַרנעמט דרײַ צימערן, אויסער דער קיך.

— ווי איך זע, איז דאָ בא אײַך ניט ענג, — זאָג איך דער באַלעבאָסטע.

— ווען איר קומט מיט א וואָך צוריק, וואָלט איר געהאַט אָן אַנדער מיינונג. מיר האָבן דרײַ קינדער מיט מישפּאָכעס, קיין אײַנהאָרע ניט, זיי לעבן אין פאַרשיידענע שטעט, די אייניקלעך פאַרברענגען דאָ דעם גאַנצן זומער, און די קינדער קומען אויך אין אורלויב, ווערט טאַקע ענגלעך.

בא דער סודע גייט דער געשפּרעך וועגן שטייגער־איניאַנים.

— אויב איר ווילט, קאָנט איר זיך צו אונדז איבערקלײַבן, — לייגט מיר פאָר די באַלעבאָסטע.

— א גרויסן דאַנק אײַך, נאָר אָף וויפל איך בין שוין אײַנגעאָרדנט, וועל איך דאָרט פאַרבלײַבן.

באַם געזעגענען זיך זאָג איך צו, אַז איך וועל נאָך צו זיי אַרײַנקומען.

אין אָוונט גיי איך ארויס אַף שפּאַציר.

די מאַכנעס פייגל פליִען שוין צוריק פון די פעלדער, נאָר אַן טומל און אַן געשריי. אינעם ארבעטער־יִשעוו איז ניטאָ ניט קיין פּאַרק, ניט קיין טײַך, שפּאַצירט מען באַם סטאַדיאָן, וווּ ס'איז פאַרפּלאַנצט אַ געדיכט סקווער. אָט גיי איך פאַרבײַ דעם הויז, וווּ נעכטן האָב איך געוואָלט זיך אָפּשטעלן אַף קוואַרטיר. דער באַלעבאָס זיצט אַף אַ בענקעלע באַם טויער. איך מאַך אַן אָנשטעל, אַז איך זע אים ניט, שטעלט ער מיך דאָפּקע אָפּ:

— אַנטשולדיקט, מײַן מעכוטן איז בא אײַך ניט געווען?

— ווער איז אײַער מעכוטן?

— יאַשע עפּשטיין. וואָסי, איר האָט אים ניט געזען? ער זוכט דאָך אײַך איבער דער גאַנצער שטאָט.

פאַרשטיי איך שוין, אַז דאָס איז דער עפּשטיין, וועגן וועלכן רוון האָט מיר דערציילט. וואָלט איך טאַקע זייער געוואָלט מיט אים זיך טרעפן.

— צום באַדויערן, האָב איך אים ניט געזען.

— טאָ זײַט אַזוי גוט, קומט ארײַן אין שטוב, קלינג איך אים אָן. איז ווי ער וועט ניט זײַן פאַרנומען, פסירעט ער אַלץ מיטאַנאַנדער און קומט גלײַך ארײַן. אַף יענער זײַט באַן־ליניע לעבט ער, נאָר ער פאָרט ארום אַף אַ וועלאָסיפּעד. דאָס וואָרט „פסירעט" איז פאַר מיר ניט קיין נײַס. דאָס הייסט — וואַרפן, פאַרלאָזן. דאָ זאָגט מען „פסירעט די ארבעט", „פסירעט דאָס שטעטל", „פסירעט דאָס ווײַב". דאָס דאָזיקע וואָרט האָב איך געהערט אין מאָזיר, אין קאַלינקאָוויטשי, אין רעטשיצע, אין יעלסק און אין אַנדערע ערטער אַף פּאָלעסיע. האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז עס שטאַמט פון סלאַווישן „פּרעסירען", און דאָ איז עס פּאַשעט פאַרפּוילישט.

און אָט בין איך ווידער אין דעם זעלבן הויף, פונוואַנען איך בין נעכטן אוועק אַן אָפּגעגשמיסענער. דער באַלעבאָס לאָדט מיך אײַן אַף דער וועראַנדע. די הינדעלעך זײַנען שוין אין שטעלעכל, פון דאָרטן דערטראָגט זיך זייער פּישטשערײַ. די הינער זעט מען שוין אויך ניט, מער ניט די קאַץ מיטן אָפּגעהאַקטן עק באַלעבאָטעוועט אפן הויף, זי לעקט אַ פּאַפּירל, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט פּוטער. זי לעקט פון אונטן ארויף, און דאָס פּאַפּירל שאַרט זיך אָפּ פון איר אַלץ ווײַטער און ווײַטער. די קאַץ גייט נאָך און זעצט פּאָר איר ארבעט.

הינטערן פּאַרקן סטאַרעט זיך אַ סאָראָקע אַרויסצוזעצן זיך אַפן שפּיץ פון דער סאַמע העכסטער צווײַג, אָבער ווי נאָר זי זעצט זיך אַוועק, גיט זיך די צווײַג אַ וואַקל, די סאָראָקע פאַרלירט דאָס גלײַכגעוויכט, הייבט אָן פּאַטשן מיט די פליגלען און פּרוווט ווידעראַמאָל איבערכאַזערן דעם קונץ, ווי זי וואָלט וועלן דערווײַזן, אַז זי וועט פּאָרט אויספירן אירס, נאָר די צווײַג איז אויך אײַנגעשפּאַרט און וויל בעשום־אויפן ניט דערלאָזן, די סאָראָקע זאָל אויספּילן איר קאַפּריז.

אבראַשע גייט ארויס פון שטוב מיט אַ פּולער וואַזע עפּל און באַרן.

— יאַשע איז ניטאָ אין דער היים, מיסטאָמע זוכט ער אײַך נאָך אַלץ, נאָר זײַן ווײַב האָט געזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך פּאַיאַווען, וועט זי אים גלײַך שיקן אַהער.

ער צערעדט זיך דערווײַל וועגן דעם, אַז די קינדער צעפאָרן זיך געוויינלעך פון זשיטקאָוויטשי:

— די יונגע ציט צו הײַנטיקער טעכניק, צו עלעקטראָניק. ווי נאָר זיי ענדיקן די מיטלשול, פאָרן זיי ווײַטער שטודירן. זיי ענדיקן אַן אינסטיטוט, און — אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע, אַהער קערן זיי זיך שוין ניט אום...

— און ווי קוקן אַף דעם די עלטערן?

— פאַרשטייט זיך, אַז מע וואָלט וועלן, די קינדער זאָלן זײַן דאָ, וווּ עס ציט זיך זייער וואָרצל פון ניט איין דאָר, נאָר טו און מאַך. דאָס לעבן גייט מיט זײַן גאַנג, און בײַקומען דעם דאָזיקן גאַנג איז ניט אַזוי פּאַשעט. איך פּערזענלעך האָב יאָ געפּרוווט זיך דערשלאָגן, אַז מײַנע קינדער זאָלן אײַנפונדעווען זיך דאָ הי, לעבן די עלטערן, וואָרעם וואָס פעלט דאָ? די מאַטעריעלע באַדינגונגען זײַנען נאָך בעסער, איידער אין שטאָט. דער סאָד, דער גאָרטן, די באַלעבאַטישקייט איז ניט קיין קליינע שטיצע, און הויך געבילדעטע לײַט זײַנען דאָ אויך פאַראַן ניט ווייניק, און אין טעלעוויזאָר ווײַזט מען אומעטום דאָס זעלבע, עלע וואָס דען? — טעאַטער. איז קאָוויר איך אײַך, אַז די גרויסשטאָטישע אײַנוווינער באַזוכן אים אויך ניט אַזוי אָפט, און אַהער קומען פון צײַט צו צײַט ארטיסטן אַף גאַסטראָלן. נאָר אויב די שטאָט האָט יאָ אייניקע פאָרצוגן אין פאַרגלײַך מיטן שטעטל, האָט דאָס שטעטל אויך זײַנע מײַלעס. אויסער אַלעמען, האַלט איך, אַז ווען אַ מישפּאָכע־בוים צעצווײַגט זיך אַף איין און דעם זעלבן אָרט, פאַרהיטן זיך בעסער די טראַדיציעס, איז פאַרוואָס דאַרף מען זיך אָפּ־

רײַסן פֿון זיי און אוועקפֿאָרן אין אַ קראַך, ווו ס'איז הו־הא און מע ווייסט ניט, אַף וואָסער וועלט מע איז?

— אַמאָל איז עס ניט געווען אַזוי? — פֿרעג איך.

ענטפֿערט ער:

— ווען? פֿאַר דער רעוואָליוציע? און ווהין האָט מען דאַן געקאָנט פֿאָרן? און אויסער אַלעמען, איז מען דאַן געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פֿון די עלטערן און פֿון זייער ירושה. און דערצו פֿאַרגעסט ניט, אַז ייִדן האָבן אין די גרויסע שטעט ניט געהאַט קיין וווינונגס־רעכט. איצט קאָן מען פֿרײַ פֿאָרן ווהין מע וויל. און אַרבעטער פֿאָדערן זיך אומעטום. אין שטאָט קאָן מען זיך אײַנאָרדענען בעסער, איידער דאָ, פֿאַרט מען. דער אַרויספֿאָר פֿון דער יוגנט אין די שטעט האָט זיך אָנגעהויבן גלײַך נאָך דער רעוואָליוציע, זינט ס'איז געקומען דאָס נײַע לעבן, און איצט זעצט זיך עס פֿאָר. און אויב דיר ווערט זיך אַפֿילו אײַנגעבן אײַנהאַלטן דאָ אונדזערע קינדער, וועסטו די וועלט מיט דעם ניט איבערשטעלן. מײַן פֿרוי איז געווען אָן אָנגעלייענטע, פֿלעגט זי מיר ברענגען דערבײַ אַ מאָשל פֿון טאָלסטאָיס אַ ווערק. „ווען פֿיר רעדער שלעפּן אַ וואָגן פֿאָרויס, וועלן צוויי פֿערד דעם וואָגן צוריק ניט איבערשלעפּן, און דו ווילסט איינער אַליין בײַקומען דעם גאַנג פֿונעם לעבן", — אַזוי פֿלעגט זי טענהן. נאָר איך האָב זי ניט געפֿאָלגט און באַשטימט דערשלאָגן זיך מײַנס. אויסער אַלעמען, האָב איך ניט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן, ווי איך וועל לעבן אָפּגעזונדערט פֿון די קינדער און יאָרנלאַנג זיי ניט זען פֿאַר די אויגן. די קינדער ווערט אויך זײַן בעסער מיט אונדז. און אָט זעט איר דאָס הויז אַף לינקס? לעבט דאָרט די ייִנגערע טאָכטער מיט דער מישפּאָכע. ער איז אַ שאָפֿער אין דער ראַיאָנישער געבראויכס־קאָאָפּעראַציע, זי — אַ פֿאַרקויפֿערן אין מאַגאַזין, וואָס רופֿט זיך „טויזנט קלייניקייטן". און אין יענער שטוב, אַף רעכטס, לעבט די מישפּאָכע פֿון מײַן צווייטער טאָכטער. איז טאַקע ניט שלעכט געווען. אין פֿריידן און אין ליידן — אַלע צוזאַמען. קומט אַ יאָמטעוו, פֿלעגט מען צעשטעלן די טישן — עס זעצט זיך אויס די גאַנצע מישפּאָכע: די טעכטער און די איידעמס מיט די אייניקלעך. אין קולטור־הויז, אין קינאָ־טעאַטער פֿלעגט מען פֿאַרנעמען אַ האַלבע רײ. טשעטשיקס דינאַסטיע האָט עס געהייסן. אין שטעטל איז מען אונדז מעקאַנע געווען, און מע פֿלעגט פּרווון נאָכטאָן אונדזער בײַשפּיל. דאַכט זיך גוט, נאָר דאָס לעבן איז פֿאָרט גרויזער געווען. ס'זײַנען אויסגעוואַקסן די אייניקלעך, זיי האָבן פֿאַרענ־דיקט די מיטלשול, האָט מען פּסירעט דאָס שטעטל... אַף די קינדער האָב איך נאָך געהאַט אַ מאַכט, מײַנס אַ וואָרט איז פֿאַר זיי געווען אַ וואָרט, נאָר אַף די אייניקלעך... אײן אייניקל בלויז איז דאָ פֿאַרבליבן: אַ מיידל, שוין איבער צוואַנציק יאָר אַלט, קלײַבט זי זיך שוין אויך אוועקפֿאָרן. און דאָ האָט אונדז געטראָפֿן איין אומגליק נאָכן צווייטן. פֿאַר די לעצטע דרײַ יאָר האָב איך אָנגעווירן דאָס ווײַב און אַ טאָכטער. ווי איר זעט, פֿאַרנעם איך איצטער איינער אַליין אַ גרויסע שטוב מיט פֿיר כאַדאָרים. פֿלאַץ — איבערגענוג. און איך קאָן זיך קיין אָרט ניט געפֿינען. און אַז דאָס אייניקל וועט אוועקפֿאָרן, וועט אָן איידעם מײַנער אויך בלײַבן איינער אַליין אין אַ גרויסער שטוב. און די צווייטע טאָכטער מיטן מאַן זײַנען אויך פֿאַר־בליבן אין שטעטל אָן די קינדער. אָט וואָס פֿון אונדזער דינאַסטיע איז געוואָרן. און איך האָב געטראַכט, אַז זי וועט זיך פֿאַנאַנדערוואַקסן אַלץ ברייטער. קומט אויס, אַז מײַן פֿרוי, אַ ליכ־טיקע וועלט זאָל זי האָבן, איז טאַקע געווען גערעכט. ענדערן דעם גאַנג פֿונעם לעבן איז ניט אַזוי פּאַשעט, אַפֿילו אין דער אייגענער מישפּאָכע. איך האָף אָבער, אַז דאָס לעבן וועט זיך אײַנגיכן אַ קער טאָן אַזוי, אַז די יוגנט וועט ניט ציִען אין שטאָט. דאַכט זיך, אַז עס גייט שוין צו דעם. און ס'איז אַ סוואָרע, אַז די מערהײַט קליינע שטעטלעך וועלן אײַנגיכן זיך פֿאַרוואַנדלען אין גרויסע שטעט...

בײַ די ווערטער באַווײַזט זיך אַפֿן הויף אַ מיטלוווקסיקער מאַנצבל אין ברילן. ער פֿירט אַ וועלאָסיפּעד. פֿאַרשטיי איך שוין, אַז דאָס איז יאַנקעוו עפּשטיין.

אונדזער געשפּרעך פֿאַרציט זיך ביז שפּעט אין אָוונט. אַבראַשע האָט אײַנגעשלאָסן די שײַן אַף דער ווערענדע. פֿון פֿאָדערשטן צימער דערטראָגט זיך אַ קלינגערײַ פֿונעם טעלעפֿאָן.

— ניט אַנדערש, דאָס באַאומרויִקט זיך שוין מײַן פּלימעניצע, וואָס איך בין לאַנג אין דער היים ניטאָ, — שמייכלט זיך אָן יאַנקעוו.

אַבראַשע גייט צום טעלעפֿאָן, און גלײַך דערהערט זיך זײַן שטים:

— דאָ, דאָ!

— נו, האָב איך ניט געטראָפֿן? — זאָגט יאַנקעוו, — זאָג, אַז באַלד וועל איך קומען.

דאָך אײַלט ער ניט אופֿצוהייבן זיך פֿון אָרט.

— דאָ אין זשיטקאָוויטשי, — דערקלערט ער מיר, — זײַנען פֿאַראַן פֿיל אָנגעזעענע לײַט, מיט וועלכע איך האָט באַדאַרפֿט זיך באַקאַנען.

ער רופֿט מיר אָן דעם אַלטן קאָמוניסט, דעם אַנטיילנעמער פֿונעם בירגערקריג און פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע קאַרל אַדאַמאָוויטש סטאַראָסעלסקי, דעם העלד פֿון סאָציאַליסטישער מי, דעם מעכאַניזאַטאָר פֿונעם קאָלווירט אַף טשאַפּאַיעווס נאָמען אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש טאַטשילאָ, די העלדן פֿון סאָציאַליסטישער מי סטעפּאַנידע איוואַנאָוונאַ מאַרוסעוויטש, דאָס פֿאַרפּאָלק האַניקמאַן — געוועזענע פּראַנטאָוויקעס, וועלכע זײַנען פֿיל מאָל באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאַלן, דעם לערער ניקאָלײַ גריגאָריעוויטש זשאַטערינסקי, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אינעם פּאַראַד פֿון זיג אין 1945 באַם קרעמל, און פֿיל אַנדערע.

צום שלוס זאָגט ער:

— אויב איר וועט זײַן בא מיר אין דער היים, וועט איר זיך באַקאַנען מיט מײַן פֿרוי, דוואָסיע יעווסייעוונאַ הייסט זי. בייס דער מילכאָמע איז זי מיט איר שוועסטער באַסיע, וועלכע וווינט אין פּינסק, געווען סאַניטאַרקעס אין אַ סאַניטאַר־צוג, וואָס פֿלעגט אַרויספֿירן פֿון פֿראָנט די פֿאַרוווּנדעטע. ביז הײַנט באַקומען זיי פֿיל בריוו פֿון די געראַטעוועטע. נו, און פּערזענלעך וועגן מיר איז איבעריקס ניטאָ וואָס צו שרײַבן. אָפֿן פֿראָנט האָט מען מיך, צום באַדויערן, ניט גענומען, מאַכמעס איך בין אַן אינוואַליד. אין עוואַקואַציע בין איך געווען אַ בוכהאַלטער. דאָס גאַנצע לעבן געהאַט צו טאָן נאָר מיט כעזשבוינעס. איין זאַך קאָן איך נאָר צוזאָגן. ווען איך וועל אַוועק אַף פּענסיע, נעם איך אַף זיך דעם כויוו צו ווערן אַ געזעלשאַפֿטלעכער פֿאַרשפּרייטער פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אין זשיטקאָוויטשי, לונינעץ און פּינסק. דאָרט לעבן קרוייוים, און ס'קומט אויס אָפּט צו פֿאָרן אַהין.

יאַנקעוו נעמט דעם וואַליזקעלע, פֿאַרן רודער. מיר ווינטשן דעם וואָלאָסיפּעד א גוטע נאַכט און פֿאַרלאָזן דעם הויף.

אין דרויסן איז קילבלעך. די לעוואָנע קוקט אַרויס פֿון צווישן די צווײַגן. דאָ זעט זי אויס גרויסאַרטיק, נאָר ווען מיר דערנעענטערן זיך צום צענטער, ווערט זי בלאַסער, ביז זי גייט אָפּ אַפֿן הינטערפּלאַן.

יאַנקעוו באַגלייט מיך ביזן האָטעל.

ט ע װ י ע ג ע ן

קלײנע פֿאַרצײכענונגען אין טאָרזשאָק

טאָרזשאָק איז ניט פֿון די שטעט, מיט װעלכע ס׳קלינגט א װעלט. אויב מע האָט א ביסל יאָ געהערט פֿון אים, האָט ער צו פֿאַרדאַנקען דעם קינאָ־פֿילם «Закройщик из Торжка», װוּ עס שפּילט איגאָר אילינסקי. טאָרזשאָק האָט שטיל און באַשײדן זיך אײַנגעמאָסטעט אפֿן פּלאַכן ברעג פֿונעם טײַך טװערצאַ, װעלכער פֿאַלט אַרײַן אין דער װאָלגע.

דער פֿרימאָרגנדיקער אױטאָבוס, מיט װעלכן איך פֿאָר פֿון דער שטאָט קאַלינין קײן טאָרזשאָק, איז פֿול מיט פֿרױען. דער דורכגאַנג צװישן די בענק איז פֿאַרשטעלט מיט קאָלערלײ קאָרבן און קױשן. דער װײַבערשער אױלעם פֿרײט זיך, װאָס עס איז אױסגעפֿאַלן א שײנער טאָג, ס׳װעט, דוכט זיך, ניט רעגענען און מע װעט קענען רויִק קלײַבן שװעמלעך. אין מעשעך פֿון דער צװײשאָיִקער נעסיִע הערט מען זיך אָן אין אױטאָבוס אַזױפֿיל װעגן שװעמלעך, אַז ס׳נעמט דוכטן: א גאַנץ לעבן איז מען נאָר געװאַקסן צװישן גרוזדיקעס, ריזשיקעס, ליסיטשקעס און מאַסליאַטעס.

אַלט־רוסישע דערפֿער — מעדנאָיע, דומאַקאָװאָ, פּאָלוסטאָװאָ שװינדלען פֿאַרבײַ מיט זײערע סאָפּזומערדיקע פּאַרטױקטע לײדיק־געװאָרענע פֿעלדער און לאָנקעס, הינטער װעלכע עס גרינט ביזן סאַמע האָריזאָנט סאָסנע־ און יעלן־װאַלד. דאָ און דאָרט טוט א פֿינקל א קלײנע אָזערע, א נאָמענלאָז טײַכל. יעדעס דאָרף און דערפֿל איז אױסגעצױגן מיטן שנירל הײַזער לענגױס דעם שאָסײ־װעג. געשניצטע קאַרביזן אַף די פֿענצטער, הענדעלעך איבער די פּידאַשקעס פֿון די דעכער, געדעקטע מיט שיפֿער, אָדער דראַנקע. ס׳פֿלאַטערט אַדורך א רױטע פֿאָן אפֿן דאָרפֿראַט... ערגעץ גאָר ניט װײַט פֿונדאַנען ליגט די אָזערע סעליגער.

ס׳דערמאָנט זיך, אַז אין 1941 יאָר, אױך אין אַזא געשאָנקענעם גאָלדענעם האַרבסט־טאָג, האָבן מיר, א מאַכנע מאָסקװער אָפּאָלטשענצעס, געשפּאַנט איבער די דאָזיקע ערטער מיט ביקסן אַף די אַקסלען. פֿאַר יעדעס פּיצל ערד האָט מען זיך דאָ געשלאָגן אַף לעבן און טױט.

נעענטער צו טאָרזשאָק באַװײַזן זיך אין אױטאָבוס נײַע פּענעמער. די מערהײַט פּריִערדיקע פּאַסאַזשירן האָבן אַראָפּגעשטיגן און געלאָזן זיך גײן צום דערבײַיִקן װאַלד. איצט הערט מען שױן אַנדערע געשפּרעכן, עס שמעקט שױן אין אױטאָבוס מיט לעדער. אַלטע און יונגע אַרבעטער פֿאָרן אַף דער שוך־פֿאַבריק.

דער פֿאַסאַד פֿונעם הױפּט־קאָרפּוס פֿון דער אונטערנעמונג שפּיגלט זיך מיט זײַנע גרױסע פֿענצטער אין די גרינבלעכע װאַסערן פֿונעם טײַך טװערצאַ.

דער דירעקטאָר פֿון דער פֿאַבריק איז אין אורלױב, באַם הױפּט־אינזשעניר איז א זיצונג. דער ערשטער מענטש, מיט װעלכן איך באַקען זיך, איז דער אינזשעניר פֿונעם טעכנישן אָפּטײל נינע פּאַװלאָװנע. בײַ איר זײַנען בלױע אױגן, װאָס װאַרטן, דוכט זיך, אַז מע זאָל זײ מיט עפּעס־װאָס פֿאַרכידעשן. נינע האָט מיט א פּאָר יאָר צוריק פֿאַרענדיקט דעם קיִעװער אינסטיטוט פֿאַר לײַכטער אינדוסטריע, און אַף דער פֿאַבריק רעכנט זי זיך שױן צװישן די „אַלטע קאַדרען“. מיט דער גאַנצער געװיסנהאַפֿטיקײַט און טרײַשאַפֿט פֿון א געניטער עקסקורסיע־אָנפֿירערן פֿירט זי מיך, ניט געאײַלט, פֿון אײן צעך אין צװײטן, טײַטלענדיק מיט די דינע פֿינגער אַף די גרױסע פּרעסן, װאָס מע האָט ניט לאַנג צוריק דאָ אײַנגעשטעלט, אפֿן קאָנװײער, אפֿן טראַנספּאָרטיאָר, איבער װעלכן עס באַװעגן זיך די צוגעשניטענע כאָליעװעס. פּריִ־

ער פלעגט מען זײַ אריבערטראָגן מיט די הענט.

אין די צוויי שטאַמפּיר־צעכן רוישט און קלאַפּט. באַמיִענדיק זיך אריבערשרײַען די קלאַפּערײַ, פרעגט זיך נינע נאָך בײַ מיר:

— מיר גייען ניט צו גיך? אַלץ איז פאַרשטענדלעך?

זי דערקלערט, אַז לויט דער מעכאַניזאַציע און אויטאָמאַטיזאַציע שטייט די טאַרזשאָקער פאַבריק אַף איין און דעם זעלבן ניוואָ מיט דער מאָסקווער שוך־פאַבריק „פּאַריזשער קאָמונע“ און מיט דער לענינגראַדער פאַבריק „סקאָראָכאָד“.

— וויפל מע זאָל אונדזער שוכוואַרג ניט טראָגן, — רעזומירט זי, — פאָדערן זײַ זעלטן־ווען א קאַפּיטאַלן רעמאָנט, נאָר א רובטשיקל, א נאַבאַיקע. איר מעגט אין זײַ קלעטערן אַף שטיינערנע בערג, קריכן אין זומפּן און בלאָטעס. מויער־פעסט. זײַ זײַנען אויסגערעכנט אַף אַלע זאַנעס און אַף אַלע וועטערס.

איך קוק ניט אַזויפיל אַף די מאַשינעס, ווי אַף די מענטשן, וואָס שטייען בײַ זיי. אַלטע ארבעטער און יונגע, און אפילו גאָר יונגע, זיבעצן־אכצניאָריקע באָכערים און מיידלעך, נאָרוואָס פון דער האַנטווערקער־שול אָדער פון דער מיטלשול. מע ארבעט אָנגעשטרענגט, פלײַסיק. איך בין א באַלן צוגיין און א רעד טאָן מיט דעם און מיט יענעם, נאָר מעג מען דען אָפּווענדן פאַרנומענע מענטשן מיט זײַטיקע רייד?

— אַף א פּאָר מינוט מעג מען, — דערלויבט נינע.

איך רעד „א פּאָר מינוט“ מיט לידומילע סוכאַריקאָווא און יעוודאָקיִע זשוקאָווא. דערנאָך כאַפּ איך אָן רעגל אכאָס א געשפּרעך מיטן מײַסטער נאָום. א מײַסטער איז ער נאָך א יונגער, דערפאַר איז ער עפּשער צעטראָגן א ביסל מער, ווי מע דאַרף. אים ווײַזט זיך אַלץ אויס, אַז אָן זײַן האַשגאָכע, כאָטשבײַ אין מעשעך פון עטלעכע סעקונדעס, ווערט געשעען אָן אומגליק. איך דערוויס זיך, אַז דאָ גופא, אַף דער פאַבריק, ארבעט אויך זײַן פרוי. זי איז א טעכנאָלאָג.

— קומט ארײַן אין אָוונט, — טוט ער מיר א דריק די האַנט און גייט אוועק צו זײַן באַצירק.

צום סאָף פון דער וואָכטע האָט אָנגעהויבן גיסן א רעגן, און אייניקע ארבעטער האָבן באַשלאָסן איבערוואַרטן דעם רעגן אינעם צימער פונעם קאַדרען־אָפּטייל. דאָ איז געוואָרן געפּאַקט. איך בין אויך אהער ארײַן, און אין א ווײַלע ארום האָב איך פאַרשטאַנען, מיט וואָס דער דאָזיקער צימער ציט צו מער פון די אַנדערע צימערן אין דער געבײַדע פון דער פאַבריק־דירעקציע. די פאַרוואַלטערין מיטן קאַדרען־אָפּטייל ראַיִסע מיכײַלאָוונע געפינט פאַר יעדן באַזונדער א לעבעדיק וואָרט. ס'איז גלײַך צו זען, אַז די יעדיִעס וועגן די ארבעטער שעפּט זי ניט פון די אַנקעטע־בלעטלעך, וואָס ליגן אין קעסטלעך אין דער שאַפע. א לענגערע צײַט איז ראַיִסע מיכײַלאָוונע געווען אן אינסטרוקטאָר אין ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, עפּשער דאָן האָט זי זיך עס אויסגעלערנט האָבן א צוגאַנג צו מענטשן.

דערזען דורכן פענצטערל, ווי עס לויפט אונטערן רעגן א צעכראַסטעטער כעוורעמאַן, האָט זי גענומען קלאַפּן אין שויב. דער כעוורעמאַן איז געלאָפן ווײַטער, דאַן איז ראַיִסע מיכײַלאָוונע אַליין ארויסגעלאָפן און אים אומגעקערט.

— מעשוגענער, וווהין לויפסטו? זײַער גוט, וואָס איך האָב דיך געפאַקט. איך דאַרף מיט דיר ערנסט א רעד טאָן.

און זי האָט גענומען מיט אים אײַנטײַנען, פאַרוואָס ער גיט ניט אָן קיין מעלדונג אַף אַנצוקומען אין דער אָוונט־שול.

— האַסט דאָך בלויז זעקס קלאַסן, א כאַרפּע און א בושע. לייג ניט אָפּ און שרײַב גלײַך אָן די מעלדונג.

זי מאַכט אָן אָרט באַם קליינעם טישל. דער באָכער זעצט זיך שרײַבן.

— לערנביכער וועל איך דיר העלפן קריגן, — זאָגט צו אים ראַיִסע מיכײַלאָוונע. — מאָרגן זאָלסטו זײַן אָפּן ערשטן לימעד. איך וועל אויך זײַן אין שול.

א בליִענדיק יונג מיידל, דאַפקע מיט א שירעם אין דער האַנט, שטופּט זיך ארײַן און שטעלט זיך אוועק בײַ דער טיר.

— א, נאַסטענקאַ, איך באַגריס דיך!.. איך האָב געוווּסט, אַז מע וועט דיך בײַ אונדז אויסכאַפּן! — ראַיִסע מיכײַלאָוונע נעמט ארום דאָס מיידל און צעקושט זיך מיט איר.

נאַסטיע איז רויט ווי א צוויק, ס'איז אָבער צו זען, אַז זי האָט א יאָם פאַרגעניגן. מיט א פּאָר טעג צוריק איז געווען איר כאַסענע. הײַנט איז זי צום ערשטן מאָל נאָך דער כאַסענע ארויס אַף דער ארבעט.

צאַליען, איינעם פון די עלטסטע און כאַשעווסטע ארבעטער, האָב איך אַף דער פאַבריק ניט געטראָפן. ראַיִסע מיכײַלאָוונע האָט מיר אויסגעזוכט זײַן אַדרעס. ווען איך בין ארײַן צו אים אין דער דירע אָפּן צווייטן שטאָק אין איינעם פון די נײַע פאַבריק־הײַזער, איז צאַליע געלעגן אָפּן דיוואַן און געשמאַק געשלאָפן. די פרוי זײַנע האָט ניט זיכער דערלאַנגט מיר א ביינערדיקע האַנט און עפּעס מאָדנע מיך אָנגעקוקט. אין די שוואַרצע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. זי איז ארויס־

געלאָפן און אַרײַנגעבראַכט מיט זיך אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען.

— פעטער, ווי רופט מען אײַך? — האָט דער כעווערמאַנטשיק אַזוי שטרענג געפרעגט, אַז אָט וועט ער, דוכט זיך, בײַ מיר פאָדערן ווײַזן די דאָקומענטן. איך האָב געזאָגט, ווי איך הייס, און דאָס ייִנגל האָט אויפגעהויבן זיך אַף די ציפּקעס און גענומען אַרײַנשרײַען דער אַלטער אין אויער. דערווײַל האָט זיך שוין אויפגעכאַפּט אַליין דער באַלעבאָס, אויפגעהויבן פונעם קישן אַן אָפּגעלעגענע, מיט צוויי רויטע פּליאַמעס, באַק, אַרײַנגענומען אין דער האַנט דאָס געדיכטע בערדל, ווי געפרעגט בײַ דעם, צי ס'איז זיך גוט אויסגעשלאָפן. די פרוי האָט עפּעס זייער שטיל געזאָגט צאַליען, און די מיספאַרשטייעניש איז טייקעף געוואָרן אויסגעקלאָרט. זי האָט מיך אָנגענומען פאַרן מאַנס אַ שוועסטערקינד, וואָס איז אין 1941־טן יאָר אַוועק אַף דער מילכאָמע און איז פאַרפאַלן געוואָרן.

אינעם צימער איז אַרײַנגעקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און אַ געדיכטע טשופּרינע געקרויזטע האָר — ווי צוויי טראָפּנס ענלעך אַפן פּאָרטרעט, וואָס הענגט איבער דער הויכער העסעבעט אַף דער וואַנט. אַפן פּאָרטרעט איז צאַליע אין דער יוגנט; דער אַרײַנגעקומענער איז צאַליעס זון — אַרן. ער וווינט מיטן טאַטן אין איין דירע, נאָר ער האָט שוין אַן אייגענע פאַמיליע. אין דער שוך־פאַבריק אַרבעט אַרן אַלס שלאָסער־מאָנטאַזשניק.

— די צײַט לויפט, — האָט צאַליע פּאַוואָליע גענומען דערציילן, אַ קוק געבנדיק דורך די צווייענדיקע שויבן (די ווינטערדיקע ראַם איז שוין אַרײַנגעשטעלט) אין דרויסן, וווּ ס'האָט זיך געזעגן אַ וואַנט פון אַ ניט־פאַרענדיקטן מויער און נעענטער צום שליאַך — יונגע ביימלעך, וואָס האָבן, ווײַזט אויס, הײַנטיקס יאָר געבליט צום ערשטן מאָל. — ער אַרבעט שוין אויך דעם אַנדערן צענדליק יאָר, — האָט צאַליע, אָפּווענדנדיק דעם בליק פונעם פענצטער, אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַפן זון. — כ'געדענק, ווי הײַנט, דעם זומער־טאָג, ווען מיר, צוואַנציק קוואַליפיצירטע אַרבעטער, זײַנען אַראָפּגעקומען פון דער סעליזשאַראָווער שוך־פאַבריק אַהער, קיין טאָרזשאָק, וווּ עס האָט זיך געעפנט אַ נײַע פאַבריק. מע האָט געדאַרפט לערנען די יונגע קאַדרען. פון וואָס האָבן מיר אָנגעהויבן? מיר האָבן אָנגעהויבן דערפון, וואָס מיר האָבן דערציילט די כעווריע וועגן הירש לעקערטן, וויאַזוי ער האָט געשאָסן אינעם גובערנאַטאָר פאָן וואַל און וויאַזוי מע האָט דעם שוסטער־יונג אויפגעהאַנגען.

— ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון פראָנט, — דערציילט ווײַטער צאַליע, — און דערזען די כורוועס, די שטאַרצנדיקע ציגלנע קוימענס אין דער פּוסטקײַט, האָט מיך אַ ריס געטאָן באַם האַרצן, ווי איך וואָלט ניט געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל רודניע, נאָר טאַקע דאָ אין טאָרזשאָק. דאָס ווײַבל האָט מיר געשריבן פון קירגיזיע: „עפּשער וועלן מיר שוין בלײַבן דאָרט, וווּ מיר זײַנען? די קינדער לערנען זיך און טרינקען קומיס. איך האָב זיך שוין אויך צוגעוווינט...” נאָר איך האָב די פאַמיליע צוריק אַראָפּגעבראַכט קיין טאָרזשאָק. די פאַבריק האָט שוין ווידער געאַרבעט.

מיט אַן אײַנגעוויקלט פּעקעלע אונטערן אָרעם איז אין צימער אַרײַנגעקומען אַ מאַנצבל, אַלט אַ יאָר דרײַסיק. די האָר, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון אונטער דער קעפּקע, זײַנען געווען נאַסלעך, די אויערן — רויט. ער איז, ווײַזט אויס, געווען אין מערכעץ.

— זײַט באַקאַנט, דאָס איז מײַן עלטערער בענאָק, מענדל, — האָט צאַליע אים פאָרגעשטעלט. — ער אַרבעט אין וואַגאָן־רעמאָנט־זאַוואָד.

— וואָס זיצט מען אין שטוב? — האָט מענדל געפרעגט, — נאָכן רעגן איז אין דרויסן אַ מעכײַע.

צוזאַמען מיט צאַליען און זײַנע צוויי זין גייען מיר אין אַ קורץ שטיקל צײַט אַרום אַרויס אַף דער גאַס. מיר שפּאַצירן פאַרבײַ די וווינונגס־קאָרפּוסן. אין דער טיף פון די הויפן שעמערירן מיט אַלע זייערע בונטע פאַרבן האַרבסטיקע בלומען. דער ווינט שאָקלט זיי אין אַלע זײַטן, וויל אַרויסקלאַפּן פון די בעכערלעך זייער גאַנצן כּיִעס. אין צענטער שטאָט, דאָס הייסט דאָרטן, וווּ עס געפינט זיך דער קינאָ־טעאַטער, דערזע איך מײַן פרימאָרגנדיקע „עקסקורסיע־אָנפירערן” נינען. מיר גריסן זיך, ווי אַלטע באַקאַנטע. אין דער האַנט האַלט נינע אַ בילעט, נאָר אין טעאַטער אײַלט זי זיך ניט אַרײַנגיין. אַף עמעצן וואַרט דאָס מיידל. אַלע ווײַלע כאַפּט זי אומרויִק אַ קוק אַפן האַנטזייגערל. איך דערמאָן זיך וועגן קורצן געשפּרעך, וואָס איז צווישן אונדז פאָרגעקומען באַטאָג, נאָך דעם, ווי זי האָט מיר שוין געהאַט באַוויזן אַף דער פאַבריק פון אַלעף ביז טאָף — אָנגעהויבן פון די פעלן אינעם צוגרייטונגס־צעך און פאַרענדיקט מיטן סקלאַד פון פאַרטיקער פּראָדוקציע, וווּ עס שטייען די קאַסטנס יוכטאָווע, קירזאָווע, כראָמאָווע שטיוול. איך האָב געבעטן נינען דערציילן וועגן זיך, צי זי איז צופרידן מיט דער אַרבעט, צי איר איז געפעלן די שטאָט.

— אַלץ איז גוט, — האָט זי געענטפערט, — נאָר...

— וואָס „נאַר"? האָב איך געפרעגט.

— ס'איז אַ ריין פּערזענלעכער איניען, — האָט זי זיך פאַרוויטלט, — איר ווייסט דאָך, אַז מיידלעך האָבן סודעס...

איצט האָט זיך מיר געדוכט, אַז אויב איך וועל נאָך אַ ביסל שטיין פונדערווייַטן און קוקן, וועט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקן דער מיידלשער סוד...

אינגיכן איז אָנגעקומען דער אויטאָבוס, וואָס פאָרט קיין קאַלינין. איך האָב זיך געזעגנט מיט מייַנע באַגלייטער.

— אַדיע, טאָרזשאָק!

אין פּאַלאַנגע אפן פּליאַזש

1

אַלע מייַנע גוטע פרייַנט ווינטש איך פאַר־ברענגען אַזאַ ווילן זומערדיקן כוידעש, ווי איך האָב הייַנטיקס יאָר פאַרבראַכט אין פּאַלאַנגע.

דער וועטער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער, און יעדן פרימאָרגן בין איך געגאַנגען צום יאַם, ווו איך האָב שוין געהאַט אַ צענדליק באַקאַנטע מאַנספּאַרשוינען און פרויען, געקומענע צו פאָרן פון דער נאָענט — פון קאָוונע, פון ווילנע, פון די מער ווייַטערע — מינסק, באָריסאָוו, און פון די נאָך מער ווייַטערע — לענינגראַד, מאָסקווע, און שוין גאָר־גאָר ווייַטע פונדאַנען סווערד־לאָווסק, נאָוואָסיבירסק. אומעטיק איז ניט גע־ווען. עס האָט זיך צוזאַמענגענומען אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע קאָמפּאַניע. ס'איז געווען וואָס צו הערן, און איך האָב געהאַט וואָס צו פאַר־שרייַבן אין בלאָקנאָט, מיט וועלכן איך צעשייד זיך אין ערגעץ ניט.

אין פּאַלאַנגע, ווי אַף יעדן לייַטישן קור־אָרט, איז פאַראַן ניט איין פּליאַזש נאָר עט־לעכע. עס איז דאָ אַ מאַנסבלשער פּליאַזש, אַ ווייַבערשער און אַן אַלגעמיינער. די ערשטע צוויי פּליאַזשן זייַנען אַרומגעצאַמט מיט הויכע הילצערנע פלויטן. ס'מאַכט זיך, אַז אַ בייַגעריק ייִנגל פאַלט צו מיטן נעזל צו אַ שפּאַרונקע אין דעם צוים, דאַן כאַפּט מען אָן דעם יונגאַטש פאַר אַן אויער.

— קוק ניט, ווו מע דאַרף ניט, מאַרש פונ־דאַנען!

די אָפּגעצאַמטע פּליאַזשן זייַנען שטילע, מיט קינדער גייט מען אַהין ניט. מע ליגט זיך נאַקעט, ווי די מאַמע האָט געהאַט, אונטער דער ליבער ניט־בראָנזדיקער ליטווישער זון, און מע האָט שטילן פאַרגעניגן, אָן ראַש און טומל. מע רעדט ניט הויך, און אויב מע לאַכט — איז אייַנגעהאַלטן, ניט צו פאַרטויבן דעם פאַרוויגנדיקן רויש פון די יאַם־כוואַליעס. ס'איז דאָ אַזוי, ווי אין אַ ווייכן שלאָף־וואַגאָן: ניט איבערפולט, ניט ראַשיק, אַ ביסל אומע־טיקלעך.

פריילעך און שטאַרק טומלדיק איז אפן אַלגעמיינעם פּליאַזש, ווו מענער, פרויען, קינ־דער זייַנען איבערגעמישט, די צוקאָפּנס שפּאַרן זיך אָן אין די צופוסנס און ס'איז ווי באַ אור־ראָם רייזענען אין זייַן באַוווסטער ליד — „הענטלעך און פיסלעך געפלאָכטן צוזאַמען". אינדערלופטן טראָגט זיך אַן אומופהערלעכע זשומערייַ, קוויטשערייַ, לאַכערייַ, זינגערייַ. אויב מע איז ניט געווען באַפרייַנדעט פון פריִער, באַפרייַנדעט מען זיך אין מעשעך פון איין האַלבער שאָ, ווי נאָר מע איז געוואָרן שכייניס אפן פּליאַזש, און מאָרגן, און איבערמאָרגן, און אין אַלע ווייַטערדיקע טעג, ביז ס'וועט קומען די צייַט אוועקצופאָרן, וועט מען זיך שוין דאָ טרעפן פונקט אפן זעלבן אָרט, מע וועט קומען בעקיוון פריִער, אַז קיין אַנדערע זאָלן דעם פּאָ־ליובעטן פּלאַץ ניט פאַרכאַפּן. מע ליגט אַף די אָנגעבלאָזענע מאַטראַצן, וואָס מע האָט גענומען אין „פּראָקאַט", אַף די פּאָראָלאָנאָווע מאַטראַצ־לעך, וועלכע מע האָט געקראָגן אין פּאַנסיאָנאַט, אַף די דינע קאָלדרעלעך, וואָס מע האָט פאַר־כאַפּט מיט זיך פון דער היים און מע לאָזט זיך וווילגיין אַ גאַנצן טאָג — פון אינדערפרי ביז מיטיק און פון נאָכמיטיק ביז אָוונט — אין די פּילקאָלירקע אייַנגעצויגענע באָד־קאָסטיומען און טרוסיקעס.

אַ מאַמע טייַנעט צו איר בעניאַכידל, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט אפן פּליאַזש:

— ווו ביסטו געווען ביז איצט? ס'איז דאָך שוין האַלבער טאָג און האָסט נאָך הייַנט גאָר־ניט געעסט. מיר צאָלן דאָך געלט. אַז מיר וועלן אוועקפאָרן, וועסטו דעם מאַרסקאַי וואָז־דוך נעמען מיט זיך אין קעשענע?

אַ מאַנספּאַרשוין לויפט אָפּקילן זיך אין

וואסער און, פארבײַלויפנדיק, טוט ער א פעטשל איבער דער פלייצע א צווייטן:

— איך האָב שוין אָפּגעברענט, איצט ברען דו.

א יונג פּאָרל — כאָסן־קאַלע — האָט זיך אויסגעבאָדן און איז ארויס פון וואסער. די קאַלע קאָמאנדעוועט מיט איר קומענדיקן מאן:

— לויף און פארנעם פאר מיר א ריי צו דער קאבינע!

פון א מאנצבלש רעדל, וואָס האָט זיך פארקליבן א ביסל ווײַטער פונעם ברעג, אין די דיונעס, און מאכט דאָרט א קערטל, דערטראָגט זיך יעדעס מאָל אן אופגעבראכטער אויסגעשריי:

— אן אומגליק מיט אים! ער קאָן דאָך אינגאנצן ניט שפּילן!

א מישפּאָכע, אויסגעזעצט אין א קרײַז, גרייט זיך עסן אָנבײַסן. א לאבן קאָרן־ברויט איז שוין צעשניטן אף מויצעס, און די מויצעס — באשמירט מיט פוטער. אין קליינע טעפּעלעך איז אָנגעגאָסן טיי פון א טערמאָס, אָבער די אכילע הייבט מען ניט אָן. דער פאָטער פון דער מישפּאָכע קוקט אין איין זײַט, אין דער אנדערער, ער זוכט מיט די אויגן און רופט: „יאָלאנטע! יאָלאנטע!" און נאָך זעקס פּאָר אויגן, אלע בלוי־אויגיקע, ווי דער בלויער הימל, זוכן אויך און רופן: „יאָלאנטע! יאָלאנטע!" ביז עס קומט צו לויפן א קליין מיידעלע מיט העל־בלאָנדע קוטשערלעך אפן קאָפּ און אויך מיט בלויע אויגן. טאטע־מאמע מאכן פאר איר אן אָרט לעבן זיך, מע דערלאנגט איר א גרויסע מויצע ברויט מיט פוטער אין דער האנט, און דאן טרעטן אלע צו צו דער סודע.

א באַרימטער מענטש אפן פּליאזש איז זשעניע, א כעווּרעמאן, אלט א יאָר פערצן־פופצן, מיט א ברייטער ברוסט און שפּילנדיקע מוסקולן פון אן עמעסן גיבער. ווען זשעניע הייבט זיך אוף פון זײַן מאטראַץ און נעמט מאכן פיזקולטור, ווערט ארום אים א קילער ווינט, ווי ס'וואָלט געארבעט א ווינטמיל. דרײַ ייִנגלעך הענגען זיך אָן אף זשעניען פונפאָרנט, דרײַ פונהינטן און ער טראָגט די גאנצע קאָמאנדע אין יאם ארײַן, ער שלעפּט זיי, ביז עס ווערט טיפער דאָס וואסער, דאן שלײַדערט ער זיי אראָפּ פון זיך און אלע נעמען לייגן „קלאפּטער". אָבער אין א מינוט ארום איז זשעניע שוין העט־ווײַט אוועקגעשווומען פאָרויס פון די איבעריקע, ער שנײַדט דעם יאם האסטיק, ווי א מאָטאָרנע שיפל.

זשעניעס טאטע, יעכיעל, איז א סטאָליער אף דער באָריסאָווער פּיאנינע־פאבריק, כוץ דעם, אין דער פרײַער צײַט פאריכט ער אלטע דיוואנען, ער ציט זיי איבער מיט נײַעם שטאָף, הויכט ארײַן אין די אלטע סקריפּענדיקע פּרוזשינעס א נײַע מעלאָדישע נעשאָמע. יעכיעלס פרוי, סאָרע, איז אן ארבעטערן אף דער שוועבעלעך־פאבריק. דאָס פּאָרפאָלק — ביידע נאָך ניט קיין אלטע מענטשן, אין די פערציקער יאָרן. ער — אין א „יארמלקע", געמאכט פון א צײַטונג, זי — מיט א גרין בלעטעלע אפן נאָז — די נאָז ניט אָפּצוברענען אף דער זון, — ביידע האלטן זיי אויסגעדרייט די פּענעמער צום יאם, שפּירן נאָך, וויאזוי עס שווימט זייער זונדל. דער טאטע שעפּט נאכעס אינדערשטיל, פאר זיך. די מאמע ברענגט ארויס דעם נאכעס אין דער הייך. ריידן רעדט זי, ווי דער מאן אירער מיטן „יע" אָנשטאָט „יאָ", מיטן סאמעך אָנשטאָט א שין, זי וויל ניט וויסן, אז אף דער וועלט איז דאָ א ייִדישע גראמאטיק און אז כוץ די ארטיקלען „דער" און „די" איז נאָך, באָרעכהאשעם, פאראן א „דאָס".

— ער איז געוועזן א קראנקער קינד, — דערציילט זי וועגן זשעניען, — די זשעלעזעס האָבן בא אים צו שטארק געארבעט. מיט יעדן טאָג, ניט דאָ געדאכט, איז ער געוואָרן גרעבער. האָט מען אונדז געייצעט פאָרן מיט אים צום יאם, און מיר פאָרן שוין אהער דעם זעקסטן יאָר נאָכאנאנד. דאנקען גאָט... די דרײַצנטע זארפּלאטע, וואָס מיר קריגן סאָף יאָר, און אלץ, וואָס דער מאן פארדינט אונטער, מע בעט זיך בא אים, ער זאָל קומען איבערציִען א דיוואן, א קרעסלע — אלץ גייט אוועק אף פּאלאנגע. מע וויינט בא א צאסטניק, וואָס רײַסט די הויט, נאָר ס'איז אלץ ווערט. און אז מיר קערן זיך אום אהיים, איז אין סטוב בא אונדז אויך א גאנצער סטאדיאָן — גאנטעליעס צו הייבן, פּילקעס צו ווארפן, קאָזלעס צו ספּרינגען. די פיזקולטור ראטעוועט מענצן!

זשעניעס ברודער, ליאָווע, איז שוין ניט קיין גיבער. א געוויינלעכער באָכער מיט געוויינלעכע מוסקולן. ליאָווע זיצט אפן זאמד מיט א גיטארע אין די הענט, ארום אים זיצן באָכערים, מיידלעך, און מע זינגט אונטער זײַן אקאָמפּאנעמענט רוסישע לידער און ייִדישע. די רוסישע זײַנען נײַע, אָקאָרשט ארוף אף דער עסטראדע, אָדער אפילע נאָך ניט זוכע געוועזן צו באווײַזן זיך אף איר; די ייִדישע לידער זײַנען אלטע, זייער אלטע: „צען ברידער זײַנען מיר געוועזן...", „בײַט מיר אויס א פינף־און־צוואנציקער", „פאפיר איז דאָך ווײַס און טינט איז דאָך שווארץ..." די ווערטער ווייסט מען ניט, אָדער מע ווייסט שוואך, באקאנט איז נאָר די מעלאָדיע. עלטערע מענטשן מישן זיך ארײַן אין יונגן כאָר. זאָגן אונטער, שרײַען אויס די נייטיקע שורע, און די ליד, אזוי ווי א שײַטערל, אין וועלכן מע ווארפט אונטער טרוקענע העלצלעך, צעפלאמט זיך שטארקער, קריגט לאָשן און אינהאלט. ס'איז אפן פּליאזש א מין

שטיקל יידישער מיקראַראיאָן. מע איז ניט אָפּ־
געזונדערט פון די איבעריקע קוראָרטניקעס,
וואָס איז שײַעך זײַן אָפּגעזונדערט? דער יאם
איז אלעמענס, דאָס זאמד איז אלעמענס, דער
בלויער הימל מיט דער שײַנענדיקער זון איז
אלעמענס.

2

אויב א יידישער שרײַבער וויל הערן א
יידיש וואָרט, ניט אַף א ווײַל, צופעליק אופ־
כאפנדיק מיט א שפּיץ אויער אַף דער גאס
עמעצנס א זאָג אַף מאמע־לאָשן, — אויב ער
וויל הערן יידיש־ריידן א גאנצן טאָג, זאָל ער
זומער־צײַט, אזוי ווי איך, אראָפּקומען קיין פּאַ־
לאנגע. א גוטן ריינעם יידיש קאָן מען נאָך
אוודע הערן אין א סאך שטיבער אין ווילנע,
מינסק, וויטעבסק, קיִעוו, כאַרקאָוו, מאָסקווע —
אומעטום אין אלע שטעט און שטעטלעך, ווו
עס לעבט נאָך דער דאָר עלטערע מענטשן,
וואָס האָבן אמאָל געלערנט אין א יידישער שול,
אויסגעוואקסן אין א סוויווע, ווו מע האָט גע־
רעדט אַף יידיש. קומט צו פאָרן אין דער שטאָט
שטשעבעקינאָ, בעלגאָראָדער געגנט, האָט איר
דאָרט א יידן, וואָס הייסט ארקאַדי קיסין. אין
דער רובריק אין „סאָוועטיש היימלאנד” „ווערק
פון אונדזערע לייענער” האָבן מיר פון צײַט צו
צײַט א גרוס פון אים — קיסינס א פּאַרצייכע־
נונג, א קריטישע אָפּהאנדלונג, און ס'איז צו
זען, אז ער איז זייער פֿײַן באהאוונט אין די
קליינע אויסיִעלעך. ווען איר וואָלט געקאָנט
צום כאָוועד קיסין קומען צוגאסט, מעגט איר
זײַן זיכער, אז ער וועט מעכאַבעד זײַן מיט
א קלוגן פּאָסעק פון טאנאך, א סטראָפע פון א
שיינער יידישער ליד, ער וועט אײַך דאָ אַפן
אָרט געבן אַן אָפּשאַצונג פון זאַבארעס היסטאָ־
רישן ראָמאַן און פון ווערק פון אנדערע יידי־
שע שרײַבער. איר וועט הערן א מעכײַעדיקן
יידיש — א לויטערן, א ריינעם, דורכגעטראָגן
דורכן גאנצן לעבן.

צווישן די פּאַלאנגער באקאנטע מײַנע האָב
איך איינעם, וואָס הייסט בא מיר „הערט, הערט
א מײַסע”, ווײַל די קליינע געשיכטע, וואָס ער
האָט דערציילט, האָט ער אָנגעהויבן מיט אָט די
ווערטער און דערנאָך ניט איין מאָל זיי איבער־
געכאַזערט — „הערט, הערט א מײַסע”... גע־
וואָרפן האָט ער זיך מיר אין די אויגן, ווי נאָר
ער האָט זיך באוויזן אַפן פּליאַזש. דער אויסזען
איז בא אים פון אַן אלטן קאָזאַק. די האָר אַפן
קאָפּ — געשוירן אין א רעדל און באקרוינט מיט
א טשוב, וואָס פאלט אַפן שטערן; די וואָנצעס —
לאנגע און זיי הענגען אראָפּ, ווי בא טאראַס
בולבאַ. א פּאָר מינוט איז ער געשטאַנען אַף א
בערגל באַם פּליאַזש, און אזוי ווי א קאָ־
זאַקישער אטאַמאַן, וואָס באקוקט דעם לאגער
זײַנעם, וועלכער האָט זיך צעשפּרייט אַף א
גרויסן שטעך, אזוי האָט ער אופמערקזאַם,
אָנצילנדיק די אויגן, אין איין זײַט, אין דער
אנדערער, באטראַכט דעם אוילעם קוראָרטני־
קעס, דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעמאָסטעט אין
דער סאמע געדיכטעניש פון אונדזער „מיקראָ־
ראיאָן” און דאַפקע צווישן מײַן פּלייצע און
דער פּלייצע פון מײַן שאָכן, יעכיִעלן. א לענ־
גערע צײַט איז ער געלעגן אַף זײַן אונטערגע־
שפּרייטן האנטעך, ניט אויסגערעדט א וואָרט,
נאָר געהערט מיט א שפּיץ אויער, וואָס אנדע־
רע ריידן און דערציילן, דערנאָך איז ער פּלוי־
צעם ארויס מיט לאָשן — א גוטן יידיש פון א
יידן א ליטוואַק.

— הערט, הערט א מײַסע, — האָט ער זיך
געווענדט צו מיר, און צו יעכיִעלן, און צו יעכיִ־
עלס פרוי, סאָרען, צו אונדזער גאנצן רעדל. —
א שאָק מיט יאָרן בין איך דאָ ניט געווען...
שטאַמען שטאַם איך פון דאַנען. פון ליטע, קאָוו־
נער גובערניע, פּאָנעוועזשער אויעזד, נאָר פון
נאָך דער מילכאָמע לעב איך אין א קאָזאַקישער
סטאַניצע, ראָסטאָווער געגנט. איך האָב פאַר־
ענדיקט א וועטערינאַרנעם טעכניקום, און מע
האָט מיך געשיקט אהין ארבעטן.

ער האָט געגומען איבערשיטן זאמד פון
איין האנט אין דער אנדערער, און פּאַוואָליע
דורכלאָזנדיק דעם זאמד צווישן די פינגער, גע־
רעדט ווײַטער:

— אין דער סטאַניצע האָב איך כאַסענע
געהאַט מיט א קאָזאַטשקע, בין איך אויך גע־
וואָרן א קאָזאַק.

— די קאָזאַקן האָבן געוואָלט מיך אויס־
פּרוּוון — אווקגעזעצט מיך אַף א הייס פערד,
און עס האָט מיך א טראָג געגעבן, אראָפּגע־
וואָרפן פון זאָטל איין מאָל, — האָב איך זיך ווי־
עס־איז ווידער ארופגעכאַפּט אַף אים. א צווייט
מאָל מיך אראָפּגעשלײַדערט און געגומען שלעפּן
איבער דער ערד. דער אוילעם לאַכט, איך
שפּרינג ארוף אַפן פערד צום דריטן מאָל, און
עס דרייט מיך, און קערט מיך, הייבט די פיס,
קלאַפּט מיט די פידקאָוועס, ביז עס טוט מיך א
יאָג אוועק, ווי א ווינט. נאָר איצט האָב איך
אויסגעהאלטן, געבליבן אַפן זאָטל. קיין שוואַ־
כינקער בין איך ניט געווען, און גאָר קיין
נײַינקער רײַטער אויך ניט, עס איז מיר אויס־
געקומען צו רײַטן אַף פערד, ווען כ'האָב גע־

לערנט אין טעכניקום. מילכאָמע־צײַט האָב איך, עמעס, אף פערד ניט גערייטן, נאָר א דיווערסאנט בין איך געווען. אין איין שיינעם טאָג זײַנען צו אונדז אין באטאליאָן געקומען „קוינים”, אזוי האָבן מיר צווישן זיך אין א שפּאס גערופן די שטאבּיסטן, וועלכע פלעגן זיך פון צײַט צו צײַט יאווען אויסצוזוכן און אוועקנעמען מענטשן אין אנדערע מיליטער־טיילן. דאָס מאָל האָט מען געדארפט שיקן אין א דעסאנטנע שול דרײַ סאָלדאטן. איך בין ארײַנגעפאלן אינעם דרײַלינג און געוואָרן א דיווערסאנט. ס'איז ניט קיין שפּילכל — מאכן דיווערסיעס באם סוינעס אונטער דער נאָז. נאָר ווי איר זעט, בין איך געבליבן לעבן. דערנאָך, ווען עס איז געשאפן געוואָרן א ליטווישע דיוויזיע, האָט מען מיך ארויסגערופן און געשיקט קיין גאָרקי, ווו די דיוויזיע האָט זיך פאָרמירט. דאָרט זײַנען געווען שלוימעלעך און כאַימלעך פון גאנץ ליטע. איך האָב ניט געציילט, נאָר ייִדן האָבן אין דער דיוויזיע פארנומען אן אָרט. אָט זע איך, אנטקעגן אונדז ליגט אפן זאמד א באקאנטער... דאָס איז דאָך מייער כײַקין, מיר זײַנען צוזאמען מיט אים ארײַן אין ווילנע. כ'ווייס ניט, צי ער געדענקט מיך, ער איז געווען א קאָמאנדיר פון א ווזוואָד אין אן אנדער באטאליאָן. איך געדענק אים גוט...

ער איז אנשוויגן געוואָרן, ווי וועלנדיק זיך באטראכטן, צי זאָל ער זיך פארטיפערן אין די מילכאָמע־יאָרן, אָדער פארקערעווען צו דער שפּעטערדיקער צײַט, צו דער סטאניצע, ווו ער לעבט ביז איצט און ארבעט. ער האָט אויסגעקליבן דאָס לעצטע.

— נו, — האָט ער פאָרגעזעצט ווײַטער, — וויבאלד די פרוי איז א קאזאטשקע, איז דער מאן א קאזאק, און די קינדער — קאזאקלעך. דרײַ טריט פון אונדזער שטוב איז דער טײַך דאָן, און בא דער שטוב איז א סאָד, און א גאָרטן, און גיי איך ארויס פון מײַן הויף, האָב איך די סאָווכאָזנע באלעכאַימ. א טאבון פערד, א טשערעדע שאָף, כאזיירים. פאראַן אן אויפעס־פערמע, און דארף מען קראָליקעס — זײַנען קראָליקעס אויך דאָ. מענטשן קומען אליין צום דאָקטער, אָדער צום פעלדשער, ווען ס'נעמט זיי עפּעס ווייי טאָן, באלעכײַימ קומען ניט. מע דארף קומען צו זיי. פּראָפילאקטיק, אײַנשפּריצונגען. מע דארף אויסהיטן, עס זאָל זיך ניט ארײַנכאפּן ברוצעליאָז, יאשטשור, אנדערע מאגייפעס. אז ס'מאכט זיך אן אָנפאל פון א קרענק אף א פערמע, שטארקט מען זיך צו זײַן טאָג און נאכט אף די פיס, נאָר ווען די עפּידעמיע גייט דורך, ווערט מען אליין קראנק פון דער איבערגעמידטקײַט און פון די איבערלעבונגען, וואָס מע האָט געהאט. מיט די באלעכאַימ רעד איך זיך אמאָל דורך אף ייִדיש. עפּשער ווען זיי מיך בעסער פארשטיין. „שטייזשע, בריקעווע זיך ניט, איך וויל דאָך דײַן טויווע...” — זאָג איך צו א בעהיימע, וואָס לאָזט ניט צו צו זיך. ס'מאכט זיך, א פערד האָט מען ניט אָנגעקאָרמעוועט, זאָג איך צו אים: „זעסט נאָר, נעבעך, א היי אין סידער”. ווען דאָס ווײַב מײַנס צערעדט זיך צופיל, קאָן איך אויך געבן א מאך צו איר: „א מײַנע־לאָשן פון א ייִדענע”, אָדער צו די קינדער וואָס האָבן זיך צעטומלט: „זאָל זײַן שטיל, מאמזיירים!” דאָס, וואָס מע זויגט אײַן מיט דער מאמעס מילך, פארגעסט מען ניט, כאָטש ס'איז שוין צענדליקער יאָרן, ווי איך הער קיין ייִדיש וואָרט ניט. אין די שטעט קומט אמאָל אראָפּ א ייִדישע טרופּע, א ייִדישער אנסאמבל, א זינגער, א זינגערן, וואָס צווישן אנדערע לידער זינגען זיי אויך אויס א ייִדישע. צו אונדז אין דער סטאניצע פארבלאָנדזשעט קיינער ניט.

— איצט הערט נאָר, הערט א מײַסע.

איך האָב אן אייניקל, וואָלאָדיע הייסט ער. איך אליין, ווי איר זעט, בין ניט קיין טונקעלער, און דאָס ווײַב אויך ניט, און די קינדער — כ'האָב א טאָכטער מיט א זון — זײַנען אויך בלאָנדע, און דער זון האָט כאסענע געהאט, אזוי ווי איך אמאָל, פאר א בלאָנדער קאזאטשקע, — אלע דורכויס בלאָנדע, און ער, דער אייניק, איז א שווארצינקער. שווארצע האָר, שווארצע אויגן, ווי בא מײַן זיידן, אָלעווהאשאָלעם. איר האָט דאָך געלערנט מענדעלס געזעץ: די יערושע־אייגנשאפטן גיבן זיך אָפּטמאָל איבער אין דריטן צי אין פערטן דאָר. קומט ער אנומלטן צו לויפן, דער שווארצינקער וואָלאָדיע, און פלעפט מיך מיט אזא קאשע:

— דיעדושקא, האָסט געזען אמאָל א ייִדן?

די דערציִערן פונעם קינדערגאָרטן האָט געפירט די קינדער אף א שפּאציר אויסער דער סטאניצע, און דאָרטן איז פאראן א ברודערקייווער. די דערציִערן האָט געזאָגט, אז אין קייווער ליגן א סאך ייִדן, וואָס די פאשיסטן האָבן מילכאָמע־צײַט דערשאָסן. איז ער נאָכן שפּאציר געקומען פרעגן, צי איך האָב געזען אמאָל א ייִדן.

הא, ווי געפעלט דאָס אײַך? אָבער וואָס איז דאָ דער וווּנדער, אויב דער דיעדושקא איז שוין דרײַסיק יאָר א קאזאק!.. זאָגט מיר נאָר, פארוואָס בענקט זיך, פונדעסטוועגן, צו הערן א ייִדיש וואָרט? איך ליג דאָ אפן פּליאזש און האָב האנאָע, כ'הער מאמע־לאָשן. איר האָט געזען די אפישע אין שטאָט? הײַנט אינאָוונט טרעט דאָ ארויס דער ווילנער ייִדישער אנסאמבל... איר וועט זײַן דאָרטן? איך וועל זײַן אומבאדינגט!

יוסעף שוסטער

גרינע צײכן

האַלט אײַך אויס... סאָף ווינטער. אינדרויסן ליגט נאָך דער אײַנגע־פּרעסטער שניי, עס צופּט דער פראָסט, און די ברענגסט אַרײַן פון קראָם צו דײַן טיש צונטער־רויטע פּאָמי־דאָרן, פרישע אוגערקעס, זאַפטיק־גרינע ציבע־לעס. די היימישע קוקן אױף דעם, ווי אױף א סיורפּ־ריז. די באַלעבאָסטע צעשנײַדט און צעבראָקט דאָס פרישע אויבסט, באַגיסט עס מיט געדיכ־טער סמעטענע, און איר האָט אין סאַמע ווינ־טער האַנאָע פון א זומערדיקן סאַלאַט.

אומבאַמערקבאַר קומט אױף אַפן געדאַנק א פראַגע: וועמענס הענט האָבן אויסגעכאַוועט און אויסגעפּילינקעוועט דאָס אַלץ? די נײַגעריקײַט האָט אין אונדז זיך נאָך מער צעשפּילט, ווען מיר האָבן אין איינער א קראָם איבערגעלייענט אױף די קעסטלעך מיט רויטע טאָמאַטן די פירמענע אופשריפטן מיטן נאָמען פון א סאָ־ווירט.

זײַנען מיר געווען א באַלן צופאָרן אין אזא הינטערמאָסקווער ווירטשאַפט.

א מינוט צוואַנציק פאָרן מיטן אויטאָבוס פון דער מעטראָ־סטאַנציע „יוגאָזאַפּאַדנאַיאַ“, וואָס גייט אין דער ריכטונג פון קיִעווער שאָ־סיי־טראַסע. דאָרט האָט זיך צעשפּרייט צווישן וועלדער און לאָנקעס א שטאָט — די צענטראַ־לע ווירטשאַפט פונעם סאָווירט־קאָמבינאַט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מאָסקאָווסקי“. די פילשטאָקיקע מויערן, ברייטע גאַסן, סקווערן דערמאָנען א גרויסן מיקראָ־ראַיאָן פון דער הויפּטשטאָט. אָבער גלײַך הינטער די הויכע מויערן זעט מען, וויפל דאָס אויג קאָן נאָר ארומכאַפּן, א שעמערירנדיקע אונטער דער זון זילבער־ווײַסע אַזערע — אַזוי זעען אויס פונ־דערווײַטנס די פאַרגלאָזטע אונטער איין ריזיקן דאַך סאָווירטישע אָראַנזשערייען.

אין סאַמע צענטער פון דער אגראָ־שטאָט, ניט ווײַט פונעם גאַסטראָנאָם — אוניווערסאַם און דעם מאָדערנעם הויז פון שטייגער־באַדינ־נונג, געפינט זיך די געבײַדע פון דער סאָוויר־טישער דירעקציע. איך האָב זיך אופגעהויבן אַפן צווייטן שטאָק און דאָרט זיך באַקאַנט מיט א כאַשעוון מענטשן פון דער ווירטשאַפט, מיט סערגיי באַרטוליאַוון — א וועטעראַן פון דער קאָלווירטישער און סאָווירטישער באַוועגונג, א געוועזענעם פאַרזיצער פון א פאַרייניקטן קאָל־ווירט, אױף דער באַזע פון וועלכן עס האָט זיך אַנטוויקלט און צעוואַקסן אָט די ריזיקע הינ־טערמאָסקווער לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטער־נעמונג, וואָס איז איצט איינע פון די גרעסטע פון דעם טיפּ בא אונדז אין לאַנד.

ניקאָלײַ סערגייעוויטש, א הויכער, עלטער־גאַנטער מאַנצבל אין די מיטעלע יאָרן, פאַר־נעמט זיך איצט מיט פּאַרטיי־יִש־געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. אָבער מיט די פּראָדוציר־איניאַ־נים פונעם סאָווירט, ווי עס האָט שפּעטער זיך ארויסגעוויזן, הערט ער ניט אױף זיך אינטע־רעסירן. ער האָט מיך צוגעפירט צום פענצטער, פונוואַנען ס'האָט פאַר אונדזערע אויגן זיך אַנט־פּלעקט די פּאַנאָראַם פונעם אָראַנזשערייע־קאָמפּלעקס מיט אַלע זײַנע אַספאַלטירטע דורכ־פאָר־וועגן, זײַטיקע סטעזשקעס און לײַכטע גע־הילפס־געבײַדעס. ס'איז געווען א שיינער זוניקער טאָג. פון די ווײַסע וואָלקנדלעך האָט מיטאַמאָל זיך ארויסגעריסן א זילבער־קאָליר־טער לײַנער, זעט אויס פון וונוקאָווער אַעראָ־פּאָרט, וועלכער געפינט זיך ניט ווײַט פונ־דאַנען.

באַרטוליאַוו האָט ברייטער צערוקט די פאַרהענגלעך פונעם פענצטער און א פּיר גע־טאָן מיט דער האַנט, גלײַך ער וואָלט וועלן פּולער ארומכאַפּן דעם פּייזאַזש, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די ברייטע שויבן:

— ווען מיר זײַנען אין מײַ 1969 צוגע־טראָטן בויען די ערשטע אָראַנזשערייע, איז דאָ געלעגן א פּוסט פעלד מיט א ווייניק צוגע־פּאַסטן באַדן. די בויונג פון דעם נײַעם אָביעקט איז דעמלט געמאָלדן געוואָרן אַלס א שלאָגלע־

רישע. ס׳זײַנען מאָביליזירט געוואָרן הונדער־טער מענטשן מיט בולדאָזערן, שווערע רויפּן־טראַקטאָרן. אַף א שטעטל פון צענדליקער העק־טאַרן איז אויסגעקומען אויסגלײַכן און ניווע־לירן דעם באָדן, אַראָפּשנײַדן בערגלעך, פאַר־שיטן טאָלן, אויסקאָרטשעווען ביימער. אזוי, אז אַלץ האָט דאָ געדרוישט און געהודיעט, ווי אַף א שלאַכטפעלד. דאָס איז אָבער געווען א פרידלעכע שלאַכט צוליבן ווױלזײַן פון די מענטשן.

אפן צווייטן יאָר פון דער בויונג האָבן דאָ אָנגעהויבן פונקציאָנירן זעקס און דרײַסיק אָראַנזשערייען, פאַרייניקטע אין זעקס בלאָקן. שפּעטער זײַנען צוגעקומען נאָך דרײַ בלאָקן, צו נײַן העקטאַר יעדערער.

„מאָסקאָווסקי" איז א פיל פאַרצווײַגטע אונטערנעמונג, אין וועלכער עס ווערט שוין פון לאַנג אָנגעווענדט די אזויגערופענע צעכן־סטורקטור, וואָס דערלויבט בייגעוודיק און עפעקטיוו אויסנוצן אַף אלע באַצירקן די אַר־בעטסקראַפט און די מאַטעריעל־טעכנישע רע־סורסן. די גאַנצע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוק־ציע ווערט דאָ פּראָדוצירט אין דרײַ גרונט־צעכן — אין די אָראַנזשערייען, אין דער ווירט־שאַפט פון סאָד־צוכט און אין דער פיצוכט־פער־מע (אײַנגעשלאָסן די באַצירקן פון דער שפּײַז־פאַרגרייטונג). אלע צעכן וואָלטן, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט אזוי פּינקטלעך און רעגלמע־סיק פונקציאָנירן אָן די פאַרשיידענע געהילפס־צעכן און באַזונדערע דינסטן. פאַר די לעצטע יאָרן איז צוגעקומען נאָך איין וויכטיקער באַ־צירק — א צעך, ווו עס וואַקסן א קײַ־לעכיק יאָר שוואָמען־שאַמפּיניאָנען — די שאַמ־פּיניאָניצע, ווי מע רופט דאָ די אייגנאַרטיקע אָראַנזשעריי פון א ספּעציעלער קאָנסטרוקציע, וועלכע פאַרנעמט א שטעטל פון איין העקטאַר (אָט די ווײַסינקע שוועמעלעך מיט די אקוראַ־טע מאַטאָווע היטעלעך גיבן דעם סאָווירט יער־לעך א מיליאָן רובל רעוועך).

אָבער דעם אויבנאָן אין דער ווירטשאַפט פאַרנעמט די אינדוסטריעלע גרינסצוכט. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס „מאָסקאָווסקי" ליגט נאָענט בא דער הויפּטשטאָט און באַזאָרגט איר באַפעלקערונג מיט פרישע גרינס אין די ווינטער־כאָדאָשים און אין פריִען פרילינג. דער סאָווירט באַאַרבעט איצט העכער דרײַ טויזנט העקטאַר אקער־ערד, 57 העקטאַר פון דער אַל־געמיינער צאָל פאַרנעמען די אָראַנזשערייען, אין וועלכע עס ווערן אויסגעכאָוועט נײַע גע־רעטענישן פון פאַרשיידענע גרינס. דאָס ברענגט יעדן יאָר מער פון 12 מיליאָן רובל רעוועך.

— פאַרשטייט זיך, — באַמערקט ווײַטער באַרטוליאָוו, — אז אין יעדערער פון אָט די צײַ־פערן איז אַרײַנגעלייגט די מי פון א דריט־האַלבן טויזנט מענטשן פון פאַרשיידענע נאַ־ציאָנאַליטעטן. עס האָרעפּאַשנעווען אין סאָ־ווירט עטלעכע ייִדישע מישפּאָכעס, אַלטע ערד־אַרבעטער פון די אַמאָליקע ייִדישע ייִשוווים אַרום כערסאָן און קריוואָי־ראָג, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט, אומקערנדיק זיך ווער פון דער מילכאָמע און ווער פון עוואַקואַציע. פאַר די לעצטע יאָרן האָט דער סאָווירט דערצויגן זײַנע אייגענע קאַדרען מעכאַניזאַטאָרן, פּיציכטלער, אַגראָנאָמען, זאָאָטעכניקער, לאַבאָראַנטן. אין די לאַבאָראַטאָריעס באַשעפטיקן זיך א היפּשע צאָל וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער, צווישן זיי נײַן קאַנדידאַטן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע וויסנ־שאַפטן. שוין דאָס אַליין זאָגט א סאַך וועגן דעם ניוואָ פונעם פּראָדוציר־פּראָצעס אין אזא פילפאַכיקער ווירטשאַפט.

— נאָך דעם איבערזיכט, וואָס איר האָט איצט באַקומען, — האָט צוגעגעבן באַרטו־ליאָוו, — וואָלט איך אײַך געראָטן זיך דורכ־גיין איבערן סאָווירט, דעריקער איבער די אָראַנזשערייען.

ניקאָלײַ סערגייעוויטש האָט אַרויסגעצויגן דאָס טישקעסטל און פון דאָרט גענומען א בלאָקנאָט. מיט דער רעכטער, פּראָטעזירטער האַנט (אין א שוואַרצער לעדערנער הענטש־קע — אַן אומפאַרגעסלעכער אָנדענק פון דער מילכאָמע) האָט ער צוגעדריקט דאָס טאָוועלע פונעם צעעפנטן בלאָקנאָט און מיט דער לינ־קער איבערגעמישט עטלעכע זײַטלעך, ביז ער האָט געפונען דעם נייטיקן טעלעפאָן.

— מירן אָנקלינגען מיכאַיל באַריסאָוויטש בלינערן, אונדזער זאָאָטעכניקער. ער דאַרף גראָד הײַנט זײַן דאָ אַף א פּאַרטיי־אַקטיוו. דאָס הויז, ווו ער ווױנט, איז ניט ווײַט פונדאַנען. איך דאַרף אײַך זאָגן, אז אלע בלינערס זײַנען וווּנדערלעכע מענטשן: דער טאַטע, דער זון, די טאָכטער און די מאַמע זייערע, ראַיסע סאַ־מוילאָוונע, וועלכע האָט נאָך דעם, ווי זי איז אַרויס אַף פּענסיע, היפּשע פינף יאָר געאַרבעט אַלס קעכן אין דער סאָווירטישער גאַרקיך. מיט איין וואָרט — א שיינע מישפּאָכע אין סאָ־ווירט.

אין א מינוט צען אַרום נאָך באַרטוליאָווס קלונג האָט די טיר געעפנט א באַיאָרטער מאַנצבל מיט א שמייכל אין די אויגן:

— האָסט מיך גערופן, סערגייעוויטש, בין איך געקומען. עפּעס עקסטרע?

— זעץ זיך צו, מיכאַיל באַריסאָוויטש. ווי מיר איז באַוווּסט, איז בא דיר הײַנט א פרײַער טאָג, וואָלט גוט געווען, דו זאָלסט ביזן אָנהייב פון דער באַראַטונג פונעם פּאַרטיי־אַקטיוו זיך דורכגיין מיטן קאָרעספּאָנדענט איבערן סאָ־ווירט...

— אַלס גיך? — האָט זיך אָנגעפּרעגט בלינער.

— נישקאַשע, בראַטאָק, — האָט פאַרגעזעצט באַרטוליאַוו, — מיר מיט דיר זײַנען דאָך געוועזענע פראָנטאָוויקעס, דאַרפן מיר צו אַלץ זײַן געווינט...

באַרטוליאַוו און בלינער — ביידע מילכאָמע־וועטעראַנען, זײַנען שוין איצט אויך וועטעראַנען פון דער מי. פאַר די דריטהאַלבן צענדליק יאָר, וואָס זיי אַרבעטן צוזאַמען, האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו זײַן אַף „דו".

פאַר די עטלעכע מינוט, וואָס מיר האָבן זיך געפונען אין קאַבינעט פונעם הויפּט־אינזשעניר, זײַנען אַרײַן און אַרויס א מאַן צען — זעט אויס מעכאַניקער, שעפן פון באַזונדערע באַצירקן — יעדערער מיט זײַן איניען. יעגאָראַוו האָט אַלעמען אויסגעהערט. גאַר וויכטיקע איניאַנים לייזט ער אָפּעראַטיוו, דורכשמועסנדיק זיך פריִער מיט עמעצן דורכן סעלעקטאָר.

וועגן אים האָט מיר באַרטוליאַוו געזאָגט:

— פאַר אונדז איז ער נאָך דער זעלבער זשעניע יעגאָראַוו פונעם דערפל פּילימאַנאָווקע, א היגער באַכער, וואָס האָט אָנגעהויבן זײַן אַרבעט אין סאָווירט אַלס טראַקטאָריסט, דערנאָך געוואָרן פּאַרוואַלטער מיט די גאַראַזשן און אַזוי פון שטאַפּל צו שטאַפּל, ביז דער — מאַדרייגע פון הויפּט־אינזשעניער...

מיט א שטאָק העכער איז דער קאַבינעט פונעם הויפּט־אַגראָנאָם. מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן רעכט אַריבערטרעטן די שוועל, ווי ס'האָט אונדז שוין געגעבן די פּולע אינפאָרמאַציע א יונג בלאָנד מיידל אין אן אייניטאָניק געשטריקט קאָפטל און מיט אין דער מאָס צוגעפאַרבטע ליפּן:

— אויב איר דאַרפט צו קלאַוודיִא סערגייעוונא, איז זי נאָך באַ ליטשקינען אַף דער פּלאַניאַרקע. זי וועט דאָ זײַן אין א מינוט צען אַרום.

בלינער רוימט מיר אײַן אין אויער אַרײַן:

— ליטשקין איז דער נײַער דירעקטאָר פונעם סאָווירט. ער האָט שוין באַוויזן אײַנפירן פיל נײַס...

אינגיכן האָט אין אופנאַם־צימער זיך באַוויזן אן ענערגישע פרוי מיט אן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן אין לאַץ. לויט אירע אופגעלעבטע, בלישטשענדיקע אויגן איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז קלאַוודיִא סערגייעוונא איז נאָך אַלץ אונטערן אײַנדרוק פון דער אָפּעראַטיווער פּלאַניאַרקע.

— איר וואַרט אַף מיר? — האָט זי זיך צו אונדז געווענדט אין אײַלעניש, — איז קומט אַרײַן, ביטע.

נאָך א קורצן אויסטויש פון פראַגן און ענטפערס האָט זי אופגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרײַבל: — עס גייט צו אײַך א קאָרעספּאָנדענט אין דער באַגלייטונג פון בלינערן, נעמט זיי אוף, באַווײַזט אײַער אָראַנזשערייע...

ביזן זיבעטן אָראַנזשערייע־קאָמפּלעקס, וווּהין קלאַוודיִא סערגייעוונא האָט אונדז געייצעט גיין, איז א היפּש שטיקל וועג. דערווײַל שמועס איך מיט בלינערן, און ווען ער דערמאָנט די פאַמיליע דוואָרקין, קומט מיר אוף א געדאַנק, אַז מײַן מיטשפּרעכער איז, זעט אויס, דער אוטאָר פון יענעם בריוו אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", מיט וועלכן איך האָב זיך באַקאַנט ניט לאַנג צוריק. דער בריוו הייבט זיך אָן אַזוי:

טײַערע רעדאַקציע!

אין אײַער זשורנאַל לייענען מיר אָפט וועגן די אופטועט פון א סאַך וווּנדערלעכע מענטשן. איך וויל אײַך בעטן, איר זאָלט דערציילן וועגן נאָך איינעם, וועגן מיכאַיל דוואָרקינען — דעם לײַדנשאַפטלעכן אָרגאַניזאַטאָר פון די ערשטע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן אין די ייִדישע קאָלאָניעס פון דאָרעם־אוקראַינע, דעם וועטעראַן פון אונדזער סאָווירט, וועמען די פּאַרטיי האָט נאָך אין די פאַרמילכאָמעדיקע יאָרן געשיקט אַרבעטן אין איינעם פון די אָפּגעשטאַנענסטע הינטערמאַסקוער קאָלווירטן מיטן נאָמען „סאָלאַריעוואָ". דוואָרקין האָט דעמלט זיך צעשיידט מיט זײַן אייגענעם קאָלווירט אין נײַ־פּאָלטאַווקע און געקומען אַהער. ער האָט, ווי מע זאָגט, פאַרקאַטשעט די אַרבל און מיט דער אייגנטימלעכער פאַר אים ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט, אָנווענדנדיק די פיליאַריקע דערפאַרונג פון אַן אַלטן ערדאַרבעטער, געפירט נאָך זיך די מאַסן, ביז דער קאָלווירט איז געוואָרן א פאַרגעשרייטענער"...

ווײַטער ווערט אינעם בריוו דערציילט, אַז „סאָלאַריעוואָ" איז אונטער מיכאַיל דוואָרקינס אָנפירונג, געוואָרן איינע פון די דרײַ גרעסערע ווירטשאַפטן, אַף דער באַזע פון וועלכע עס איז שפּעטער אַנטשטאַנען דער סאָווירט־קאָמבינאַט „מאָסקאָווסקי", ווו דוואָרקין, דער פּאַטריאַרך צווישן די לאַנדווירטשאַפטלעכע האָרעפּאַשניקעס, האָט ביז אין דער טיפער עלטער, ווי א בעקאָוועדיקער און אוטאָריטעטער מענטש, געדינט אַלס בײַשפּיל פאַר די יונגע. ווען מע פלעגט וועגן עפּעס דאַרפן זיך האַלטן אַן עצה, האָט מען זיך געווענדט צום „זיידן" דוואָרקינען. — „וואָס וועט זאָגן און וויאַזוי וואָלט זיך באַגאַנגען מיט דעם דער זיידע?"...

ניט לאַנג צוריק איז דער צוויי און אכציקיאָריקער מיכאַיל לאַזאַרעוויטש דוואָרקין געשטאָרבן. די מענטשן, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט און געאַרבעט, וועלן אים לאַנג געדענ־

קען. א טיפן און נוצלעכן שפור האָט ער נאָך זיך איבערגעלאָזט ניט נאָר אין סאָווירט, נאָר אויך אין די ארומיקע ישוּוים — אין די קינ־דערהיימען און קינדערגערטנער, וועמען זײַן קאָלווירט האָט מילכאָמע־צײַט געהאָלפן מיט ברויט, מיט מילך, מיט פלייש.

באזונדערס האָט דוואָרקין זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנע פּאַטריאָטישע אופטוען אין דער צײַט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ער איז געווען צווישן די איניציאַ־טאָרן אויסצובויען אף די מיטלען פון די קאָל־ווירטניקעס די בארימטע טאנקען־קאָלאָנע, וועלכע איז דעמלט אָנגערופן געוואָרן „מאָס־קאָווסקי קאָלכאָזניק".

וועגן זיך האָט מיכאיל בלינער אין זײַן בריוו גאָרנישט ניט דערציילט. ער האָט אים בלויז פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „דערמאָנט, טײַערע פרײַנט, אָט דעם ערלעכן מענטשן. און אויב איר וועט געפינען פאר נייטיק, פאָרט אַרײַן צו אונדז אין סאָווירט און טוט א קוק אף דער גרויסער און שיינער ווירטשאפט, אין וועלכער עס איז אויך אַרײַנגעלייגט דוואָר־קינס מי"...

ווען מיר האָבן געעפנט די טיר, וואָס פירט צו די אַראַנזשערייען, האָט אף אונדז א ווייע געטאָן א צערטלעכע, פײַכטע וואַרעמקײַט, וואָס דערמאָנט מיט עפּעס דעם קלימאַט אפן דאַ־רעם־ברעג פון קרים נאָך א רעגן. עס וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן דאָס געוועב פון מע־טאַלענע קאַרקאַסן, וועלכע בילדן איין ריזיקע זילבער־ווײַסע קאָנסטרוקציע, אדאנק וועלכער די אַראַנזשערייען ווערן דורך ספּעציעלע קאָ־רידאָרן פאַרייניקט אין איין בלאָק.

איך קוק מיט פאַרווונדערונג אף די קאָרי־דאָרן. דאָס זײַנען, אזוי צו זאָגן, אייגנאַרטיקע „גאַסן", טראַנספּאָרט־אַרטעריעס אין א גלעזער־נער שטאָט, ווו אַלץ ארום בליט, שפּראָצט און גרינט. די מיטעלע, אספאלטירטע דורכפאָר־טייל פון אָט די קאָרידאָרן ווערט אויסגענוצט צוליב דער נאָרמאַלער ארבעט פון די פאַרשיידנערליי מאַשינען, זעלבסטבאַוועגלעכע שאַסי, טראַק־טאָרן, אויסגעשטאַטע מיט ספּעציעלע צוטשעפּ־אינוועטאַרן. וואָס שײַעך די טראַטוארן פון ביידע זײַטן קאָרידאָר, פאַרפולטע מיט וויי־כן ערד־גרונט, ווערן זיי דאָ אויסגענוצט ווי א צוגאָב־שטעטל אויסצוכאָוועןָ א גערעטעניש פון גאָרטנוואַרג: ציבעלעס, סעלדעריי, סאַלאַט.

די קאָרידאָרן דינען אויך אלס מיקראָקלי־מאַט־זאָנעס, וועלכע פאַרהיטן בעשאַס דער טראַנספּאָרטירונג די איידעלע פּראָדוקציע פון די וואַרעם־בייטן, ווי אויך די מענטשן, וואָס אַרבעטן דאָ, פון דער דרויסנדיקער טעמפּעראַ־טור־סוויווע.

און איצט שטעלט אײַך פאָר אָט די „גאַס" מיט גאַזאָנען און בלומען־קלומבעס, און איר וועט דערשפּירן נאָך איין פונקציע פון די קאָ־רידאָרן — די עסטעטישע. עס איז דאָך שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלט, אז די פּראָדוצירער־עסטע־טיק ווײַזט ארויס א פּאָזיטיווע ווירקונג סײַ אפן געמיט פון די מענטשן און סײַ אפן דערפּאָלג פון זייער ארבעט.

אין די אַראַנזשערייען זײַנען אזעלכע אַר־בעטס־פּראָצעסן, ווי דאָס רעגולירן דעם מיק־ראָ־קלימאַט, די דערנערונג פון די געוויקסן פולקאָם אויטאָמאַטיזירט. אָט באַקומט זיך א באַפעל פונעם צענטראַלן פּולט, און די אויטאָ־מאַטן שליסן גלײַך אײַן די באַגיסונגס־סיסטעם, רעגולירן דעם טעמפּעראַטור־רעזשים, די קאָנ־צענטראַציע פון דער מינעראַלער באַגיטיקונג.

מיר קוקן זיך אײַן אין דער געדיכטעניש פון די געוויקסן. די פּאָמידאָרן און אוגערקעס ציִען זיך, ווי ווײַנטרויבן־לאָזעס, פון אונטן ביז ארויף אף עטלעכע מעטער. דאָס זײַנען ספּעציִ־עלע הויך־פּראָדוקטיווע און גיך רײַפווערנדיקע סאָרטן, אויסגעכאָוועטע אין די סאָוועטישע סעלעקציע־אינסטיטוטן. ארום זיי, צווישן אָט די אויסטערלישע גרינע שפּאַלירן גייען ארום פרויען אין ווײַסע כאַלאַטן מיט שערעלעך און שפּאַגאַטלעך אין די הענט, קוקן זיך אײַן אין יעדן געוויקס, באַזײַטיקן, ווו מע דאַרף, ווילדע צווויקסן, בינדן אונטער די זיך שטאַרק צעוואַק־סענע הודענעס.

— ווי איר זעט מיך, האָב איך דאָ אָפּגע־ארבעט קימאַט א העלפט פון מײַן לעבן — מאַכט צו מיר מיכאיל בלינער.

וועגן וואָס מיכאיל זאָל ניט ריידן, דערמאָנט ער זײַנע עלטערן — „דער טאַטע האָט מיך גע־לערנט", „די מאַמע פלעגט זאָגן". באַזונדערס גרויסט ער זיך מיטן טאַטן זײַנעם, באַרעך־בער, דעם סאָלדאַט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מיל־כאָמע, וועלכער האָט ביזן 1905־טן יאָר געדינט דעם צאַר און דעם פאָטערלאַנד און איז נאָכ־דעם אין וויטעבסק אפן וואָקזאַל, פונוואַנען עס איז שוין געווען, ווי מע זאָגט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען זײַן געבוירן־שטעטעלע אף דער בריאַנסקשטשינע, מיטאַמאָל ארעסטירט געוואָרן אלס „ניעבלאַגאָנאַדיאָזשנע". גלײַך נאָכן ארעסט האָט מען אים פאַרשיקט קיין רעוועל און פונ־דאָרט אין שטעטל אלעקסאַנדריִע אין דער טאַוו־רישטשעסקער גובערניע. פון דער שווערער האַרעוואַניע בא די אַרטיקע באַלעבאַטים, פעל־הענדלער און ארענדאַרן, האָט קוים געצויגן די כאַיונע זײַן היפּשע מישפּאָכע.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־איבערוואַנדערונג פון יידן אף ערד אין

די סטעפעס פון דאָרעם־אוקראַינע, איז צווישן דעם ערשטן שטראָם איבערוואנדערער געווען באָרעך־בערס מישפאָכע. פאר די בלינערס איז דאָס נײַע וווין־אָרט געוואָרן א ברייט פעלד פון לעבן און ארבעט. שפעטער איז דאָ געגרינדעט געוואָרן די ערשטע קאָלעקטיווע ווירטשאפט מיטן נאָמען „נײַער שטערן". דער קאָלווירט האָט געהאט אן אייגענע מילך־פערמע. ווען די פערמע איז זיך צעוואקסן, האָט מען באשטימט, צוליב רענטאבלקײַט, עפענען א צעך פון קעז־קאָכערײַ. קאדרען פאר דעם נײַעם מין פראָדוקציע האָט מען דערצויגן אייגענע. באָרעך־בערן, איינעם פון די בעסטע פיציכטלער, האָט מען געשיקט אף קורסן פון קעז־קאָכערײַ. פון דעמלט אָן האָבן די אײַנוווינער פונעם יִשעוו און פון די ארומיקע דערפער געקרוינט בלינערן מיטן נאָמען בערקאָ דער קעז־קאָכער.

די געשמאקע קעזן, וועלכע באָרעך־בער פלעגט קאָכן לויט די אוגליטשער, יאראָסלאווער און קאָסטראָמער רעצעפטן, זײַנען געווען ניט ערגער פון די שווייצארישע און האָבן געהאט א גוטן שעם ניט בלויז אין די נאָענטע ראיאָנען, נאָר אויך אין גאנץ אוקראַינע.

מיכאַילן, באָרעך־בערס עלטסטן זון, שוין דעמלט א היפש באָכערל, איז געפעלן געוואָרן דעם טאטנס נײַע פראָפעסיע, פלעגט ער אהער קומען אים העלפן אין דער ארבעט, באזונדערס ווען מע האָט געדארפט אויסלייגן פיראמידארטיק די פארטיקע קעפלעך קעז מיטן פראָדוציר־שטעמפל פונעם קאָלווירט. און אזוי ביז באָרעך־בער האָט אין איינעם א טאָג באלערעוודיק זיך געווענדעט צום זון.

— קעז־קאָכערײַ, זונעניו, איז ניט פאר דיר. צו דער מעלאָכע וועסטו אין אלע צײַטן באווײַזן. פאר דיר וועט זײַן צוגעפאסט א פראָפעסיע פון דעם נײַעם דאָרף. אָט, צום בײַשפיל, מע נייטיקט זיך אין זאָאָטעכניקער. לייג צונויף דײַן טשעמאָדאנדל און פאָר אוועק קיין שיראָקאָיע זיך לערנען אינעם זאָאָוועטעכניקום...

מיכאַיל האָט געפאָלגט דעם טאטן.

נאָך א פאָר יאָר ארבעט אין די פערמעס ווערט דער יונגער זאָאָוועטעכניקער קאָמאנדירט אלס באצירק־אגראָנאָם אין פרײַדאָרפער ראיאָן. דאָ פלעגט אים אויסקומען ארומפאָרן פון איין קאָלווירט אין צווייטן, סטאזשירן די פיציכטלער, דורכפירן בעראטונגען אף די מילך־פערמעס.

אין קאָלווירט „אָקטיאבער" באקאנט זיך מיכאַיל מיט ראיע באלטער, דער ערשטער טראקטאָריסטקע, וועלכע האָט איבערגעוואנדערט צוזאמען מיט אירע עלטערן פון בערשאד. מע דערציילט, אז מיט די באלטערס האָט זיך דעמלט מאמעש געוויגט דאָס גאנצע שטעטל, נאָך דעם, ווי מע האָט זיך דאָרט דערוווּסט, אז ראיע זיצט באם רודער פון א טראקטאָר. ווי קומט עס צו איר? א מיידל, ווי אלע מיידלעך, און נא דיר גאָר א טראקטאָריסטקע.

— בעטעווע, — דערציילט בלינער, — איז מײַן ראיע מיט איר ענערגיע און ניט נאָכגיביקײַט געראָטן אין איר מאמע טובע באלטער — א מיט לײַב־און־לעבן איבערגעגעבענע קאָלווירטניצע, א מיטגליד פון דער קאָלווירט־פארוואלטונג און איניציאַטאָרן פון אלע גוטע אָנהייבן צווישן די מעלקערנס אין ראיאָן. די געמעלקן, וואָס טובע פלעגט באקומען פון יעדער קו, האָבן געדינט אלס בײַשפיל פאר אלע קאָלווירטניצעס. עפשער טאקע דערפאר האָט מען זי אָנגערופן אין קאָלווירט אנדערש ווי אין בערשאד — ניט טובע שמילעקס, נאָר קורץ און פאָשעט — די באלטערשע, מיט אכטונג צו איר אווטאָריטעט. ווען עמעצער פון די יונגע האָט געדארפט זיך האלטן אן אייצע, איז מען געקומען צו דער באלטערשע.

ראיע האָט זיך געזעגנט מיט דער מאמעס שטוב, מיט איר טראקטאָר־בריגאדע, און איז אף שטענדיק אריבערגעפאָרן אין שכיינעסדיקן קאָלווירט „נײַער שטערן" צו די בלינערס, ווו זי האָט אָנגעהויבן פירן א גליקלעך פאמיליע־לעבן. אינגיכן איז בא דער יונגער פאָר געבוירן געוואָרן א זון.

די ערשטע צוזאמענשטויסן מיט די פאשיסטן האָט בלינער איבערגעלעבט באם טײַך בוג אין ראיאָן פון דער בריסקער פעסטונג. דאָס זײַנען געווען ביטערע שלאכטן מיט שווערע פארלוסטן. נאָך איינער אן איבערגרופירונג פון די מיליטער־טיילן איז בלינער ארײַנגעפאלן אפן וואָלכאָוו־פראָנט, ווו עס איז אויסגעקומען גלײַך פון די עשאלאָנען זיך אָנשליסן אין די הייסע שלאכטן. די דאָזיקע טיילן האָבן דעם 2 סענטיאבער 1941 באם דאָרף וואָראָנאָוואָ אָפגעשטעלט דעם אָנגריף פון די היטלעריסטן, ניט דערלאָזנדיק זיי צו לענינגראד. די פעסטע פארטיידיקונגס־ליניע האָט אין מעשעך פון 16 כאָדאָשים אף אָט דעם פראָנט־אָפשניט ניט געלאָזט די פאשיסטן אופהייבן דעם קאָפ.

בא איינעם פון די אַנשפאר־פונקטן איז בלינער שווער פארוווּנדעט געוואָרן אין ביידע פיס. אָבער דורכגייענדיק ביז אָט דער אכזאָריִעסדיקער מינוט שיווע מעדורע גענעם, האָט דער באשיידענער סאָלדאט אונטערגעצונדן ניט איין פאשיסטישן טאנק.

אין שײַכעס מיט יענע שלאכטן אפן וואָלכאָוו־פראָנט דערציילט בלינער:

מיכאיִל בלינער מיט זײַן מישפּאָכע

— איך האַלט זיך פאַר אַן אייביקן באַל־כיווו בא מײַנע כאַווײרים־אַרטילעריסטן, באַ־זונדערס בא מײַנע שלאַכט־פרײַנט נאָכרין און פיאָדאָראָוו, מײַנע רעטער, וועלכע האָבן ניט דערלאָזט, אַז איך זאָל, אָפּגײענדיק מיט בלוט, פאַרפראָרן ווערן אָפן שלאַכטפעלד. זיי האָבן מיך מאַמעש פון אונטערן פײַער אַרויסגעטראָגן פון דער נייטראַלער זאָנע דורך דער פּאָדער־שטער ליניע און איבערגעגעבן מיך אַף די הענט פון אונדזערע סאַניטאַרקעס.

ערעוו יענער שלאַכט איז מיכאיִל בלינער אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי, נאָר דעם פּאַר־טיי־בילעט האָט ער באַקומען ניט אַף דער באַטאַרייע, ווי עס איז געווען פון פריִער באַ־שלאָסן, נאָר אין האָספּיטאַל אין אַ האַלב יאָר אַרום.

אין טאָמסקער האָספּיטאַל דערלויבט מען אים מיט דער הילף פון צוויי קוליעס זיך שטעלן אַף די פיס, כאָטש איינער פון זיי, דער לינקער, איז געוואָרן קירצער אַף גאַנצע זעקס סאַנטימעטער. פון טאָמסק, נאָך דעם ווי מע האָט אים צײַטווײַליק אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, לאָזט ער זיך אַוועק איבערן אוראַל זוכן אַ נײַע היים. אַף דאָרעם־אוקראַיִנע האָבן דאָך די פאַשיסטן אינגאַנצן כאָרעוו געמאַכט דאָס לעבן...

אין דער שטאָט גובאַכאַ, פערמער געגנט, געדענקט ער, האָט ביז דער מילכאָמע געלעבט זײַן שוועסטער ביילע, וועלכע איז אַהין געקו־מען לויט אַ קאָמיוגישער פּוטיאָווקע. גובאַכאַ איז אַ שטאָט, וועלכע ווערט דורך אַ באַרג צע־טיילט אַף צוויי טיילן — איינע פון דער אַנדע־רער שטייט אָפּ אַף דרײַ קילאָמעטער. איין גובאַכאַ הייסט „אונטערשטע" און די צווייטע — „אייבערשטע".

און מיטאַמאָל אַזאַ אומדערוואַרט גליק. אונטערשפּרינגענדיק אַף זײַנע קוליעס פאַרבײַ דעם שטאָטישן מאַרק, באַגעגנט ער צופעליק אַ נאָענטן מענטשן — די שוויגער זײַנע טובע באַלטער, די זעלבע באַלטערשע, וואָס האָט פאַר דער מילכאָמע בא זיך אין קאָלווירט געקערט ווערלטן. איצט האָט זי אים, אַ סאָלדאַט אַף קו־ליעס און אַ לאַנג ניט ראַזירטן, קוים דערקענט, סײַדן בלויז אין קאָל. וויפל פרייד־אויסגעשריי־ען און טרערן. באַלד איז געקומען צו לויפן בלי־נערס פרוי מיט זייער זונעלע, דער פרויס שוועס־טער, גלאַט מענטשן, וועלכע האָבן מיט מיט־פילנדיקע פרײַדיקע טרערן געקוקט אָפן פאַר־וווּנדעטן סאָלדאַט, ווי אַף זייערן אַן אייגענעם. מיכאיִל אַליין איז אַף עטלעכע רעגעס געבליבן ווי צעמישט. ער איז צוגעפאַלן צו זײַן ראַיען, צום זון און ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פון זיי. ער דערוויסט זיך, אַז זײַנע עלטערן האָבן ניט באַוויזן זיך צו עוואַקויִרן און זײַנען אומגעקו־מען אין סטאַלינדאָרפער ראַיאָן.

שוין אַזויפיל יאָרן אַדורך נאָך דער מיל־כאָמע, נאָר קיינער און גאָרנישט ווערט ניט פאַרגעסן. אָט די זאָרג וועגן די פראָנטאָווי־קעס—וועטעראַנען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, האָט בלינער ניט לאַנג צוריק אויס־געפּרוּווט אַף זיך אַליין, ווען עס האָט אים אין צוויי און דרײַסיק יאָר נאָך דער מילכאָמע גע־

דער זאָטעכניקער מיכאיִל בלינער

פונען די הויכע מעלוכישע באַלוינונג — אַן אָר־
דען „רויטער שטערן״.

דאָס איז געווען אין יאָר 1975, ווען דער ווידנאָוועסקער שטאַטישער מיליטער־קאָמיסאַר פון דער מאָסקווער געגנט האָט אײַנגעלאַדן מיכאַיל באָריסאָוויטש בלינערן און אין א פײַערלעכער אומגעבונג אים איבערגעגעבן דעם אָרדען און אויך עטלעכע מעדאַלן פאַר דער געוואַגטקייט און העראָיזם, וואָס ער האָט ארויסבאַוויזן אפֿן וואָלכאָוו־פראָנט.

די קינדער, די אייניקלעך האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זײַן נײַער דירע און אים באַגריסט מיט דער באַלוינונג. די דערמאָנונגען זײַנען געווען שווערע, עס איז אָבער אַלעמען פריילעך געווען אפֿן הארצן, ווײַל מארגן גייט יעדערער פון די בלינערס צו זײַן געוויינלעכער פרידלעכער ארבעט, די אייניקלעך וועט מען ארויסבאַגלייטן, וועמען אין שול און וועמען אין קינדערגאָרטן. אַלץ און יעדערער וועט זײַן אף אַן אָרט...

— אויב איר זײַט נאָך ניט אינגאַנצן אײַנגעמידט, — באַמערקט בלינער, — קאָנען מיר מיט אײַך פאַרײַנוועגס ארײַנגיין אין דער פינפטער אַראַנזשעריע, ווו עס ארבעט היינט מיט זײַן בריגאַדע מײַן סעמיאָן, דער עלטערער זון. ער טראָגט, זאָל עס הייסן, דעם נאָמען נאָכן זיידן שמילעק, אַלעווהאַשאָלעם. איך וויל אײַך אָבער וואָרענען, אז ריידן, צי עפּעס דערציילן וועגן זיך און זײַן בריגאַדע וועט ער ניט האָבן די מעגלעכקייט, באַזונדערס איצט, בעשאַס עס גייט דער מאָנטאַזש פון א נײַער רערן־סיסטעם. און ביכלאַל האָט ער ניט ליב, מײַן שמילעק, ווען מע קוקט בייס ער ארבעט, צי מע ווענדט אים מיט עפּעס אָפּ...

— אַדרעבע, אין דער היים באַם טיש איז עפּעס אַנדערש. דאָ וועט ער גרייט זײַן מיט אײַך אונטערצוהאַלטן א שמועס אף וואָסער טעמע איר ווילט, זאָל זײַן טעכניק, ספּאָרט און אפילע קונסט. כאָטש קיין הויכע בילדונג, ווי איר זעט, האָט ער ניט. נאָר גלאַט אַזוי פון זיך אַליין, פון לייענען, פון באַזוכן לעקציעס... ער איז לויטן כאַראַקטער א באַכער א קאָמפּאַנייסקער. טרעפט ווען, מע קלײַבט זיך בא אונדז צונויף אף א סימכע, איז ער דער גלאַוונער באַם טיש. די טאָכטער מײַנע ליובע — זי איז, פאַרקערט, אַן אײַנגעהאַלטענע, א שווײַגערקע. סיאַמע האָט באַשטימט, אז נאָכן אַכטן קלאַס גייט ער זיך לערנען אין א פּראָדוקצירשול און אז זײַן ציל איז גראַדע ניט דער אוניווערסיטעט. ער וויל ווערן א קוואַליפיצירטער ארבעטער. און זי, ליובע, ווען זי האָט שוין געפירט איר זון אין די קינדער־יאַסליעס, האָט זי, ניט וואָרפנדיק די ארבעט, גאַנץ פײַן פאַרענדיקט דעם פּלאַנאָווע־עקאָנאָמישן אינסטיטוט. און וואָס יאָ, פון דער ערדארבעטערישער מי האַלטן זיי ביידע, אַזוי זײַנען זיי שוין בא אונדז געוווינט פון דער קינדהייט...

— אין היינטיקן רעגנדיקן זומער, ווען עס האָט געהאַלטן שמאָל מיטן היי־שניט איבערן ניט גינסטיקן וועטער, איז צוזאַמען מיט די פעלד־ארבעטער ארויס אף די לאַנקעס און אף די וואַלד־פּאַסן דער גאַנצער סאָווירט. אין יענע טעג האָט אויך ליובע, די הויפּט־עקאָנאָמשע, מיט איר גאַנצן אָפּטייל זיך אײַנגעשלאָסן אײַנעם היי־שניט, פאַרבײַטנדיק צײַטווײַליק די אַריפמאַמעטערס אף קאָסעס און האַרבליעס. אַף אַלע בערגלעך און טאָלן, דאָרט, ווו עס קאָנען ניט דורכגיין די שנײַד־מאַשינעס, האָט מען געלאָזט אין גאַנג דאָס אַלטע געצײַג. ליובע מיט איר בריגאַדע פּלאַנאָוויקעס האָבן באַוויזן עקסטרא־קלאַס אין פעלד. זיי האָבן פאַרגרייט פאַר צוויי וואָכן מער פון צען טאָן היי...

גייענדיק פּאַמעלעך צוריק פון די אָראַנזשעריען, עטוואָס אײַנגעמידטע, אין דער ריכטונג פון דער צענטראַלער טייל פונעם סאָווירט־יישעוו, זײַנען מיר ארײַן שוין ווײַט אין דער צווייטער העלפט טאָג. ווען איך האָב לעבן רעסטאָראַן פאַרגעלייגט בלינערן ארײַנגיין אהין צוזאַמען אָפּעסן א מיטיק, האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג:

— סטײַטש, מיר געפינען זיך דאָך לעבן מײַן שטוב, אָט הייבן מיר זיך אויף אפן צווייטן שטאָק, וועט אונדז ראַיסע סאַמוילאָוונע אפגיך עפּעס צוגרייטן אף א היימישן אויפן, קאָן זײַן אפילע — א אוקראַאינישן באָרשטש, וואָס זי, די אַמאָליקע שעף־קעכן פון דער סאָווירטישער גאַרקיך, ווייסט וויאַזוי צו קאָכן... סײַדן איר ווילט זיך גלאַט באַקענען מיטן סערוויס אין אונדזער רעסטאָראַן. איז גייט אהין ארײַן אַן אַנדערש מאָל.

איידער איך האָב זיך ארומגעקוקט אין מיכאַיל בלינערס דירע, האָט די באַלעבאָסטע שוין באַוויזן דעקן דעם טיש. עס איז, ווײַזט אויס, געוואָרן א טעווע בא מענטשן, בייס עס קומט ארײַן א גאַסט, בלעטערן אַלטע און נײַע פאָטאָגראַפיעס. בא די בלינערס זײַנען אָט די פאַמיליע־רעליקוויעס גרופּירט כראָנאָלאָגיש אין באַזונדערע אַלבאָמען. אָט איז בלינער מיט זײַן פרוי אין פּרײַדאָרפער דאָרפס־ראָט פאַר דער מילכאָמע אין טאָג פון זייער כאַסענע. אָף צוויי פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיעס זעט מען בלינערן נאָך א ייִנגל מיט זײַן טאַטן אין סטעפּ אפן פאָן פון א טראַקטאָר מיט א זיי־מאַשין ערעוו דעם ערשטן קאָלעקטיוון פרילינג־פּאַרזיי. און אף דער אַנדערער — מיכאַיל בלינער צווישן א גרופּע ייִנגלעך און מיידלעך אף א פּיצוכט־

סעמינאַר פון יונגע זאָאָטעכניקער אין דער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּרווו־סטאַנציע אָסקאַניִע נאָווא.

— און אָט זײַנען נאָך צוויי פאָטאָגראַפיעס בוילעטע איליוסטראַציעס צו בלינערס ביִאָגראַפיע. אויף איינער פון זיי, דאַטירט מיטן יאָר 1943, שטייט ער אין מיליטערישן שפּיטאָל, אָנגעלענדט אויף א קוליע. און אויף דער אַנדערער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן שוין נאָך דער מילכאָמע, זעט מען אים, דעם בריגאַדיר פון א פּיצוכט־בריגאַדע אין סאָווירט „מאָסקאָווסקי", אויף א פערד־און־וועגעלע, אין א ברעזענטענעם רעגנמאַנטל בייס איינעם אַן אַרויספאָר איבער די סאָווירטישע גיטער.

דאַכט זיך שוין דורכגעבלעטערט אַלע אַלבאָמען, און צולעצט זיך אָנגעשטויסן אויף איינער גאָר א פרישער פאָטאָגראַפיע: א גרויסער אוילעם בא געדעקטע טישן.

— דאָס איז געווען אויף דער כאַסענע פון דער ייִנגסטער פלעמעניצע, — דערקלערט בלינער, — אָט שטייט זי אין סאַמע מיטן. דאָ קאָנט איר ביכלאַל זען אַלע בלינערס, סײַ די סאָווירטישע, סײַ די, וואָס לעבן אין מאָסקווע און פיל ווײַטער אפילע... די ייִנגסטע שוועסטער מײַנע, ליזע, וווינט אין א שטאָט אַפן ווײַטן צאָפן. זי איז דאָרט אַן אווטאָגענשטשיצע און קאָן שוין וויפל יאָר מיט איר צאָפן און מיט איר מאַנצבלשער פּראָפעסיע זיך ניט שיידן...

אין דרויסן איז געשטאַנען א מילדער סאָף טאָג. די פאַרשקיִעדיקע זון האָט אַראָפּגעגנידערט אירע צעגליטע שטראַלן אַלץ נעענטער און נעענטער צום האָריזאָנט, גלײַך זי וואָלט זיי באַהאַלטן אונטערן גלעזערנעם דאַך פון די אָראַנזשערייען. אויף די שטעגן און דורכפאָרוועגן האָט זיך באַוויזן מערער אוילעם. מענטשן זײַנען געגאַנגען פון דער אַרבעט.

בלינער האָט מיך באַגלייט צו דער אָפּשטעל־סטאַנציע פונעם אווטאָבוס, און אַליין איז ער אַוועק אויף דער זיצונג פונעם פּאַרטייאַקטיוו. נאָך א גאַנצן טאָג אַרומגיין איבער די שטילע סאָווירט־באַצירקן, בין איך ווידער אַרײַנגעפאַלן אינעם אומופהערלעכן מענטשןשטראָם, וואָס גיסט זיך אַרײַן אין דער הויפּטשטאָט.

כאַים ביידער

דעראַזשנע — מאָסקווע

די ערשטע באַגעגעניש

איך וואָלט דאָס מאָל געדאַרפט אָנהייבן דאַפּקע ניט פון דעראַזשנע, וואָס ליגט אַ ביסעלע אין אַ זײַט פון מײַן פּאַרויסבאַשטימטן מאַרשרוט איבער פּאָדאָליע, ווען ניט אָט דער אומגעריכטער טעלעפאָן־קלונג:

— אַ גוטנאָוונט! איר האָט מיך נאָך ניט פאַרגעסן?

אַ באַקאַנטע שטים, נאָר ווער עס רעדט, האָב איך גלײַך זיך ניט געקאָנט פאַנאַנדער־קלײַבן. אין אַ פּאָר רעגעס אַרום האָב איך זיך ענדלעך דערמאָנט:

— צילע מאָיסייעוונע?

נו יאָ, טאַקע זי, די געוועזענע פּראָנטאָווישקע צילע שווידקאָ, וואָס איר פאַמיליע איז איצט לויטן מאַן — שאַל. זי וווינט אין דאָנעצק, נאָר באַקאַנט האָבן מיר זיך מיט איר אין מאָסקווע.

— פונוואַנען פאַרט איר דאָס?

— וואָס הייסט, פונוואַנען? פון דעראַזשנע פאַר איך!

פאַר צילע מאָיסייעוונען האָט אויסגעזען מאָדנע, פאַרוואָס איך פרעג דאָס. ס׳איז דאָך אַ גאַנץ פּאַשעטע זאַך, כאָטש סע לייגט זיך ניט אַפן סייכל, פאַרוואָס מע דאַרף פון דאָנעצק קיין מאָסקווע פאָרן דאַפּקע דורך דעראַזשנע. נאָר איידער איך פּרוּוו זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין אָט דער אומגעוויינלעכער געאָגראַפיע, טוט זי אַ זאָג:

— ווי געפעלן אײַך מײַנע לאַנדסלײַט?

נו יאָ, אוודאי ווייסט זי שוין, אַז כ׳האָב זיך מיט אַ צײַט צוריק באַגעגנט מיט אירע מאָסקווער קרויווים. דאָס הייסט, קרויווים זײַנען זיי גאָר ווײַטע, נאָר דעראַזשנער זײַנען זיי דאָך... דאָרט, אין דער היימשטאָט זייערער, זײַנען זיי געווען צווישן זיך באַקאַנט, נאָר ניט אַזוי נאָענט, מע זאָל גיין איינער צום אַנדערן צוגאַסט, אָבער דאָ, אין מאָסקווע, כאָטש מע וווינט אין אָפּגעווײַטערטע עקן שטאָט, זײַנען זיי געוואָרן אַזוי פאַרקניפּט און געבונדן, אַז מע קאָן זיך ניט באַגיין איינער אָן דעם אַנדערן, ווי מע זאָל טאַקע זײַן לײַבלעכע קרויווים.

— און נאָך האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר זײַט געווען אין דעראַזשנע...

כ׳האָב, דאַכט זיך, וועגן אָט דעם באַזוך קיינעם נאָך ניט דערציילט, אָבער פרעגן צילען, ווער עס האָט איר געזאָגט, האָט מען פאַרשפּאַרט, ווײַל אַלץ, וואָס עס איז פאַרבונדן מיט דעראַזשנע, דערוויסן זיך גלײַך די געוועזענע לאַנדסלײַט, ווי עס וואָלט נאָך ביז איצט עק־זיסטירט די אומבאַגרײַפלעכע „יידישע פּאַטשט", וואָס אירע סוידעספּולע וועגן און ניט גע־שריבענע קלאָלים עס ווייסט איין גאָט אין הימל.

...איך בין געשטאַנען אַפן פעראָן פונעם כמעלניצקער וואָקזאַל, וועלכער האַלט זיך אין איין איבערבויען און פאַרברייטערן זיך, און געוואַרט אויף מײַן צוג — דעם „דיזעל", ווי מע רופט אים דאָ, וואָס גייט פון גרעטשאַנע קיין זשמערינקע.

כ׳בין געשטאַנען און געקלערט, און די מאַכשאָוועס זײַנען געווען העט ווײַט פון אָט דעם פּעראָן און פונעם גאַנצן אַרום...

ניט קיין בויד, און ניט קיין וואָגן,
ניט קיין שפּאַן פון פערד בולאַנע —
וויפל מאָל עס פלעגט מיך טראָגן
אָט דער „דיזעל" פון גרעטשאַנע!

יענעם וועג דעם גוט באַקאַנטן
פלעג איך מעסטן אַלע יאָרן, —
זײַנען דען שוין אָט די קאַנטן
איצטער פרעמדע מיר געוואָרן?

אויף דער סטאַנציִע כמעלניצקי
פול מיט אוילעם דער פּעראָן איז,
צוגן קומען אָן צעהיצטע,
ווײַסע שילדן אויף וואַגאָנעס.

פון בעלגראַד און פון סאָפיִע,
וואַרנע, פּראָג און בראַטיסלאַווע

אין די ערשטע שאָען פריִע
אײַליק יאָגן זיך און האַווען.

גייט אײַך, צוגן, גייט, צעגליטע,
כ׳דאַרף איצט ניט קיין ווײַטע צוגן.
שרײַב מיר אויס, קאַסירשע, ביטע,
אַ בילעט אין צוג פון יוגנט!

— אין דער יוגנט? נאָר אַ נאָמען
האָט די סטאַנציִע? ווי הייסט זי?
טײַער מיידל, ווען כ׳זאָל קאָנען
זאָגן דיר!.. מיסטאַמע, ווייסטו!

ווי עס רופט זיך אָן דאָס שטעטל
צי דאָס דערפל — איז ניט וואַזשנע,
אָט, לעמאָשל, פון דעם צעטל
לאָמיר אויסקלײַבן דעראַזשנע...

ווען עס שײַנט די זון אין וועג און דורכן אָפענעם וואַגאָן־פענצטער דערטראָגט צו דיר אַ וואַרעם ווינטל מעכײַעדיקע רייכעס פון די פאַרבײַלויפנדיקע פעלדער און סעדער, איז באַזונדערס גוט אויפן האַרצן. אָבער נאָך בעסער איז ווען עס באַגלייט דיך אין וועג אַ וואַרעמער רעגן. אַ רעגן, זאָגט מען, ווען דו פאָרסט אַרויס, איז צום גליק. און כאָטש דאָס איז בעפּייִרעש אַן אָבערגלויבעניש, האָב איך דאָס שוין ניט איין מאָל אויסגעפּרוּווט, און אַלע מאָל איז עס געווען אַ גוטער סימען.

דער רעגן האָט, אײַגנטלעך, זיך אָנגעהויבן נאָך אין כמעלניצקי, נאָר, ווי איך האָב באַמערקט, האָט דאָרט קיינער אויף אים ניט געלייגט קיין אַכט, בלויז ווער־ניט־ווער האָט געפּרוּווט צעעפענען די שירעמס און באַלד זיי ווידער צונויפגעלייגט, ווײַל דער הימל איז געווען קימאַט אײַנגאַנצן אַ בלויער און נאָר אַן ערשט אָנגעקומען וואָלקנדל האָט, אַפּאָנעם, געוואָלט אַ שטיף טאָן מיט דער זון.

דער צוג האָט פאַרשפּעטיקט, און ווען ער איז ענדלעך אַ פאַרסאָפּעטער צוגעקומען צום פּעראָן, האָט דער אוילעם אין איין רעגע פאַרפולט די וואַגאָנען. איבערהויפּט זײַנען עס געווען אײַנוווינער פון די אַרומיקע דערפער — פּויערים און פּויערטעס, געווײַנלעך מיט זעק און מיט קאָשעקעס, מיסטאַמע געפאָרן אויפן כמעלניצקער מאַרק פאַרקויפן גרינס און אײַנקויפן די נייטיקע סכוירעס. ס׳איז געווען הייס, און מ׳האָט צעעפנט די פענצטער. אָבער אין אַ האַלבער שאָ אַרום, ווען דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו באָגדאַנאָווצי, איז פּלוצעם אויף אים אָנגעפאַלן אַ גוסרעגן. דער אוילעם איז געוואָרן אויפגעלייגט:

— אַ מעכײַע! אויף אַזאַ רעגן האָבן מיר שוין פונלאַנג אַרויסגעקוקט!

איצט, דערמאָנענדיק זיך, ווי׳אַזוי אַלע אין וואַגאָן האָבן זיך דעמלט דערפרייט מיטן רעגן אין יענעם פּאַראַיאָריקן זומער, ווילט זיך אַפילע ניט גלייבן, אַז הײַנטיקס יאָר, אין דער זעלבער צײַט, האָט טאָג נאָך טאָג געהאַלטן אין איין גיסן, ווי דער הימל וואָלט געוואָלט פאַר איין מאָל דעקן דעם כויוו, וואָס ער איז געווען שולדיק דער פּאָדאָליער ערד אין מעשעך פון עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד. קיינער האָט שוין איצט זיך ניט געפרייט: אַ מעכײַע!..

איך שטיי אויפן דעראַזשנער וואָקזאַל אַ ביסל פאַרלאָרן און ווייס נאָך דערווײַל ניט, וווּהין צו פאַרקערעווען, זוך מיט די אויגן: עפּשער וועט מיר טאַקע פּאָרט אָפּגליקן און כ׳וועל דאָ טרעפן עמעצן פון מײַנע אַמאָליקע באַקאַנטע. און וואָס מיינט איר, מע האָט זיך טאַקע אָפּגעזוכט!

— זע נאָר, איר זײַנט אויך געפאָרן מיטן „דיזעל"?

לאָזט זיך אויס, אַז מאַניע גאָלדשטיין האָט זיך אומגעקערט מיטן זעלבן צוג פון כמעלניצקי קיין דעראַזשנע, צו זיך אַהיים. און אָט איז דער מאַן אירער — דאָוויד, דער דירעקטאָר פונעם דעראַזשנער „גאַסטראָנאָם", וועלכער איז געקומען אויף דער סטאַנציִע באַגעגענען דאָס ווײַב.

— נו, ניטאָ קיין שום נײַס פון מישען?

מישע — דאָס איז זייער עלטערער זון, וועלכער וווינט אין סווערדלאָווסק, דאָרט כאַסענע געהאַט, שוין באַגליקט די עלטערן מיט אַן אייניקל, נאָר די באָבע מיטן זיידן האָבן נאָך ניט געהאַט די זכיה דאָס צו זען. זיי האָבן שוין ניט קיין געדולד. מיט צוויי וואָכן צוריק האָט מישע צוגעשיקט אַ טעלעגראַם: „וואַרט, מיר וועלן קומען". גייען דער טאַטע מיט דער מאַמען אַלע טאָג באַגעגענען יעדן צוג — אָט שוין אין מעשעך פון צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד — און ווייסן ניט, וואָס איבערצוטראַכטן.

— אַן עק, מער וועט מײַן פּוס ניט זײַן אָף דער סטאַנציע, — זאָגט דאָוויד...

מאַניע שמייכלט — זי ווייסט, אַז מאָרגן וועלן זיי ווידעראַמאָל גיין אַהער. נאָר זי פּילט זיך אויך באַליידיקט אָפן זון און האַלט אונטער דעם מאַן:

— אוודאי, ווי קאָן מען דאָס זיך שפּילן מיט עלטערן?

בײַ די גאָלדשטיינס וועל איך זיך דערוויסן, וואָס עס הערט זיך אין דעראַזשנע, מיט וועמען מע קאָן זיך דאָ זען, מיט וועמען אַ שמועס טאָן. נאָר דאָוויד טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— אַלע דעראַזשנער ייִדן קאָן איך באַלד צונויפנעמען בײַ מיר אין שטוב, און ס'וועלן נאָך בלײַבן ערטער בײַם טיש פאַר נאָכאַמאָל אַזויפיל...

— אַזוי ווייניק זײַנט איר דאָ? — צווייפל איך, צי דאָוויד גאָלדשטיין טרײַבט ניט איבער. אַזוי, ריידנדיק, קומען מיר אַרײַן אין שטעטל.

דער צימער ווערט וואָס אַמאָל אַלץ פולער. עס קומען אַרײַן דאָוויד און מאַניעס שכני־נים — די אַרטיקע פּראָוויזאָרשע און איר מאַן, וועלכער אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין דער נאַפּט־באַזע, אַ געוועזענער אַדעסיט. ווי געוויינלעך, גייט אוועק אַ רייד וועגן די קינדער.

— צעזייט און צעשפּרייט, — זאָגט דער בוכהאַלטער. — וווּ איר ווילט קענט איר טרעפן דעראַזשנער, אָבער אין דעראַזשנע גופא איז אַ רענדל אַ ייִד...

דאָס מיינט ער אוודאי, אין דער ערשטער ריי, זייערע טעכטער, וועלכע וווינען אַזש אין אַנאַזשאַן — איינע אַ כימיקערן, די אַנדערע — אַן איבערזעצערן פון איסלענדישע שפּראַכן.

אַ נאַטירלעכע זאַך, — באַמערקט עמעצער. — דערווײַל נייטיקט זיך ניט דעראַזשנע אין אַזעלכע פּראָפעסיעס.

— און אָט דער, — ווײַזט אָן דער בוכהאַלטער אָף סאַשען, דעם ייִנגערן זון פון די גאָלד־שטיינס, — ווייסט אים דען נאָכן פאַרענדיקן דעם טעכניקום אַהער פאַרנאַרן?

סאַשע איז דאָ אָף קאַניקולן, ער לערנט זיך אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער אינדוסטריעלן טעכניקום.

— ווען איך בין געווען בײַ אים צוגאַסט אין קאַמענעץ, — קלײַבט נאָכעס דער טאַטע, — האָט מען אונדז ניט געלאָזט דורכגיין די גאַס — אָף שריט און טריט: „זדראַווסטווי, סאַשע!" ער איז, זאָלט איר וויסן, קאַפּיטאַן פון דער שטאָטישער וואָלייבאָל־קאָמאַנדע...

— אַ וואָלייבאָליסט איז הײַנטיקע צײַטן כאָשעווער איידער אַ דאָקטער... — וואַרפט נאָכאַ־מאָל אַרײַן זײַן וואָרט דער בוכהאַלטער.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זע איך אַן אַדעסיט אַ מאָרעשכוירעניק — אַז וואָס נאָר מע דערמאָנט, געפינט ער אַ טערעץ דאָס אָפּצולייקענען. נאָר בּיכלאַל איז ער, ווי אַלע הײַנטיקע דעראַזשנער — וויפל זיי זאָלן ניט זײַן — אַ ווױלער מענטש, און ער פאַלט בײַ זיך ניט אַראָפּ.

און עפּשער איז ער, דער דאָזיקער מאָרעשכוירעניק, טאַקע פאַרט גערעכט מיט זײַן זאָג, אַז אומעטום קאָנט איר געפינען דעראַזשנער, בלויז ניט אין דעראַזשנע גופא? ס'איז דאָך אַן עמעס.

— אָט נעמט, אַשטייגער, שמועל אַפּאַקאַרינען. איר ווייסט, ווער שמועל אַפּאַקאַרין איז הײַנט? איינער פון די אָנפירנדיקע טוער אין מעלוכע־באַנק פון פססר!

— אַ באַנקיר? — בעט איך, מע זאָל מיר דערציילן אַ ביסל גענויער.

— ווייסט איר וואָס, — אײַצעט מען מיר. — וואָס דאַרפט איר, מע זאָל אײַך דאָ דער־ציילן? גייט צו אים אַרײַן אין מאָסקווע, וועט ער אײַך אַליין אַלץ זאָגן...

זיי זײַנען טאַקע גערעכט, די דעראַזשנער פרײַנט: ווי נאָר איך וועל זיך אומקערן פון מײַן רײַזע, וועל איך דאָס טייקעף טאָן...

גאַר אַנדערע כעזשבוינעס

„...פאַר דער אַכסאַניע, שטאַנציאַן הייסט דאָס, זעקס טעג, זעקס מאָל אָנדערהאַלבן איז נ ײַ ן קאַרבן; זעקס מאָל צוויי, אין צוועלף סאַמאָוואַרן, צוועלף האַלבע גילדן, איז נ ײַ נ צ י ק קאָפּעקעס; זעקס מאָל קימאַט צען אייער איינדערפרי און צען אייער אַפּדערנאַכט, איז הונ־דערט צוואַנציק, צוויי שאָק אייער, א קערבל א שאָק, איז צוויי קאַרבן; זעקס יויכן, זעקס אויפעס, צו פינף גילדן אַן אָף, אַכוץ גרייפּלעך, מאַנדלען, פּעטרעשקע, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעס, ציבעלע, איז א גלײַכער כעזשבן זעקס קאַרבן; זעקס נעכט, זעקס לאָמפּן — זעכציק קאָפּעקעס; שנאַפּס האָט איר געטרונקען אייגענעם — צוויי קאַרבן; קיין טיי און צוקער האָט איר ניט גענומען — א קערבל, איז דרײַ קאַרבן, קיין ווײַן האָט איר ניט באַגערט — איין קאַרב, איז פיר קאַרבן; קיין ביר איז ניט געוועזן — זיבעציק קאָפּעקעס. האָט איר איינײנעם א קײַמע־לאָן, אַזוי גרויס, ווי קימאַט פינף קאַרבן. נאָר ביכדיי ס'זאָל אויסקומען צו א גלײַכן כעזשבן, שטעלט פינף פּופציק"...

נו יאָ, איר האָט געטראָפן: ס'איז פון שאָלעם־אַלייכעמס „דער דײַטש", און אַלע מאָל, ווען עמעצער טוט א זאָג — דעראַזשנע, קומט אַפן געדאַנק דער ייִד פון שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונג. דער ייִד, דער ייִד, וואָס ציילט, וואָס כעזשבנט. און כאָטש פון דער צײַט, ווען ס'איז געשען אָט די מעשונעדיקע געשיכטע, איז שוין אַוועק קימאַט אַכט צענדליק יאָר, דע־ראַזשנע איז שוין ניט יענע דעראַזשנע, און די ייִדן זײַנען שוין ניט יענע ייִדן, לייגט זיך אַפן סייכל, אַז ציילן, כעזשבענען איז, ווײַזט אויס, בא יעדן ייִדן, וועלכער שטאַמט פון אָט דעם קליינעם שטעטל אין פּאָדאָליע, א מין ירושע־זאַך, וואָס ווערט איבערגעגעבן פון דאָר צו דאָר, פון קינדער צו איינִיקלעך. עמעס, הײַנט איז עס שוין גאָר אַן אַנדער ציילעניש, גאָר אַן אַנדער כעזשבן.

קאָנטעס און ליסטעס א באַנד צו א באַנד,
געפּאַקטע מיט ציפערן, ליגן.
די ביינדלעך פון רעכנברעט אונטער דער האַנט,
ווי אויסגעקלאַפּט וואָלטן א ניגן.

פינף האָט געקלונגען דער וואַנטזייגער —
אָט באַלד קומט א טאָג אָן א נײַער.
„— בײַט זשע מיר אויס א פינף־און־צוואַנציקער
אַף סאַמאָראָדנע דרײַער..."

די ציפערן לויפן, די הענט זײַנען פלינק —
נאָר זע, זאָלסט ניט האָבן קיין טאָעס!
דער קרעדיט — פון רעכטס, און דער דעבעט
פון לינקס,

אַקטיוו, און פּאַסיוו, און האַלוואָעס...

דעריקער — מיט סייכל, דעריקער — מיט קאָפּ,
דעריקער, — צום גרונט זיך דערפּאַקן.
א ביינדל אַרוף, און א ביינדל — אַראָפּ,
און באַלד וועט שוין זײַן דער סאַכאַקל!

רעוועך — איז גוט, און העזעק — איז שלעכט,
אַרוף און אַראָפּ פונעם לייטער...
א ביינדל — אַף לינקס, און א ביינדל — אַף
רעכטס,

און אָט איז דער כעזשבן א גרייטער!

צו שמועל אַפּאַקאָרינען האָב איך אַליין זיך געבעטן צוגאַסט. אין מעשעך פון עטלעכע יאָר האָב איך זיך א סאַך אָנגעהערט וועגן אָט דעם מענטשן, וועלכן אַלע דעראַזשנער גע־דענקען ווי אַן אַרטיסט:

— איר וואָלט געמעגט א קוק טאָן, ווי אַזוי ער האָט געשפּילט הערשעלע אָסטראָפּאָליערן בא אונדז אין קלוב!

— און זײַן האָצמאַך? אזא האָצמאַך וואָלט זיך פאַרגינען צו האָבן אפילו א פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער!

פאַרשטייט זיך, אז דאָס איז געווען מיט א סאַך יאָרן צוריק, און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אז שמואל אפּאַקאָרין דאַרף זײַן א מענטש א באַיאָרטער, עפּשער אפילו א טיפער זאָקן. מיילע, הערשעלע אָסטראָפּאָליער צי האָצמאַך — דאָס איז שוין די פאַרגאַנגענהײַט, און זיך אומקערן צו יענער צײַט, ווען אין יעדער שטאָט צי שטעטל איז געווען א זעלבסטעטיקער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו, וועלכער האָט געהאַט זײַנע באַרימטע אַרטיסטן־ליבהאָבער, האָט עפּשער ניט קיין זין. מיך האָט אָבער געצויגן צו אָט דעם מענטשן דעריקער דאָס, וואָס אלע זײַנע יאָרן איז ער געווען (און איז פאַרבליבן ביז הײַנטיקן טאָג) א... באַנקיר.

שמועל אפּאַקאָרין (זיצט דער ערשטער פון רעכטס) מיט א גרופּע טוער פונעם מעלוכע־באַנק פון פּסער, מײַ 1980

יאָ, א באַנקיר. שמועל אפּאַקאָרין, האָט מען מיר געזאָגט, האָט פון דער פריִער יוגנט געאַרבעט אין דעראַזשנער באַנק. ער האָט זיך מיט זײַן באַנק עוואַקויִרט און געבראַכט אים צוריק, אָבער שוין ניט קיין דעראַזשנע, נאָר קיין מאָסקווע. דאָס איז געווען אין דרײַ יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע.

— מירן אײַך דעמאָביליזירן, — האָט מען אים געזאָגט, — נאָר מיט איין טנײַ: איר זאָלט אַרבעטן אין מאָסקווע, אינעם מעלוכע־באַנק פון פּסער.

אפּאַקאָרין איז שטענדיק געווען א מענטש א דיסציפּלינירטער — מע וויל, ער זאָל אַרבעטן אין מאָסקווע, קאָן מען זיך דאָך ניט אָפּזאָגן. וואָס שײַעך דעראַזשנע, איז מיילע, ער וועט זיך מוזן באַנוגענען בלויז מיט קורצע באַזוכן אין זײַן היימשטעטל, וואָס ער וועט ניט פאַרגעסן, קאָלזמאַן ער לעבט אויף דער וועלט.

קיין „יודענגאַסע”, ווי אין פראַנקפורט־אַפּן־מײַן, פונוואַנען עס האָבן געצויגן זייער מײַשפּאָכע־ייִכעס די ראָטשילדס, איז אין דעראַזשנע קיינמאָל ניט געווען. אין דעראַזשנע זײַנען אין מעשעך פון הונדערטער יאָרן געווען גאָלע ייִדישע גאַסן, וועלכע האָבן אפילו קיין נאָמען ניט געהאַט. קיין רויטע שילד, וואָס איז געהאַנגען איבערן פּאַלאַץ פון די פראַנקפורטער ראָטשילדס (דערפון שטאַמט, זאָגט מען, אליין די פאַמיליע פון דער באַרימטער באַנקירישער דינאַסטיע), איז איבערן הויז פון דאָניע אפּאַקאָרין דעם שנײַדער, שמועל אפּאַקאָרינס טאַטן, אויך ניט געווען. א געוויינלעכע שטוב אפן מאַרק־פּלאַץ אין דער סאַמע מיט פונעם שטעטל, וווהין עס פלעגן קומען די אָרטיקע מאָדניקעס באַשטעלן בא דאָניע אפּאַקאָרינען א בעגעד צי

בא שמועלס מאמען, דער באַרימטער אין דראַזשנע אויסנייערן, און אויסגעניייטע קאָפּטע, וואָס מע פֿלעגט אָנטאָן נאָר אויף שאַבעס צי אויף יאָמטעוו...

אַזוי, אַז דעם פּאַך פֿון אַ באַנקיר האָט שמועל אַפּאַקאַרין באַ זײַן טאַטע־מאַמע ניט געיאַרשנט.

זינט דראַזשנע לעבט אויף דער וועלט, האָט דאָס שטעטל יאָ געהאַט אַ באַנקירישע מיש־פּאָכע. טעפּער האָט זי געהייסן, אָט די מישפּאָכע. קיינער פֿון די הײַנטיקע דראַזשנער טױשווים האָט, געוויינלעך, קיין שום אַנונג ניט, וואָס פֿאַר אַ באַנקירן זײַנען דאָס געווען און ווער פֿון די דראַזשנער ציט פֿון זיי דעם ייִכעס. וועגן דעם ערשטן דראַזשנער באַנקיר טעפּער, וואָס אַפֿילע זײַן נאָמען האָט די געשיכטע ניט פֿאַרהיט, קאָן מען געפֿינען עפּעס אַ סימען נאָר אין די פֿאַרגעלטע און פֿאַרשימלטע אַרכיוון, צו וועלכע קיינער האָט ביז הײַנט זיך נאָך ניט דערקליבן. אַרטיקע היסטאָריקער באַהויפּטן, אַז יענער טעפּער האָט געלעבט אין אַכצנטן יאָרהונדערט און האָט אין די זיבעציקער יאָרן פֿון יענעם וויַטן יאָרהונדערט געגרינ־דעט אין דראַזשנע אַ געוואַנט־מאַנופֿאַקטור און אַ בראַוואַרניע, נאָר אינגיכן האָט ער מיט זײַן געשעפֿט געקראַכט, אַזוי אַז ס'איז אַפֿילע קיין זייכער פֿון אָט די ערשטע אין דראַזשנע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען ניט געבליבן. עמעס, אייניקע טעפּערס האָבן אין דראַזשנע פֿאַר דער מילכאָמע יאָ געלעבט, נאָר ס'איז אַ סאָפֿעק, צי זיי האָבן געצויגן זייער ייִכעס גראָד פֿון יענעם ערשטן און לעצטן אין דראַזשנע באַנקיר.

און אויב מיר האָבן שוין אָנגערירט די געשיכטע, דאַרף מען דערמאָנען, אַז אין דע־ראַזשנע איז אין 1907 אויפֿגעקומען, ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך, אַ קרעדיט־סטראַ־כיר־געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט געהאַלטן אונטער איר קאָנטראָל 34 אָרעמיקע דערפֿער און געשונדן די הויט פֿון די קלײַענטן מיט גרויסע פּראָצענטן.

ווען דער הויפּט־בוכהאַלטער פֿונעם דראַזשנער מעלוכע־באַנק שמועל אַפּאַקאַרין האָט באַקומען אין אַ וואָך אַרום נאָכן אָנהייב פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע דעם באַפֿעל עוואַקויִרן דעם באַנק מיט אַלע זײַנע אויצרעס און ווערטפּולע פּאַפּירן, איז ער שוין געווען אַ טאַטע פֿון אַ זון, וועלכן זײַן ווײַב מאַניע האָט אים געבוירן מיט עטלעכע טעג צוריק.

— אָט איז ער, דער טאַכשיט, מיט וועלכן מיר האָבן אין יענע טעג געהאַט צו זינגען און צו זאָגן, — באַמערקט די מאַמע, אָנווײַזנדיק אויפֿן זון, וואָס איז צוזאַמען מיט זײַן יונגער פֿרוי געקומען אין יענעם זונטיק צוגאַסט צו די עלטערן.

— אויך אַ באַנקיר?

— ער איז אוועק אין טעכניק, אַ קאַנדידאַט פֿון פֿיזיק־מאַטעמאַטישע וויסנשאַפֿטן...

דער זון וווינט אויך אין מאָסקווע, און וועגן דעם, וויאַזוי עס האָט אויסגעזען דאָס שטעטל פֿון זײַנע עלטערן, האָט ער אַפֿילע קיין מינדסטע פֿאָרשטעלונג ניט, כאָטש אין זײַן מעטריקע איז שוואַרץ אויף ווײַס פֿאַרשריבן אָט דאָס אָרט מיטן מאָדנעם פֿאַר אים נאָמען.

דער טיש איז שוין פֿון לאַנג געדעקט. מאַניע, אַפּאַקאַרינס פֿרוי, וועלכע דער מאַן רופֿט ניט אַנדערש ווי „מײַן קראַסאַוויצע", האָט שוין ניט קיין געדולד, זי וויל, מע זאָל וואָס גיכער זיך נעמען פֿאַר די געשמאַקע מײַכאָלים, וואָס אויף גרייטן זיי איז זי אַ גרויסע בעריע.

שמועל אַפּאַקאַרין שטעלט אָפּ דעם מאַגניטאָפֿאָן, אויף וועלכן ער האָט אונדז אָפּגעשפּילט אַ גוטן צענדליק ייִדישע לידער, און מע זעט אויף זײַן פּאָנעם, אַז ס'איז אים בעפּיירעש אַ שאָד, וואָס מע האָט אים איבערגעשלאָגן אין דער סאַמע מיט פֿונעם אימפּראָוויזירטן קאָנצערט.

אַ ביסל שפּעטער, ווען די געסט האָבן שוין אָפּגעשאַצט ווי געהעריק מאַניעס קולינאַרישן טאַלאַנט, גייט אוועק אַ שמועס, און ווי געוויינלעך — וועגן דראַזשנע. אויפֿן טיש ווערן אוועק־געלייגט עטלעכע דיקע אַלבאָמען מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס דערציילן וועגן דעם וועג, וועלכן ס'האָבן דורכגעמאַכט פֿאַר עטלעכע צענדליק יאָר די אַפּאַקאַרינס. אָט איז ער, שמועל אַפּאַקאַרין, אין מיליטערישן אָנטאָן צוזאַמען מיט זײַנע שלאַכט־כאַווייִרים. אומענדלעכע וועגן דורך אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד, פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיִע... יעדע פֿאָטאָגראַפֿיע האָט איר גע־שיכטע, וועלכע האָט זיך טיף פֿאַרקריצט אין זײַן זיקאָרן. אָט די — וועגן דעם, וויאַזוי ער איז געקומען מיטן גאַנצן אויטאָ־עשעלאָן קיין פּאָלטאַווע, קעדיי איבערצוגעבן אין אָרטיקן באַנק די גרויסע סומעס געלט, וועלכע ער האָט אַרויסגעפֿירט פֿון דראַזשנע. דאָ זיצט מיטן פּיצל קינד מאַניע, און ס'איז קיין צווייפֿל ניט, אַז באַ איר איז דער קאָפּ פֿאַרנומען מיט איין־איינציקן געדאַנק: ווו נעמט מען אַ פּאָר רובל אויף קויפֿן פֿאַרן קינד אַ גלאָז מילך?

און אָט די פֿאָטאָגראַפֿיע איז פֿאַרבונדן מיט אַ פּאַסירונג. אַ פּאַשיסטישע באָמבע האָט

גערעדט האָבן אין איינעם אַן אויטאָמאָביל. שמועל אַפּאַקאַרין האָט זיך ניט פּאַרלוירן. פאַר דרייסט־קײַט האָט ער דעמלט באַקומען דעם ערשטן אָרדען פונעם רויטן שטערן...

— דער טאַטע האָט וועגן וואָס צו דערציילן, — באַמערקט אַפּאַקאַרין דער ייִנ־גערער.

— און ניט נאָר דײַן טאַטע, — זאָגט מיכאַיל כאַזין, אַניוטע אַקסמאַנס מאַן, וועלכער האָט ביז אַהער געשוויגן. כאַזין איז אַפן פראָנט ניט געווען. נאָר אינעם זיג איבערן פאַשיזם האָט ער בעפּיירעש אַ היפּשן כיילעק: דער אינזשעניער כאַזין האָט פיר צענדליק יאָר אָפּגעאַרבעט אַף איינער פון די מאָסקווער אוויאַ־אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן געגעבן פאַרן פראָנט הונדערטער שלאַכט־מאַשינעס. אַליין איז ער פון נײַ־אושיצע, אויך אַ שטעטל אין פּאָדאָליע, נאָר די דעראַזשנער האָבן גערן אים אַרײַנגענומען אין זייער לאַנדסמאַנשאַפט.

אַניוטע טוט אַ זיפץ:

— דעראַזשנע, דעראַזשנע... וואָס איז פון איר, מישטיינסגעזאָגט, פאַרבליבן...

שמועל אַפּאַקאַרין איז אָבער מיט איר ניט מאַסקים:

— וואָס הייסט — מישטיינסגעזאָגט? טו נאָר אַ קוק!

אין דעראַזשנע, באַם דענקמאָל די אומגעקומענע לאַנדסלײַט

און ער לייגט אַוועק אַפן טיש אַ נײַ פּעקל פאָטאָגראַפיעס, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן ערשט פאַראַיאָרן און טאַקע אין דעראַזשנע: עטלעכע צענדליק שוין עלטערע מאַנצבלען און פרויען באַם דענקמאָל די אומגעקומענע בייס דער היטלערישער אָקופּאַציע לאַנדסלײַט. אַלע יאָר פאָרן זיך צונויף די געוועזענע דעראַזשנער טוישווים אינעם שטעטל פון זייער קינדהײַט אַף קיייווער־אָוועס — פון מאָסקווע און פון קיִעוו, פון מינסק און פון דאָנעצק, פון ברעסט און פון קעשענעוו, פון סווערדלאָווסק און פון פּערם... ווו איר ווילט קאָנט איר איצט טרעפן מענטשן, וועלכע ציִען זייער מישפּאָכע־וואָרצל פון דעראַזשנע. און ווען מע וואָלט זיי געקאָנט צונויפנעמען אַלע צוזאַמען — מיט די קינדער און אייניקלעך, וואָלט דאָס געווען בעעמעס אַ גאַנצע שטאָט!

א קאַפּיטל פּאָליט־עקאָנאָמיע

„...זעקס מאָל אַנדערהאַלבן, איז ניַין קאַרבן... צוועלף האַלבע גילדן איז ניַינציק קאָפּע־קעס... זעקס יויכן, זעקס אויפּעס, צו פינף גילדן אַן אַף, אכוץ גריַיפּלעך, מאַנדלען, פּעטרעשקע, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, איז א גליַיכער כעזשבן זעקס קאַרבן...״

וואָס האָט ער פּלוצעם זיך ווידער א פּלאָנטער געטאָן אין די געדאַנקען, שאָלעם־אליי־כעמס דיַיטש? נו, יאָ, ווייל עס איז נאָכאַמאָל אוועק א רייד וועגן איינעם א דעראַזשנער, וואָס האָט ליב צו כעזשבענען, — וועגן אלעקסאנדער בירמאַנען. א שאָד, וואָס ער זיצט ניט אָט דאָ באַ אונדזער טיש און קאָן ניט אָנטיילנעמען אין דעם געשפּרעך.

— ווען ער זאָל איצט זיַין אין מאָסקווע, — זאָגט שמועל אפּאַקאַרין, — וואָלט ער אוואדע מיט אונדז דאָ געווען, מיר זען זיך מיט אים גאַנץ אָפט...

אלעקסאנדער בירמאַנען דאַרף מען, דאַכט זיך, ניט פאָרשטעלן — אים קען מען גאַנץ גוט אומעטום באַ אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד: ער איז איינער פון די פירנדיקע סאָ־וועטישע געלערנטע אין געביט פון סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק.

— ניט לאַנג צוריק, — באַמערקט עמעצער, — איז דערשינען נאָך איין בוך זיַינער, וועל־כער הייסט „די עקאָנאָמישע הייבערס פון העכערן די עפעקטיווקיַיט פון דער פּראָדוצירונג״.

ער נעמט ארויס פון דער קעשענע אַן אויסשניט פון א ציַיטונג:

— אָט הערט, וואָס עס שריַיבט וועגן בירמאַנס ניַיער ארבעט דער אקאדעמיקער אגאַנ־בעגיאַן:

„דער אווטאָר פון אָט דעם בוך אלעקסאנדער מיכײַלאָוויטש בירמאַן איז א ליַידנשאַפט־לעכער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט. זיַינע ביכער און פּילצאָליקע אַר־טיקלען האָבן א שעם באַ אונדז אין לאַנד. בירמאַן האָט פאַרדינט דאָס רעכט זיך צו ווענדן צו די ברייטע קריַיזן פון די לייענער. ער האָט דורכגעמאַכט א גרויסן וועג פון א סאָוועטישן ווירטשאַפטלער. לאַנגע יאָרן געווען אַף אַנפירנדיקער ארבעט אין מעלוכע־פּלאַן פון פססר, שטודירט די פּראָצעסן פון פּלאַנירונג אונטער דער אָנפירונג פונעם באַוווּסטן פּאַרטיי־טוער און עקאָנאָמיסט נ. א. וואָזנעסענסקי. זיַינע ארבעטן, דעריקער איבער פינאַנציעלע פראַגן, האָבן באַריַיכערט אונדזער עקאָנאָמישע וויסנשאַפט...״

וואָס זשע ציילט ער, אלעקסאנדער בירמאַן? וואָס פאַר א כעזשבוינעס פירט ער?

אָט לעמאָשל:

סאָציאַליזם און רעוועך — וויאַזוי דאַרף מען דאָס פאַרשטיין? אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז מען פאַרינטערעסירט צו באַקומען וואָס מערער האַכנאָסע, און אין די סאָציאַ־ליסטישע?

— די זאַך באַשטייט אין דעם, — דערוויַיזט בירמאַן, — וואָס באַ אונדז געניסט פון רעוועך די גאַנצע געזעלשאַפט, און באַם קאַפּיטאַליזם געניסן פון אים עטלעכע אונטערנעמער אָדער איינער, אין וועמענס הענט עס געפינען זיך די פּראָדוציר־מיט־לען. נאָר אויב אזוי, קומט אוף די פראַגע: צוליב וואָס ביכלאַל פירן אזעלכע כעזשבוינעס? דער זאַ־וואָד, לעמאָשל, קאָכט שטאָל און גיט עס איבער די מאַשינבויער, יענע לאָזן ארויס א טראַקטאָר און גיבן אים איבער דעם קאָלווירט, וועלכער כאָ־ווערט אויס ווייץ און פירט עס אָפּ אַפן עלעוואַ־טאָר. פּאַשעט און פּראָסט. וואָס זשע דאַרף מען ריידן וועגן געלט, רעוועך און קעדוימע אזעלכע זאַכן?

בירמאַן דערקלערט:

— נעמט, לעמאָשל, אזא כעזשבן. דער זאַוואָד האָט באַקומען 10 טויזנט טאָן פּראָקאַט, 5 קילאָ־מעטער מעשענעם דראָט און פיל אנדערע מאַטע־ריאַלן. פון זיי האָט ער אויסגעארבעט 800 רעכע־נונגס־מאַשינעס. דער ארבעטסלוין פון די, וועלכע

אלעקסאנדער בירמאַן

האָבן זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן אָט די פּראָדוקציע, באַטרעפט 615 טויזנט רובל. האָט געאַרבעט דער זאַוואָד גוט, צי שלעכט? געבן אַן ענטפער איז ניט מעגלעך: פּראָקאַט, דראָט, עלעקטראָענערגיע און אַרבעטסלוין קאָן מען ניט צונויפלייגן און אויסרעכענען. אָבער ווען מע וועט זאָגן: ס'איז פאַרטאָן געוואָרן 2 מיליאָן רובל, און פון דער רעאַליזאַציע האָט מען באַקומען 2,2 מיליאָן רובל, איז דאָס שוין גאָר אַן אַנדער כעזשבן.

צי דאַרף מען באַ אונדז פּלאַנירן רעווען? אוודאי דאַרף מען!

— אָט נאָט אײַך אַזאַ כעזשבן. לאָמיר זאָגן, אַז אַ זייגער־זאַוואָד האָט באַקומען אַ פּראָגראַם — אַרויסלאָזן 8 מיליאָן זייגערס אַ יאָר. אינעם פּלאַן איז אָנגעוויזן (אַפּן סמאַך פון די נאָרמעס און פון דער דערפאַרונג) דער פּאַרנעם פון די אויסגאַבן אויף איין זייגער — לעמאָשל 14 רובל. די מעלוכע האָט באַשטימט די פּרײַז פון אַזאַ זייגער — 19 רובל. הייסט עס, אַז די סומע פונעם רעווען (אַכט זייגערס קייפלען אויף פינף רובל) דאַרף באַטרעפן 40 מיליאָן רובל. ראַציאָנאַליזירנדיק די פּראָדוקציע, קאָן מען פאַרקלענערן איר קערנקאָסט — באַקומט זיך מער רעווען.

אָבער צי שטענדיק איז גילטיק אַזאַ כעזשבן?

— ניין, ניט שטענדיק! און דאָ קומען מיר צום סאַמע איקער, וואָס עס שיידט אונטער דעם רעווען באַם קאַפּיטאַליזם פונעם רעווען באַם סאָציאַליזם. דער קאַפּיטאַליסט טראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי וואָס מערער אַרײַנכאַפּן פאַר זיך אַליין, און דער סאָציאַליזם האָט שטענדיק אין זינען, אַז מיט דער פּראָדוקציע, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט, וועלן זיך באַנוצן אין דער ערשטער ריי אונדזערע סאָוועטישע מענטשן.

און בירמאַן ברענגט אַזאַ בײַשפּיל:

— נעמט, אַשטייגער, מעדיקאַמענטן. מיט זיי באַנוצן זיך אַלע מיטגלידער פון אונדזער געזעלשאַפט — ווער מער און ווער ווייניקער, נאָר אַ רעפּועֶ דאַרף האָבן יעדערער. קאָן מען דען ספּעקולירן מיט אָט דעם אַרטיקל? אָדער, לעמאָשל, ביכער און אַנדערע סכוירעס, וועלכע האָבן אַ באַשטימטע סאָציאַלע אָנווענדונג. פאַרשטייט זיך, אַז אויף זיי איז דער צוגאָב פון רעווען אַ מינימאַלער, און אָפט ווערן זיי פאַרקויפט לויט פּרײַזן, וואָס קאָמפּענסירן ניט די אויסגאַבן אויף זיי. ווער זשע נעמט אויף זיך דעם אונטערשייד, וואָס בילדעט זיך אויס צווישן די אויסגאַבן און די פּרײַזן, לויט וועלכע זיי ווערן פאַרקויפט? אונדזער מעלוכע־בודזשעט.

— ס'איז דאָך ניט קיין קליינע סומע, מיסטאָמע?

— אוודאי, מיט אַ דאָטאַציע, וואָס באַטרעפט 25 מיליאָן רובל אַ יאָר, ווערן באַ אונדז פאַרקויפט דער באַפּעלקערונג פלייש און מילך־פּראָדוקטן.

— מע קאָן דאָך אַזוי בעדיל האַדאָל ווערן!

— כאַפּט ניט, — ענטפערט בירמאַן, — ס'איז פאַראַן אַן אויסוועג. אין די פּרײַזן, וועלכע געהערן ניט צו דער ערשטער נויטווענדיקייט, לעמאָשל, טײַערע פוטערס, יוּועליר־אַרטיקלען, לײַכטע אויטאָמאָבילן, זעלטענע סאָרטן פיש, אַלקאָהאָל־געטראַנקען, איז דער צוגאָב צום קערנקאָסט אַ גאַנץ באַדײַטנדיקער — ער קאָן באַטרעפן 60—70 פּראָצענט. איז מיילע, פון דעם, וואָס איר וועט ניט קויפן אײַער פרוי גאָלדענע בראַסלעטן און ניט נעמען אַלע טאָג אַ קוויטע, וועט אײַער לעבן ניט ווערן אומדערטרעגלעך...

ווען עס גייט אַ רייד וועגן רענטאַבלקייט, שטעלן מיר אַרײַן אַ וואָרט:

— אַנומלטן האָבן מיר געלייענט אין איינער אַ צײַטונג: פאַרוואָס דאַפּקע אין בירָאָבידזשאַן, אַשטייגער, האָט מען גענדאַרפט שאַפן אַ קאָמבײַן־זאַוואָד — „דאַלסעלמאַש" הייסט ער. אייניקע דעטאַלן פאַר אים פירט מען אַפּן ווײַטן מיזרעך דורכן גאַנצן לאַנד. פרעגט זיך: צי לוינט עס?

— אַפּן ערשטן קוק איז דאָס, פאַרשטייט זיך, ניט לוינבאַר. ס'איז אָבער ניט אַזוי פּאָשעט. דאָס, וואָס אין בירָאָבידזשאַן איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ זאַוואָד, איז אונטערגעזאָגט געוואָרן פון פיל עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סיבעס. ווי באַוווּסט, שטעלט צו דער זאַוואָד קאָמבײַנען קוידעמקאָל פאַרן ווײַטן מיזרעך און סיביר, און שטעלן שטעלט ער צו ניט פּאָשעט קאָמבײַנען, נאָר גראַד אַזעלכע, וואָס עס דאַרפן האָבן די ערדאַרבעטער פון אָט די קאַנטן אין העסקעם מיט די שווערע באָדנס. אַנדערע זאַוואָדן, דאַכט זיך, לאָזן ניט אַרויס אַזעלכע אַגרעגאַטן...

פאַר אַלעקסאַנדער בירמאַנען איז אַלץ פּאָשעט און פּראָסט, און ער וויל, אַז אַלע זאָלן דאָס פאַרשטיין. און ניט נאָר פאַרשטיין — טאָן אַזוי, ווי עס באַדאַרף צו זײַן. און דעמלט...

— דעמלט, — זאָגט ער, — וועלן מיר דערגרייכן אַזאַ הייך, וואָס קיינעם אין דער וועלט האָט זיך ניט געכאָלעמט, ווײַל בלויז די עקאָנאָמיק, וועלכע באַזירט זיך אויף סאָציאַליסטישע יעסוידעס, איז דער גרויסער פּאָטענציאַל פון דער מענטשהײַט.

דער „גרויסהערשער" פון יאלטוכי

— פאָרט צו קיין יאלטוכי, — האָט מען מיר געייצעט אין דעראַזשנע, — איר וועט ניט כאַראָטע האָבן.

יאלטוכי איז א דאָרף, וואָס ליגט א דרײַ צענדליק קילאָמעטער פון דעראַזשנע, אין א זײַט פון דער מאַגיסטראַל, וועלכע פאַרבינדט איין ראַיאָנישן צענטער מיטן אנדערן. וואָס דאַרף איך פאָרן קיין יאלטוכי, אז כ'האָב נאָך אין דעראַזשנע זיך ניט געטראָפן מיט אלעמען, וועד ס'האָט מיך אינטערעסירט? לאָזט זיך אויס, אז אין יאלטוכי וווינט באָריס גאָלאָוואַטי — דער פאָרזיצער פון א בארימטן קאָלווירט.

דאָוויד גאָלדשטיין זאָגט:

— דאָס, וואָס באָריס לוואָוויטש האָט איבערגעלעבט פאַר זײַנע זיבעציק יאָר און וואָס ער האָט באוויזן אופצוטאָן, וואָלט געקלעקט פאַר צען מענטשן...

„באָריס גאָלאָוואַטי... באָריס גאָלאָוואַטי"... — נעמט זיך בא מיר פּלאָנטערן אין מויעד. איך שטרענג אָן דעם זיקאָרן, צווינג אים זיך אומקערן צו די פופציקער יאָרן, ווען איך האָב געאַרבעט אין דער כמעלניצקער געגנטלעכער צײַטונג, אויסגעפאָרן דעם קאַנט אין דער ברייט און אין דער לענג...

דער זיקאָרן שיילט אויס א געשיכטע, וויִאזוי אין איינעם א דאָרף, טאַקע פונעם היגן ראַיאָן, האָט זיך א גאנצע וואָך געצויגן די יערלעכע באריכט-פאַרזאמלונג, ווײַל די קאָלַ־ווירטניקעס האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט — זיי ווילן ניט אויסוויילן ווידער זייער פאָרזיצער און באשטייען בלויז אָף איינס:

— קערט אונדז אום אונדזער באטקע!

„אונדזער באטקע" — דאָס איז געווען דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט נאָך אין די פאַר־מילכאָמעדיקע יאָרן.

— נאָר ווו זאָלן מיר אים אײַך נעמען? — האָבן געטײַנעט די פאָרשטייער פונעם ראַיאָן, — ער לעבט ערגעץ אין אַן אנדער געגנט און איז מיסטאמע א פאַרנומענער מענטש...

— נו, דאָס איז שוין ניט אײַער דײַגע, — האָבן זיך געהאלטן בא זייערס די קאָלווירט־ניקעס, — פאַרלאָזט זיך אָף אונדז, מיר וועלן אים געפינען און ברענגען אהער!

ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן, די אָנפירער פונעם ראַיאָן האָבן געמוזט אײַנגיין, מע זאָל שיקן א דעלעגאציע צום „באטקע" און אים בעטן, ער זאָל זיך אומקערן קיין יאלטוכי...

אָט דער „באטקע" איז עס געווען באָריס גאָלאָוואַטי. שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך שוין געטראָפן מיט גאָלאָוואַטין פערזענלעך, האָט ער פאַרפינקטלעכט די דאַטע:

— ס'איז געווען אין זעקס־און־פערציקסטן יאָר. כ'האָב דעמלט געלעבט אין יאלטושקי, געאַרבעט אלס שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון א סאָווירט־אָפּטיילונג. פּלוצעם יאווועט זיך צו מיר א גאנצע דעלעגאציע פון יאלטוכי — כ'האָב זיי, געוויינלעך, אלע געקענט: „באָריס לוואָ־וויטש, קער זיך אום צו אונדז אין דאָרף"... וואָס זשע האָב איך געקאָנט טאָן? כ'האָב דאָך אין דעם קאָלווירט ארײַנגעלייגט ניט ווייניק קויכעס פונעם סאמע אָנהייב אָן, ווען ער איז גע־שאַפן געוואָרן...

אין יענע יאָרן האָב איך גאָלאָוואַטין ניט געקענט. כ'האָב בלויז געוווּסט, אז אין יאלטוכי איז א פעסטע ווירטשאפט, מע האָט אָפט וועגן איר געשריבן אין די צײַטונגען, געשטעלט זי פאַר א מוסטער. כ'האָב ניט געוווּסט קיין פּראָטים פון גאָלאָוואַטיס ביִאָגראַפיע. ניט געוווּסט, אז די מילכאָמע האָט אים געטראָפן טאַקע דאָרט, אין יאלטוכי. ער האָט זיך גענדאַרפט עוואַ־קויִרן צוזאמען מיט זײַן פרוי גאַלינע עדוואַרדאָווונע און מיט דרײַ פּיצלעך קינדער, נאָר ניט באוויזן דאָס צו טאָן. פון יאלטוכי האָט ער געדאַרפט אוועקגיין, ווײַל אויסער דעם, וואָס ער איז געווען א קאָלווירטישער אקטיוויסט, האָט עמעצער נאָך געקאָנט אים מאסערן, אז ער איז א ייִד, און דעמלט וואָלט ער זיכער באצאָלט מיטן לעבן...

ער האָט געמוזט אוועקגיין אין אזא אָרט, ווו קיינער האָט אים ניט געקענט. אויסגעוואקסן אין דאָרף, איז ער לויטן אויסזען און לויט אלע טנועס געווען ענלעך אָף א פּאָשעטן ערד־ארבעטער, גערעדט א פּליסיקן אוקראַיִניש, און די דײַטשן האָבן אים באשטימט פאַר א ברי־גאַדיר פון א סאָווירט אין איינעם א דאָרף אין זשיטאָמירער געגנט. דאָס איז געווען אין איינ־און־פערציקסטן יאָר. לאנג אָבער האָט מען אים אָף אָט דער שטעלע ניט געהאלטן — עמעצער האָט געמאסערט, אז דער בריגאַדיר באזאָרגט מיט פּראָדוקטן די פאַרטיזאנער. מע ארעסטירט אים, און ער ווערט אָפּגעשיקט אָף צוואנגס־ארבעט קיין דײַטשלאנד...

דער גורל האָט אָבער געוואָלט, אַז באָריס גאַלאָוואַטי זאָל בלײַבן לעבן און באַווײַזן נאָך ניט ווייניק אופצוטאָן...

מיטן אויטאָבוס פאָר איך קיין יאַלטוכי. איך מוז זיך באַקאַנען מיט אָט דעם לעגענדאַרן מענטשן. ביז יאַלטוכי דאַרף מען דורכפאָרן נאָך עטלעכע שײנע דערפער — יאַבלונאָווקע, אַדאַמאָווקע, שעלעכאָווע, סלאָבאָדקע־שעלעכאָווסקע. ס'איז פאַראַן דעריבער גענוג צײַט זיך דורכצושמועסן מיט מײַנע מיטפאָרער. עפשער וועט מיר עמעצער פון זיי עפעס־וואָס דערציילן וועגן גאַלאָוואַטין.

— באָריס לוואָוויטשן? — זאָגט אַן עלטערע פרוי, — ווער קען אים דען ניט?

מאַריִע פיאָדאָראָוונע, לאָזט זיך אויס, וווינט טאַקע אין יאַלטוכי — אַ שטוב בײַ אַ שטוב לעבן גאַלאָוואַטין. זי איז אַ קעכן אין די קינדער־יאַסליעס און גרייט אײַנצײַטיק עסן פאַר די טראַקטאָריסטן.

— זאָגן, אַז דאָס איז אַ גאָלדענער מענטש, איז ווי גאָרניט זאָגן. איר זעט אָט דעם אויסגעפלאַסטערטן וועג — דאָס האָט אים באָריס לוואָוויטש געבויט. און אָט דעם סאָד האָט ער אויך פאַרפלאַנצט.

— נו, — שטעלן מיר אַרײַן אַ וואָרט, — געבויט און פאַרפלאַנצט האָט דאָך, אַפנים, ניט ער אַליין?

מאַריִע פיאָדאָראָוונע איז אָבער מיט מיר ניט מסכים:

— גלייבט מיר, מיר האָבן געהאַט אַנדערע פאָרזיצערס, נאָר אַזאַ, ווי באָריס לוואָוויטש, וועט איר אין ערגעץ ניט געפינען, זאָל אים גאָט געבן געזונט און לאַנגע יאָרן! וואָס זשע, איר ווייסט דען ניט? עס טרעפט, אַ פאָרזיצער גייט אַוועק אויף פענסיע, שטייט אים שוין ניט אָן צו בלײַבן אין דאָרף — ער וועט אָפזוכן וויפל איר ווילט טערוצים און גלײַך זיך איבערקלײַבן אין שטאָט אַרײַן... באָריס לוואָוויטש אָבער וויל אַפילע ניט הערן, ער שטעלט זיך אַפילע ניט פאָר דאָס לעבן אָן אונדז.

— ער איז שוין אויף פענסיע?

— פענסיע צו פענסיע איז ניט גלײַך, — ענטפערט זי, — כאָטש ער איז שטענדיק געווען אַ גוואַר, טוען די יאָרן זייערס. אָפגעלאָזט האָבן מיר אונדזער באַטקע בלויז פאָרמעל. ער איז געבליבן אַ מיטגליד פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג ביז הײַנטיקן טאָג, און אָן אים ווערט ניט געלייזט קיין שום וויכטיקע זאַך.

זי צעלאַכט זיך:

— ווי נאָר עס טרעפט בײַ עמעצן אַ קריג, אַ בארויגעז, סײַ בײַ די עלטערע, סײַ בײַ די ייִנגערע, לויפט מען באַלד צו באָריס לוואָוויטשן, ער זאָל פאַסקענען, ווער איז דער שולדיקער און ווער איז דער גערעכטער. און וואָס עס זאָגט דער באַטקע — אַזוי ווערט געטאָן.

גאַלאָוואַטין האָבן מיר געטראָפן זיך פאָרען אַפן גאָרטן לעבן זײַן שטוב — ער האָט אויסגעפרוווט אַן אײַנריכטונג אויף צו באַגיסן דאָס גרינס.

באָריס גאַלאָוואַטי (צווייטער פון לינקס) צווישן קאָלווירטניקעס

— כ'האָב ניט געוווּסט, אַז מע קאָן שוין אײַנשאַפן אַזאַ „מעכאַניזאַציע" פאַר פערזענלעכע גערטנער, — וווּנדער איך זיך.

באָריס לוואָוויטש שמייכלט:

— דערווײַל פאַרקויפט נאָך ניט די „סעלכאָזטעכניקאַ" אַזעלכע אײַנריכטונגען, ס'וועט מיר אויסקומען דאָס פאַרפאַטענטירן ווי מײַנע אַ דערפינדונג.

יאָ, אָן ארבעט זיצט ער ניט. ווי פריִער אין דער טראַקטאָר־בריגאַדע, ווען מע האָט געדאַרפט פאַרקאַטשען די אַרבל און זיך א גריבל טאָן אין די געדערים פון עפּעס א קאָמפּליצירטער מאַשין, איז נאָך ביז איצט בא אים פאַרבליבן די ליבע צו מעכאַניזמען. און דער ווייַן, מיט וועלכן ס'איז אונדז מעכאַבעד די גוטהאַרציקע פרוי זייַנע גאַלינע עדוואַרדאָוונע. באַם געדעקטן טיש, איז אויך לויט באָריס לוואָוויטשס „רעצעפּט". דעם „סאָד פון דער פירמע" גיט אויס עדואַרד גאַלאָוואַטיס עלטערער זון, אַן אווטאָמאָביליסט־מעכאַניקער, וועלכער איז אַף א טאָג געקומען צוגאַסט צו די עלטערן און רופט אין א שפּאַס דעם טאַטן „דער גרויס־הערשער פון יאַלטוכי":

— סמאַראַדינע און עפּל. און דערבייַ זאָלט איר וויסן, ניט צייַטיקע עפּל.

אַז גאַלאָוואַטי איז נאָך פאַרנומען מיט די איניאַנים פונעם קאָלווירט, איבערצייַגן מיר זיך אַליין, ווען עס קומט צו גיין עפּעס א מיידל און רופט אים אָפּ אין א זייַט.

— מע וועט דאַרפן מאָרגן טאַקע צוגיין, — זאָגט באָריס לוואָוויטש, ווען דאָס מיידל גייט אוועק. וווהין ער וועט דאַרפן צוגיין, באַווייַזן מיר ניט אויסקלאָרן, ווייַל באַם טויער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אווטאָבוס. גאַלאָוואַטי נעמט א היפּשן קאָשעק מיט נאַרוואָס אָנגעגראָבענע אין זייַן גאָרטן קאַרטאָפל, וועלכע ער וועט אָפּפירן צום ייִנגערן זון קיין דעראַזשנע, און מיר זעצן זיך אַרייַן אין דער מאַשין. ס'איז, ווייַזט זיך אַרויס, דער זעלבער אווטאָבוס, מיט וועלכן מיר זייַנען געקומען קיין יאַלטוכי. אַפן גאַנצן וועג קומען צו פּאַסאַזשירן, און איך זע, מיט וואָס פאַר א כשיוועס זיי באַגריסן זיך מיטן „באַטקע". ווען מיר פאָרן אַרייַן אין דער פאָרשטאָט פון דעראַזשנע, הייסט גאַלאָוואַטי אָפּשטעלן דעם אווטאָבוס. ער גייט אַרויס, און מיר — נאָך אים.

— מיר וועלן פאַרשפּאָרן א שטיקל וועג, — זאָגט ער.

מיר לאָזן זיך צופוס, איבערשנייַדנדיק די אייַזנבאַן־ליניע. דעם וועג פאַרשטעלט א לאַנגער פראַכט־צוג, און באָריס לוואָוויטש טראַכט ניט לאַנג — ער טוט זיך א הייב מיטן שווערן קאָשעק אַף א טרעפּל פון א וואַגאָן און שפּרינגט לייַכט אַראָפּ אַף דער אַנדערער זייַט.

— דער טאַטע האָט אייַנגעשלאָסן די פערטע שנעלקייַט, — זאָגט עדואַרד. נאָר דער טאַטע הערט עס ניט — ער איז שוין אוועק ווייַט פאָרויס. גיין פּאַמעלעך איז ניט אין זייַן טעווע: א געוווינשאַפט, וועלכע האָט זיך בא אים אויסגעאַרבעט אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן, ווען ער האָט געשפּאַנט איבער די ראַכוועסן פון זייַן היימישער ערד.

בראַכע און אַרן בורשטיין

אין פּערציק יאָר אַרום

’איז קעדײַ זיך פאַרטראַכטן אַמאָל וועגן צופעליקײַטן, וואָס קייטלען זיך איינס אין אַנדערן, ביז לעסאָף ווערט געבילדעט אַ קייט, וועלכע ברענגט אונדז ניט זעלטן צו אַ גאָלדענעם אויצער.

אין איינעם אָן אָוונט קומט אונדזער טאָכטער צו לויפן אַהיים און כאַפּט זיך גלײַך צו צום טעלעוויזאָר. איר כאַווערטעס מאַן, זעט איר, האָט אויסגעהאַלטן אַ קאָנקורס אַף דער היגער טעלעוויזיע, און ער איז איצט שטאַרק פּאָפּולער.

— באַלד הייבט זיך אָן זײַן דעביוט!

— מאַזלטאָוו! אַ גדולע אַף דיר! — פּרוּוון מיר מאַכן די גאַנצע זאַך צונישט. און טאַקע בעעמעס. אַ טעלע־פּרעמיערע איז הײַנט קיין נאָווינע ניט, און דער איניען אַליין — עפּעס אַן אייסעק מיט לאַנדווירטשאַפט — האָט צו אונדז אַ קליינע שײַכעס. אָן אַוויירע די צײַט. און אויב מיר גיבן שוין יאָ אַ וואָרף עפּעס אַ זעלטענעם בליק אין דער זײַט פונעם קעסטל, איז בלויז קעדיי שאַפן זיך אַ פאָרשטעלונג, וואָס אַזוינס עס געפינט דאָרט אונדזער טאָכטער. באַ איינעם אַזאַ מאָמענט, ווען מיר דרייען זיך אויס צום טעלע־קאַסטן, זעען מיר אַפן עקראַן אַ זעלטן בילד: פּאַר אַ כעוורע פון „הײַנטצײַטיקע יונגעלײַט”, וואָס מוטשען זיך, נעבעך, פון אָרעמט, זיצט זיך אַ מענטש פון אַריבער די מיטעלע יאָרן און דערציילט זיי געשיכטעס פון זײַן לעבן. וואָלט דאָס אויסגעזען גאַנץ פּאָשעט, אָבער סאַראַ זעלטן־באַגײַסטערט פּאָנעם באַ אָט דעם מענטש! מיט וואָס פאַר אַ פרייד פלאַמען אויף באַ אים די אויגן, ווען ער דערפילט, אַז זײַן מיטשפּרעכער שטעלט אים אַ טאָכיקע פראַגע! אַזאַ מענטש לאָזט קיינעם ניט גלײַכגילטיק, און מיר קלינגען אָן אַף דער טעלעוויזיע, קעדיי צו דערפרעגן זיך וועגן אים.

דאָרט אַרבעטן, ווי באַוווסט, זייער פאַרנומענע מענטשן, און זיך אַרײַנלאָזן אין לאַנגע דיבורים האָבן זיי קיין כיישעק ניט. נאָר מיר האָבן דאָרט אַ צאַד: איינע פון די רעדאַקטאָרן — אירינע שוכטאַ — איז אונדזערע אַ גוטע באַקאַנטע. זי איז צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך פאַרינטערעסירט מיט דער טראַנסלירונג (לאָזט זיך גאָר אויס, אַז זי האָט אַ דירעקטע שײַכעס דערצו); ענטפערט זי קורץ אַף די פראַגעס — צײַט איז בעצימצעם, — און וויבאַלד מיר זײַנען אַ פאַרינטערעסירטער צאַד, לאַדט זי אונדז אײַן צו זיך נאָך דער אַרבעט, קעדיי גענויער אַרומריידן דעם איניען. איז דאָך פרײַע צײַט באַ אונדז אויך ניטאָ, און מיר גייען אײַן אַף אַ קאָמפּראָמיס: צו אירינען וועט גיין אונדזערע אַ העלפט — בלויז איינער פון אונדז. און אַזויווי די גוטע באַציִונגען צווישן אונדז מיט אירינען האַלטן זיך אונטער דעריקער דורכן טעלעפאָן (פּערזענלעך זײַנען באַקאַנט בלויז די פרויען), בלײַבט, אַז צוגאַסט דאַרף גיין איר באַקאַנטע.

שוכטאַ אַרבעט אין דער היים, ווײַזט אויס, אויך. אַלנפאַלס, אַפן טיש באַ איר איז אַ שטאַרקער אָנגעוואַלגער פון מיקאָל־האַמינים זאַכן, וואָס קאָנען צוניץ קומען באַ דער אַרבעט. און אַריבער דעם אַלעם — צעלייגטע, ווי קאָרטן, פאַרשיידענע פאָטאָגראַפיעס, עפּשער אַ האַלבע מייע. פאַראַן צווישן זיי בילדער פון יונגעלײַט, אָבער מערסטנטייל — פון באַיאָרטע. איז טאַקע אַ כידעש, מאַכמעס די באַלעבאָסטע אַליין באַשעפטיקט זיך אין דער יוגנט־רעדאַקציע. ביז זי גרייט טיי, באַטראַכט דער גאַסט די פאָטאָגראַפיעס. דער כידעש ווערט אָבער נאָך גרעסער, ווען עס טרעפט זיך אָן אַ פרישע פאָטאָ פון אַ באַקאַנטן געלערנטן — פון מ. נ. סטעפּאַנאָוון.

— ?!

אירינע דערציילט אַזאַ געשיכטע. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט אין פּערם, צווישן אַנדערע, באַקומען אַ גרויסאַרטיקע דירע אַ מישפּאָכע, וועלכע האָט ביז דאַן געוווינט אין אַן אַלטער הילצערנער שטוב. די שטוב מיט נאָך עטלעכע

אנדערע אזוינע שיוורע־קיילים האָט געזאָלט אָפּטרעטן איר אָרט פאר א פּילשטאָקיקן מויער. איידער מ׳האָט צעוואלגערט די אלטע געבײַדע, איז אויסגעקומען אָפּצורייניקן, נאטירלעך, אויך דעם בוידעם, און דאָרט איז צווישן אלטע פארלעגערטע כפייצים ארויסגעשווומען פון ערגעץ א פּעקל מיט געלבלעכע פון דער צײַט פּאפּירן. די באלעבאָסטע האָט אין זיי טייקעף דערקענט איר ברודער ארטיאָמס אמאָליקן שול־ארכיוו: אלטע העפטן, בלאָקנאָטן, אָפּגעבליאקעוועטע פאָטאָגראפיעס, עטלעכע פארמילכאָמעדיקע צײַטונגען, פארצייכענונגען אוקעדוימע — אזוינס וואָס עס האלט בא זיך קימאט יעדער מענטש און וואָס עס באקומט מיט דער צײַט אין סאָף — אין מיסט ארײַן. בלויז אין אויסשליסלעכע פאלן, אויב עס טרעפט, אז די פּאפּירן לעבן איבער די יאָרן, דאן קאָן געמאָלט זײַן, אז זיי זאָלן ווערן אן אומשאצבארע דאָקומענטאלע רעליקוויע.

טאקע אזוי האָט געטראָפן דאָס מאָל. ס׳האָט געדארפט טרעפן, אז אָט דער דאָזיקער ברודער ארטיאָם האָט נאָך פון דער שול־באנק געהאט א נייגונג צו סיסטעמאטיזירן פארשיידענע יעדיעס וועגן זײַן סוויווע. דערצו איז ער שוין אין יענע יאָרן געווען א קלאל־טוער, און זײַן ארכיוו איז געווען פול מיט מאמאָשעסדיקער אינפאָרמאציע. ווי נאָר עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, איז ער טייקעף פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט, און דאָס איז טאקע געווען די איינציקע סיבע, פארוואָס די פּאפּירן זײַנען אין יענער צײַט ניצל געוואָרן פון זײַן אויסגענוצט אף צעהייצן די הרובע. אין פלאם פון אָט יענעם מילכאָמע־גענעם האָבן זיי קיין שום אנדער ווערט ניט געהאט, ווי בלויז אן אָנדענק וועגן דעם סאָלדאט, אָבער טאקע אָט דאָס איז גענוג געווען, קעדיי צו פארהיטן זיי.

די צײַט איז געלאָפן. ארטיאָם האָט זיך אומגעקערט מיט ניצאָכן א געזונטער אהיים. אין די פּאפּירן האָבן אלע פארגעסן, געווען גענוג ערנסטערע דאגעס. און ערשט אצינד, באם צענעמען דאָס הויז, וואָלטן זיי גיכער פון אלץ געגאנגען לעיבעד, ווען ניט ווידער א צופאל. פון אלע מעגלעכקייטן, מיט וואָס זיך צו באשעפטיקן, האָט ארטיאָם פאר זיך אויסגעקליבן שיר ניט דאָס איינציקע — די אלטע פּאפּירן זײַנע. ער האָט פארשטאנען, אז אזא פארלעגערטע סכוירע וועט מיט דער צײַט אים זייער צוניץ קומען: ער איז געוואָרן א שרײַבער. הײַנט איז ארטיאָם זאכאראָוויטש אנפינאָגענאָוו גוט באוווּסט בא א גרויסער צאָל לייענער, ער וווינט אין מאָסקווע. און דערפאר, ווען די אלע פּאפּירן פונעם בוידעם זײַנען ארײַנגעפאלן אין די הענט פון זײַן שוועסטער גאליע — אנגעלינע זאכאראָוונע, האָט זי ניט לאנג געטראכט און זיי איבערגעפּעקלט צו איר ברודער קיין מאָסקווע...

וועט איר דאָך מינאסטאם וועלן וויסן: „פּריטשאָם טוט סטעפּאנאָוו?" זײַנט איר אוואדע גערעכט. אָט באלד, נאָך א קאפּעטשקעלע געדולד, קומען מיר צו סטעפּאנאָוון. בא אונדז גייט דאָך א שמועס וועגן צופעליקייטן. און אף קיין קאשע פרעגט מען ניט קיין שאלע. וועגן אָט דער „פּאפּירענער" געשיכטע האָט שוכטא זיך דערוווּסט צופעליק, ווען זי האָט אלפּי ארבעטס־כוויוו, זײַענדיק אין מאָסקווע, צופעליק זיך באגעגנט מיט א. ז. אנפינאָגענאָוון. יענער האָט זי זייער פײַן אויפגענומען בא זיך אין דער היים, און שוין קימאט באם געזעגענען זיך האָט ער פּלוצעם זיך דערמאָנט:

— ווארט נאָר א ווײַלע, מיר דוכט, אז כ׳האָב פאר אײַך דאָ עפּעס אינטערעסאנטס...

ערשט דאָ באווײַזט זיך פאר אירינען דאָס שוין באקאנטע פאר אונדז פּעקל מיט די אלטע פּאפּירן (ווען ארטיאָם זאכאראָוויטש האָט באקומען דאָס פּעקל פון פּערם, האָט ער זיך אין דעם שטארק ניט געגריבלט). פאר אירינען, וועלכע געדענקט ניט די פארגאנגענע יוגנט פונעם עלטערן דאָר, זעט אויס יענע צײַט ווי א לעגענדע. פארגאפט און מיט נײַגער קוקט זי זיך אײַן אין די טײַערע רעליקוויעס פון פאר פיר צענדליק יאָר צוריק. ארטיאָם זאכאראָוויטש טוט אויך דאָס זעלבע. ער האָט שוין פארגעסן פיל איינצלהײַטן און קלייניקײַטן, וועלכע ברענגען ארײַן דעם געפיל פון לעבן אין דער טרוקענער סכעמע פון די זיכרוינעס וועגן פארשיידענע לעבנס־פּאסירונגען. איצט, פארטיפנדיק זיך אינעם דורכקוקן דעם אלטן ארכיוו, האָט ער דערפילט, ווי דאָס דורכגעלעבטע און איבערגעלעבטע צעוויקלט זיך אָנשוילעך פאר זײַנע אויגן. אנפינאָגענאָוון איז לאנג שוין ניט אויסגעקומען איבערצולעבן אזעלכס, און אירינע האָט ביז הײַנט נאָך כאראָטע, וואָס זי האָט דעמלט, זײַענדיק בא אים צוגאסט, ניט געהאט מיט זיך קיין קינאָקאמערע.

צווישן דעם שרײַבערס אלטע פּאפּירן האָט זיך פארהיט אויך א צעטל מיט נעמען פון זײַנע מיטשילער. א מערקווירדיק צעטל! אין דעם זומער, ווען ס׳האָט אויסגעבראַכן, ניט הײַנט געדאכט, די מילכאָמע, האָבן זיי אקוראט פארענדיקט די מיטלשול. דעם 21־טן יון האָבן די כעוורע געפײַערט זייער ארויסלאָז־אָוונט, און אין געציילטע עטלעכע שאָ ארום איז זיי אויסגעקומען צו שטיין פארן ערנסטן לעבנס־ניסאָיען. דורכקוקנדיק דאָס צעטל נעמען, האָט שוכטא דערפילט א נויטווענדיקייט אויסצוזוכן די מענטשן, און וועמען ס׳וועט נאָר מעגלעך זײַן צונויפנעמען אף א באגעגעניש. אזוי איז

געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צונויפצורופן א פאַרזאַמלונג פונעם 10־טן קלאַס פון דער 21־טער פערמער מיטלשול. וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער זעלבשטענדיק לעבן אין ערשטן טאָג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

נו, און סטעפאַנאָוו? סטעפאַנאָוו איז דאָרט געווען אינעם צעטל. און די גרויסע צאָל אויבנדערמאָנטע פאָטאָ־בילדער, וואָס ליגן בא שוכטאַן אפן טיש, דאָס איז געווען ניט עפּעס אַנדערס, ווי בילדער פון די געוועזענע אָנפינאָגענאָווס מיטשילער. שוכטא האָט אַרײַנגעלייגט אָן א שיר טירכע, אָפּגעגעבן זייער א סאַך אײַגענע צײַט און געזונט, ביז זי האָט, ענדלעך, פאַרווירקלעכט איר באגער און טאַקע געוואָרן די באלעבאָסטע אף דער צוזאַמענטרעפונג.

ספּעציעל גיין זוכן סטעפאַנאָוון האָבן מיר ניט געהאט בעדייע. נאָר ווען ס'האָט זיך געטראָפן, אז מיר האָבן צופעליק זיך באגעגנט מיט אים, האָבן מיר אים הערצלעך באגריסט און, דערעכאגעוו, ניט אײַנגעהאלטן זיך פון ארויסווײַזן אונדזער קינע צו אירינען פאַר דער פאַרכאַפּנדיקער געשיכטע, אין וועלכער זי האָט זיך אַרײַנגעצויגן.

— וואָס עפּעס האָט איר אירינען מעקאַנע צו זײַן? — רופט זיך אָן מיכאַיל ניקאָלײַעוויטש, — וואָסי, איר וועט דען ניט זײַן אף דער באגעגעניש? כ'בין געווען זיכער, אז אײַך וועל איך אויך דאָרט טרעפן. איך וואָלט אײַך באַקאַנט מיט מײַנע כאַווײרים...

— מיר וואָלטן אוואַדע זייער געגאַרט צו זײַן דאָרט בא אײַך, נאָר מיר האָבן דאָך צו דעם גאַנצן אייסעק קיין שײַכעס ניט. און אַכוץ דעם, איז פּאַשעט ניט עטיש, אז צו דעם ענגן קרײַז פון אַלטע כאַווײרים זאָלן זיך גלאַט אַזוי צושאַרן זײַטיקע מענטשן...

— וואָס רעדט איר אזעלעכס! — ווערט סטעפאַנאָוו אַזש אופגעקאָכט. — זײַט ניט קיין זײַטיקע! קומט צו גיין זונטיק, איר וועט קיין כאַראָטע ניט האָבן. גלייבט מיר, אז פאַר אײַך וועט דאָרט אויך זײַן א געוויסער אינטערעס. — און זײַנע אויגן הינטער די גראָבע ברילן גיבן בייסמײַסע א פריילעכן גלאַנץ.

— וואָס זשע, אשטייגער?

— נו, לעמאָשל, — גיט ער זיך א פאַרטראַכט אף א רעגע, — וואָלאָדיע לעווין. אים קענט איר מיסטאַמע. ניין? וולאַדימיר איליטש לעווין איז א געלערנטער, ער איז א דאָצענט, דעקאַן אינעם היגן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. ער האָט נאָך א ברודער אין מאָסקווע, א שרײַבער. לעוו איליטש הייסט ער. דעם דאַרפט איר אוואַדע קענען. וואָס ער האָט אָנגעשריבן? פאַראַן בא אים ווערק וועגן אַנטאָקאָלסקין, וועגן קאַזאַקעוויטשן... אַהאַ, איר דערמאָנט זיך שוין!

אוואַדע, כ'בין זיכער געווען, אז זײַן נאָמען איז פאַר אײַך ניט פרעמד. איז לעוו צווישן די ברידער דער עלטסטער, וואָלאָדיע — דער יינגסטער. און דער פאָטער זייערער... אָ־אָ!! איליאַ אַראָנאָוויטש האָט אַמאָליקע יאָרן געהאַט א שעם אין גאַנץ פּערם. אָט אפילע אַצינד שטייט ער מיר אויך פאַר די אויגן. איך ווייס ניט, ווי הײַנט, נאָר אַמאָל האָבן די לעווינס געוווינט סאַמע אין צענטער שטאָט. שיין געלעבט!.. און אף דער טיר פון זייער פּאַראַדנע איז געווען צוגעפעסטיקט א גרויס מעשן שילדל מיט אָן אויסגעקריצטער אויפשריפט, נאָך מיט דער אַלטער אָרפאָגראַפיע, מיטן «ъ»: «Докторъ Левинъ» א באַרימטער דאָקטער געווען!

סטעפאַנאָוו איז הויכוווּקסיק, און ער זעט אויס ווי א טאַטע, וואָס טײַנעט אײַן מיט אָן אײַנגעשפּאַרט קינד:

— נו אָט, איינעם האָבן מיר, הייסט עס. ווײַטער — טעליאַטניקאָוו. עמעס, איך קאָן אײַך ניט צוזאָגן אף געוויס, צי זיאַקע וועט קומען, נאָר ווען ער קומט יאָ, וואָלט דאָס פאַר אײַך געווען זייער געוווּנטשן. כ'מיין, ער דאַרף קומען. די שטאָט קאַלינין איז ניט אַזוי ווײַט פונדאַנען. זיאַקע — אַזוי פלעגט מען אים רופן אין שול — איז אין קאַלינין פאַרוואַלטער פון א קאַטעדרע אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, א פּראָפעסאָר, א דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן.

מיכאַיל ניקאָלײַעוויטש דערציילט אונדז נאָך וועגן באָריע סקאָפּעץ פון סווערדלאָווסק, דעם קינאָ־רעזשיסער אף דער דאָרטיקער טעלעוויזיע. און אַזוי צוביסלעך דערשלאָגט ער זיך, אז מיר נעמען אָן די אײַנלאַדונג. ער קוועלט אַזש אָן:

— כ'בין דאָך אײַערער א „באָליעלשטשיק”, פון אײַערע שרײַבעכצן, מיין איך. איר קאָנט זיך כידעשן און אפילע מיר ניט גלייבן, נאָר איך קוק אַמאָל אַרײַן אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” אויך. יאָ, יאָ, איך קען עטלעכע שפּראַכן, ייִדיש, פאַרשטייט זיך, שוואַכער פון אַנדערע, אָבער פאָרט...

אונדזער וויזיט אף אָט דער מערקווירדיקער אסיפע האָט די ווערט צו באַשרײַבן ווערן. געבן באַצײַטנס צו וויסן אירינען וועגן אונדזער באַשלוס, האָבן מיר ניט באַוויזן, זײַנען מיר אָנגעקומען אַהין אומגעריכט. די פאַרזאַמלונג האָט געזאָלט פאָרקומען טאַקע אין דער אַלטער געבײַדע פון יענער שול נומ. 21, וועלכע די כעווורע האָבן פאַרענדיקט מיט קאַרגע פיר צענדליק יאָר צוריק.

קיין דײַטלעכן אַדרעס, וווּהין מיר דאַרפן גיין, האָבן מיר ניט געהאַט, נאָר פונדערווײַטנס האָבן מיר באַמערקט דרײַ גרויסע אויטאָבוסן פון דער טעלעוויזיע און האָבן פאַרשטאַנען, אז

מיר גייען ריכטיק. אין שול איז געווען זייער יאָמטעוודיק. שיין אויסגעפּוצטע שילער האָבן מיט ליבלעכע פּנעמער פרייַנטלעך באַגעגנט אַלע אַרייַנקומענדיקע און געהאָלפן זיך אויס־טאָן.

שוכטאַ האָט זיך אַרומגעטראָגן צווישן די אַפּאַראַטאָרס און געהאַלטן אין איין איבער־לעבן, מע זאָל, כאַלילע, ניט דורכלאָזן עפּעס נייטיקס. מיט אַלעמען, ווער ס'האָט געזאָלט קו־מען, איז זי שוין אַזוי אָדער אַנדערש באַקאַנט געווען פון פריִער, און איצט האָט זי זיך גע־פירט מייַסע־באַלעבאָסטע. דערזען אונדז, איז זי שיִר ניט געפאַלן כאַלאַשעס. אָט דעם, מיט דער באָרד, וועלכן בראַכע בורשטיין האָט גע־בראַכט מיט זיך צו פירן, האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזען, קיינמאָל אין לעבן! און קיין פאָטאָ־גראַפיע פון אים האָט זי אויך ניט...

זי דערציילט אונדז, וויאַזוי די באַגעגעניש וועט פאָרקומען:

— באַלד הייבט מען אָן דאָס פאַרשרייַבן פאַר דער טעלעוויזיע. מע וועט אייַנלאַדן דעם אוילעם אין צימער אַרייַן, און בעשאַסמייַסע ס'זאָל דאָרט קאָנען געפינען זיך אַ זייַטיקער איז אויסגעשלאָסן! — אירינע וויל אונדז שוין יאָ טאָן די טויווע, זוכט אָן אייצע, ווי בעסער דאָס אויסצופילן, אָבער דערעכאַגעוו פאַרגעסט זי דערווייַל ניט אַרייַנזאָגן אונדז, אַז אָט ערשט מיט אַ שאָ אָנדערהאַלבן צוריק איז זי קוים פּאָטער געוואָרן פון אַ פּאָר קאָרעספּאָנדענטן פון די היגע צייַטונגען. זי טוט אונדז אַ כאַפּ אונטער די אָרעמס, און מיר גייען אַלע דרייַ אַרויס אין גאַס. דאָרט שטופּט זי אונדז ביידן אַרייַן אין דער ענגער רעזשיסערן־קאַבינע פון דעם טעלעוויזיעס דרויסנדיקן אויטאָבוס.

— דאָ וועט איר הערן און זען אָפּן עקראַן אַלץ, וואָס עס וועט פאָרקומען אינעווייניק, — פאַרענטפערט זיך שוכטאַ. און פאַר אונדז איז דאָס גאָר דאָס געלונגנסטע! ווער האָט זיך גע־קאָנט אַפילע ריכטן אויף דעם? באַ זיי איז דאָך די רעזשיסערן־קאַבינע דאָס הייליקסטע פונעם הייליקן, בעשאַס דער אַרבעט טאָרן דאָרט קיין זייַטיקע אוודע ניט זייַן! אירינע האָט עמעצן פאָרגעשטעלט אונדז אַלס קאָרעספּאָנדענטן פון דער צענטראַלער פּרעסע, און מיר האָבן זוכע געווען אָנצוקוקן אַזאַ זעלטענע פאָרשטעלונג, וואָס ס'איז ניט אַפילע צו באַשרייַבן...

פיר טעלעאַפּאַראַטאָרס האָבן איבערגעגעבן די בילדער פון זייערע קאַמערעס אויף פיר קאָ־לירטע עקראַנען אין דער קאַבינע. נאָך צוויי אַזעלכע עקראַנען האָבן די רעזשיסערן געהאַט אין זייער רעשוס צוליב צוגאָב־אַרבעטן. ניין, דאָס זייַנען געווען ניט קיין שווינדלענדיקע עקראַנען פון די איצטיקע שטוב־טעלעוויזאָרס, וועלכע פאַרמאָגן באַפּוצטע מיט רויטלעכן אָפּ־שייַן קאַנטן. מיר האָבן דערזען בעעמעס קיי־שעפדיקע פענצטערלעך, וואָס האָבן געהאָלפן זיך אייַנקוקן סיי אין דער גרויסאַרטיקער שיינקייַט פון דער וועלט, סיי אין די אויגן פון באַזונדערע מענטשן, געהאָלפן דערפילן יעדע באַוועגונג פון דער מענטשלעכער נעשאָמע. ווען די מענטשן זאָלן זיך פאַרגינען באַ הייַנטיקן טאָג פאַרמאָגן אַזוינע שטוב־טעלעוויזאָרס, ווי מיר האָבן דאָרטן געזען אַלס מאַכשירים, וואָלט די וועלט געווען אייַנגעשטעלט כאָרעוו צו ווערן: דער אוילעם וואָלט צוגעזאָדן געוואָרן צו זיי אַ קייַלעכיקן מעסלעס...

און אַ טומל איז דאָרט געשטאַנען — ניט אויסצוהאַלטן. דער געהילף פונעם רעזשיסער נינע גראַבאָוואַ האָט געציילט די מאָניטאָרן לויט די עקראַנען באַ זיך פאַר די אויגן — פון לינקס אויף רעכטס, און דער רעזשיסער לייב פּאָטליק האָט דאָס געטאָן פון רעכטס אויף לינקס. הייַנט שטעלט זיך שוין פאָר די לאַגע פונעם הויפּט־אַפּאַראַטאָר אַרקאַדי קאָטעל, וועלכער האָט געמוזט פאָלגן און צוטרעפן ביידן און לויט די קעגנזעצלעכע אָנווייַזונגען פון די רעזשי־סערן אויסקלייַבן און פאַרהאַלטן אָפּן געהילפס־עקראַן דאָס נייטיקע בילדל.

כאָטש אין דער קאַבינע איז ענג, ווי אין אַ טעלעפאָן־בייַדל, ניטאָ דאָרט וווּ זיך אַ ריר צו טאָן (מיר זייַנען אָפּגעשטאַנען אַלע דרייַ שאָ אויף די פיס באַ דער טיר), דאָך פילדערן די רע־זשיסערן ווי אויף אַ מאַסן־מיטינג. און בלויז דער קלאַנגען־אַפּאַראַטאָר איזי שפּאַליאַנסקי, וועל־כער איז אויך דאָ פאַרנומען מיט אַרבעט, בעט זיך פון מאָל צו מאָל ראַכמים: „זייַט כאָטש אַ ביסעלע שטילער"...

ווען די עקראַנען זייַנען שוין באַלויכטן געוואָרן, האָט די קאַבינע באַקומען אַן אויסזען פון אַ פאַרקישעפטער הייל. ס'איז געווען טונקל, און אויף דער פאָדערשטער וואַנט אין די העל־בלויע, טיפע ווי דער פרילינגדיקער הימל, פענצטערלעך, האָבן מיטאַמאָל אויפגעפלאַקערט זעקס בינטלעך העלע, צונטער־רויטע בלומען. זיי האָבן געפלאַמט, ווי אַ פייַערדיקער סאַ־ליוט — לעקאָוועד דעם לעבן, לעקאָוועד די לע־בעדיקע, וועלכע זייַנען געקומען אָפּגעבן איי־נע די אַנדערע אַ דין־וועכעזשבן פאַר זייערע מייַסים־טויוויִם, לעקאָוועד די געפאַלענע אין שלאַכט פאַרן לעבן.

מע האָט באַוויזן דעם קלאַס־צימער. אַ פּוסטן דערווייַל. עס האָבן אים באַקוקט פון די ווענט זשעניע סטאַליאַראָוו, קאָליע מיראַני־טשעוו, אָלעג זשיטניקאָוו — זיי זייַנען אויף איי־ביק פאַרבליבן יונג, אַזעלכע, ווי די שטומע ווענט פונעם צימער האָבן זיי פאַרגעדענקט.

דערנאָך האָט מען פאַרבעטן די געסט. עס האָבן זיך דערהערט געשרייען:

— און אָט דאָס איז מײַן שול־באַנק!

— ניין, דאָ איז גיטע געזעסן, געדענקסט? ענדלעך האָבן די געסט זיך פֿאַנאַנדערגעקליבן מיט זייערע ערטער, און ווײַטער איז אַלץ פֿאָרגעקומען לויט דעם געוויינלעכן שול־סיידער. אין קלאַס זײַנען אַרײַנגעקומען דער דירעקטאָר פֿון דער שול און די קלאַס־פֿירערן.

דער דירעקטאָר איז א פרוי, פון די איצטיקע, א נײַע פאר זיי, מעגלעך אויך אין זייערע יאָרן, און דעריבער עטוואָס אַן אומרויִקע אין דערוואַרטונג פון דער אומוואַרשײַנלעכער באַגעגעניש מיט אירע אייגענע יוגנט־כאַווייִרים. די קלאַס־פירערן — א שטילינקע, ליבהאַר־

פון לינקס אַף רעכטס: דער הויפּט־רעזשיסער פון דער פּערמער טעלעוויזיע לייב פּוטליק, דער שרײַבער אַרטיאָם אַנפינאָגענאָוו, אירינע שוכטאַ

ציקע אלטיטשקע, טאַקע זייער אַמאָליקע קלאַס־פירערן! און דאָס, וואָס מ'האָט זיך ניט טייקעף דערקענט איינס דאָס אַנדערע, מאַכט גאָר ניט אויס. אַלנפאַלס, אַרויסגעוויזן האָט מען דאָס בעמיילע ניט. אָבער איינער פון זיי האָט זיך בעפיירעש די רעגע דערמאָנט...

דאָס האָט פּאַסירט אין די פײַערדיקע טעג פון דער מילכאָמע, אינעם גענעם פונעם געשלעג פאַרן כאַרעוו געמאַכטן, נאָר אַלץ נאָך ניט אײַנגענומענעם בערלין. און ס'איז נייטיק געווען דורכצוואַרפן א פאַרבינדונגס־קאַבעל דורך א ברענענדיקער גאַס מיט א שיינעם נאָמען סיציליאַנער־אַלייע. ער האָט באַקומען דעם באַפעל און האָט זיך טייקעף געכאַפּט צו דער אַרבעט. אַף א מאַפּע פון דער דײַטשישער הויפּטשטאָט האָט ער לײַכט אויסגעזוכט דעם נאָמען פון דער גאַס און זיך געפרייט, וואָס ס'האָט זיך אים אזוי גיך און גרינג אײַנגעגעבן. און צו דער גאַס אַליין האָט ער אויך גלײַך געטראָפן. אָבער ווען די אַרבעט איז ענדלעך געקומען צום סאָף און דאָס פאַרבינדונגס־פעדעמל האָט זיך, ווי א דינינק אָדערל, דורכגעצויגן דורכן פײַער, איז אומגעריכט קלאָר געוואָרן, אז ווען זײַענדיק נאָך א שילער אין דער שול נומ. 21, וואָלט ער זיך באַצויגן צום באַהערשן פרעמדע שפּראַכן כאָטש א ביסעלע ערנסטער, וואָלט ער איצט אויסגעמיטן דעם טאָעס און ניט אָנגענומען די סיציליִען־שטראַסע פאר דער סיציליאַנער־אַלייע...

יאָ, אזא צופאַל. פאר אָט דעם טאָעסל האָט ער פאַרדינט צו ווערן געמישפּעט דורכן מיליטער־טריבונאַל... גאַנצע דרײַ שאָ האָט מען אים געשענקט אַף צו פאַריכטן דעם טאָעס. אן איינציקער שאַנס...

און אין קלאַס־צימער גייט זיך דערווײַל אָן אַלטע, ווי אין די שולן פון דער גאָרער וועלט, סעדרע — אַן איבערוף פון די שילער לויטן צעטל אינעם קלאַס־זשורנאַל. די מעלאָדישע דירעקטאָרישע שטים, שטרעבנדיק צו זײַן אַלץ יאָמטעוודיקער, רופט אויס שיר ניט מיט געזאַנג:

— סקאָפּעץ באָריס!

צי דערקענט זי אים איצטער, די אַמאָליקע קלאַס־פירערן, די לערערן פון דײַטש? ער איז טרוימעריש פאַרליבט געווען אין זײַן פידל, אָט דער אימפּאַזאַנטער אָנשטענדיקער פאַרשוין מיט א פּאָנעם פון אן אַרטיסט און מיט א גאַנצן אויצער זילבערנע האָר, וואָס לויפן אַראָפּ ווי א שטראָם צו אים אַף די אַקסלען. און צי איז איר באַוווּסט די געשיכטע פון זײַן קורצן שלוס־לימעד פון דער דײַטשישער שפּראַך? מינאַסטאָם ניט.

זי מוז אָבער פּאָרט אים געדענקען. ער האָט דעמלט דעם אוילעם ניט ווינציק פאַרכידעשט. אזא פרידלעכע מישפּאָכע געוווען. דער

פּאַטער — אַ זייגערמאַכער, וואָס האָט קימאַט יעדע פרײַע מינוט אָפּגעגעבן דער זעלבסטעטיקייט. די מוטער — אַן ענערגישע, אַ טומלדיקע. קיין איין יאָמטעוו אין שול פלעגט זיך ניט באַגיין אָן איר. און דער זון זייערער האָט אויך אָנטיילגענומען אין אַלע שול־אָוונטן. מיטן פידל, נאַטירלעך. אַלע באַקאַנטע זײַנען געווען איבערצײַגט, אַז זײַן טרוים איז ווערן אַ מוזיקאַנט, ענדיקן די קאָנסערוואַטאָריע. און ער, לאָזט זיך אויס, האָט גאָר פון די ערשטע אין קלאַס, נאָך פאַרן פאַרענדיקן דאָס לערנען, אומגעריכט אָנגעגעבן זײַנע פּאַפּירן אין אַ מיליטערישן לערן־אַנשטאַלט. קיין מילכאָמע איז דאַן נאָך ניט געווען!

— לעווין וולאַדימיר!

דער איבערוף גייט שטרענג, ווי דער שטייגער איז. די אופגערופענע שטייען אוף, גיבן אָפּ וועגן זיך אַ קורצן באַריכט פאַר די פאַרגאַנגענע פיר צענדליק יאָר, זעצן זיך צוריק אָף די ערטער. מאַמעש אַ גרויל לויפט דורך איבערן לײַב. עס ווערט קלאָר, אַז דאָס, אייגנטלעך, פירן זיי אונטער דעם כעזשבן פון דעם אַמערסטנס טעטיקן כיילעק פון זייער לעבן. די געציילטע עטלעכע ווערטער באַם איבערוף ווײַזן אַרויס דעם סאַכאַקל פון זייער נוצלעכער טעטיקײַט. און דאָס, וואָס זיי גיבן דאָ אָפּ אַ דין־וועכעזשבן ניט פאַר קיין פרעמדע, נאָר איינער דעם אַנדערן, איז באַזונדערס וויכטיק. בלויז זיי אַליין האָבן געוווּסט און געדענקען נאָך הײַנט, מיט וואָס פאַר אַ מאָסן יעדער איינער פון זיי האָט זיך צוגעמאָסטן צום לעבן. זיי די איינציקע האָבן אַ מעגלעכקײַט צו פאַרגלײַכן דעם כאַוועריס פריִערדיקן פאַרלאַנג מיט זײַן הײַנטיקן טאַכלעס און, ניט אָנרירנדיק יענעמס קאָוועד, אַרויסזאָגן אין דער הייך דעם אָן אַ שיר וויכטיקן פּסאַקדין — צי ביסטו פאַרבליבן טרײַ זיך אַליין, דײַנע ליכטיקע טרוימען פון דער יוגנט, אָדער דו האָסט עפּשער גאָר אויסגעלערנט זיך „דרייען", „מאַכן אַ לעבן". וואָס מער דו האָסט פריִער פאַרלאַנגט פונעם לעבן, וואָס האַרבער דו אַליין האָסט געמאָנט סײַ גופע פון זיך, סײַ פון אַנדערע, אַלץ שטרענגער וועט מען דיך איצטער, דעם הײַנטיקן, פאַרגלײַכן מיטן פריִערדיקן...

וואָלאָדיע לעווין איז שוין דעמלט געווען פאָרזיצער פון דער מיליטעריש־ספּאָרטיווער קאָמיסיע אינעם לענינער ראַיקאָם פון קאָמיוג. אין די ערשטע טעג פונעם 1941־טן יאָר האָט אין סווערדלאָווסקער געגנט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אַ פאַרצייכענונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָף דער ערשטער זײַט פון דער יוגנטלעכער צײַטונג „סמענאַ" מיט אַ קאַפּל: „פערם — סווערדלאָווסק". און אונטערן קאַפּל — פיר שמייכלענדיקע ייִנגלשע צורעס. ווי אָף אַ פּלאַקאַט. וואָלאָדיען דערקענט מען דאָ גלײַך. די פאַרצייכענונג דערציילט וועגן אַ ספּאָרטיוון מאַרש אָף ליזשעס פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. נאַטירלעך, קיינער פון די ספּאָרטסמענער האָט זיך ניט געריכט אָף קיין גרינגן שפּאַציר. דער פראָסט האָט פאַרדרייט אַריבער די פערציק, און דער מעהאַלעך איז אויך געווען אַ גאַנץ היפּשער — מער פון דרײַ הונדערט קילאָמעטער!

מע קאָן מיינען, אַז דער שווערער ליזשע־מאַרש איז געווען אַ מין טרענירונג, קעדיי בעסער זיך צוגרייטן צום פאָרשטייענדיקן געשלעג — די לופט איז שוין פול געווען מיט מילכאָמע־פולווער. די מײַסע איז אָבער איינגאַנצן אַנדערש. לעווין אַליין האָט דאָס דײַטלעך אַרויסגעזאָגט אַזוי:

— ניין, ניט צו קיין מילכאָמע האָבן מיר זיך דעמלט געגרייט, נאָר צום לעבן...

וולאַדימיר לעווין איז איצט אַ וועטעראַן אין דער פּאַרטיי. ער לייענט לעקציעס פון פּאַרטיי־געשיכטע אינעם אינסטיטוט, וואָס גרייט יונגע לערער.

כאַוויירים, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים זיך געלערנט אין שול ג. וו. טעליאַטניקאָוו (ערשטער פון לינקס)

און דער איבערוף פירט זיך ווײַטער לויטן צעטל:

— טעליאַטניקאָוו געאָרגי!

דער אוילעם האָט זיך ווי אופגעצאַפּלט, זיך אַ ציִ געטאָן צו אים מיט די אויגן. אָף די פּענעמער האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון שטאַרקן נײַגער. קיינער האָט זיך, ווײַזט אויס, ניט צעשיידט מיטן אַלטן געפיל, אַז ווען טע־

ליאטניקאָוו עפּנט דאָס מויל, דאַרף מען זיך אופמערקזאַם צוהערן: דאָס מוזן זײַן רייד וועגן עפּעס וויכטיקס און נייטיקס. אַפילע איצט, ווען ער דאַרף אָפּגעבן זיי א באַריכט וועגן זיך. גאָר־גאָר ניט צופעליק איז ער פאַר דער מילכאָמע געוועזן בא זיי אָנערקענט פאַר א וואָזשאַק. אַגעוו, ניט בלויז בא זײַנע מיטשילער. די יוגנט האָט דעמלט אים אויסגעוויילט פאַרן קאָמיוג־סעקרעטאַר פון דער שול, און אייניצײַטיק איז ער געוועזן פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אינעם לענינער ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט.

טעליאַטניקאָוו איז אַלעמאָל געוועזן צווישן די ערשטע: סײַ באַם בויען דעם שיף־וואָקזאַל, סײַ באַם פלאַנצן ביימער, באַם אויסלאָדן שיפן. און שפּעטער, בעשאַס דער מילכאָמע, ווען די שטאָטישע אָנפירונג האָט באַשטימט אים פאַרהאַלטן אַף געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, האָט ער פונעם ערשטן מילכאָמע־טאָג געפאָדערט, מע זאָל אים וואָס גיכער אָפּלאָזן אַפן פראָנט. ס'איז אים אָנגעקומען זייער ניט גרינג, נאָר זײַן אײַנגעשפּאַרטקײַט איז געוועזן באַוווּסט אַלעמען, און שוין אין צוויי כאַדאָשים אַרום איז ער געוועזן אינעם סאַמע פלאַם פון דער מילכאָמע.

צוויי און דרײַסיק יאָר פון זײַן לעבן האָט געאָרגי טעליאַטניקאָוו אָפּגעגעבן דער דינסט אין דער סאָוועטישער אַרמיי!

ווען אין קלאַס־צימער האָט זיך באַוויזן דער איצטיקער יונגער דאָר שילער, ווען אין די קישעפדיקע פענצטערלעך פון די מאָניטאָרן האָבן זיך באַוויזן גאָר יונגע פּנעמער און דער בלויער עקראַן האָט דערטראָגן צו אונדז די צאַרטע לויטערקײַט פון זייערע הימל־בלויע אויגן, האָט זיך ווידער דערהערט טעליאַטניקאָווס שטים:

— מיר האָבן דעמלט, מיט פערציק יאָר צוריק, זיך ניט געגרייט ספּעציִעל מילכאָמע האַלטן. מיר האָבן פרוכטבאַר געלעבט און געבויט א נײַ לעבן...

יאָ, אונדז האָט בעפּײַרעש אָפּגעגליקט: די צופעליקע באַגעגעניש מיט אָט די וווּנדערלעכע מענטשן וואַרפט א ליכטיקע אָפּשײַן פונעם הײַנטיקן טאָג אַף דער פאַרגאַנגענהײַט...

כאַים גורעוויטש

בלויז דרײַ באַגעגענישן

דעם גרעסטן און שענסטן טייל פון זײַן לעבן האָט דער עטלעכע און אכציקיאָריקער לאזאר איסײַעוויטש שווארץ שוין דורכגעמאכט אין די יאָרן פון דער סאָוועטנמאכט. ער איז לויט אלע סימאָנים א טיפּישער פאָרשטייער פון דער פאָראָדע יידן סיביריאקעס. געבוירן איז ער בא א טאטן א „רודאָקאָפּ” אין דעם דערפל וועגנעראָוואָ, טיף אין דער טײַגע. דערציילן וועגן אים קאָן מען א סאך טשיקאווע זאכן. אָבער איך האָב באשטימט זיך באגרענעצן מיט דרײַ קורצע באגעגענישן, דערפאר ווײַל זיי אנטפּלעקן די גײַסטיקע אייגנשאפטן פון זײַן זעלטן רײַכער נאטור.

די ווערט פון איין מינוט

קימאט דער גאנצער פאראיאָריקער דעקאבער איז אין נאָוואָסיבירסק געווען א לינדער. באוויזן אף וואָס ער איז פייִק, האָט דער סיבירער ווינטער בלויז אין די לעצטע טעג פונעם כוידעש.

אָט אין איינעם אזא קאלטן טאָג האָב איך אף דער גוריעווסקער גאס באגעגנט לאזאר איסײַעוויטשן. ער האָט מיר ארײַנגעשטעקט א ברייטן שאָלעם־אליכעם און, ניט ארויסלאָזנדיק מײַן האנט, געזאָגט מיט א שמייכל:

— נו, איך באגריס אײַך, מײַן טײַערער שאָכן, מיטן יאָמטעוו!

ענטפער איך אים:

— א גרויסן דאנק אײַך, לאזאר איסײַעוויטש, נאָר דעם עמעס זאָגנדיק, זאָל איך שוין אזוי וויסן פון צאָרעס, ווי איך ווייס וואָס איז דאָ הײַנט פאר א יאָמטעוו. אגעוו, איז דאָך אפילע דאָס בלעטל פונעם קאלענדאר ניט קיין רויטס...

איז ער מיט מיר מאסקים:

— דאָס בלעטל אפן קאלענדאר איז הײַנט בעפּיירעש ניט קיין רויטס, נאָר פון דעם ווערט דער יאָמטעוו ניט קלענער...

ווען אזא דיִאלאָג זאָל פאָרקומען אפילע דעם ערשטן אפּרעל, וואָלט איך אלציינס געווען זיכער, אז לאזאר איסײַעוויטש שפּאסט ניט, ווײַל איך קען אים ווי אן אויסשליסלעך ערנסטן מענטשן.



לאזאר שווארץ

אָבער טייקעף טרעפן וועגן וועלכן יאָמטעוו עס גייט א רייד האָב איך בעשום־אויפן ניט געקאָנט, און מיסטאמע, דערפילנדיק מײַן פארלעגנהײַט, האָט ער באשטימט מיך מער ניט מוטשען.

— הײַנט איז דער טאָג געוואָרן גרעסער אף איין מינוט! אויב איר מיינט, אז דאָס איז

ווייניק, האָט איר א גרויסן טאָעס... איר באַקומט דאָך א מעגלעכקייַט איבעריקע גאַנצע זעכציק סעקונדעס זיך קוויקן מיט דער קרוין פון אָט יענעם טאָפּאָל, וועלכער שטייט אפן ראָג. טוט נאָר א קוק, ווי זי איז אָפּגעמייַסטרעוועט, די קרוין, פונקט ווי באַווא קאָראָליעווישעס העלם. אזוינס אופטאָן קאָן נאָר אונדזער סיבירער פרעסטל, ווען עס הייבט אָן אַרייַנגיין אין זייַן קויעך.

די קרוין פונעם טאָפּאָל איז ווירקלעך געוואָרן גרויסאַרטיק.

איך האָב באַדאַנקט לאַזאַר איסייַעוויטשן און אים צוגעזאָגט, אז כ׳וועל אָף ווייַטער זייַן מער אופמערקזאַם און וועגן יאָמטויווים אורטיילן ניט נאָר לויט די רויטע בלעטלעך פונעם קאַלענדאַר.

גיכע הילף א צעבראָכענע צווייַג

איך בין געגאַנגען איבערן נייַעם פּאַרק, וועלכער גאַרטלט אַרום די פּרעכטיקע גלעזערנע געבייַדע פון דער אַקאַדעמישער ביבליאָטעק. אַלץ איז געווען דורכגעזאַפּט מיט זונענשייַן. די הויכע ביימלעך האָבן זיך מיט זייערע געדיכטע טשופּרינקעס געצויגן צום הימל, פונקט ווי אויך זיי וואָלטן שוין דערפילט, אז דער קורצער סיבירער זומער וועט זיך באַלד אַרויסטעטעמען. יעדער ביימעלע איז אין יענעם טאָג געווען אזוי ליבלעך און צאַרט, אז ס׳האָט זיך אַפילע איבער דעם שאָטנדל געוואָלט טרעטן אָף די שפּיץ פינגער...

שוין באַם אַרויסגיין פונעם פּאַרק האָב איך פּלוצעם אָף דער זייַטיקער אַלייע, לעם א שלאַנקער בעריאָזע דערזען לאַזאַר איסייַעוויטשן. ער האָט מיך אויך באַמערקט און נאָך פונדערווייַטנס אויסגעשריגן:

— זייַט אזוי גוט, טוט א טויווע, כאַפּט זיך אַרייַן אין דער ביבליאָטעק און בעט בא דעם זאַווכאָז א קנייַלכל פאָדעם, צוויי שמאָלינקע ברעטלעך און א מעסער, אומבאַדינגט א שאַרפס. וואָס גיכער איר וועט עס אָפּטאָן, אַלץ בעסער...

ווען איך האָב זיך א פאַרסאָפּעטער אומגעקערט מיט די נייטיקע זאכן, איז מיר גלייַך אַלץ קלאָר געוואָרן: לאַזאַר איסייַעוויטש האָט מיט זייַנע גרויסע, אָדערדיקע הענט אונטערגעהאַלטן א צעבראָכענע צווייַג...

— שטעלט אייַך פאָר, — האָט ער דערקלערט, — איך גיי, ווי שטענדיק, איבער דער צענטראַלער אַלייע, נאָר הייַנט, פונקט ווי דאָס האַרץ וואָלט געפילט, האָט זיך מיר פאַרגלוסט פאַרקערעווען אַהער. איך טו א קוק — די צווייַג איז פאַרבראָכן, ווי א פליגל פון אַן אונטערגעשאָסענעם פאַזאַן, און די בלעטלעך ציטערן אַזוי, פונקט ווי זיי וואָלטן געבעטן הילף. נו איצט וועט שוין אַלץ זייַן אין אָרדענונג: איר וועט אונטערהאַלטן די צווייַג און מיר וועט שוין אויסקומען ווערן א כירורג. מיר מוזן זי ראַטעווען...

און לאַזאַר איסייַעוויטש איז גלייַך צוגעטראָטן אויספילן זייַן פליכט. צוערשט טאַקע, ווי אַן עכטער כירורג, וועלכער פאַריכט א צעבראָכענעם ביין, האָט ער זייער פאָרזיכטיק, פאַרטייַענדיק דעם אָטעם, א פיר געטאָן איבער דער טראַוומירטער צווייַג מיט די פינגער, פעסטגעשטעלט די סאַמע ווייטעקלעכע ערטער. דערנאָך זייער פלינק מאַניפּולירט מיטן מעסער און צולעצט פאַרקרעמפּעוועט דעם גליד פון דער געדולדיקער „פּאַציענטקע" אין שינעס. די גאַנצע פּראָצעדור איז אויסגעפילט געוואָרן אזוי גיך, אז כ׳האָב זיך ניט באַוויזן אַרומזען.

איבערצייַגט זיך, אז די אָפּעראַציע איז דורכגעגאַנגען בעשאָלעם, האָט לאַזאַר איסייַעוויטש אָפּגעווישט דעם שוויס פונעם פּאָנעם און א צופרידענער אַרויסגערעדט:

— גלייבט מיר, אז אין אָט אזוינע אומגליקן איז העלפן א מענטשן א סאַך גרינגער: ער זאָגט כאָטש, ווו עס טוט אים וויי. דאָ דאַרף מען אַלץ דערגיין אַליין. אָבער נישקאָשע, אונדזער צווייַג וועט זיך אויסהיילן. זי איז דאָך יונג, דער דראַנג צום לעבן איז בא איר גוואַלדיק גרויס. אַגעוו, וועט מיט כיישעק אָף איר נעמען שעפּטום די קישעפּמאַכערן — די זון. און יענע, אז זי וויל, קען זי פון טויט מאַכן לעבעדיק.

ווען מיר זייַנען שוין אַרויסגעגאַנגען פונעם פּאַרק, האָט לאַזאַר איסייַעוויטש, וועלכער האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן, זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט און אַן אופגערעגטער געזאָגט:

— די צווייַג איז נאָך געווען א וואַרעמע, ניט באַוויזן אַפילע זיך אָפּקילן. קאָנטיק, אז דער אַטענטאַט אָף איר לעבן האָט פּאַסירט גאָר ניט לאַנג.

און, ניט בייַטנדיק דעם טאָן, רעזומירט:

—אויב דאָס האָט זיך פאַרהויבן א שיקערע האַנט, איז וואָס וועט איר דאָ טאָן? נאָר אויב דער שולדיקער איז, כאָלילע, א יונג קינד, וועט שוין מיט איין גוטן מענטשן אָף דער וועלט זייַן ווייניקער.

יעדן מענטשן א זון

טאָמער וועט איר א פרעג טאָן בא לאַזאַר איסייַעוויטשן אין וואָס באַשטייט דער סאָד פון לאַנג לעבן, וועט ער קוידעמקאָל פאַרפינקטלעכן דעם איניען:

— לעבן לאַנג גלאַט אזוי, אין דער וועלט אַרייַן, איז נאָך ניט קיין גרויסע זאַך. וויכטיקער

איז זײַן שטענדיק אין דער פּולער אַמוניציע, די געפילן זאָלן פאַרבלײַבן יונגע.

נאָך אַ קלײנער פּאַוזע וועט ער צוגעבן:

— אַף דערין זײַנען קײן פּאַרטיקע רעצעפּטן ניטאָ. בײַ יעדן אײנעם — זײַן מעטאָד.

שפּעטער וועט ער זאָגן:

— איך ווײס נאָר צוויי „מעטאָדעס‟, מיט וועלכע אַ מענטש קאָן זיך פאַרלענגערן דאָס לעבן: ערשטנס — אַ גוטע שטימונג. דאָס וועט אַרויסשלעפּן פון אַלע צאָרעס. קײן בעסערע רעפוּע פון דעם איז נאָך ניט געווען און וועט ניט זײַן. אָבער אָט דאָס מיטל וועט מען אײַך אין אַפּטײק ניט אַרויסגעבן און אַף קײן טעלערל ניט אונטערטראָגן. אַ גוטע שטימונג פאַר זיך דאַרף יעדער מענטש קענען אויסאַרבעטן אַלײן. נו און דאָס צווײטע איז — באַוועגונג: די פיס דאַרפן שטענדיק זײַן אָנגעלאָדן. אויב ניט, וועלן זײ ווערן פּוליאַקעס און טאַקע פון זײ, פון די פיס, וועלן זיך אָנהײבן אַלע כאַלאַסן. איך, צום בײַשפּיל, — שמײכלט ער אונטער, — מאַרשיר טאָג־אײַן, טאָג־אויס, דאָס גאַנצע לעבן אַפן עלפטן נומער, דאָס הײסט, אַף מײַנע צוויי פיס — דאָס איז די סאַמע אויסגעפּרובירטע און זיכערע מאַרקע. פון דעם איבעריקן טראַנספּאָרט מאַך איך פלײטע. און אויב עס טרעפט, אַז צוליב אַ וואַזשנער סיבע האָב איך דעם נײטיקן מאַרשרוט ניט דורכגעמאַכט, הײבן אָן אין אָוונט ברעכן מײַנע בײנער.

זינט איך קען לאַזאַר איסײַעוויטשן, האָב איך קײנמאָל ניט געזען, ער זאָל קוועטשן די באַנק. בלויז אײן מאָל האָט זיך מיר מיט גרויסע שוועריקײַטן אײַנגעגעבן, ער זאָל אַף אַ גאַנצער האַלב שאָ זיך צוזעצן. דאָס איז געשען ניט לאַנג צוריק. אין דעם לעצטן זונטיק פון יוּן, אינעם סקווערל, ווו עס שטײט דער דענקמאָל פונעם נאָוואָסיבירסקער דיכטער באָריס באָגאַטקאָוו, וועלכער איז העלדיש אומגעקומען אין 1943־טן יאָר אונטער סמאָלענסק.

עס איז געווען זײער שטיל. בלויז פונדערווײַטן האָט זיך דערטראָגן יענע אָריגינעלע סימפאָניע, ווען מע קלאַפּט אַרײַן סוווײַעס — דאָס האָבן געאַרבעט די בויער פונעם נאָוואָסיבירסקער מעטראָ.

לאַזאַר איסײַעוויטש איז נאָרוואָס געווען בײַ דעם אורײניקל, וועלכן ס'איז פּונקט אין יענעם זונטיק געוואָרן פינף כאָדאָשים. ער האָט דערצײלט וועגן קינד מיט גרויס היספּײַלעס:

— איר וואָלט נאָר זען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מעכײַעדיק אויצערל, אַ ליכטיק שטערנדל, אַ קלוג מענטשעלע...

ער האָט געוואָלט פאַרזעצן דאָס לויב־געזאַנג, נאָר מיטאַמאָל דערשפּירט עפּעס אינעם גראָז, זיך ענערגיש אויפגעהויבן, אָפּגעזוכט אַ ריטעלע און עס אַרײַנגעקוועטשט אין דער ערד לעבן די פיס.

פון אָנהײב איז פאַר מיר אָט די אומגעריכטע טועכץ זײַנע געווען אַ רעטעניש, ביז איך האָב ניט דערזען, אַז איבערן ריטעלע האָט מיט גרויס אײַנגעשפּאַרטקײַט געקלעטערט אַ גאָטס בעהײמעלע. ווען דאָס פליגעלע האָט סאָפּקאָלסאָף פון דאָרט זיך אַריבערגעפּעקלט אַף לאַזאַר איסײַעוויטשס ברײטער דלאָניע, האָט ער עס לאַנג און אויפמערקזאַם פאַנאַנדערגעקוקט און האַרציק אויסגעשמײכלט:

— אָט דאָס איז אַ קויעך!

איך האָב ניט אויסגעהאַלטן:

— האָט ראַכמאָנעס, לאַזאַר איסײַעוויטש, וואָס פאַר אַ קויעך קאָן זײַן בײַ אַזאַ נעפעש?

ער האָט זיך ניט געקליבן שטרײַטן:

— זאָל איך אַזוי לעבן, אַז איר זאָגט דעם רײנעם עמעס. אָט דאָס נעפאַשעלע איז טאַקע זײער און זײער אַ שוואַכינקס. אָבער איך רעד דאָך וועגן דער זון: זי געפינט זיך ערגעץ אין קאַפּעקאַל און האָט אָפּגעזוכט דאָ אינעם גראָז אָט דאָס בעהײמעלע און אַזוי וווּנדערבאַר אָפּגעפּאָלירט בײַ דעם די פליגעלעך, אַז אין זײ שפּיגלט זיך אָפּ אונדזער גאַנץ וועלטעלע...

לאַזאַר איסײַעוויטשס שאַרפזיניקײַט האָט מיך מאַמעש איבעראַשט. ער האָט אַ צײַט געשוויגן, נאָר פונדעסטוועגן די שטילקײַט איבערגעריסן דער ערשטער:

— ניט לאַנג צוריק האָב איך בײַ מײַן ייִנגערן אײניקל געזען אַ ביכעלע מיט גאָר אַ פּײַנעם נאָמען: „אין דער טשיקאַווער וועלט‟. דאָרט ווערט געזאָגט, אַז די זון ווערט „מאָגער‟. יעדע סעקונדע פאַרלירט זי פיר מיליאָן טאָן. אויב אַזוי, קען זי זיך דאָך ביכלאַל אויסלעשן! ווי רעכנט איר?

— יאָ, דאָס איז אומפאַרמײַדלעך. נאָר ביז דאָס וועט געשען, וועט זי נאָך ערלעך דינען אַ היפּש ביסל מיליאָנען יאָר.

ער איז אַזש אונטערגעשפּרונגען:

— מיליאָנען יאָר, זאָגט איר? אויב אַזוי, איז דאָך ניטאָ וואָס מוירע האָבן! צו יענער צײַט וועט דער מענטשישער סײכל דערגרײכן אַזוינע מאַסשטאַבן, אַז מע וועט לעבעדיק מאַכן די פאַרלאָשענע שטערן, און בײַ יעדן מענטשן אין דער קעשענע וועט ליגן, ווי אַ לאָמטערנדל, אַ פּערזענלעכע קלײנינקע זון...

ווען לאַזאַר איסײַעוויטש איז אַוועקגעגאַנגען אַהײם, האָב איך לאַנג אים נאָכגעקוקט. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אין יענעם קוואַדראַט, וועלכן ער האָט באַטראַטן האָט אַ בליץ געטאָן אַ פײַערל... פּונקט ווי אין זײַן קעשענע וואָלט שוין געלעגן אַ מוסטער פון דער פּערזענלעכער זון, וועלכע ער איז גרײט שענקען יעדן מענטשן.

אווראָם גאָנטאַר

וועגן קרייצן זיך איבער

1

אַנא לוואָונע האָט דעמלט, ביזן אָנהייב פון דער מילכאָמע, געאַרבעט אין בוכ־האַלטעריע פונעם באומאַנער ראַיסאָוועט. די מיטאַרבעטער האָבן זי גערופן אַנר־שקע, זי איז געווען נאָך יונג, אַ יאָר פינף און צוואַנציק, און איר טעכטערל לידאָטשקען איז געגאַנגען דאָס פינפטע.

קיינער פון די מיטאַרבעטער, און אויך די שכנים, האָבן ניט געפרעגט, ווער ס׳איז לי־דאָטשקעס פאָטער — אַלע האָבן דאָס געוווּסט.

אַנושקע איז שטענדיק געווען אַקוראַט, אַפילו שיין אָנגעטאָן — יעדער קלייניקייט האָט געזונגען אויף איר — אַ פּאָשעט בײַטשעלע רויט־בלויע קאַרעלן אויפן פּעכלדיק־ווײַסן בלוזקעלע האָט געפּאַסט צו איר טונקל געזיכט, אַ פרישע מאַרגאַריטקע פון דער קלומבע, וואָס לעבן ראַיסאָוועט, האָט אונטערגעשטראָכן די עכטקייט פון די טיף־שוואַרצע האָר. ניין, ניט קיין שיינהייט איז אַנושקע געווען, אָבער שפּרודלדיק־יונג, בייגעוודיק, מיט אַ שטײַף באַגילדע־טער הויט, וואָס איז אויסגעגאָסן אָן איין פינטעלע. אויף אַזעלכע פרויען פאַרקוקן זיך רײַפע מאַנצבלען. אויף אַזעלכער קוקן פרויען מיט קינאה.

איינגעם מיט דער שטילער מאַמע און מיט דער טומלדיקער לידאָטשקע, האָט אַנא לוואָונע געוווינט אויפן פינפטן שטאָק אין אַ גענוג ענגן צימער פון אַ קאָמונאַלער דירה אין אַן אַלט הויז לעבן ראַזגוליײַ. אינעם אַספאַלטירטן הויף מיטן איינציקן צעוואַקסענעם קלאָן האָבן זיך געשפּילט אַלע קינדער פונעם הויז און צוזאַמען מיט זיי אויך לידאָטשקע.

די באָבע פלעגט אַלע מאָל כאַפּן אַ קוק אינעם פענצטער פון דער אַלגעמיינער קיך, אויפ־זוכן מיטן בליק דאָס אייניקל, און, אַ באַרויקטע, זיך ווידער נעמען צו איר שטוביקער אַרבעט. אַנא לוואָונע האָט געוווּסט, אַז אויף דער מאַמען מעג זי זיך פאַרלאָזן, דאָך האָט זי מיט אומגע־דולד געוואַרט, אַז אין קינדערגאָרטן זאָל זיך באַפרײַען אַן אָרט — לידאָטשקע וואַקסט אַ „זאַוואַדילע" און דאַרט וועט זי זיך פּילן, ווי אַ פיש אין וואַסער.

אַנושקע האָט זיך ניט געריכט, אַז די מאַמע זאָל פאַרפירן אַ געשפּרעך וועגן „אים", זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן איר אונטערגעזאָגט די שכנים. אַליין וואָלט די מאַמע, וואָס האָט פאַרמאָגט אײַנגעבוירענע גוטסקײַט און איידלקײַט, ניט געטאָן דאָס. ס׳איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער געשפּרעך וועגן די דאָזיקע זאַכן.

די מאַמע איז דעמלט אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און מיט אַ פלעדערוויש און מיט אַ פּילקעלע אויסגעווישט דעם שטויב פונעם אַלטן מעבל, וואָס איז יאָרנלאַנג געשטאַנען, ווי אײַנגעזאָטן אין די ווענט און אינעם דיל. די מאַמע, ראַכיל אַבראַמאָוונע, געדענקט, ווי זי איז מיטן מאַן, מיט איר לייבן, אין איין־און־צוואַנציקסטן יאָר געגאַנגען אינעם סקלאַד פון רעק־וויזירטן מעבל און אויף אָן אָרדער באַקומען דאָס אַלץ, וואָס שטייט ביז איצט אין צימער אויפן פינפטן שטאָק. ס׳איז געווען באַלד נאָכן בירגערקריג. לייב האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע מיט אָן אָרדען אויף דער גימנאַסטיאָרקע און מיט אַ דורכגעלעכערטער ברוסט אַ קאַפּעלע העכער פונעם האַרצן.

ראַכיל אַבראַמאָוונע האָט געראַמט דעם צימער, און אַנושקע האָט אויפן דיוואַן זיך גער־

שפּילט מיטן קינד. לידאָטשקע האָט געפאָדערט, אַז די מאַמע זאָל אונטערציִען די קני, אַזוי, אַז עס זאָל זיך באַקומען אַ בערגעלע, אַף וועלכן מע זאָל זיך קאָנען אַראָפּגליטשן.

— דו ווייסט, אַנושקע, — האָט ראַכיל אַבראַמאָוונע אָנגעהויבן, — מענטשן זאָגן, אַז צוליב דעם קינד וואָלסטו געדאַרפט נעמען באַ אים דאָס, וואָס עס קומט דיר.

פון אָנפאַנג האָט זיך אַנושקע ניט געכאַפּט, וועגן וואָס די מאַמע רעדט, און יענע האָט נאָך אַ קורצער פּאַוזע פאַרגעזעצט:

— ער האָט דאָך אַליין פאַרגעלייגט שיקן אַלימענטן. — די אַלטע האָט געכאַפּט אַ קוק אַף דער טאָכטערס בלאַס געוואָרן פּאָנעם און גלײַך כאַראַטע געקריגן אַף אירע רייד. אַנושקע האָט אַרויסגעבראַכט בלויז איין וואָרט:

— מאַמע...

און ראַכיל אַבראַמאָוונע האָט אַלץ פאַרשטאַנען.

— ניין, איז ניין...

זי האָט ווײַטער געטרײַ פאַרגעזעצט נאָכקוקן דורך דעם קיך־פענצטער נאָך לידאָטשקען, געקאָכט, געוואַשן — געהאַלטן זויבער דעם צימער. איר איז דאָס ניט געווען שווער, נאָר דאָך האָט זי געוואַרט, אַז די טאָכטער זאָל באַקומען אַן אָרט אין קינדערגאָרטן פאַרן אייניקל. זי האָט זיך אָבער ניט דערוואַרט — ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. אַנושקע האָט זיך גלײַך פאַרשריבן אַף קורסן פון טעלעפאָניסטן און ראַדיסטן, וואָס דער ריאַקאָם פון דער פּאַרטיי האָט צוזאַמען מיטן ראַיסאָוועט אָרגאַניזירט. אַף די דאָזיקע קורסן האָבן זיך פאַרשריבן קימאַט אַלע מיידלעך פון איר אַנשטאַלט.

אין דרײַ כאָדאָשים אַרום איז אַנושקע אַוועק אַפן פראָנט, און ראַכיל אַבראַמאָוונע איז געבליבן אַליין מיטן אייניקל, מיט לידאָטשקען. די אַלטע האָט זיך ניט פאַרלוירן. זי האָט פּלוצעם דערפילט, אַז דעם על, וואָס איז געפאַלן אַף אירע אַקסלען, וועט זי אַליין, אָן קיינעמס הילף, דאַרפן טראָגן, און ווער ווייסט וויפל צײַט.

אין ראַיסאָוועט, ווו אַנושקע האָט געהאַט געאַרבעט, האָט מען מיט איר גערעדט זייער וואַרעם, אַרויסגעגעבן קאַרטעטשקעס אין גאָרקיך, זיך אָנגעפרעגט, צי האָט זי באַקומען ברויט־קאַרטלעך און איר אַפילע פאַרגעלייגט אָפּגעבן דאָס אייניקל אין קינדערגאָרטן. די הויפּט־בוכהאַלטערין האָט איר דערציילט, אַז מע קלײַבט זיך אַרויספירן די מאָסקווער קינדער־אַנשטאַלטן קיין מיטלאַזיע און אויב זי, ראַכיל אַבראַמאָוונע, פאַרלאַנגט, קאָן זי צוזאַמען מיט לידאָטשקען מיטפאָרן, דאָרט וועט איר זײַן רויִק, אַנושקע וועט איינגיכן צושיקן איר אַטעסטאַט, און דאָ, אין מאָסקווע, איז איצט, אייגנטלעך, אַ פראָנט.

ראַכיל אַבראַמאָוונע האָט באַדאַנקט איר טאָכטערס נאַטשאַלניצע און געענטפערט, אַז כאָטש זיי האָבן לאַנג געוואַרט, מע זאָל אַרײַנעמען דאָס קינד אין גאָרטן, איז איצט גאָר אַן אַנדער לאַגע. איצט דאַרף מען באַוואָרענען די מאַמעס־סאָלדאַטקעס, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַרבעטן אַפן אָרט פון די מענער, וועלכע זײַנען אַוועק אַפן פראָנט, און זי, ראַכיל אַבראַמאָוונע, וועט זיך שוין אַליין ספּראַווען מיטן אייניקל. און פאָרן קלײַב איך זיך אין ערגעץ ניט, דאָ וועל איך וואַרטן אַף אַנשוקעס בריוו, וואַרטן, אַז זי זאָל זיך אומקערן אַ געזונטע.

די בוכהאַלטערשע האָט געפּרוווט אַרײַנוואַרפן אַ וואָרט וועגן אייניקלס פאָטער, אַז אין אַזאַ צײַט וואָלט ער געמעגט... אָבער ראַכיל אַבראַמאָוונע האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט, אַז ס'איז ניט קעדײַ צו פּאַטערן דערויף קיין צײַט.

— אַנושקע וועט דאָס ניט וועלן, און מיר שטייט אויך ניט אָן דער געשעפט. מירן בלײַבן לעבן אָן אים. — זי האָט זיך געזעגנט און אַוועק אַהיים. דאָרט האָט שוין אַף איר געוואַרט לידאָטשקע. מינאַסטאַם וואָלט עס טאַקע אַזוי געווען, ווי די אַלטע האָט זיך פאָרגעשטעלט, נאָר אַף דער עלטער קאָן מען ווײַט ניט פאָריסזען. דער ראַיוואָיענקאָמאַט האָט טאַקע איינגיכן באַקומען אַנושקעס אַטעסטאַט אַף ראַכיל אַבראַמאָוונעס נאָמען, נאָר דער יונגער סאָלדאַט, וואָס האָט אים געבראַכט צו ראַכיל אַבראַמאָוונען אַהיים, האָט געטראָפן די אַלטע אַ געפערלעך קראַנקע.

לידאָטשקע איז געזעסן באַ דער באָבע אַפן בעט און געענטפערט אַף אַלץ, וואָס דער סאָלדאַט האָט געפרעגט.

— מײַן פאַמיליע? קאַמינסקע. איך בין אַלט פיר מיט אַ האַלבן. די מאַמע איז אַף דער מילכאָמע...

אין אַ וואָך אַרום איז ראַכיל אַבראַמאָוונע געשטאָרבן און לידאָטשקען האָט צוגענומען צו זיך אַ שכײנע, וואָס האָט אויך געוווינט אַפן פינפטן שטאָק. ראַיסאַ סאַמוילאָוונע, האָט מען זי גערופן, די שכײנע, אַמדור, און געווען איז זי אַ מאָדיסטקע, אָבער פון דער שנײַדער־

פאַבריק, ווו זי האָט געאַרבעט לאַנגע יאָרן, איז זי אוועקגעגאַנגען, ווײַל די מישפּאָכע אירע האָט זיך צעוואַקסן, און מיט קיין פיר פּיצלעך קינדער ווערסטו קיין סאַך ניט אָנאַרבעטן.

— דאָרט, ווו פיר, ווערט זײַן פינף, — האָט ראַיסאַ סאַמוילאָוונע באַשלאָסן, און גלײַך נאָך דעם, ווי מע האָט די באָבע פון דער קליינינקער יעסוימע אַרויסגעטראָגן פון שטוב, צוגענומען לידאָטשקען צו זיך.

כאָטש מע האָט לידאָטשקען אײַנגערעדט, אַז די באָבע האָט מען צוגענומען אין שפּיטאָל, אָז גאָר אינגיכן ווערט זי זיך אומקערן, האָט זי דאָך געוווּסט, אַז די באָבע ווערט שוין קיינמאָל ניט קומען צו איר, און זי האָט ניט געהאַט קעגן צו שלאָפן און זיך שפּילן מיט דער שכיינעס כאַליאַסטרע, וועלכע די מומע ראַיע האָט איבערגעפירט צו לידאָטשקען אין צימער.

— זאָלן זיי דערווײַל שלאָפן דאָ, ביז אַנאַ לוואָוונע ווערט זיך אומקערן פון דער מילכאָמע.

אָבער ווידעראַמאָל — דער מענטש טראַכט און דער טײַוול לאַכט! נאָר אָט איז סיאָמע, סעמיאָן מאַקסיייעוויטש, ראַיסעס מאַן, געקומען באַנאַכט פון דער אַרבעט און געמאָלדן דעם ווײַבּ, אַז איבערמאָרגן פירט אַרויס זײַן זאַוואָד אַלע פאַמיליעס פון די אַרבעטער און אָנגע־שטעלטע קיין מיטלאַזיע, און אַז טאַקע הײַנט, וואָס הייסט הײַנט, טאַקע באַלד, דאַרף מען זיך נעמען פּאַקעווען, זיך צוגרייטן צו דער עוואַקואַציע — דער עשעלאָן שטייט שוין גרייט און ווערט אָף קיינעם ניט וואַרטן!

די ערשטע מינוט האָט ראַיסע זיך דערשראָקן:

— וואָס רעדסטו, סיאָמעלע?! אָט אַזוי טוט זיך עס? מע איז דאָך, כאַסוועשאָלעם, ניט אַליין, מיט קליינע קינדער, מיט אַן אַלטן פאָטער...— זי האָט אָבער באַלד אַליין פאַרשטאַנען, ראַיסאַ סאַמוילאָוונע, אַז אירע ווערטער זײַנען קיין ווערטער ניט, האָבן קיין פּעטרישקע ניט די ווערט, און אַז מע דאַרף פאָרן האָט זי אויך פאַרשטאַנען. אויב סיאָמע זאָגט, אַז דער זאַ־וואָד עוואַקוירט זיך, איז דאָך אַוודע ניטאָ וואָס צו טראַכטן, מיילע, צו די באָמבירונגען קאָן מען זיך צוגעוווינען, דעם דײַטש ווערט מען קיין מאָסקווע ניט אַרײַנלאָזן, דאָס איז זי זיכער, אָבער אויב זיאָמע פאָרט מיטן זאַוואָד, ווערט זי דאָך דאָ ניט בלײַבן מיט די קינדער.

די דאָזיקע נאַכט האָבן זיי ביידע קיין אויג ניט שוין צוגעמאַכט — ניט זי, ניט ער. וויפל מע האָט זיך ניט געסטאַרעט אויסקלײַבן נאָר דאָס סאַמע נייטיקסטע, זײַנען די קלומעקעס גע־וואַקסן, ווי די בערג. וואָס קאָן מען טאָן, אַז מע איז פאָרט מיט אַזאַ כאַליאַסטרע... און דאָ איז אופגעשווומען די געשיכטע מיט לידאָטשקען. גוואַלד, וואָס טוט מען מיטן יעסוימעלע? נעמען דאָס קינד מיט זיך קאָן מען ניט צוליב פיל טײַמים — זי ווייסט דאָך ניט ווּהין זי פאָרט, ראַיסאַ סאַמוילאָוונע, און טאָמער קערט זיך אום אַנאַ לוואָוונע! און ווי נעמט מען אָף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, אַ פרעמד קינד. אַזאַ שווערער און אומבאַוווּסטער וועג. ווער ווייסט, וואָס עס קאָן פּאַסירן. ניין, ניין. זי ווערט עס בעשום־אויפן ניט טאָן, און ראַיסאַ סאַמוילאָוונע איז געפאַלן אָפן סייכל. אָפּפירן לידאָטשקען אין קינדערהיים, און טאַקע ניט אָפּלייגן אָף קיין איין מינוט. קיין צײַט אָף צו טראַכטן איז ניטאָ.

אײַנדערפרי האָט ראַיסאַ סאַמוילאָוונע אויסגעבאָדן לידאָטשקען, פאַרפלאָכטן איר די האָר אין צוויי לאַנגע צעפּעלעך, זיך אופגעזעצט אָפן טראַמווײַ און זי אוועקגעפירט אין קינדער־היים, וואָס האָט זיך געפונען באַם ברעג פונעם איזמײַלאָווער פּאַרק.

לידאָטשקע געדענקט גוט די שרײַענדיקע און פּילדערנדיקע מומע, וועלכע האָט זי גע־בראַכט אהער, כאָטש אַלט געווען איז זי פינף יאָר.

די מומע ראַיע האָט פאַר אַ האַלבער שאָ זיך איבערגערעדט מיט אַלע לערערקעס, מיט די דאַקטוירים, מיטן טעכנישן פּערסאָנאַל, געשריגן, אַז דאָס אומגליקלעכע קינד קער זיך איר גאָרנישט ניט אָן, אַז לידאָטשקעס טאַטע־מאַמע זײַנען אָפן פראָנט, און אַז די באָבע איז גע־שטאָרבן.

— איך וועל אײַך ברענגען הונדערט איידעס, — האָט זי זיך אײַנגעקלאַמערט מיט די הענט אין ביידע שווערע מירמלנע טינטערס, ווי זי וואָלט זיך קלײַבן זיי וואָרפן אין קאָפּ דער קליינער, אויסגעדײַוערטער פאַרוואַלטערן פונעם קינדערהיים, וועלכע איז געזעסן אַ דער־שראָקענע באַם שרײַבטיש.

— וואָס איז, איך בין אײַך געקומען אָפּנאַרן? איך האָב אַליין פיר פּיצלעך און אין דער עוואַקואַציע קאָן איך קיין פרעמדס ניט נעמען, וואָסי?! — זי האָט ניט געלאָזט דער פאַר־וואַלטערן אַרײַנשטעלן קיין וואָרט. — מיט אָט, דעם קינד האָט איר זיך ניט וואָס צו שעמען, דער זיידע אירער לעווו קאַמינסקי איז נאָך געווען אַ העלד בייסן בירגערקריג, געקומען איז ער אהיים מיט אַ רויטן אָרדען. גאַנץ מאָסקווע האָט געשעמט מיט אים, און איר מאַכט זיך ניט ווויסנדיק.

די קליינינקע צעטומלטע פּאַרוואַלטערן האָט סאַפּקאַלסאַף ניט אויסגעהאַלטן, זי איז אופֿגעשפּרונגען פונעם אָרט, אַ קלאַפּ געטאָן מיט ביידע פויסטלעך אין טיש און אויסגעשריגן:

— שטילער! איר הערט, וואָס מע זאָגט אײַך, שטילער!

און די שרײַענדיקע מומע מיטן אָנגעגאָסענעם רויטן פּאָנעם, אַף וועלכן ס'האָט געגלאַנצט דער שווייס, איז שטיל געוואָרן. די פּאַרוואַלטערן האָט, ווײַזט אויס, ניט געגלייבט, אַז איר איז געלונגען פאַרמאַכן דעם פֿײַערדיקן פּיסק פון אָט דער שרײַערקע, און דעריבער אויך ניט אַרויסגעלאָזט קיין קלאַנג. אָבער די מומע איז שוין גרייט געווען נעמען זי ווידער אַפּן צימבל, נאָר די פּאַרוואַלטערן האָט זיך געכאַפּט צו דער צײַט און רויק געזאָגט:

— גייט אַהיים און ברענגט צו טראָגן אַ צעטעלע, אַז דאָס קינד וווינט אין אונדזער ראַיאָן. איך זאָג אײַך צו, אַז מירן זי צונעמען פון אײַך, איר מעגט מיר גלייבן...—

ראַיסאַ סאַמוילאָוונע איז שוין אָבער געקומען צו־זיך און אָנגעהויבן ווידער אַ קאָן. אירע רייד האָבן זיך געקײַקלט, ווי אַ צעשאָטענער דונער:

— אַזוי־ווי איר גלייבט מיר, אַזוי וועל איך אײַך גלייבן...

זי האָט פלוצעם אַ נעם געטאָן לידאָטשקען פאַר אַ הענטל, אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער טיר און אַרויס פון צימער.

ווען די פּאַרוואַלטערן האָט זיך געכאַפּט און אַרויסגעלאָפן אַף דער שוועל פון הויז, איז די ייִדענע מיטן קינד שוין ניט געווען. זי האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז זי איז באַגאַנגען אַ פעלער — ניט גענומען דעם אַדרעס בא דער פרוי. דאָס קינד האָט די מומעשי, געוויס, איבערגעלאָזט ערגעץ דאָ אין וואַלד.

די פּאַרוואַלטערן, גרעטאַ גריגאָריעוונע, האָט מען זי געהרופן, האָט געוווּסט, אַז איצט איז שוין ניטאָ וואָס צו טראַכטן, צום אַלעם ערשטן דאַרף מען אופזוכן דאָס קינד, עס אָנהאָדערן און טאָן אַלץ, וואָס איז נייטיק — אַרומשערן, אויסבאָדן, אָנטאָן...

לאַנג זוכן לידאָטשקען האָט מען ניט געדאַרפט. די דערציִערנס האָבן געוווּסט, ווהין אַנערעך דאָס מיידעלע האָט געקענט פאַרגיין אין וואַלד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון יענער זײַט שליאַך, אַנטקעגן דעם קינדערהיים. לידאָטשקע האָט ניט געוויינט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געקוקט פון אונטער די ברעמען, אַף דער דיקער פרוי אין ווײַסן כאַלאַט, וואָס האָט זיך אומגעריכט באַוויזן לעבן איר צווישן די געדיכטע פּאַפּאָראָטניקעס. די פרוי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַף די שפּיץ פינגער, אָנגענומען דאָס מיידעלע בא ביידע נאַקעטע פּיסלעך און ווייך געזאָגט צו איר, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג באַקאַנט געווען:

— קום, טאָכטערקע, אַהיים. די מומע דײַנע איז שוין אוועקגעגאַנגען.

לידאָטשקע האָט מיט די הענט זיך געהאַלטן ווי בא אַ צײַמל בא ביידע אייגענע צעפּלעך, וועלכע זײַנען געווען אַריבערגעוואָרפן אַפּן בויך און גאָרנישט ניט געענטפערט.

— וואָס זשע שווײַגסטו? — האָט די דערציִערן רויק געפרעגט, — ווילסט וויינען, איז וויין. און דאָס קינד האָט זיך צעוויינט. צעוויינט זיך ביטער און האַרציק, ניט ווי קיין קינד. די טרערן זײַנען געגרונען איבער די בלאַסע באַקן. זי האָט געכליפּעט און ניט אופגעהערט איבערצוכאַזערן:

— זי איז אַ גוטע, אַ גוטע, אַ גוטע...

די דערציִערן האָט אַרײַנגענומען דאָס קינד צווישן אירע קני, אַרומגענומען מיט די מאַמישע וואַרעמע הענט דעם קינדס אויסגעדאַרט קערפּערל און שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

— אַוודע, לידאָטשקע, אַוודע אַ גוטע...

אין קינדערהיים איז לידאָטשקען געווען גוט. זי האָט ליב געהאַט די דערציִערנס און באַזונדער גרעטאַ גריגאָריעוונען. אַף, סאַראַ שטרענגע די פּאַרוואַלטערן איז געווען, נאָר פונדעסטוועגן האָבן אַלע זי ליב געהאַט, סײַ די מיידלעך, סײַ די ייִנגלעך.

די פענצטער פונעם מיידלשן שלאָפצימער זײַנען אַרויסגעגאַנגען צום וואַלד. באַנאַכט, ווען דער ווינט פלעגט זיך אַרײַנכאַפּן אין די קרוינען פון די ביימער, האָבן די בלעטער זיך געבייזערט, געקריגט, געסוידעט זיך. לידאָטשקע האָט זיך אײַנגעהערט, געקוקט אין דער קאָלדרע און ס'האָט זיך איר געוואָלט וויינען. ניין, זי האָט ניט מוירע געהאַט, ניט געשראָקן זיך — איר האָט באַנק געטאָן, וואָס זי האָט זיך געלאָזט אײַנריידן, מע זאָל איר אָפּשנײַדן די צעפּלעך. באַטאָג האָט איר די דערציִערן, די מומע מאַשע, דערלאַנגט אַ פולן טעלער מיט הרעטשענער קאַשע, פאַרגאָסן מיט מילך, און דערנאָך ערשט געגעבן צוויי גרויסע באַרן, לענגלעכע, ווי די גלעקלעך. ווען זי, לידאָטשקע, האָט עס אַלץ אופגעגעסן, האָט די מומע מאַשע איר געהייסן זיך וועצן לעבן הויכן שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען אין דעם גרויסן זאַל, ווו מע פלעגט שפּילן און טאַנצן און אויך דורכפירן פרימאָרגנס בייס אַ יאָמטעוו פאַר זיך און פאַר די שעפן. לידאָטשקע האָט זיך אַרופגעכאַפּט אַפּן הויכן שטול און גענומען קוקן אין

שפּיגל. זי האָט ניט באַוויזן זיך רעכט אָנקוקן, ווי די מומע מאשע האָט זי אײַנגעוויקלט אין א ווײַסן לײַלעך. אין אירע הענט האָט זיך באַוויזן א גרויסע שער, וואָס האָט גלײַך אופגעעפנט א בייזן פּיסק און שוין גרייט געווען אָפּבײַסן בא לידאָטשקען דאָס רעכטע צעפּל. ווי א קניל האָט לידאָטשקע זיך א קײַקל געטאָן און גלײַך אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אונטער דעם שטול.

די מומע מאשע האָט זיך אזש צעלאַכט.

— ווילסט ניט אָפּשערן די צעפּלעך? דאַרף מען ניט. — האָט זי רויִק געזאָגט, — בא אונדז האָבן אלע מיידלעך אליין געבעטן, מע זאָל זיי אָפּשערן. בא ניגאָטשקען זײַנען די צעפּ געווען ביז די קני, נאָר טאנצן האָט זי איבער זיי ניט געקענט, זיי האָבן זיך געבאָמבלט, ווי די בײַטשן.

לידאָטשקע האָט עטוואָס ארויסגערוקט דעם קאָפּ פון אונטערן בענקל, פאַריסן די אויגן אַף ארוף און בייז ארויסגעברומט:

— און איך וועל ניט לאָזן!

זי האָט, ווײַזט אויס, געוואָרט, אז די מומע מאשע זאָל זיך בעמען מיט איר שפּאָרן, איר אײַנריידן. נאָר די מומע האָט זי אויסגעוויקלט פונעם לײַלעכל און אוועק פון זאַל.

לידאָטשקע איז ארויס פון אונטערן בענקל, געבליבן שטיין אנטקעגן שפּיגל, און א ווײַלע געקוקט אַף אירע צעפּ. זי האָט אליין ניט באמערקט, ווי זי האָט געכאַפּט די גרויסע שער, וואָס איז געלעגן אפן פּאָליטשקעלע פונעם שפּיגל און גענומען שערן דעם לינקן צאָפּ, עטוואָס נידעריקער פונעם אויער. אין א מינוט ארום האָט זי שוין געהאלטן אין דער האנט אַן אָפּגעשוירענעם פאַרפלאָכטענעם צאָפּ. זי האָט א ווײַלע געקוקט אַף אים און זיך צעיאָמערט הויך אַף א קאָל.

אין זאַל איז א רויִקע אַרײַנגעקומען די מומע מאשע און ארויסגענומען פון דעם קינדס האנט דעם אָפּגעשוירענעם צאָפּ.

— זע, ביסט טאַקע א כאַכאַמע! לאָז, — האָט זי ווייך געזאָגט, — וועל איך אָפּשנײַדן דעם צווייטן, איצט ביסטו ווי אלע מיידעלעך, און איך וועל דיר נאָך ברענגען צוויי גלעזער שוואַרצע יאָדערן. — די דערציִערן האָט גערעדט מיט לידאָטשקען אזוי פּראָסט און צוטרוילעך, אז באַם קינד זײַנען גלײַך אויסגעטריקנט געוואָרן די טרערן. פונוואַנען ווייסט די מומע מאשע, אז איך האָב ליב שוואַרצע יאָדערן? — האָט זי זיך געכידעשט. די באָבע פלעגט איר אויך אָפּט ברענגען פון מאַרק יאָדערן, זי האָט אָבער שטרענג געפּאָדערט, אז קנאַקן זאָל זי זיי ניט אין שטוב, נאָר אַף דער גאַס.

ווי גרויס די בענקשאַפט איז ניט געווען, איז דאָך דאָס קינד גאָר גיך צוגעוווינט געוואָרן צו דער נײַער היים, צו די קינדער און דעריקער צו דער מומע מאשע. לידאָטשקען האָט זיך שוין איצט געדאַכט, אז די מומע מאשע איז די בעסטע און די שענסטע, אז זי קען די מומע מאשע זינט זי לעבט.

דער קינדערהיים האָט רויִק, אָבער מעטאָדיש זיך געגרייט צו עוואַקויִרן. די פּאַרוואַלטערן פון הויז, גרעטאַ גריגאָריעוונע, איז זיכער געווען, אז עס וועט ניט דערגיין דערצו, אז איר אנשטאַלט זאָל מוזן פאַרלאָזן מאָסקווע, איזמײַלאָוואָ, אָבער צוגרייטן אלץ האָט מען געדאַרפט. זי האָט געפּאָדערט, אז דאָס גרעט און דאָס אָנטאָן זאָל זײַן אײַנגעפּאַקט אין ספּעציִעלע צוגעגרייטע קאַסטנס, זי האָט אָנגעזאַמלט א זאַפּאַס שפּײַז־פּראָדוקטן, וואָס זאָל קלעקן ניט נאָר אפן וועג, נאָר אויך אַף א געוויסער צײַט, דאָרט, אפן נײַעם אָרט. אָ, העכער הונדערט קינדער איז א גרויסער אָלו!

אלע מיטאַרבעטער פונעם הויז האָבן דאָס אלץ געטאָן אָן טומל, אָן פּאַניק, עס זײַנען צו דער אַרבעט אויך צוגעצויגן געוואָרן די עלטערע קינדער. זיי האָבן נומערירט די קאַסטנס, פאַרפירט רעגיסטריר־העפטן, קעדיי אין יעדן מאָמענט אָן איבעריקער מי קאָנען אָנווײַזן ווו וואָס עס געפינט זיך.

כאָטש גרעטאַ גריגאָריעוונע האָט געוווּסט, אז צו איר דאַרף קומען א באַזוכער, איז זי דאָך א ביסל צעטומלט געוואָרן, ווען אַף דער שוועל פון איר קלײנינקן קאַבינעט האָט זיך באַוויזן סערגײ גאָוורילאָוויטש סאַמאָכין. דאָס איז געווען א וווּקסיקער שטאַלטנער מאַנצבל אין א האַלב מיליטערישן אָנצוג, וואָס האָט מיט זײַן קומען פול געמאַכט גרעטאַ גריגאָריעוונעס צימער. דער טיש, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן דער פּאַרוואַלטערן פון קינדערהיים, האָט גלײַך באַקומען אַן אויסזען פון א קינדערש טישל, אים איז געווען ענג אפן בענקל, אַף וועלכן גרעטאַ גריגאָריעוונע האָט אים פאַרגעלייגט זיך צוזעצן, און די שטים זײַנע איז אויך געווען צו געדיכט פאַר אָט דעם צימער.

איידער דער גאַסט האָט גענומען דערקלערן, ווער ער איז עס און צוליב וואָס פאר אן איניען ער איז אראָפגעקומען, האָט ער א שולדיקן שמייכל געטאָן, ווי איינער זאָגט — איך בעט מיר מויכל זײַן פאר דער אומגעלומפערטקײַט מײַנער...

גרעטא גריגאָריעוונע האָט אויך אָפגעענטפערט מיט א דין שמייכעלע אָף אירע דינע ליפן, און די באקאנטשאפט איז געשלאָסן געוואָרן.

— סערגיי גאווריליאָוויטש, — האָט זי די ערשטע אָנגעהויבן, — איך בין גרייט אײַך אויסצוהערן. — זי האָט א ווײַלע געשוויגן און דערנאָך פאָרגעזעצט, — ביז אײַער קלונג, ס'הייסט ביז הײַנט אינדערפרי האָבן מיר בלויז געוווּסט, אז לידאָטשקעס פאמיליע איז קאמינסקאיא, אז די מאמע אירע איז אפן פראָנט.

סערגיי גאווריליאָוויטש האָט פארשטאנען, אז די פארוואלטערן פאָדערט פון אים, ער זאָל דערקלערן, וואָס פאר א שײַכעס ער האָט צום קינד. נאטירלעך, האָט ער באשלאָסן, זי האָט רעכט דערויף... און ער האָט אונטערגעכאפט דער פארוואלטערנס ווערטער:

— לידאָטשקע איז ניט נאָר קאמינסקאיא, נאָר אויך סאמאָכינא, מײַן טאָכטער, — ער האָט דערוואַרט, אז זײַנע ווערטער זאָלן מאכן אן אײַנדרוק אָף גרעטא גריגאָריעוונען, נאָר יענע האָט בלויז א קוק געטאָן אָף אים, און ער האָט פארשטאנען, אז די דאָזיקע קליינינטשקע פרוי האָט שוין וועגן אלץ זיך אָנגעשטויסן. — איצט, — האָט ער פאָרגעזעצט, — איז ניט די צײַט אָף צו פירן כעזשבוינעס. הײַנט־מאָרגן דארף איך ארויספליִען אפן פראָנט. וווּהין די מילכאָמע קאָן פארווארפן, איז, ווי איר פארשטייט, אוממעגלעך צו וויסן.

יאָ, דאָס האָט גרעטא גריגאָריעוונע פארשטאנען, נאָר זי האָט אָבער געוואָלט איצט וויסן גאָר אנדערע זאכן, וואָס האָבן א דירעקטע שײַכעס צו איר דערציִונג, צו לידאָטשקען און צו דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס זיצט דאָ אין צימער. דעם עמעס געזאָגט, האָט זי באהערשט עפעס ניט קיין גוטער געפיל, איר האָט זיך אָנגעהויבן דאכטן, אז אין דעם, וואָס לידאָטשקעס מאמע האָט איבערגעלאָזט א פיצל קינד און אוועק אפן פראָנט, איז שולדיק אָט דער געכאָליעטער מאנצבל, מיט די גרויסע שיינע הענט און דינע פינגער, וועלכע ער האָט, ווי אומיסטן, אוועקגעלייגט אפן טיש. זי האָט אופגעהויבן די אויגן און אים ארײַנגעקוקט אין פאָנעם.

— איר זײַנט א כירורג, צי עפשער גאָר א פידלער?

סערגיי גאווריליאָוויטש האָט זיך צעלאכט:

— וואָס קומט אײַך אפן זינען, גרעטא גריגאָריעוונע. איך האָב צוריק מיט א סאך יאָרן פארענדיקט די מיליטער־אקאדעמיע. — אומגעריכט איז ער אופגעשטאנען פון אָרט, ארײַנגערוקט די הענט אין ביידע הויזן־קעשענעס און צוגעגאנגען צום פענצטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט צום וואלד. אהערצו האָבן זיך דערטראָגן באזונדערע קלאנגען פון קינדערשע שטימען. סערגיי גאווריליאָוויטש האָט געקוקט צום וואלד און גערעדט, ווי צו זיך אליין:

— אנא לוואָוונע האָט בעשום־אויפן ניט דערלאָזט, אז לידאָטשקע זאָל וויסן, ווער איר פאָטער איז. זי האָט געטאָן אלץ, איך זאָל ניט האָבן קיין צוטריט צום קינד. איר האָט זיך געדוכט, אז דערמיט וועט אָף מײַן ביאָגראפיע פאלן א שאָטן.

גרעטא גריגאָריעוונע האָט זיך ניט אָנגערופן, און סערגיי גאווריליאָוויטש האָט פארשטאנען, אז זי וואַרט, ער זאָל ווײַטער רײדן. אָבער אים איז אײַנגעפאלן, אז ס'איז איבעריק זיך מיסוואדע זײַן פאר אָט דער פרעמדער פרוי, צו וועלכער ס'איז צופעליק ארײַנגעפאלן זײַן טאָכטערקע.

— אייגנטלעך, האָב איך געוואָלט אײַך בעטן, איר זאָלט מיר העלפן זיך באגעגענען מיט לידאָטשקען, מיר אונטערזאָגן, וויאזוי זיך פירן מיט איר, און נאָך איין זאך, מיר זאָגן דעם אדרעס, וווּהין דער קינדערהיים קלײַבט זיך עוואקויִרן. — ער האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן גאנצן קערפער צו דער קליינינקער פארוואלטערן און פארענדיקט: — איך בין איצט איינער, קיין מישפאָכע האָב איך ניט. לידאָטשקע איז מײַן איינציקע טאָכטער.

גרעטא גריגאָריעוונע האָט אים באטראכט פונעם קאָפ ביז די פיס, דאָס האָט געקאָנט באטײַטן — אזא גרויסער לעבעד און איז אויך איינזאם!..

אין קאבינעט איז ארײַנגעקומען די דערציִערן מאשע. די פארוואלטערן האָט זיך דערפרייט:

— מאשענקע, דאָס איז לידאָטשקעס פאָטער. פיר אוועק סערגיי גאווריליאָוויטשן צו די קינדער אין וואלד. — גרעטא גריגאָריעוונע האָט מיט געציילטע ווערטער איר איבערגעגעבן דעם טאָך פון איר שמועס מיטן גאסט.

די דערציִערן האָט פארשטאנען, אז דער מאנצבל האָט קיינמאָל זײַן טאָכטערקע ניט געזען און בא איר איז שוין גרייט געוואָרן א פלאן, וויאזוי צו באקאנען דעם טאטן מיט דער טאָכטער.

סערגיי גאוורילאָוויטש האָט זיך געזעגנט מיט דער פּאַרוואַלטערן און זיך געלאָזט מיט דער דערציִערן צום וואלד. גרעטא גריגאָריעוונע האָט אָן אומרויִק־פאַרבענקטע געקוקט אַף זיי דורך דעם פענצטער ביז זיי זײַנען פאַרשוווּנדן צווישן די ביימער.

2

מיט לידא סערגייעוונע קאַמינסקע־סאַמאָכינא האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין דזשעזקאַזגאַן. געווען איז דאָס אין זעקס־און־פופציקסטן יאָר. דעמלט איז זי נאָך קיין פופצן צוואַנציק ניט אַלט געווען.

מײַן פרײַנט וולאַדימיר נאָוויקאָוו, צו וועלכן איך בין פאַרפאָרן, איז געווען דער הויפּט־דאָקטער פונעם היגן שפּיטאָל. געוווינט האָט ער טאַקע דאָ אין הויף, אויפן צווייטן שטאָק פונעם קאָטעדזש, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן פאַר די מיטאַרבעטער פון שפּיטאָל. אין דער צווייצימערדיקער וווינונג, אין וועלכער ס׳איז קימאַט קיין שום מעבל ניט געווען, בין איך קימאַט שטענדיק געווען איינער אַליין. וולאַדימיר פלעגט אַ פּאָר מאָל פאַרן טאָג זיך אַרײַנכאַפּן אין שטוב, אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס אָנטאָן און אַרײַנשפּרינגען אין וואַנע־צימערל, קעדיי אַרײַנכאַפּן אַן אײַז־קאַלטן דוש. פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן זײַן פריילעכער געשריי, וואָס האָט זיך געקײַקלט איבער דער גאַנצער פּוסטער דירע, — די קאַלטע וואַסער האָט אָפּגעבריט זײַן צעהיצט לײַב. שוין קימאַט צוויי כאָדאָשים, ווי דאָ איז געשטאַנען אַ מוירעדיקע היץ, וואָס האָט דערגרייכט העכער פערציק גראַדוס. דאָס ווינטעלע, וואָס פלעגט אַמאָל אַ בלאָז טאָן, איז געווען הייס און געדיכט, ווי דער אָטעם פון אַן אָנגעהייצטן אויוון.

נאָוויקאָוו פלעגט אַ נאָסער זיך אַ וואַלגער טאָן אַף זײַן בעטל און פון דאָרט מיט מיר פאַרפירן אַ געשפּרעך.

— פּאָלג מיך, פאַרהענג בעסער די פענצטער! וואָס איז דאָס קוקן אין שטויביקן סטעפּ? וואָס זעסטו דאָרט?

עפּשער וואָלט טאַקע אַזוי גלײַכער געווען. קימאַט אין אַלע הײַזער פון שטאָט פלעגט מען אַראָפּנעמען פון די פענצטער די שטאָרעס, די קאָלדרעס און די פאָרהאַנגען, ערשט שפּעט אינאָוונט, ווען די לופט האָט זיך אַ ביסל אָפּגעקילט, אָבער מיך האָט די גאַנצע צײַט געצויגן צו זיך דער הוילער סטעפּ. באַם אָפענעם ברייטן פענצטער בין איך געשטאַנען און געקוקט. ניט אין קיין בוים, ניט אין קיין קוסט, אַפילע ניט אין קיין בערגל האָט דער בליק זיך ניט אָנגעשטויסן. ווײַט־ווײַט האָט זיך געצויגן די פאַרשטויבטע איבערגעטריקנטע ערד, וועלכע מע האָט לאַנגע יאָרהונדערטער דאָ גערופן „הונגעריקער סטעפּ“. כוץ קעמל־שטעכלקעס, האָט די געפּלאַצטע ערד דעמלט גאָרנישט ניט געבוירן. אַלע האָבן שטענדיק געגאַרט און געוואַרט אַף אַ רעגן, אָבער אָנשטאָט אַף אַ דערפרישנדיקן רעגן פלעגט מען זיך גיכער דערוואַרטן אַף אַ שטויב־געווירבל. שטייענדיק באַם פענצטער, האָב איך ניט איין מאָל געזען, וויִאַזוי דער געווירבל הייבט זיך אָן, וויִאַזוי ער אַנטוויקלט זיך, און וויִאַזוי ער פאַרענדיקט זיך.

אָט איז פון ערגעץ אָנגעפלויגן אַ קליין ווינטעלע. דאָס ווינטעלע האָט אונטערגעכאַפּט פון דער איבערגעטריקנטער ערד אַ הויפן שטויב. געגומען אים דרייען־דרייען, טראָגנדיק זיך דערבײַ אַלץ ווײַטער און ווײַטער אין סטעפּ אַרײַן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום הייבט זיך אויף אינדערלופטן אַ מעכטיקער זײַל פון שטויב, וואָס וואַקסט מוירעדיק פלינק אין דער ברייט און הייבט זיך אויף, ווי עס קאָן זיך דאַכטן, ביז צו די וואָלקנס אין הימל. אַלע פענצטער אין די הײַזער זײַנען פאַרשפּאַרט. דער שטויב־זײַל וואַקסט און וואַקסט, דערבײַ לויפט ער אַרום איבערן סטעפּ — אָט איז ער אין איין אָרט, אָט אין אַ צווייטן.

אין אַ פופצן־צוואַנציק מינוט אַרום הייבט זיך אָן שיטן פונעם הימל אַ רעגן פון שטויב. אַרום־און־אַרום ווערט פינצטער, גלײַך ווי עס וואָלט פּלוצעם צוגעפאַלן די נאַכט. דער שטויב פאַלט פון אָנפאַנג האַסטיק, דערנאָך לאַנגזאַמער, ביז ער זעצט זיך ניט אײַנגאַנצן אַראָפּ אַף דער ערד, אַף די דעכער, אַף די וואַסערן פון דער קאָמיוגישער אָזערע, וואָס איז דעמלט שוין אַף אַ קינסטלעכן אופן באַשאַפן געוואָרן באַ דעם אַלט־באַוווינטן טייל פון שטאָט.

ניט געקוקט אַף דער זומערדיקער מוירעדיקער היץ און אַף דעם האַרבן לאַנגן ווינטער, איז די שטאָט שנעל געוואַקסן. די געבײַדע פונעם שפּיטאָל — איינס פון די ערשטע פילשטאָקיקע הײַזער אין דזשעזקאַזגאַן, איז געווען געבויט, ווי אַלע מאָדערנע שפּיטאָלן פון די גרעסטע שטעט פונעם לאַנד. ניין, קיינער האָט זיך ניט געקליבן אָפּזאָגן פון די רײַכטימער, וואָס די דאָזיקע ערד האָט באַהאַלטן אין אירע טיפענישן. „דזשעזקאַזגאַן“ הייסט אַף קאַזאַכיש „גראָב

מעש"... האָט מען געגראָבן. שוין דעמלט, אין דער מיט פון די פופציקער יאָרן, האָט אין צענטער פון שטאָט זיך צעוואקסן א גרינער פארק, ארום פארשיידענע הײַזער האָבן געבליט פרוכט־סעדער, וועלכע האָבן געגעבן עפּל און פלוימען און דעריקער אָפּרישנדיקן שאָטן, קימאט אלע זײַנען זיכער געווען, אז דאָ וועט אויסוואקסן א נײַע שטאָט מיט סעדער און פאָנטאנען, מיט אָזערעס און שאָטנדיקע אלייעס.

דערווײַל האָבן די אָנגעפאָרענע ענטוזיאסטן ארויסבאקומען פון די שאכטעס מעש, וואָס איז דאָ, אין דזשעזקאזגאן, בארײַכערט געוואָרן אינעם היגן זאוואָד, וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרן אין מיטן סטעפּ.

דער שטויב־שטורעם האָט שוין געהאלטן באם פארענדיקן זיך, ווען די טיר האָט זיך אופגעעפנט און אף דער שוועל איז געבליבן שטיין א פרוי מיט א רענצל אין די הענט און מיט ניט קיין גרויסן רוקזאק אף דער פלייצע. זי האָט מיט בײדע פויסטן געריבן די אויגן, דערנאָך ארויסגעשלעפּט עפּעס א פאטשיילע פונעם רוקזאק און זיך גענומען ווישן דאָס פּאָנעם.

איך האָב איר געהאָלפן ארונטערצײַען דעם רוקזאק פון די אקסלען, געכאפּט א קוק אף איר פארשטויבט פּאָנעם און מיר האָבן בײדע זיך צעלאכט. פרעגן זי ווער זי איז, האָב איך פארשפּאָרט, נאָך צוריק מיט א פּאָר טעג האָט מען אָנגעקלונגען פון קאראגאנדא, אז אהער וועט די טעג קומען אף באשטענדיקער ארבעט אין שפּיטאָל די קראנקנשוועסטער לידא סערגייעוונע קאמינסקע־סימאָכינא. מישפּעטנדיק לויטן נאָמען, זײַנען מיר זיכער געווען, אז דאָס דארף זײַן א באיאָרטע פרוי. נאָוויקאָוו האָט מיך געהאט אפילע געבעטן, אז איך זאָל גיין אפּן וואָקזאל, וואָס האָט זיך געפונען א קילאָמעטער פיר פון דער שטאָט, באגעגענען די נײַע קראנקנשוועסטער. פון קאראגאנדא האָט מען אָבער מער ניט געקלונגען און מיר האָבן, נאטירלעך, ניט געקענט וויסן, אז דאפקע הײַנט וועט קומען לידא סערגייעוונע. און דערצו נאָך פונקט דעמלט, ווען ס'וועט זיך אָנהייבן א שטויב־שטורעם!

לידא סערגייעוונע האָט קיין זאך ניט געפרעגט. זי האָט מיט איין האנט אן עפן געטאָן דאָס שמאָלע טירל פון דער וואנע, מיט דער צווייטער — פארמאכט די טיר פון מײַן צימער און אף א צײַט פארפאלן געוואָרן.

אין א מין האלבער שאָ ארום האָט אין צימער זיך ארײַנגעיאָוועט א יונג מיידל, קימאט נאָך א קינד מיט ראָז־צעפלאָמטע באקן, מיט צעקעמטע פײַכטלעכע האָר, וואָס זײַנען געפאלן איר אף די אקסלען, און מיט לויכטנדיקע פײַערלעך אין די אויגן.

פון אומגעריכטקײַט האָט עס מיך א הייב געטאָן פון בענקל. איך האָב דערפילט, אז מײַנע באקן האָבן זיך אויך צעפלאָמט, ווי בא דעם גאסט.

— לידא סערגייעוונע? — האָב איך ארויסגעשטאמלט.

— לידע רופט מען מיך.

— יאָ, לידע... מײַן טאָכטער, וואָס איז פאָריקס יאָר אָנגעקומען אין אינסטיטוט, איז פונקט אזא...

פונעם ערשטן טאָג האָט לידע אלעמען פארווערט — סײַ מיר, סײַ די מיטארבעטער פונעם שפּיטאָל, מע זאָל זי רופן מיט איר פולן נאָמען, זי האָט אויך ניט ליב געהאט איר צווייענדיקע פאמיליע. איז זי טאקע פאר אלעמען געבליבן — לידע, לידאָטשקע, לידוסיע.

ערשט צוריק מיט פינף וואָכן האָט זי פארענדיקט אין קאראגאנדא א מעדיצינישע שול און געקומען אהער ארבעטן.

זי איז געווען איבערגליקלעך, וואָס מע האָט זי גלײַך באשטעטיקט אלס כירורגישע שוועסטער, וואָס זי וועט ארבעטן מיט נאָוויקאָוון, וועלכער איז דאָ געווען דער פירנדיקער כירורג.

אין שפּיטאָל האָט דאָס מיידל געטאָגט און גענעכטיקט. די ערשטע צײַט האָט זי געוווינט בא איינער פון די סאניטארקעס, דערנאָך — אין א באזונדערן צימער, וואָס דער שטאָט־סאָוועט האָט איר אויסגעטיילט אין א נײַ הויז.

אין די לאנגע שטארק פינצטערע אפדערנאכטן, ווען עס פלעגט ארומכאפּן עפּעס א בענקעניש, פלעג איך זיך אוועקלאָזן צו דער קאָמיוגישער אָזערע, זיך צוזעצן אף „מײַן" שטיין, און זיך אײַנהערן אינעם שטילן פּליעסקערײַ פונעם וואסער. ניט איין מאָל האָט געטראָפן, אז איך פלעג זיך אויסטאָן אינגאנצן א נאקעטער און אוועקשווימען ווײַט־ווײַט. קיינער האָט מיך ניט געהערט און ניט געזען כוץ די שטערן, וועלכע זײַנען דאָ געווען אומגעווייניקלעך גרויס.

קיינמאָל האָב איך אין ערגעץ ניט געזען קיין שענערן הימל בייס דער פארנאכטיקער שקיִע, ווי דאָ אין הונגעריקן סטעפּ. בא קיין שום מאָלער וואָלט ניט געקלעקט קיין פאנטאזיע אויסצומאָלן אזעלכע פּאלאצן, שטעט, סעדער און וועלדער, לאָנקעס און אָזערעס, כײַעס

און פייגלען, ווי דאָס פלעגט אויסגעמאָלט ווערן אין הימל אין די שאָען פון זון־פאַרגאַנג. שפּעטער האָב איך ערגעץ געלייענט, אַז דאָס קומט פאַר אַזוי, ווײַל די לופט איז דאָ שטענדיק אַ פאַרשטויבטע און די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס ברעכן זיך איבער אין דער פאַרשטויבטער אַטמאָספער, מאָלן אינעם הימל לעבעדיקע מײַסעלעך.

איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט בין איך לאַנג געשווומען אין דער אָזערע. ווען איך בין אַרויס אויפן ברעג און צוגעקומען צום שטיין, האָב איך צו מײַן גרויס פאַרוווּנדערונג דאָס אָנטאָן ניט געפונען. פון אָנפאַנג האָב איך אַ קלער געטאָן, אַז איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, ניט צוגעשווּמען צו „מײַן" שטיין. איך האָב זיך אָבער באַלד איבערצײַגט, אַז קיין טאָעס האָב איך ניט געהאַט — אָט איז דער דראָנג מיט די גרויסע טשוועקעס, וועלכע דינען די באַלעבאָסטעס, וואָס וואַשן דאָ גרעט אויף אָנציִען אַ שטריק, ווײַטער מיט אַ שפּאַן צען סטאַרטשעט דער צווייטער דראָנג. מיט איין וואָרט — מײַן אָנטאָן האָט עמעצער אוועקגעטאַסקעט. קיין גרויסער פאַרלוסט איז דאָס ניט געווען, נאָר וויאַזוי דערקלײַבט מען זיך אַהיים — אַ הוילער? איין אויסוועג איז געבליבן; וואַרטן ביז אַ זייגער צוויי, ווען אויף די גאַסן באַווײַזט זיך שוין קיינער ניט און דעמלט זיך פּרוּוון דערקלײַבן אַהיים. אָנווערן האָב איך שוין ניט געהאַט וואָס, בין איך געזעסן אַ ביסל און דערנאָך ווידער זיך געלאָזט שווימען. ווען איך בין דאָס מאָל אַרויס פון וואַסער, האָב איך גלײַך דערזען אויפן שטיין דאָס אָנטאָן.

איצט איז שוין קלאָר געווען, אַז עמעצער האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. אין דער פינצטער האָב איך אָבער קיינעם ניט געזען, דערפאַר אָבער דערהערט אַ קלינגעוודיק געלעכטער און זי דערקענט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען לידאָטשקע. לאָזט זיך אויס, אַז אַפילו דער דזשעזקאַזגאַנער פינצטערניש טאָר מען ניט אָנטרויען. לידאָטשקע האָט שוין פון לאַנג באַמערקט, אַז איך קום אויפֿט צו דער אָזערע זיך באָדן, זי, לידע, באָדט זיך דאָ יעדער אָוונט. זי איז אַ גוטע שווימערין און האָט גרויס פאַרגעניגן פונעם באַנאַכטיקן באָדן זיך.

פון דעמלט אָן פלעגן מיר זיך קימאַט יעדן אָוונט טרעפן בײַ דער אָזערע, מיר זײַנען צוזאַמען געשווומען ווײַט־ווײַט, דערנאָך געזעסן אויף די שטיינער און געשמועסט.

לידע איז ניט געווען קיין טרוימערין. זי האָט געוווּסט, וואָס זי וויל. מיר האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז אַזויפיל ניכטערקייט איז עפּשער איבעריק פאַר אַזאַ יונג קינד, ווי לידע איז דעמלט געווען. זי האָט געהאַט אָנגעצייכנט איר לעבנס־פּלאַן אויף אַ סאַך יאָרן פאָרויס — ווען זי וועט ענדיקן דעם מעדיצינישן אינסטיטוט, ווען זי וועט פאַרפירן אַ מישפּאָכע, ווען זי וועט אָוועקפאָרן פונדאַנען.

בײַס אונדזערע אָפּדערנאַכטיקע באַגעגענישן האָט לידאָטשקע דערציילט וועגן זיך. זי האָט אַלץ געדענקט — די מאַמע אירע, אויף וועלכער זי איז געווען שטאַרק ענלעך, די באָבע ראַכיל אַבראַמאָוונע. זי האָט געדענקט, ווי זי פלעגט זיך שפּילן אינעם אַספאַלטירטן הויף אונטערן גרויסן בוים און ווי די באָבע פלעגט אַרויסקוקן צו איר פונעם קיך־פענצטער. זי האָט אַפילו געדענקט דעם טאַטן אירן סערגיי גאַווריִלאָוויטש סאַמאָכינען, וועלכן זי האָט געזען נאָר איין מאָל, אין וואַלד, ווען זי איז אַלט געווען בײַ פינף יאָר.

געדענקט האָט לידאָטשקע אַלעמען, אָבער געבענקט האָט זי נאָך קיינעם ניט. איר איז גוט געווען דאָ אין קאַראַגאַנדאַ, אינעם קינדערהיים, וווּ זי איז געווען די רעדלפירערין צווישן די מיידלעך, זי האָט שטאַרק ליב געהאַט די מומע מאַשע און די פאַרוואַלטערין פון קינדערהיים גרעטאַ גריגאָריעוונע.

העכער פינף יאָר איז דער מאָסקווער קינדערהיים אָפּגעווען אין קאַראַגאַנדאַ, דערנאָך זיך אומגעקערט צוריק קיין מאָסקווע, צום ברעג פונעם איזמײַלאָווער וואַלד. אָבער לידאָטשקע איז געבליבן דאָ.

אין איינעם אַ שיינעם טאָג, ס'איז נאָך געווען אין סאַמע ברען פון דער מילכאָמע, האָט אין קינדערהיים, וואָס האָט זיך שוין דאָס דריטע יאָר געפונען אין קאַראַגאַנדאַ, זיך געיאַוועט די מומע ראַיִסאַ סאַמוילאָוונע אַמדור, לידאָטשקעס שכיינע. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דעם זאַוואָד, וווּ איר מאַן, סעמיאָן מאָיסײעוויטש, האָט געאַרבעט, האָט מען איבערגעפירט אַהער, און ס'איז אַ סוואָרע, אַז ער וועט שוין דאָ פאַרבלײַבן אויף שטענדיק.

ווען ראַיִסאַ סאַמוילאָוונע האָט געעפנט די טיר אין קאַבינעט פון גרעטאַ גריגאָריעוונע, האָט די פאַרוואַלטערין פונעם קינדערהיים גלײַך זי דערקענט. די אויסגעדאַרטע גרעטאַ גריגאָריעוונע, וואָס איז פאַר די פאַר יאָר געוואָרן נאָך דינער, נאָך קלענער, איז אַ בלאַס־געוואָרענע אויפגעשפּרונגען פונעם אָרט. פאַר איין מינוט איז פאַר אירע אויגן דורכגעשווומען דאָס אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט דער דאָזיקער פרוי, דאָרט, אין איזמײַלאָווע. איר האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט יענע אַרופאַלן אויף איר, זי פאַרשיטן מיט אַ האָגל פון ווערטער... נאָר דאָס מאָל האָט די פאַרוואַלטערין אַ טאָעס געהאַט. ראַיִסאַ סאַמוילאָוונע האָט געמאַכט צוויי ניט

זיכערע טריט און געבליבן שטיין אַן אַפּהעטעיקע באַם אַרײַנגאַנג, גלײַך ווי זי וואָלט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט. גרעטאַ גריגאָריעוונע האָט געקוקט אױף אירע הענט, וועלכע די פּרוי האָט געהאַלטן אַפן בויך, און אַ שמייכל געטאָן.

— נו, זעצט זיך צו, אויב איר זײַנט געקומען, זײַט אַ גאַסט, — האָט גרעטאַ גריגאָריעוונע אָנגעוויזן אױף אַ שטול לעבן טיש. — איר ווילט אוודאי זען לידאָטשקען?

בײַ ראיסע סאַמוילאָוונען האָבן זיך באַוויזן צוויי גרויסע טרערן אין די אויגן. זי האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע פֿונעם שוואַרצן רידיקיול און געגומען ווישן דאָס פּנים. באַרויקט זיך אַ ביסל, האָט זי גענומען פאַרענטפערן זיך, גלײַך ווי זי וואָלט געשטאַנען פאַרן געריכט.

— שוין העכער צוויי יאָר, ווי דאָס קינד קומט מיר צו כאָלעם, איך האָב זיך די גאַנצע צײַט ניט געקאָנט מוחל זײַן... ווער טוט עס אָפּ אַזאַ נאַרישקײַט. מײַן מאַן האָט זיך אויך אויפגעגעסן דאָס האַרץ, ווי האָב איך געקאָנט אַזוינס אָפּטאָן — נעמען אַ יעסוימע און זי לאָזן אין וואַלד. — די פּרוי האָט גערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי ניט זי, נאָר עמעצער אַנדערש, עפּעס אַ מאַכשייפע וואָלט עס געטאָן.

גרעטאַ גריגאָריעוונע איז געווען געערעכט. איר האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז נאָך דאָרטן, אין מאָסקווע, איז די דאָזיקע ראַיסאַ סאַמוילאָוונע איר געפעלן געוואָרן. מע זעט גלײַך, אַז דאָס איז אַן עמעסע מאַמע, וואָס איז גרייט אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר די קינדער.

די פאַרוואַלטערן האָט באַרויקט דעם גאַסט, איר אויסדערציילט, אַז סערגיי גאַווריליאָ־וויטש האָט נאָך אין איין־און־פערציקסטן צוגעשיקט זײַן אַטעסטאַט אין קינדערהיים, ער האָט אַפילו געהאַט געשריבן, אַז ער וועט זיך באַמיִען קומען אַהער זיך זען מיט דער טאָכטער.

ראַיסע סאַמוילאָוונע איז געווען איבעראַשט, זי איז אַזש אויפגעשפּרונגען פֿונעם בענקל, צוגעלאָפן צום פענצטער, גלײַך ווי זי וואָלט זיך געריכט דאָרטן דערזען סערגיי גאַווריליאָ־וויטשן.

— וואָדען, אַ טאַטע איז פאָרט אַ טאַטע!

גרעטאַ גריגאָריעוונע האָט עטלעכע מינוט געשוויגן, אַרומגענומען מיטביידע הענט אירע אייגענע אַקסלען און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, שטיל געזאָגט:

— שוין צו לאַנג האָבן מיר ניט קיין ידיעס, ניט פון סערגיי גאַווריליאָוויטשן, ניט פון אַנאַ לוואָוונע.

ראַיסאַ סאַמוילאָוונע האָט מיט איר טיכעלע פאַרשטאָפּט זיך דאָס מויל, קעדיי ניט אַרויס־לאָזן דעם געשריי, וואָס האָט זיך געריסן פון איר ברוסט. די פאַרוואַלטערן איז אויפגעשטאַנען פֿונעם אָרט, אַרומגעגאַנגען דעם שרײַבטיש און אַרופגעלייגט די הענט אױף ראַיסעס אַקסלען.

— לאָמיר האָפן. מע טאָר ניט...

די טיר פֿונעם קאַבינעט האָט מיט ראַש זיך געעפנט און אױף דער שוועל האָט זיך באַוויזן לידאָטשקע מיטן שילערישן רענצל אױף דער פּלייצע.

— מומע ראַיע! — האָט זי פאַרדעמפּט און פאַרכידעשט קוים אַרויסגעבראַכט.

ראַיסע סאַמוילאָוונע איז איר געלאָפן אַנטקעגן, צוגעפאַלן צו איר און זי באַגאָסן מיט טרערן.

זינט דעם דאָזיקן באַזוך איז ראַיסאַ סאַמוילאָוונע יעדן זונטיק געקומען צו לידאָטשקען. געקומען מיט אַלע אירע פיר קינדער און מיטן מאַן. אין אַ ראַמטעוו, צי גלאַט אין אַ פרײַען טאָג פלעגט זי נעמען דאָס קינד צו זיך, און ווען ס׳איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן לידאָטשקעס פאָטער און דעם זעלבן ווינטער אויך וועגן אַנאַ לוואָוונען, האָט זי זיך געגעבן אַ נײַדער, אַז לידאָטשקע וועט זײַן איר קינד, פּונקט ווי אַלע אירע קינדער. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. ווען דער קינדערהיים איז אוועקגעפאָרן, האָט ראַיסאַ סאַמוילאָוונע זיך דער־שלאָגן, אַז דאָס קינד זאָל מען אָפּגעבן איר.

אייגנטלעך איז גרעטאַ גריגאָריעוונע ניט געווען קעגן. זי האָט געוווּסט, אַז דאָס מיידל פאַלט אַרײַן אין זיכערע הענט. ראַיסאַ גריגאָריעוונע וועט זײַן פאַר איר, ווי אַן אייגענע מוטער.

צוזאַמען מיט ראַיסעס מיטעלער טאָכטער איז לידאָטשקע נאָכן צענטן קלאַס אָנגעקומען אין אַ מעדיצינישער שול.

אין שפּיטאָל האָבן אַלע ליב געהאַט די איבערגעגעבענע, די שיינע און קלוגע קראַנקנ־שוועסטער לידאַ סערגייעוונע קאַמינסקע־סאַמאַכינאַ, ס׳הייסט לידאָטשקען. אויך מיר איז דאָס דאָזיקע מיידל געווען צום האַרצן.

אינגיכן האָב איך זיך געזעגנט מיט נאָוויקאָוון און זיך געלאָזט אַהיים, קיין מאָסקווע. מײַן כּוידעשלעכע קאָמאַנדירונג האָט זיך פאַרענדיקט. מיט נאָוויקאָוון, דעם הויפּט־דאָקטער

פונעם דזשעזקאזגאנער שפּיטאָל, פּלעג איך זיך דורכשרײַבן, אָבער ניט זייער אָפט. איינמאָל האָט ער מיר געגעבן צו וויסן, אַז לידע האָט מיט דערפֿאָלג אָפּגעגעבן עקזאַמענעס אין מעדי־צינישן אינסטיטוט פֿון אַלמאַ־אַטאַ און קלײַבט זיך פֿאָרלאָזן דזשעזקאזגאַן. צווישן די שורעס האָט מען געקאָנט אויסלייענען, אַז וולאַדימיר איז באַטריבט דערפֿון. דער אַלטער פּאַרזע־סענער באָכער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקלערט וועגן קיין פֿאַמיליען־לעבן, האָט, ווײַזט אויס, דאָס מאָל פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט ער פֿאַרלוירן.

די צײַט איז געגאַנגען שנעל. אָ, ווי שנעל — כ׳האָב מאַמעש זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי דער שפּיגל האָט גענומען ווײַזן קונצן... אָבער וועגן אַזעלכע זאַכן איז ניטאָ וואָס צו קלערן, ווער ווייסט דאָס ניט? סײַדן דער, וואָס איז נאָך ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון זײַן אייגענער יוגנט.

איצט איז מײַן טאָכטער אַלט קימאַט אַזויפֿיל, ווי איך בין אַלט געווען, ווען איך האָב זיך באַגעגנט אין דזשעזקאזגאַן מיט לידאַ סערגייעוונע קאַמינסקע־סאַמאָכינאַ — ס׳הייסט עטלעכע און פֿערציק. אין מײַ, אין טאָג פֿון דער טאָכטערס געבוירן, זײַנען זיך צונויפֿגעקומען אירע פֿרײַנט. ווען איך בין געקומען מיט מײַן מאַטאָנע צו דער טאָכטער קיין איזמײַלאָווע, איז די שטוב שוין געווען פֿול מיט געסט. אין פֿאָדערצימער האָט מיך באַגעגנט אַן אומבאַקאַנטער מאַנצביל מיט אַ גרויסן בעכער ווײַן און געצוווּנגען מיך אים אויסטרינקען ביזן דעק — אַלס שטראָף פֿאַר מײַן פֿאַרשפּעטיקונג. קיין אַנדער ברירה האָב איך ניט געהאַט — אַזאַ איז דער מינהג און ברעכן אים אין אַזאַ טאָג איז ניט קעדײַ געווען. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן איז אַ מיטאַרבעטער פֿונעם זעלבן זשורנאַל, וווּ מײַן טאָכטער אַרבעט שוין אַ סאַך יאָרן. מיט דעם גרעסטן טייל פֿון די מיטאַרבעטער פֿון דעם דאָזיקן זשורנאַל בין איך געווען באַקאַנט — זיך געטראָפֿן מיט זיי בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן — אין רעדאַקציע, ווּ איך פֿלעג אָפֿט אַרײַנקומען, אויף אָוונטן אין פֿאַריין פֿון זשורנאַליסטן, אויף אַ מאָלצײַט בײַ דער טאָכטער. אָבער דעם דאָזיקן גאַסט, אַרנאָלד מיכײַלאָוויטש, קיינמאָל אין ערגעץ ניט באַ־געגנט, און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך, — שוין אַ סאַך יאָרן, ווי ער אַרבעט אַלס אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט אין פֿאַרשיידענע לענדער. איצט איז ער מיט זײַן פֿרוי געקומען אויף אַ צײַט פֿון אונגאַרן.

אַרײַנגעקומען אין גרעסערן צימער, וווּ עס זײַנען בײַ דעם צונויפֿגערוקטן לאַנגן טיש גאַנץ געדיכט געזעסן די געסט, האָב איך באַמערקט עפּעס אַ באַקאַנט פּנים פֿון אַ יונגער פֿרוי, וועלכע כ׳האָב ערגעץ, געוויס, שוין געזען. איך האָב רעכט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי די דאָזיקע פֿרוי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אָרט און אויף אַ קאָל אָנגערופֿן מײַן נאָמען.

— לידאָטשקע! — האָב איך קימאַט אויסגעשריגן, — לידאַ סערגייעוונע!

יאָ, דאָס איז געווען די זעלבע לידאָטשקע, מיט די זעלבע ראָז־צעפּלאַמטע באַקן, מיט לויכטנדיקע פּײַערלעך אין די אויגן, אָבער די האָר זײַנען געווען ניט צעקעמט, נאָר צונויפֿ־גענומען אין אַ לויזן קובליק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר האַלדז, וועלכער איז אַצינד געווען דיקער און קירצער.

לידאַ סערגייעוונע איז געשיקט אַרויסגעשפּרונגען פֿונעם סערווירטן טיש און זיך צעקושט מיט מיר. דערנאָך אָפּגעטראָטן אויף אַ שפּאַן, מיך באַטראַכט און געמאָלדן דרײַ זאַכן: ערשטנס, — האָט זי געזאָגט, — האָב איך זיך אויף קיין האָר ניט געענדערט פֿאַר די פֿאַרגאַנ־גענע פֿינף און צוואַנציק יאָר, צווייטנס, אַז מײַן טאָכטער איז ענלעך אויפֿן טאַטן, דאָס הייסט אויף מיר, ווי אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן, און דריטנס, אַז זי, לידאַ סערגייעוונע, איז אַ טעמפּער קאָפּ — ווי האָט זי עס זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז מײַן טאָכטער איז מײַן טאָכטער.

נאַטירלעך, אַז איך וואָלט געקאָנט אָפּלייקענען אַלע אירע סוואָרעס — צוקוקנדיק זיך צו איר, האָט מען געקאָנט גרינג זיך אָנשטויסן, אַז די פֿאַרגאַנגענע פֿינף און צוואַנציק יאָר האָבן זייערס אָפּגענומען בײַ איר און בײַ מיר אַוודע, אַז די טאָכטער מײַנע איז גאָר ווי אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן ענלעך אויף דער מוטער און אַז זי, לידאָטשקע, איז קיין טעמפּער קאָפּ קיינמאָל ניט געווען. נאָר איך האָב גאָרניט אָפּגעלייקנט — אַזוי איז אונדז ביידן לײַכטער געווען אויף דער נשאָמע...

שפּעטער, ווען די געסט זײַנען איבערגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער און זיך אַרײַנגעטאָן אין געזאַנג און אין טענץ, האָבן מיר זיך ביידע אײַנגעמאָסטעט אין די ווייכע שטולן, וואָס זײַנען געשטאַנען נעענטער צו דער צעעפֿנטער באַלקאָן־טיר און גענומען בלאָנדזשען אין לאַנד פֿון זיכּאָרן.

פון די ערשטע ווערטער איז ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז דער פריילעכער יונגערמאַן, אַרנאָלד מיכײַלאָוויטש, איז לידעס מאַן. יאָ, דאָס דאַרף זײַן אַ גליקלעכע פּאָר, איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — אַ פריילעכער, אַ געזונטער, אַ הויכוווקסיקער...

— מיר האָבן זיך אַזוי פאַרבענקט נאָך אייגענע מענטשן, אַז מיר זײַנען געקומען צו פליִען אַהער, קאָן מען זאָגן, גלײַך פונעם אַעראָדראָם, געוווסט, אַז דאָ וועלן מיר באַגעגענען אַלע אונדזערע פרײַנט און באַקאַנטע.

איצט האָב איך באַמערקט, אַז לידע איז צופיל דיק געוואָרן, פאַר אַזאַ פרוי איז איבעריק אַ צווייענדיקער גוידער. אָבער, ווען איך האָב דערהערט, אַז לידאַ סערגייעוונע האָט שוין צוויי אייניקלעך, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיטן כעזשבן פון די יאָרן, האַלט עס באַ מיר ניט וואָזשנע.

— איר ווייסט מינאַסטאַם, אַז וולאַדימיר נאָוויקאָוו איז טראַגיש אומגעקומען. — האָט זי שטיל געזאָגט.

איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

לידאַ סערגייעוונע האָט גענוי דערציילט, וויִאַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. אומגעלומפּערטע זאַכן קומען פאָר אינעם לעבן.

אין איינעם אַ באַנאַכט איז געקומען אין שפּיטאָל אַ יונגער שאָפער פון אַ קאַזאַכיש דאָרף. ער האָט מיט טרערן אין קאָל דערציילט, אַז זײַן זעקסיאָריקער זון שטאַרבט. וולאַדימיר האָט אין געציילטע מינוטן צונויפגענומען זײַנע אינסטרומענטן, די רעפּועס און זיך אַרײַנגעזעצט מיטן שאָפער אין דער קאַבינע פון דער לאַסטמאַשין, אַף וועלכער יענער איז געקומען. דאָס קינד האָט נאָוויקאָוו אָפּגעראַטעוועט און אַליין איז ער געשטאָרבן. ווען דער שאָפער איז אין אַ וואָך אַרום געקומען קיין דזשעזקאַזגאַן, קעדיי צו באַדאַנקען דעם דאָקטער, האָט ער אים שוין ניט געטראָפן. מיטן אייגענעם אָטעם האָט ער דעם קינד אַרײַנגעבלאָזן דאָס לעבן אין די לונגען אַרײַן און זיך אָנגעשטעקט מיט דיפטעריט.

באַ לידען זײַנען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז ביז איצט האָט זי וולאַדימירן ניט פאַרגעסן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך פאָרגעזעצט:

— קיין אַלמאַ־אַטאַ, וווּ איך האָב פאַרענדיקט דעם מעדיצינישן, איז ער געקומען צו מיר זייער אָפט. קימאַט יעדן זונטיק... איצט מעג איך שוין אָנערקענען, אַז וולאַדימירן האָב איך ליב געהאַט פונעם ערשטן טאָג, גלײַך ווי איך האָב זיך באַקאַנט מיט אים אין דער מעדיצין־שול אין קאַראַגאַנדאַ. ער פלעגט דאָך קומען אַהין לייענען לעקציעס. קיין דזשעזקאַזגאַן בין איך געקומען אַרבעטן, ווײַל ער איז דאָרט געווען...

— כ'האָב דאָס דעמלט פאַרשטאַנען, — האָב איך אַרײַנגעשטעלט מײַנס אַ וואָרט.

— כאָטש איך בין יינגער געווען אַף העכער צוואַנציק יאָר פון וולאַדימירן, האָב איך פאַרשטאַנען אַז ער איז מײַן אידעאַל פון אַ מענטשן און פון אַ מאַנצבל.

אַפילע זי, לידע, מיט איר אײַנגעשפּאַרטקײַט און זיכערקײַט, האָט געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז זי וועט צווינגען אים, דעם איבערצײַגטן אַלטן באָכער, לייגן אַכט אַף איר, נאָר ס'איז ניט געשען.

— עמעס, — האָב איך געזאָגט, — איך האָב דאָס פאַרשטאַנען לויט די בריוו, וועלכע איך האָב פון אים געהאַט באַקומען, כאָטש גענוי האָט ער ניט געשריבן וועגן זײַנע האַרץ־קלעמענישן, נאָר מע האָט עס געקענט אויסלייענען פון צווישן די שורעס.

לידאַ סערגייעוונע האָט דערציילט, אַז מיט איר מאַן האָט זי זיך באַקאַנט נאָך אין אינסטיטוט. און גלײַך ווי זי האָט פאַרטיידיקט דעם דיפּלאָם איז זי מיט אים, מיט אַרנאָלד מיכײַלאָוויטשן, אַוועקגעפאָרן קיין אינדיִע אַף זעקס יאָר. אָ, אַרבעט האָט זי דאָרט געהאַט איבערגענוג, געווען דער הויפּט־כירורג פון אַ שפּיטאָל אין דזשאַיפּור, ניט ווײַט פון דעלי. דאָרטן האָט זי געבוירן אירעביידע זין, וואָס זײַנען גערוקט איינער פונעם אַנדערן אַף אַ יאָר. און איצט איז זי שוין אַ באָבע פון צוויי אייניקלעך. עמעס, דער עלטערער זון האָט נאָך ניט כאַסענע געהאַט, נאָר קיין פאַרזעסענער וועט ער ניט בלײַבן — ער איז געראָטן אין זײַן טאַטן — אַ גרויסער איבערקלײַבער...

וועגן וואָס מיר האָבן ניט געהאַט גערעדט, נאָר דאָך האָבן מיר זיך אַלץ אומגעקערט צו דזשעזקאַזגאַן.

צום שפּיטאָל, צו די שטויב־ווירבלען, צום מעש־זאַוואָד, צו דער קאָמיוגישער אָזערע און צו וולאַדימיר נאָוויקאָוון.

ניין, איך האָב ניט געצווייפלט, פאַרשטאַנען, אַז לידע האָט ליב איר מאַן, זי איז אַ גליקלעכע מוטער, אַ גליקלעכע באָבע און אַ געליבטע פרוי. זי אַיז אויך גליקלעך מיטן גורל, וואָס

איר איז אויסגעפאלן — ווער ווייסט, צי זי וואָלט אויסגעוועזן ווי די וועלט האָט אַן עק, ווען ניט איר ארנאָלד מיכײַלאָוויטש. זי איז אים געווען דאנקבאר דערפאר, נאָר דעם שטויביקן דזשעזקאזגאן מיט די קעמל־שטעכלקעס, וולאדימיר נאָוויקאָוון ניט פארגעסן.

— איר ווייסט, לידא סערגייעוונע, — האָב איך איר אָנפארטרויט, — מיך ציט אויך צו יענע ווילדע ערטער...

זי האָט אַף איר מיידלשן אויפן זיך צעלאכט.

— ווילדע?! איך בין צוריק מיט צוויי יאָר געווען אין דזשעזקאזגאן. זאָגן, ווי מע זאָגט געוויינלעך, אז די שטאָט איז ניט צו דערקענען, הייסט גאָרנישט ניט זאָגן. די אָרטיקע טויש־ווים — העכער הונדערט טויזנט, גרויסן זיך מיט זייער שטאָט, גרויסן זיך מיט דעם, וואָס זיי זײַנען נאָענטע קרויווים מיט די קאָסמאָנאווטן — בײַקאָנור איז פון דאָרט מיט דער האנט צו דערלאנגען. די „צעלינא״ האָט געענדערט דעם קלימאט. דאָ זײַנען אויסגעוואקסן סעדער און פארקן. די שטאָט איז א שײַנדל. איר געדענקט אונדזער שפּיטאָל? איצט זײַנען ארום אים אויסגעבויט נײַע קאָרפוסן. נאָר וולאדימיר נאָוויקאָוו איז ניטאָ, — האָט זי מיט א זיפץ צו־געגעבן.

זי איז, פארשטייט זיך, געווען גערעכט. דזשעזקאזגאן האָב איך פיל מאָל געזען דורכן טעלעוויזאָר, געלייענט און געהערט פון באקאנטע וועגן דער שטאָט, וואָס איז מאמעש, ווי אין א מײַסעלע, פארוואנדלט געוואָרן אין א שטאָט פון סאמע ווונדער. און וועגן וולאדימיר נאָוויקאָוון טראכט איך אויך שטענדיק, ווען איך זיך דערמאָן אין דזשעזקאזגאן.

— וועגן אײַך, — האָט לידע איבערגעשלאָגן מײַנע געדאנקען, — האָב איך געהערט, — געקויפט אײַערן א רוסישן לידער־בוך, געלייענט, אז אײַך איז געוואָרן זיבעציק...

מיר האָבן נאָך לאנג געשמועסט, לידע האָט דערציילט וועגן איר ארבעט אין פארשייי־דענע לענדער, ווו איר איז אויסגעקומען צו זײַן אײַנייגעם מיטן מאן.

— אין פינף וואָכן ארום פאָרן מיר ווידער קיין אונגארן אַף דרײַ יאָר. נאָר מיר זײַנען שוין צוגעווינט. קיין מאָסקווע כאפן מיר זיך אראָפּ, אָבער ניט אָפט, זיך זען מיט די כעוורע. זיי קומען אמאָל אויך צו אונדז.

לידע האָט ווי דערפילט וועגן וואָס איך וויל פרעגן, און אליין געענטפערט אַף דער ניט געשטעלטער פראגע.

— און מײַן פאָטער, סערגיי גאווריליאָוויטשן, האָב איך מער ניט געזען.

דאָס איינציקע מאָל אין איזמײַלאָווער וואלד, ווען איך בין אלט געווען פינף יאָר. — זי איז ארויסגעגאנגען אפן באלקאָן און פון דאָרט פאָרגעזעצט. — איר ווייסט, דעם פאָטערס געזיכט געדענק איך אויסגעצייכנט, און דער מאמעס קאָן איך זיך ניט דערמאָנען בעשום־אויפן ניט.

— טוט א קוק אין שפּיגל, וועט איר זען פאר זיך די מאמע, עמעס, א ייִנגערע פון אײַך, לידא סערגייעוונע, מיט פינף און צוואנציק יאָר.

לידע האָט גענומען בא מיר דאָס וואָרט, אז איך וועל קומען צו איר, און טאקע אין די נאָענטסטע טעג. זי ווינט אינעם פאָטערס הויז, אַף דער גאָרקי־גאס, קימאט לעבן ווײַסרוסישן וואָקזאל, דאָס הויז האָט אמאָל געהערט דעם מיניסטעריום פון אויסערן־איניאָנים.

אָ, דאָס דאָזיקע הויז קען איך גוט. דאָרט האָט אמאָל געלעבט אונדזער גרויסער דיכטער פערעץ מארקיש...

איך האָב צוגעזאָגט לידא סערגייעוונען, אז מירן זיך אומבאדינגט באגעגענען. איך האָף, אז דאָס וועט זײַן ניט דאָס לעצטע מאָל. מענטשישע וועגן קרייצן זיך איבער.

באָריס מאָגילנער

גוורע

גאַנצע וואָך נאָכאַנאַנד לאָזן ניט צורו וואָלאָדיען קאָלערליי כאַלוימעס — פאַרביקע, הילכיקע, דופּטיקע, זיי שאַרן זיך אונטער צו אים אין פאַרשיידענע רעגעס, אינמיטן דער נאַכט, און אַפילע אין אָנהייב, נאָר איין איבערכאַזערנדיקער כאָלעם קומט געוויינלעך אָן אין פריִען קאַיאָר, ווען דער שלאָף איז באַזונדערס זיס און קיין איין אייוועד וויל זיך ניט א ריר טאָן, האַגאַם ער, וואָלאָדיע, וואָלט גערן צעעפנט די אויגן, ביכדיי דערזען דאָס, וואָס, עס דוכט זיך אים, ער הערט.

וואָלאָדיעס נעשאָמע איז אופגערודערט — צו אים דערטראָגט זיך בוילעט דער אָפּהילך פון זײַנע טריט, פעסטע, דײַטלעכע, ריטמישע, עס קלאַפּן זײַנע אָפּצאַסן אין איינקלאַנג מיטן האַרץ, אָט קלאַפּן זיי אינדערנאָענט, אָט דערווײַטערן זיי זיך, אָט קערן זיי זיך אום צוריק. א געמיש פון נאָגנדיקער פרייד און בענקשאַפט נעמט וואָלאָדיען אין געפּענקעניש, ער קאָן זיך ניט אַרויסרײַסן אַף דער פרײַ, ס׳איז אים גוט און ביטער איינצײַטיק, נאָר א סוואָרע דערפאַר, ווײַל זײַנע טריט הילכן ניט אין דער וואָר — אין אַן אַנדער, אומבאַגרײַפלעכער וועלט, פאַרשטייט ניט וואָלאָדיע, פאַרוואָס ער איז אַזוי צעצוויט, וואָס פאַר א שטיין ליגט אַף דער נעשאָמע. ער באַנעמט עס א ביסל שפּעטער, אָפּרײַסנדיק סאָפּקאָלסאָף איינע פון דער אַנדערער די וויִעס. אופטאָן עס העלפט אים דער עלעקטראָנישער זייגער־וועקער אַפן שרײַבטיש.

קיינמאָל פאַרשפּעטיקן ניט די ווײַזערס פונעם זייגער אופהייבן וואָלאָדיען. אַף דעם טאַטן און אַף דער מאַמען טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן, זיי האָבן אַף אים ראַכמאָנעס און וועקן אים ניט באַצײַטנס. זיי מיינען, אַז מיט דעם העלפן זיי אים. ער איז שוין אַלט פערציק יאָר, און זיי טראַכטן, אַז ער איז נאָך אַלץ א קינד. פאַר זיי איז ער טאַקע א קינד, אַפילע א פערציקיאָריקער. ער האָט צו זיי קיין טײַנעס ניט. פאַרקערט, ס׳איז א גליק, וואָס זיי זײַנען פאַראַן בא אים. אָן זיי וואָלט אים געווען ביז גאָר שלעכט. אָבער דעם זייגער־וועקער האַלט ער סײַווי בא זיך אַפן שרײַבטיש. מיט זײַן קלינגערײַ פאַרטרײַבט דער זייגער די טריט, וועלכע טופּען נאָך א פּאָר ווײַלעס אין וואָלאָדיעס זיקאָרן, ביז זיי ווערן אינגאַנצן פאַרלאָרן. מיט א קורצן זיפץ טוט ער א קוק אַף די מיליצעס, וואָס שטייען בא אים, צוגעטוליעטע צום אויסגעפּאָלירטן הילצערנעם צוקאָפּנס פון דער בעט. א מאָדנע זאַך, זיי כאָלעמען זיך אים ניט. מיט מיליצעס איז וואָלאָדיע געקניפּט און געבונדן פון קליינווײַז אָן: א פּיצינקער געווען, נידעריטשקע מיליצעס פאַרמאָגט, אונטערגעוואַקסן — העכערע, איצט, באַם באַיאָרטן, זײַנען זיי זייער לאַנג געוואָרן. און פונדעסטוועגן כאָלעמען זיי זיך אים ניט.

די קאָלדרע וואַרפט וואָלאָדיע אָפּ האַסטיק, הייבט זיך אוף אַף דער איבערבעט, העלפנדיק זיך אַליין מיט די ברייטע, שטאַרקע דלאָניעס. פּאַמעלעך, פאָרזיכטיק טוט ער א קער די לענדן אַזוי, אַז די פיס לאָזן זיך פאַלנדיק אַראָפּ צום אויסגעוועבטן טעפּיכל אַפן דיל. אָנטאַפּן מיט זיי, קוים לעבעדיקע, די שטעקשיך, וואָס שטייען דערנעבן, איז ער ניט בעקויעך, בייגט ער זיך אָן — דערלאַנגט די שטעקשיך מיט די הענט.

א באַשוכטער, שטעלט זיך וואָלאָדיע אוועק אַף די מיליצעס. איין אויגנבליק ווײַזט זיך אים אויס, אַז עס דערנעענטערט זיך ווידער, ווי אין כאָלעם, דער געקלאַפּ פון זײַנע אָפּצאַסן, נאָר ער פירט טייקעף צונויף די ברעמען — פאַרטרײַבט דעם אומעטיקן געפיל, וועלכער פּרוּווט זיך דורכרײַסן צו אים. אין וואָר האָט ער נאָך דערווײַל ניט געהערט און הערט ניט און וועט מיסטאָמע קיינמאָל ניט הערן, וויִאַזוי עס הילכן זײַנע קנאַפּל. ס׳קאָן זײַן, אַז ער האָט יאָ אַמאָל

אונדזער לעבן — אונדזער צײַט



אטאָממאַש — דער זאַוואָד פון XXI יאָרהונדערט. פאָטאָ — י. איניאַקין

אָפּעראַטאָרס פונעם זאַוואָד פון נאַפט־איבעראַרבעטונג אפן קאַספּי. פאָטאָ — י. איניאַקין

מאָנטאַזשניקעס. פאָטאָ — י. איניאַקין

אפן צאָפן־פּאָליוס. פאָטאָ — י. לונקאָוו



אינעם צעך פון טערמאָ־פּרעסן. פאָטאָ —
נ. סימאָנאָוו



דער אייבערשטער טייל פונעם רעאקטאָר. פאָטאָ — נ. סימאָנאָוו



הימל און ערד. פּאָטאָ — י. איניאַקין

געהערט די אייגענע טריט, ווען ער איז נאָך גאָר א ברעקל געווען און ערשט אָנגעהויבן טופּען מיט די קליינע פּוכקע פּיסלעך, נאָר ער האָט עס ניט פארגעדענקט.

די סאמע ווײַטסטע דערמאָנונג ברענגט וואָלאָדיען אין א צימער מיט גאָר א הויכער גרויער סטעליע, פון וועלכער עס הענגט אראָפּ א פארשטויבטע עלעקטראָ־לעמפּל, א שײַנענדיקס, זעט עס אָבער אויס טונקל, ווי אן אויסגעלאָשנס. ער ליגט אין א וויג, עס ווילט זיך אים אופשטיין, אָבער ער קאָן ניט, עפּעס האלט אים, לאָזט ניט, ער פאָכעט מיט די הענט, וויינט. איבער אים באווײַזן זיך אלע מאָל נײַע פּענעמער. ער ווייסט נאָך ניט, אז דאָס טאָפּטשען זיך בא זײַן געלעגער די קרויווים פונעם טאטנס־צאד, נאָרוואָס עוואקויִרטע אהער, צו זיי אין קאזאן, זיי באטראכטן אים מיט צאר אין די אויגן. דער גרויל בא זיי איז ניט קלענער, ווי אין יענע מינוטן, ווען די פאשיסטן פלעגן שיטן באָמבעס אַף זייער עשעלאָן, וואָס האָט זיך געשלעפּט אינמיטן פארסארפּעטן סטעפּ. יאָ, קוקן אַף א געליימט קינד איז שווידערלעך...

דאָס וואָרט פּאָליאָמיִעליט פארקריצט זיך אין וואָלאָדיעס באוווּסטזײַן א סאך שפּעטער, שוין נאָכן קריג. איניינעם מיט אָט דעם באגריף שטעכן זיך אײַן, ווי שפּליטערס, אין דער נעשאָמע צוויי ציטערנדיקע טרערן אַף דעם טאטנס וויִעס. דעמלט האָט דער טאטע צום ערשטן מאָל אים איבערגעלאָזט אין א יעווּפּאטאָריער סאנאטאָריע, האָפנדיק, אז דאָ וועט ער פּאָטער ווערן פון דער קרענק.

אויסהיילן וואָלאָדיען איז ניט געלונגען. אין שול פלעגט מען אים לעכאטכילע פירן אַף א וועגעלע אָדער אַף א שליטל. ער שעמט זיך פאָרן אזוי אין קלאס, ס'איז אים ניט אָנגענעם, וואָס די מאמע קומט אים האָדעווען בייס דער גרויסער האפּסאָקע, בעסער זיך נוצן מיט מיליצעס, כאָטש עס איז שווער, צומאָל אפילע אומדערטרעגלעך. ער האָט שוין דאן זיך אָנגעשטויסן, אויב ניט געוווּסט אַף געוויס, אז בײַקומען אנגסטן, שרעק, שוועריקײַטן שטייט אים פאָר איבערגענוג, ער וועט מוזן גויווער זײַן זיך אליין, קעדיי ווערן א מענטש מיט מענטשן גלײַך, און ער איז באשטאנען אַף זײַנס, ניט דער טאטע, ניט די מאמע האָבן אים ניט געקאָנט אָפּהאלטן, מע איז סאָפּקאָלסאָף מאסקים געווען, עמעס, א טנײַ איז ארויסגעשטעלט געוואָרן: מע וועט אים באגלייטן און באגעגענען.

וואָלאָדיע איז געווען א פייִקער שילער, די לערער האָבן אים געליבט, און מער פון אלעמען דער מאטעמאטיקער. אין זיבן שילערישע מאטעמאטישע אָלימפּיִאדעס האָט אָנטיילגענומען וואָלאָדיע, פינף פון זיי געוווּנען— באקומען א גאָלדענע מעדאל אַף אן אלרוסלענדישער פארמעסטונג, פיר מאָל געזיגט בא זיך אין טאטאריע. זײַן לערער איז, א סוואָרע, גערעכט, האלטנדיק, אז בא אים איז בעלי־סאָפּעק א מאטעמאטישער טאלאנט. דעם לערער גלייבט וואָלאָדיע פולקאָם, זיך — א סאך ווייניקער. צומאָל נעמט אים אָן א צווייפל. אָבער דער בארוף לאָזט אים ניט אָפּ. נאָך דעם צענטן קלאס האלט ער אויס גלענצנד די ארײַנטריט־עקזאמענעס אין קאזאנער אוניווערסיטעט, לערנט זיך אָפּ מיט דערפאָלג אַף דעם מאטעמאטישן פאקולטעט פינף יאָר, באקומט א דיפּלאָם פון הויכבילדונג.

צו יענער צײַט אנטוויקלט זיך שטורמיש אין טאטאריע די נאפט־אינדוסטריע. צענדליקער זוך־פארטיִעס בויערן די ערד. פון די דעוואָנער שיכטן רײַסן זיך ארויס דאָ און דאָרט אייל־פאָנטאנען. עס בויען זיך אונטערנעמונגען, ווו מע באקומט נאפט־פּראָדוקטן. ס'ווערן געשאפן עטלעכע ספּעציִאליזירטע אויספאָרשונג־לאבאָראטאָריעס. אין איינער פון זיי קומט אָן דער מאטעמאטיקער וולאדימיר אלטערמאן. דער אויסרעכענונגס־צענטער, ווו ער באקומט זײַן ארבעטס־אָרט, פארטרויט אים שאפן אווטאָמאטישע פארוואלטונג־סיסטעמען. אָנדערהאלבן צענדליק יאָר ארבעט אין דער לאבאָראטאָריע וואָלאָדיע. דאָ שרײַבט ער אָן א קאנדידאטן־דיסערטאציע.

אויך הײַנט, ווי אלע טאָג אינדערפרי, פאר דער ארבעט, רופט וואָלאָדיע צוהילף אלע זײַנע קויכעס, קעדיי צו פארגעסן, אז ער איז א קאליקע. דאָס איז ניט קיין פּאָשעטע זאך. דאָס, וואָס געוויינלעכע מענטשן טוען אויף לײַכט, אומבאמערקבאר, פאָדערט בא אים א ריזיקע אָנשטרענגונג, אפילע דאָס סאמע איינפאכסטע— וואשן די הענט, לעמאָשל. פּרווו, אדעראבע, אונטערשטעלן ביידע דלאָניעס אונטערן קראן, פון וועלכן עס שטראָמט דאָס וואסער, אויב די פיס האלטן דיך ניט און דו מוזסט זיך אָנוואלגערן אַף די מיליצעס. בא וואָלאָדיען באקומט זיך עס, האגאם ער פארבײַסט דערבײַ מיט ווייטעק די ליפּ. אלץ טוט ער אליין, אלץ, וואָס ס'איז מעגלעך און אפילע אומעגלעך. ער דערלאָזט ניט, די עלטערן זאָלן אים פארלויפן דעם וועג. בלויז דעם אָנבײַסן גרייט מען אים צו.

ווען וואָלאָדיע קומט ארײַן אין קיך, אָן אָנגעטאָנענער, אָפּגעגאָלטער, ווארט מען שוין אַף אים באם טיש. ער האָט אײַנגעפירט, אז מע עסט איניינעם.

עסן שווײַגנדיק קאָן ניט וואָלאָדיע. ער פארפירט גלײַך א געשפּרעך.

— איך שטעל הײַנט א נײַע אופגאבע מײַן רעכענונגס־מאשין, — זאָגט ער. — די אלגאָריטמען זײַנען שוין בא מיר פארגרייט.

דער טאטע וויל וויסן די פּראָטים. וואָלאָדיע דערקלערט אים, אַז די אויפגאַבע איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע, איר לייזונג וואָלט אַרײַנגעטראָגן אַ פּרינציפּיעלע ענדערונג אינעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס פון דער נאַפט־איבערארבעטונג. דעם אַלטן געפעלט ניט, וואָס דער זון איז ניט פולקאָם זיכער אין זײַן דערפאָלג, פאַרוואָס עפּעס — וואָלט אַרײַנגעטראָגן, פאַרוואָס ניט — וועט אַרײַנטראָגן? וואָלאָדיע גלייבט דען ניט דעם קאָמפּיוטער? דוכט זיך, אַז ער, וואָלאָדיע, באַשעפטיקט זיך מיט דער נײַסטער מאָדעל. אָדער ניין? יאָ, דער טאַטע איז גערעכט, אין אויסרעכענונגס־צענטער זײַנען איצט טעטיק די סאַמע הײַנטצײַטיקסטע מאַשינעס, דער דריטער דאָר זייערער, ביז גאָר פייַנקע, נאָר אַלץ קאָן פּאַסירן, איבערשאַצן די אייגענע קויכעס טאָר מען ניט, דערווײַל איז נאָך די מאַשין אונטערטעניק דעם מענטשן, אָפּהענגיק פון אים, שטעלסטו געלונגען איר אַ פראַגע, ענטפערט זי גוט. דאַרף מען דאָך קאָנען פרעגן...

די מאַמע קריכט אַרײַן אין די רייד, בעט, אַז די מאַנצבלען זאָלן עסן, ניט פּלאַפּלען, האָגאָם זי ווייסט, אַז איר קאָל וועט ניט דערהערט ווערן. דער זון און דער מאַן וועלן ניט אויפהערן שמועסן, דיסקוטירן, שטרײַטן. עס גייט ווײַטער אַוועק אַ רייד וועגן די לעצטע נײַס פון אויסלאַנד — וועגן די וואַלן פון אַ פּרעזידענט אין אַמעריקע, וועגן אַפגאַניסטאַן, וועגן ייִסראָעל... די מאַמע מוסערט דעם טאַטן און דעם זון, זי איז אָבער צופרידן, וואָס וואָלאָדיע פילט זיך ניט איינזאַם אין דער היים. ביז טאַטע־מאַמע לעבן, דראָעט עס אים ניט. אָבער וואָס וועט זײַן, ווען זיי וועלן אַוועק? די מאַמע טוט אַ טיפן זיפץ...

אין אוניווערסיטעט האָט וואָלאָדיע ליב געהאַט אַ מיידל. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז ער איז דער איינציקער אין איר לעבן, אַז ער איז איר טײַער און ליב, זי האָט פון דעם קיין סאָד ניט געמאַכט, און וואָלאָדיע איז געווען אַ היפּש ביסל צײַט גליקלעך, געבויט פּלענער, געוואַרט, געגרייט זיך כאַסענע צו האָבן. שפּעטער איז אָבער דעם מיידל קלאָר געוואָרן, אַז איר געפיל איז ניט אָט דער, וואָס זי האָט געמיינט, ער איז ענלעך מער אויף ראַכמאָנעס אייִדער אויף ליבע. וואָס פאַר אַ ווייטיק זי פאַרשאַפט וואָלאָדיען, האָט זי געוווּסט, דאָך ניט געשאָנעוועט אים, פאַרשניטן אָן אַ מעסער. מער האָט וואָלאָדיע ניט געקאָנט און ניט געוואָלט קלערן וועגן אײַנאָרדענען זײַן פּערזענלעך לעבן. ניט געווען, ניטאָ און ס׳וועט ניט זײַן. און אויס. וואָס ער האָט, דאָס איז זײַנס. מער איז ניט געגעבן. אַ שאָד, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? ער וואָלט גערן געשאַפן אַ מישפּאָכע, איז עס ניט אין אים געוועדנט. קליינע קינדער האָט ער ליב, טאָר ער אָבער וועגן אייגענע קינדער ניט טרוימען, ער מוז זיך באַגיין אָן דעם. ער וועט זיך באַגיין. אַ מענטש דאַרף קאָנען זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס בײַ אים איז פאַראַן. אויב אַפילע ער פאַרמאָגט זייער ווינציק, גאָר אַ קלייניקײַט, סײַווי געהער אים די גאַנצע וועלט. בײַ אים, בײַ וואָלאָדיען, אין לעבן, איז דאָ מיט וואָס צו עטעמען, ער אַרבעט, ער ברענגט נוץ.

אין אויסרעכענונגס־צענטער פאָרט וואָלאָדיע אויף זײַן אויטאָמאָביל — דעם „זאַפּאָראָזשעץ" מיט האַנט־לייטונג, — וועלכן עס האָט אים געשענקט דאָס רעפּובליקאַנישע מיניסטעריום פון סאָציאַלער באַזאָרגונג. ווען וואָלאָדיע זיצט בײַם רודער, קאָן מען מיינען, אַז בײַ אים איז אַלץ אין אָרדענונג, גאָרניט מאַטערט אים ניט. בײַ אים איז אַן איידל פּאָנעם, אַ הויכער שטערן, צוויי טיפע בלויע אויגן פינקלען אונטער די שוואַרצע געדיכטע ברעמען, דאָס מויל איז עטוואָס צעעפנט, אַ סוואָרע מאַכמעס דעם, וואָס די ליפּן זײַנען צעצויגן פון אַ שמייכל. ער לעבט. ער קלאָגט זיך ניט אויפן גורל. די גאַסן לויפן אַנטקעגן זײַן אויטאָמאָביל. ער איז פאַרליבט אין גיכער באַוועגונג. מע קאָן לעבן. ניקאָלײַ אָסטראָווסקי האָט געלעבט אַ צוגעקאָוועטער צו דער בעט, און געבראַכט נוץ. עמעס, אייִדער ס׳האָט אים צעקלאַפּט דער פּאַראַליטש, איז בײַ אים געווען סײַ דער געראַנגל מיטן סוינע אין דער רײַטער־אַרמיי, סײַ די בויונג פון דער אײַזנבאַן, סײַ די טעטיקײַט אין דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע. בײַ אים, בײַ וואָלאָדיען, איז גאָרנישט ניט געווען פריִער, פאַרן אומגליק, ער, וואָלאָדיע, קאָן מען זאָגן, איז מיט דער צאָרע געבוירן געוואָרן. נו, איז וואָס?! אַ מענטש דאַרף שטענדיק בלײַבן אַ מענטש, אַפילע אויב צוליב דעם פאָדערט זיך לאַנגיאָריקע, טאָגטעגלעכע גוווּרע.

וואָלאָדיע קלערט וועגן זײַנע נײַע אַלגאָריטמען, אין זיי איז אײַנגעשלאָסן די גאַנצע דערפאַרונג פונעם ביזאַהעריקן לעבן. ס׳וואָלט גוט געווען, אַז די אַלגאָריטמען זאָלן האָבן מאַזלבראָכע.

דעם אויטאָמאָביל לאָזט וואָלאָדיע איבער אויף דעם אַספאַלטירטן פּלאַץ לעבן אויסרעכענונגס־צענטער און שפּאַנט אויף זײַנע מיליצעס אין מאַשינען־זאַל.

— אַ גוטמאָרגן, — ווענדט ער זיך צו די כאַוויירים, וואָס זײַנען געקומען אַהער פריִער.

— אַ גוטמאָרגן דיר, וולאַדימיר מאַרקאָוויטש, טײַערער! מיר ווינטשן דיר אַלדאָס בעסטע! זײַ גליקלעך!

זײַנע מיליצעס באַמערקט ניט קיינער, עלעהיי זיי זײַנען ניטאָ דאָ.

● ● ●

כאַים מעלאַמוד

אין רויש פון די ווייצן

פון רעכטס — דער בלווילעכער טײַך קובאַן, פון לינקס — דער הויכער און געדיכטער טשערעט, וואָס שטייט ביז די קני אין וואסער, און איבער זיי — א זומערדיק־באַטאַגיקער הימל, איבער וועלכן עס זײַנען ווי צעפּאָלאָכעטע פייגלען ערעוו א שטורעם, אהין און אהער, אָט נידעריקער און אָט העכער, געפלויגן בליאסקענדיקע „יונקערס”, און איבער די קעפּ פון דעם הײַפעלע סאָלדאטן, וואָס זײַנען ווי אַרײַנגעוואקסן געוואָרן אין די אָקאָפּעס, האָבן געהאלטן אין איין שיטן זיך באָמבעס. זיי האָבן פארטויבט דעם גאנצן ארום מיט זייער גרילצערײַ, מיט זייער פײַפערײַ, וואָס האָט געשניטן די לופט, ווי מיט שארפע מעסערס, ארויסגעריסן מיט די וואָרצלען גאנצע סנאָפּעס אָטשערעט, אופגעהויבן און בייז געשלײַדערט ארום זיך פארקויטיקטע וואסער־פאָנטאנען, און אָפּט, אוי, ווי אָפּט, געמאכט שיטערער די ריי פון דער ראָטע רויטארמייער, וואָס האָט אקשאָנעסדיק געהאלטן זיך און אָפּגעשלאָגן איין אטאקע נאָך דער אנדערער.

פון רעכטס — א טײַך, פון לינקס — טשערעט, און איבער זיי — דער צעבייזערטער, צעבורשעוועטער הימל, וואָס האָט געריסן שטיקער פון דער ערד. נאָר הינטער די אָקאָפּעס איז געווען די קאזאקישע סטאניצע ווארעניקאָווסקאיא, א גרויס דאָרף פול מיט מענער, פרויען און קינדער, און די ראָטע יאם־פּעכאָטינצעס, מיט וועלכער ס'האָט קאָמאנדעוועט דער לייטענאנט אבא פישער, האָט געהאט בלויז איין באפעל: האלטן זיך און ניט דורכלאָזן דעם סוינע. און זיי האָבן זיך געהאלטן.

ארום און ארום האָט געשמעקט מיט פריִען סאָף־זומער, ווען אף די אופגעראמטע ווייצענע פעלדער הייבט אָן צווישן דער סטערניע ארויסוואקסן יונג גראָז, ווען, ווי א גרינער וואלד, שטייט דער שטאָלצער פאפשוי, און די זונרויזן האָבן נאָך ניט אינגאנצן אָפּגעבליט. די צוגעקליבענע פעלדער האָבן געגעבן א מעגלעכקײַט זען אלץ ארום זיך אף א ווײַטן מעהאלעך, און דאָס קליינע וועלדל ניט ווײַט פון די אָקאָפּעס איז געווען די בעסטע באהעלטעניש פאר דער קיך, פאר די פאָר וועגענער און פאר אלע איבעריקע ווירטשאפטלעכע דינסטן, אָן וועלכע אן אָפּגעזונדערטע ראָטע קאָן זיך ניט באגיין. אלץ איז געווען ווי בא לײַטן. און אין דער לופט איז געהאנגען אן אויסטערלישער געמיש פון רייכעס: פון פײַכטן אָטשערעט און וויאנענדיקן צוויט, פון פרישן גראָז און שטענדיקן רויך. אן איבערגעמיש פון לעבן און טויט.

נײַן טעג האָט אבא פישער מיט זײַן ראָטע אײַנגעהאלטן די שוץ־ליניע הינטער ווארעניקאָווסקאיא. די סטאניצע האָט ווי פארטײַעט זיך, אויסבאהאלטן אירע אײַנוווינער פון דעם סוינעס באָמבעס. און סאמע דאָס אומגלייבלעכסטע און אוואדע דאָס סאמע פריידיקסטע און דערמונטערנדיקע איז געווען דאָס, וואָס אָפּטמאָל, אין די געציילטע שטילע באנאכטיקע שאָען, האָבן אין די אָקאָפּעס זיך באוויזן עטלעכע מיידלעך מיט קריגלעך פרישער, נאָך ווארעמער מילך. זיי האָבן שווײַגנדיק געקוקט, ווי די פארשווארצטע פון שטויב און רויך רויטארמייער טרינקען מיט אן אומענטשלעכן דורשט די מילך, דאנקען אָפּ אויך אזוי, שווײַגנדיק, פּאָשעט דערפאר, וואָס זיי זײַנען שטארק מיד און ס'איז זיי שווער ארויסרעדן א וואָרט, נאָר אין אָט די קורצווײַליקע באנאכטיקע באגעגענישן, אין אָט דעם שווײַגנדיקן אויסטויש פון מענטשלעכע געפילן איז געווען אזוינס, וואָס האָט פארביטן מיט זיך פיל און פיל ווערטער.

— האלט זיך, ליבינקע, האלט זיך, טײַערינקע, — האָבן געבעטן די מיידלשע אויגן.

— מיר װעלן זיך האַלטן, — האָבן אױך בלױז מיט די אױגן געענטפערט די מאַטראָסן.

ס'האָט זיך באַקומען אַזױ: דער זיבעצנטער קובאַנער קאַװאַלעריסטישער קאָרפּוס, װעלכער האָט אָפּערירט אין דעם ראַיאָן, איז דרינגענדיק איבערגעװאָרפן געװאָרן אַף אַן אַנדער באַצירק, און באַשיצן קובאַן איז באַפױלן געװאָרן דער אַזאָװער מיליטערישער פלאָטיליע, מיט װעלכער ס'האָט דאַן קאָמאַנדעװעט דער קאָנטראַדמיראַל ס. ד. גאָרשקאָװ. כּוץ די שיפן, זײַנען אין באַשטאַנד פון דער פלאָטיליע אַרײַנגעגאַנגען צװײ באַטאַליאָנען יאַם־פּעכאָטע: דער 305־טער, מיט װעלכן עס האָט קאָמאַנדעװעט דער מאַיאָר קוניקאָװ, און דער 144־טער (קאַפּיטאַן װאָסטריקאָװ). אַבע פישערס ראָטע איז אַרײַן אין באַשטאַנד פון דעם 144 באַטאַליאָן.

אַפן צענטן טאָג פון די שלאַכטן האָט די ראָטע באַקומען אַ באַפעל זיך פאַרײניקן מיטן באַטאַליאָן, װאָס האָט זיך געשלאָגן הינטער טעמריוק. עטװאָס שפּעטער האָט מען זיך דערװוּסט פון דער באַגריסונגס־טעלעגראַם פונעם מאַרשאַל בודיאָני, אַז קעגן דעם 144־טן באַטאַליאָן האָט אָנגעגרײַפט אַ דײַטשישע דיװיזיע, װעלכע האָט אין גאַנג פון די שלאַכטן פאַרלױרן פינף און זיבעציק פּראָצענט פון איר באַשטאַנד.

אַבע פישער. 9 מײַ 1945

װען זשע איז דאָס געװען? אַמאָל דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ װײַטע דערמאָנונג, אַ כאָלעם, אין װעלכן ס'איז שװער צו גלײבן. עס טרעפט אױך, אַז יענער גרױזאַמער אױגוסט פון דעם צװײ־און־פערציקסטן יאָר שטײט אױף פאַר די אױגן אַזױ בולעט, גלײַך ס'איז געװען ערשט נעכטן.

אַבע פישער האָט באַקומען אַ קורץ בריװעלע:

„דער אױספּירקאָם פון װאַרעניקאָװסקער ראַט פון פאָלקס־דעפּוטאַטן לאַדט אײַך אײַן אַף אַ באַגעגעניש מיט די אײַנװױנער פון דער סטאַניצע װאַרעניקאָװסקאַיאַ לעקאָװעד איר באַפרײַונג פון די דײַטשיש־פאַשיסטישע פאַרכאַפּער. די באַגעגעניש װעט פאָרקומען דעם 26 סענטיאַבער 1979, 8 אַזײגער אינדערפרי".

דעם גאַנצן װעג פון דניעפּראָפּעטראָװסק ביז דער סטאַניצע װאַרעניקאָװסקאַיאַ האָט אַבע פישער זיך געהאַלטן אין אײן אַריבערטראָגן אין דער װײַטער מילכאָמע־צײַט, װען עס פלעגן מאַמעש געשען אומגלײבלעכע ניסים.

אָט שטײט פאַר זײַנע אױגן דער קאָמאַנדיר פון אַ װזװאָד לײטענאַנט זיקאָװ. ער שטײט אַ פאַרשמירטער אין לײם און פאַרװיקלטער אין רױך, אַ פאַרסאַזשעטער און אַ פאַרשװאַרצטער, שױן מער פון אַ װאָך צײַט ניט קײן געגאָלטער. פאַר נײַן מעסלעס אומופּהערלעכע באָמבאַרדירונגען און אַטאַקעס איז ער געװאָרן אױסגעצערט. ער פינטלט פאַרכידעשט מיט די אײַנגעשרומפּענע רױטלעכע אױגן, װי ער װאָלט אַלײן ניט געגלײבט, אַז נאָך אַלעמען, נאָך אָט די נײַן שרעקלעכע מעסלעס, איז ער געבליבן לעבן און זעט אַרום זיך לעבעדיקע מאַטראָסן. און אים, זיקאָװן, דאַרף עס ער, אַבע, אָפּגעבן דעם באַפעל, ער זאָל בלײַבן מיט זײַן װזװאָד אַף אָט דעם צעפּאַסעװעטן שטיקל ערד און אײַנהאַלטן עס מיט אַלע קױכעס, װאָרטנדיק אַפן אָרדנטלעכן באַפעל. אים, אַבען, װאָלט געװען הונדערט מאָל גרינגער אַלײן צו בלײַבן דאָ מיט אײנעם פון די װזװאָדן פון זײַן ראָטע, אײדער איבערלאָזן אַן אַנדערן. נאָר דער קאָמבאַט װאָסטריקאָװ האָט אַזױ באַפױלן, און ער קאָן גאָרנישט ניט ענדערן.

מיט אָט דעם שװערן געפיל האָט ער דאַן איבערגעלאָזט זיקאָװן מיט זײַן װזװאָד לעם דער סטאַניצע װאַרעניקאָװסקאַיאַ, און מיט די איבעריקע צװײ װזװאָדן איז ער אַװעק קײן טעמריוק, קעדײ זיך פאַרײניקן מיטן באַטאַליאָן. דער געפיל װערט װאַרעמער, פול מיט טרײסט און טײלװײַז אױך מיט זעלבסטבאַרעכטיקונג. נאָך אַלעמען איז דער לײטענאַנט זיקאָװ אַרױס אַ לעבעדיקער — סײַ פון יענע שלאַכטן, סײַ פון דער מילכאָמע ביכלאַל.

פאַרװאָס איז פלוצלינג אױפגעקומען פאַר אים אַ ברענענדיקער װאַלד? דאָס, װאָס איז פאַרבונדן מיטן װאַלד, איז דאָך פאָרגעקומען שפּעטער, ער איז שױן דאַן געװען פאַרטרע־

טער פונעם קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן. אין גאַנג פון דער שלאַכט האָט איין ראָטע זיך אַרויס־גערִיסן ווײַט פאָרויס, און די דריטע, וועלכע האָט אָפּערירט אויפן רעכטן פלאַנג, איז געבליבן ערגעץ פונהינטן. איז ער אַוועק אויסקלאָרן, וואָס עס איז געשען מיט איר. און וואָס האָט ער דאָרט דערזען?.. אייגנטלעך, זען איז שוין ניט געווען וואָס, מע האָט נאָר געקאָנט פאָרשטעלן זיך, וואָס פאַר אַ פאַרניכטנדיקן פײַער האָט פאַרפלייצט די פּאָזיציעס פון דער דריטער ראָטע, וועלכע האָט אין גאַנג פון דער שלאַכט זיך פאַרטיפט אין אַ ניט גרויסן וואַלד. דאָס וועלדל האָט אויסגעזען, ווי אונטערגעקאָסיטע, אָראָפּגעשניטן מיט אַ פײַער־מעסער. דיביימער זײַנען געשטאַנען אָן קעפּ, מיט אָפּגעשינדטער און אַראָפּהענגענדיקער קאָרע, מיט אַרויסשטאַרצנ־דיקע שפּיצן, פאַרקרימטע און מעגושעמדיקע, אין וועלכע ס'האָבן זיך אַרײַנגעשניטן פיל גרע־סערע און קלענערע שפּליטערס. די צעצווײַגטע קרוינען האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, און מע האָט מאַמעש געקאָנט הערן, הערן און פילן, ווי זיי וואַרפן זיך, ציטערן אונטער אין זייערע גסיסעסדיקע אַנגסטן. דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע איז געלעגן אַ שווער פאַרווונ־דעטער, מיט אַן אַראָפּגעריסענעם פּוס, און קיינער האָט ניט געוווסט, וווהין אים אַוועקטראָגן, ווײַל די פאַרבינדונג מיטן באַטאַליאָן איז געווען איבערגעריסן.

גלײַך ווי דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע וואָלט איצט געשטאַנען פאַר אים, שעפּטשעט ער אַרויס זײַן פאַמיליע מיט אַ שמייכל.

— אונטערשלאַק... וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַמיליע, אונטערשלאַק?..

— און דאָך... אַ גליקלעכע פאַמיליע.

— געדענקסט, גריגאָרי יעפימאָוויטש?..

ער האָט דאַן באַפוילן אַ צווייטן לייטענאַנט איבערנעמען די קאָמאַנדשאַפט איבער דער דריטער ראָטע, און אים, גריגאָרי יעפימאָוויטשן, האָט ער איבערגעפעקלט אין מעדסאַנבאַט — מיט זייער קנאַפּע האָפענונגען, אַז ער וועט זיך אַרויסדראַפּען. ביז וואָס־וועגן האָט אונטער־שלאַק פאַרלוירן אַ סאַך בלוט. און דאָך... ער לעבט און וווינט איצט אין ראָסטאָוו.

— געדענקסט, גריגאָרי יעפימאָוויטש? — פרעגט ער, און אים דוכט זיך, אַז יענער ענט־פערט:

— עס טרעפן ניסים אויף דער מילכאָמע.

יאָ, עס טרעפן, נאָר זייער זעלטן. אַנדערש וואָלט ניט געשען דאָס, וואָס מיט וויטיאַן.

— עך, וויטיאַ... ווער האָט דיך געשיקט, ווער האָט דיך געבעטן?..

נאָר אַזאַ איז ער שוין געווען, דער יונגאַ וויטיאַ טשאַלענקאָ, דאָס פּערצניאַריקע מאַ־טראָסל, קימאַט נאָך אַ קינד, אַ כײַנעוודיק באָכערל, וועמען אַלע מאַטראָסן האָבן ליב געהאַט, און יעדערער האָט זיך געסטאַרעט אָפּזוכן פאַר אים עפּעס אַ נאַשערײַ. ער אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ דערוואַקסענעם און מיט אַלע מיטלען זיך געסטאַרעט דערווײַזן, אַז ער איז אַן עמעסער מאַטראָס. ער האָט שטענדיק זיך געוואָרפן אין סאַמע געדיכטן פײַער און אָפּט אָנטיילגענומען אין ריזיקאַלע אָפּעראַציעס. ער האָט געקאָנט זיך דורכשמוגלען צו אַ דײַטשישן אָבאָז, וואָס האָט זיך באַוועגט מיט אַ זײַטיקן וועג, פאַרכאַפּן אַ פורל מיט פּראָדוקטן און ברענגען אין דער ראָטע דאָס פורל אײַנײַנעם מיטן סאָלדאַט. ער האָט שוין באַוויזן באַקומען אַן אָרדען פונעם „רויטן שטערן", און ווער נאָך האָט געזונגען אַזויפיל לידלעך, ווי אָט דאָס שוואַרצכײַנעוודיקע יאַטל, דער יונגאַ וויטיאַ טשאַלענקאָ?

— עך, וויטיאַ, וויטיאַ!..

נאָר דאָס ווײַטערדיקע איז פאַרבונדן מיט די שלאַכטן אויף דער קליינער ערד, ווען ער, אַבער פּישער, איז שוין געווען קאָמאַנדיר פונעם 144־טן באַטאַליאָן פון דער יאַם־פּעכאָטע.

דעם 4 פעברואַר 1943 האָט דאָס שמאָלע פּאַסיקל ערד אונטער נאָוואָראָסײַסק באַהערשט דער ערשטער דעסאַנט בעראָש מיטן לעגענדאַרן קאָמאַנדיר צעזאַר קוניקאָוו. טאָג און נאַכט האָבן אויף דעם פאַרכאַפּטן פּלאַצדאַרם זיך אַרויסגעזעצט אַלץ נײַע אָטריאַדן, גאַנצע מיליר־טערישע טיילן. דעם 8 פעברואַר האָט זיך אַרויסגעזעצט די 83־טע בריגאַדע פון יאַם־פּעכאָטע, אין באַשטאַנד פון וועלכער ס'איז געווען דער 144־טער באַטאַליאָן.

מע דאַרף ניט קיין סאַך, אַז פאַר די אויגן זאָלן ווידער אויפקומען דער צעבושעוועטער יאַם, די איבערגעלאָדענע שיפן, אויף יעדער שיף אַ באַטאַליאָן, די בלענדנדיקע דײַטשישע פּראָ־זשעקטאָרס, די סנאַריאַדן און מינעס, וואָס האָבן זיך געריסן אַרום די שיפן. נאָך ווײַט פונעם ברעג זײַנען די מאַטראָסן אַרויסגעשפּרונגען און געלאָזט זיך פאָרויס, גייענדיק ביזן האַלדז אין וואַסער. זיי האָבן זיך דערקליבן צום ברעג, טאַקע אויף דעם פּאַסיקל ערד, אויף וועלכן עס האָט שוין אָפּערירט דער אָטריאַד פון צעזאַר קוניקאָוו, און זיי אַלעמען האָט באַגלייט איין הייסער באַפעל — אָנגרײַפן, אום יעדן פּרײַז אָנגרײַפן און פאַרברייטערן דעם פּלאַצדאַרם!

אלץ איז געווען אזוי, ווי לעאָניד איליטש ברעזשנעוו שרײַבט אין זײַן בוך „די קליינע ערד”: „די ערד האָט געברענט, שטיינער האָבן זיך געריכערט, מעטאַל האָט זיך געשמעלצט און בעטאָן האָט זיך געדרויבלט”. איצט זעט אַלץ אויס אומגלייבלעך. ס'איז פּאַשעט שווער פאַרשטעלן זיך, ווי מענטשן האָבן געקאָנט אויסהאַלטן אזא דרוק פון די פאַשיסטן, וועלכע האָבן געשטרעבט אום יעדן פּרײַז אומברענגען די דעסאַנטן, פאַרברענען זיי, צעשמעטערן זיי, דערטרינקען אין יאַם. נאָר דאָס האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן.

יאָ, ס'איז געווען פונקט אזוי, ווי עס שרײַבט לעאָניד איליטש ברעזשנעוו. „ראָטעס האָבן אײַנגעהאַלטן דעם דרוק פון באַטאַליאָנען, באַטאַליאָנען האָבן איבערגעמאָלט פּאָלקן, פאַרווונדעטע האָבן, אָפּשטויסנדיק די סאַניטאַרן, זיך געוואָרפן מיט גראַנאַטעס קעגן די טאַנקען”.

און ער, דער יונגער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר און יונגער קאָמוניסט אבא פישער, האָט געטראָגן אין זיך יענעם אומבאַזיגבאַרן דראַנג און כּיוון צו דערווײַזן, אַז דאָס, וואָס באַשטימט איצט זײַן נײַעם זײַן, איז ניט קיין צופעליקײַט, אַז ער אַליין איז אויך א פאַרקערפּערונג פון יענע געזעצמעסיקײַטן, מיט וועלכע עס איז דורכגעדרונגען אונדזער קויעך אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ער מוז דאָס באַזונדערס דערווײַזן דערפאַר, ווײַל זײַן אַרײַנטרעטן אין פאַרטיי איז געווען אויך ווײַט ניט געוויינלעך.

א קאַנדידאַט איז ער געוואָרן אין סאַמע ברען פון די שלאַכטן אונטער טעמריוק, ווען ס'איז צעגראַמירט געוואָרן די דריטע דײַטשישע שיסער־דיוויזיע. דער נאַטשאַלניק פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער בריגאַדע, פּאָלקאָווניק אַנדריי איוואַנאָוויטש ריטאָוו, וועלכער האָט זיך געפונען אין זייער באַטאַליאָן בייס די שלאַכטן, האָט אים דאַן געגעבן א רעקאָמענדאַציע. געווען איז דאָס אין סענטיאַבער כוידעש, און אין דעקאַבער האָט דער פּאָלקאָווניק ריטאָוו אים געזאָגט:

— הער נאָר, פישער, שרײַב אָן א מעלדונג, מע זאָל דיך אַרײַננעמען אַלס מיטגליד פון פאַרטיי.

— ווי:אזוי קען דאָס זײַן? מײַן קאַנדידאַטן־סטאַזש איז נאָך ווײַט ניט געענדיקט.

— אָף דער מילכאָמע ווערן קאָמוניסטן רײַפער פאַר א קורצער צײַט. שרײַב אָן א מעלדונג. און איך גיב דיר א רעקאָמענדאַציע. וועסט זײַן א פאַרטיי־מיטגליד פון טויזנט נײַן הונדערט צוויי־און־פערציקסטן.

ווי זשע קאָן מען זיך פירן אַנדערש?

דעם 8 פעוורואַל האָבן זיי זיך אַרויסגעזעצט אָף דער קליינער ערד און דעם 9 פעוורואַל...

יאָ, דאָס געדענקט ער פּינקטלעך. עך, וויטיאַ, וויטיאַ...

ניט ווײַט פונעם אַעראָדראָם האָט דער אָנגריף פונעם באַטאַליאָן זיך אָפּגעשטעלט. א דײַטשישער קוילנוואַרפער האָט ניט געלאָזט אויפהייבן דעם קאָפּ. קיין אַרטילעריע אָף דערשטיקן דעם קוילנוואַרפער איז אָף דער קליינער ערד נאָך ניט געווען. דעם דעסאַנט האָט אונטערגעהאַלטן מיט איר פײַער די אַרטילעריע פון דער גרויסער ערד. און אומגעריכט האָט אָף דער פאַרשנייטער ערד זיך באַוויזן א פּויזענדיקע פיגור, וואָס האָט גאַנץ גיך און אָקשאָנעסדיק זיך באַוועגט אַהין, פונוואַנען עס האָט געשאָסן דער קוילנוואַרפער.

— ווער פּויזעט עס? — האָט אבא א דערשטוינטער געפרעגט באַם ראָטע־קאָמאַנדיר קוניצין.

— וויטיאַ, — האָט יענער אָפּגעענטפערט. — איך האָב געזאָגט, געוואָרנט, פאַרווערט! און ער...

ער האָט ווי פאַרענטפערט זיך פאַרן קאָמבאַט, פילנדיק די אייגענע שולד פאַר דעם, וואָס ער האָט ניט באַוויזן אָפּהאַלטן וויטיען פון אָט דער ריזיקאַלער אַקציע. אַלע האָבן מיט א פאַרטײַעטן אָטעם נאָכגעקוקט, ווי וויטיאַ פּויזעט איבער דער פאַרשטיינערטער ערד, און יעדערער האָט זיך דערפילט א ביסל שולדיק דערפאַר, וואָס ניט ער איז אָף וויטיעס אָרט. און מיט יעדן שפּאַן, וואָס וויטיאַ האָט זיך דערנענטערט צום קוילנוואַרפער, איז בא פיל אויפגעקומען די גרייטקײַט צו לאָזן זיך גלײַך נאָך אים. וויטיאַ האָט א וואָרף געטאָן א גראַנאַטע און איז צוגעפאַלן צו דער ערד, וואַרטנדיק, דער קוילנוואַרפער זאָל אַנשוויגן ווערן. נאָר דער קוילנוואַרפער האָט פאַרגעזעצט באַשיסן די אָנגרײַפנדיקע. האָט ער זיך ווידער אויפגעהויבן, א וואָרף געטאָן א צווייטע גראַנאַטע, נאָר דער קוילנוואַרפער האָט פאַרגעזעצט שיסן. וויטיאַ האָט געוואָרפן די דריטע גראַנאַטע. און ווידער דאָס זעלבע. ער איז שוין געווען נאָענט לעם דער אַמבראַזורע. האָט ער זיך אויפגעהויבן און א וואָרף געטאָן זיך אָף איר מיט זײַן יונגן, נאָך קימאַט קינדערשן קערפּער און פאַרדעקט דעם קוילנוואַרפער. מיט א הילכיקן „הוראַ!” האָט דער באַטאַליאָן זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין אַטאַקע, אָפּגיך פאַרכאַפּט דעם אַעראָדראָם און א טייל פונעם דאָרף אַלעקסייעווקאַ.

ווּטיאַ איז צוגעשטאַנען צו די מאַטראַסן פֿאַבריקן זומער אין יעיסק, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט בלײַבן אונטערן יאָך פֿון די פֿאַשיסטן. אוי, ווי טיף ער האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען, אָט דער ווּטיאַ, ווי העלדיש זיך געשלאָגן מיטן סוינע און ווי העלדיש אומגעקומען! דער יונגאַ ווּטיאַ טשאַלענקאָ...

אַלץ איז געווען אַזוי, ווי עס קומט געוויינלעך פֿאָר אָף אַזעלכע באַגעגענישן. פֿון די, וואָס האָבן דאַן געהאַלטן די פּאָזיציעס הינטער דער סטאַניצע וואָרעניקאָווסקאַיאַ, איז ער געווען איינער. פֿון די, וואָס האָבן מיט אַ צײַט שפּעטער באַפֿרײַט די סטאַניצע, איז געווען אַ גאַנצע גרופּע אָפֿיצערן און סאָלדאַטן. מע האָט זיך געדאַרפֿט באַקאַנען, דערמאָנען אַ סאַך פֿון דעם, וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרגעסן, מע האָט זיך געדאַרפֿט באַקאַנען מיט אַ גרויסן אוילעם בערדיקע קאָזאַקן, מיט יונגע און אַלטע פֿרויען, מיט שילער און לערער. אים האָט אַ ביסל איבעראַשט דער גרויסער אוילעם, וואָס איז אַרויס אים באַגעגענען, די געהעכערטע פֿײַער־לעכקײַט, וואָס האָט געהערשט אָפֿן פּלאַץ. אַלץ אין אים האָט געפּלאַטערט פֿון אופּרעגונג, נאָר צו אַזעלכע זאַכן ווערט מען געוווינט. האָט ער זיך געהאַלטן רויִק, ביז קעגן אים האָט זיך אויסגעשטעלט אַ פּיִאָנערישער אָטריאַד, און אַ מיידעלע מיט בלאָנדע צעפּעלעך און מיט אַ רויטן האַלדזטיכל האָט אַ שפּאַן געטאָן פֿאָרויס, אופֿגעהויבן די האַנט און מיט אַ דין, נאָך קינדעריש־קלינגענדיק קעלעכל אָפּגעראַפּאָרטירט:

— דער פּיִאָנערישער אָטריאַד אָפֿן נאָמען פֿון אַבאַ מענדעלעוויטש פּישער איז געקומען אָף דער פֿײַערלעכער באַגעגעניש...

און דאָ האָט דער פֿאַרהאַרטעוועטער אָפֿיצער, וועלכער האָט זיך אָנגעזען מיט אַזויפֿל, וואָס עס איז שווער איבערדערציילן, ניט אויסגעהאַלטן. ס'האָט אים מוירעדיק אַ וואָרג געטאָן אין האַלדז, און די טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פֿון די אויגן.

דאָ מוז איך איבעררײַסן די דערציילונג וועגן אַבאַ פּישערן און דערמאָנען אַן אַנדער געשיכטע פֿון אַ פֿיל ווײַטערער צײַט.

אין די דרײַסיקער יאָרן זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין אַ סאָציאַליסטישן פֿאַרמעסט די ראַיאָ־נען און געגנטן פֿון אוקראַיִנע און פֿון רוסלאַנד. אונדזער זאַפּאָראָזשיער געגנט האָט זיך פֿאַרוועט מיט דער ראָסטאָווער, און אָפֿן גורל פֿונעם נײַ־זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן איז אויסגע־פֿאַלן צו פֿאַרמעסטן זיך מיטן צימליאַנסקער ראַיאָן. ווײַזט אויס, אַז די געשיכטע אַליין האָט אומיסטן צוגעטראַכט דעם דאָזיקן געוועט, עס זאָלן זיך צונויפֿקומען יִידן און קאָזאַקן, און אָט די צוויי פֿון דוירעס „ווידערשפּרעכלעכע" קאַטעגאָריעס זאָלן אַ קלונג טאָן אין דער נײַער צײַט מיט זייער איבעראַשנדיקער געמיינזאַמקײַט.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿאַרעניש. דעלעגאַציעס פֿון די קאָזאַקישע קאָלווירטן זײַנען גע־פֿאָרן קיין נײַ־זלאַטאָפּאָל, און דעלעגאַציעס פֿון די ייִדישע קאָלווירטן זײַנען געפֿאָרן קיין צימליאַנסק. די קאָזאַקן זײַנען געווען אַ ביסל שאָקירט. ייִדישע קאָלווירטן? עס קאָן ניט זײַן! און פֿונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען? ס'איז אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע! אַן אַלטער קאָזאַק, קיריי איוואַנאָוויטש האָט מען אים גערופֿן, האָט זיך אײַנגעאַקשנט:

— איך וועל ניט גלייבן, ביז כ'וועל אַלץ אַליין ניט זען מיט די אייגענע אויגן...

ווען די דעלעגאַציע פֿון צימליאַנסק איז געקומען קיין נײַ־זלאַטאָפּאָל, איז געשען נאָך שענערס. אין אַלע דערפֿער האָט מען זיך געגרייט צו אָט דער באַגעגעניש, ווי צו אַ גרויסן יאָמטעוו. מע האָט געקאָכט און געבאַקן, געוואַשן די הײַזער און גערייניקט די הויפֿן אַזוי, אַז קיין פֿעדערל אָדער אַ בודיקל זאָל אָף זיי ניט זײַן. קליין און גרויס איז אַרויס באַגעגענען די געסט.

געשען איז דאָס אין ייִדישן דאָרף נאַזאַרעוויטש. אַלע האָבן אַרויסגעקוקט אָף די געסט, נאָר ווען ס'האָבן זיך אַ ווײַז געטאָן דרײַ טאַטשאַנקעס מיט קאָזאַקן, אין גלאַנציקע שטיוול, אין בלויע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן, אין בלויע היטלען מיט גלאַנציקע דאַשעקעס און רויטע אָקאָלישקעס, און באַ יעדערן האָט אָף דער רעכטער זײַט זיך געבאָמבלט אַ שווערד, האָט עמעצער אויסגעשריִען:

— אוי, קאָזאַקן!

אין איין אויגנבליק איז די גאַס פּוסט געוואָרן. אַלע זײַנען זיך צעלאָפֿן אַהיים און צוגע־שלאָסן אַלע טירן און פֿענצטער. ס'האָט געמוזט דורכגיין אַ שטיקל צײַט, דער אוילעם זאָל קומען צו־זיך, ער זאָל קאָנען דערפֿילן און באַנעמען דעם לויף פֿון דער צײַט, די פֿאַרגעקו־מענע גרינטלעכע ענדערונגען, וועלכע האָבן באַטל געמאַכט פֿיל באַגריפֿן און פֿאַרשטעלונ־גען, בעסוכעם אויך דאָס, וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן וואָרט „קאָזאַקן". ביסלעכווײַז האָט דער

עולם אָנגעהויבן אַרויסקומען אַף דער גאַס, מע האָט זיך באַקאַנט, באַגריסט, געדריקט די הענט און מיט נײַע אויגן, אָן שרעק געקוקט אַף די בלויע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן. צווישן דער דעלעגאַציע איז אויך געווען דער אַלטער קאָזאַק קיריי איוואַנאָוויטש.

איך בין דאַן אַרומגעפּאָרן מיט דער דעלעגאַציע פון קאַלווירט צו קאַלווירט און יעדן טאָג געשריבן רעפּאָרטאַזשן פאַר דער ראַיאָנישער צײַטונג. איך האָב באַשריבן, ווי־אַזוי קיריי איוואַנאָוויטש איז אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער, ווי אַן עכטער רעוויזאָר, אַלץ באַקוקט און באַטאַפּט מיט די הענט, געווען אַ ביסל צעטומלט, אַ ביסל דערשטוינט און אַ ביסל אַנ־טוישט, גלײַך אַלץ, וואָס ער זעט, איז אים ניט צום האַרצן. ער איז געווען באַזונדערס איבער־ראַשט, ווען מיר זײַנען געקומען קיין סלאַדקאָוואָדנע. דאָס איז דאַן געווען דער בעסטער קאָלווירט אין ראַיאָן, און ס׳איז געווען מיט וואָס איבעראַשן די געסט.

דער סאָד פון קיריי איוואַנאָוויטשס צעצווייטקײַט, פון זײַנע ראַנגלענישן מיט זיך אַליין האָט זיך אַנטפּלעקט דעם זעלבן אָוונט אַף דער רײַכער קאָלווירטישער סודע. ווען ער האָט אויסגעטרונקען די ערשטע קוסע, האָט ער געגעבעטן אַ וואָרט.

— טײַערע פרײַנט, — האָט ער אָנגעהויבן און זיך פאַרהוסט. — איך וויל בײַ אײַך הײַנט פּײַערלעך בעטן, איר זאָלט מיר מוחל זײַן. מײַן זון איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַוועק אַרבעטן אין ראָסטאָוו און דאָרט כאַסענע געהאַט פאַר אַ ייִדישקע. איך בין געווען ניט צו־פרידן. פיל דורעס האָט מען אונדז אײַנגערעדט, אַז ייִדן זײַנען אונדז קיין קרויווים ניט... דערציילן אײַך, וואָס איך האָב איצט איבערגעלעבט, איז פּאַשעט אוממעגלעך. כ׳פאַרשטיי, אַז אַמאָליקע יאָרן האָט מען אונדז אָפּגענאַרט. הונדערטער יאָרן געהאַלטן אונדז אין איין נאַרן. דאָ מעלדע איך, אַז איר אַלע זײַנט איצט מײַנע מעכוטאָנים. לאָמיר זיך צעקושן!
מעכוטאָנים... אַזוי האָט געהייסן מײַן פאַרצייכענונג וועגן דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס איז דאַן געווען אָפּגעדרוקט אין דער קיִעווער צײַטונג „דער שטערן".

ווען די דעלעגאַציע פון די ייִדישע קאָלווירטן איז דאָס צווייטע מאָל געקומען קיין צימ־ליאַנסק, געווען איז דאָס אין מײַ פינף־און־דרײַסיקסטן, איז געשען ביז גאָר אויסערגעוויינ־לעכס. לויט די אײַנגעשטעלטע טראַדיציעס, זײַנען בײַס די ערשטמײַיקע פּײַערונגען פאַרגע־קומען געווען צווישן די דזשיגיטן. עמעצער פון די קאָזאַקן, אַפּאָנעם, אין אַ שפּאַס, האָט געפרעגט בײַ די געסט, צי עמעצער פון זיי וויל אָנטיילנעמען אינעם געוועט, זײַענדיק זיכער, אַז מיט דער דזשיגיטאָווקע האַלט עס בײַ זיי שוואַך.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — האָט זיך אָנגערופן דער פאַרזיצער פון דעם סלאַדקאָ־וואָדנער קאָלווירט מאָטל בערדישעוו. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער זיך אומגעקערט פון דער רויטער אַרמיי, וווּ ער האָט דרײַ יאָר געדינט אין דער קאַוואַלעריע.

מע האָט צוגעפירט צו אים אַ פערד — אַ לייב, אַ ווילדע בריִע, נאָר ער האָט שוין גע־ווּסט, ווי־אַזוי באַגיין זיך מיט אַזוינס־אַ. דער סאָף איז געווען, אַז די זשורי, וועלכע איז באַשטאַנען פון די כאָשעווסטע זקיינים פון דער סטאַניצע, האָט צוגעמישפּעט מאָטלען דעם ערשטן פּריז.

דעם זעלבן טאָג האָט זיך צונויפגעקליבן אַ סכאָדקע, וועלכע האָט אײַנשטימיק באַשלאָסן אָנעמען אַלע מענער פון דער דעלעגאַציע אַלס קאָזאַקן פון דער סטאַניצע צימליאַנסקאַיאַ, אַרויסגעבן זיי די געהעריקע אוניפאָרם און די נייטיקע דאָקומענטן.

דרײַ מענער, מאָטל בערדישעוו, כאַים שלאַכטער און אַרן גלויבמאַן האָבן זיך אומגעקערט אַהיים אין בלויע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן, אין גלאַנציקע שטיוול און אויך מיט שווערדן. דאַן האָט קיינער פון זיי ניט געטראַכט, ווי דאָס אַלץ וועט זיך אָפּרופן אַף זייער ווײַטער־דיקן גורל. נאָר ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט אַרן גלויבמאַן, דער פאַרזיצער פונעם קאָלווירט אַפּן נאָמען פון ראָזע לוקסעמבורג, אָנגעטאָן די קאָזאַקישע אוניפאָרם, אַוועק אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, געוויזן זײַן דאָקומענט און געפאָדערט, מע זאָל אים שיקן בלויז אין אַ קאַוואַלערישער טייל פון די דאָנער קאָזאַקן.

אויסערלעך איז גלויבמאַן געווען טאַקע ענלעך אַף אַ קאָזאַק: הויך און ברייטפּלייציק, זומער און ווינטער אין שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס, מיט אַ פאַרברענט פון זון און ווינט פּאָנעם, מיט אַ ברייטן און גיכן שפּאַן. אין זײַן כאַראַקטער איז אָבער ניט געווען קיין סימען פון קאָזאַקישן. אַפילע פאַר אַ פאַרזיצער פון קאָלווירט איז ער געווען צו ווייכהאַרציק, עמאָ־ציאָנעל איבערגעלאָדן. ווי יעדע פּאָעטישע נאַטור, איז ער, ווי מע זאָגט, אַ ביסל צופיל גע־פלויגן אין די הימלען. קיינעם איז אַפילע אַפּן זינען ניט געקומען, אַז בעסאָד־סוידעס שרײַבט ער לידער. דאָס האָט אים אין די שווערע דרײַסיקער יאָרן געבראַכט ניט ווייניק אָגמעסנעפעש. ניט געווען קיין איין באַראַטונג, מע זאָל ניט דערמאָנען זײַן נאָמען צווישן די, וועמען מע האָט קריטיקירט. און ער, ווי גאָר צופרידן דערמיט, וואָס מע האָט דערמאָנט זײַן נאָמען, האָט

צופרידן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: ס׳הייסט, יאָ, גערעכט, ער איז טאַקע שולדיק און האָט פאַרדינט א הארב וואָרט.

אָט דער דורכויס ציווילער מאַן האָט דורכגעמאַכט די גאַנצע מילכאָמע רײַטנדיק, מיט אַלע אומגעהײַערע קאָמפּליצירטקײַטן, וואָס זײַנען אויסגעפאַלן אַף דער קאַוואַלעריע בײַס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אים אין א יאָר ארום נאָך דער מילכאָמע, טאַקע אין דעם זעלבן קאָלווירט, וועלכן ער האָט געגומען אופהייבן פון זײַנע רויִנען. איצט איז אין אים אַלץ געווען קאַזאַקיש: די לאַנגע וואָנצעס, וואָס זײַנען דאַן געווען א זעלטנהײַט, דער שטרענגער גאַנג און די קאַזאַקישע אוניפאָרם, מיט וועלכער ער האָט זיך ניט געוואָלט צעשיידן. אין זײַן בליק האָט זיך אויך באַוויזן עפּעס נײַס, מערער שטרענגס. נאָר לידער האָט ער פּאָרגעזעצט שרײַבן. און שוין ניט בעסאָד. זײַן אייגענע ליד, געווידמעט די קדושים, וואָס זײַנען אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן לעבעדיקערהייט אין א סילאָס־גרוב, האָט ער, איניינעם מיט זײַן פרוי, געזונגען אַף אַלע פײַערלעכע אָוונטן.

מאָטל בערדישעוו און אַרן גלייבמאַן זײַנען עס געווען די פּראָטאָטיפּן פונעם קאָלווירטפּאַרזיצער זאַלמען אין מײַן ראָמאַן „גלויבן”, אין וועלכן עס איז אָפּגעשפּיגלט געוואָרן די יידיש־קאַזאַקישע פרײַנטשאַפט.

איך בעט די קריטיקער מיר מויכל זײַן, וואָס איך בין פאַרפאָרן א ביסל צו ווײַט און געבראָכן אַלע געזעצן פונעם זשאַנער. נאָר זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווער האָט עס צוגעטראַכט אַזעלכע געזעצן? אַדרעבאַ, איך דערלויב דעם לייענער אַליין דערטראַכטן דאָס, וואָס עס לאָזט זיך דערטראַכטן וועגן שײַכעס און געמיינזאַמקײַט פון אָט די צוויי פאַרשיידענע, ווײַט אָפּגעזונדערטע אין צײַט און אין רוים געשעענישן.

יידישע קאַזאַקן... ווי די צײַט האָט איבערגעאַנדערשט, איבערגעמישט און איבערגעשמאָלצן פאַרשיידענע באַגריפן...

שטייט ער, דער פאַרהאַרטעוועטער וועטעראַן אַבע פישער און קאָן ניט אײַנהאַלטן די טרערן. ער פאַרשטייט, אַז דאָס פּאַסט ניט צו דעם, צוליב וואָס ער איז אַהער געקומען, עס איז אים א ביזע־ביזאָיען פאַר דעם אוילעם, וואָס איז ארויס אים באַגעגענען, סײַ פאַר די עלטערע לײַט, סײַ פאַר די קינדער אין די רויטע האַלדזטיכלעך, נאָר ער קאָן גאָרנישט ניט טאָן מיט זיך. ער שטייט, דער ניט־קאַזאַק, אַן ארומגערינגלטער מיט ווײַסבערדיקע און שוואַרצבערדיקע קאַזאַקן, מיט אַלטע און יונגע קאַזאַטשקעס אין געקווייטלטע קאָפּטיכלעך, ער פילט, ווי אַלע קוקן אַף אים מיט אַכטונג, מיט דערוואַרטונג, און ער קאָן ניט ארויסרעדן קיין וואָרט.

ער באַמערקט צווישן אוילעם א קאַזאַק מיט א לאַנגער ווײַסער באָרד, וואָס גייט זיך פאַנאַנדער ווי א ווייער, און טוט א טראַכט, אַז דער קאַזאַק איז זייער ענלעך אַף זײַן טאַטן מענדל דעם קאָוואַל, וואָס איז שוין לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ. דערפון ווערט אים א ביסל היימלעכער און א ביסל רויִקער, נאָר די טרערן... צי מע האָט זיי יאָ באַמערקט, צי ניט, עפּשער טאַקע יאָ. און דער אוילעם, ווי דערפילט, אַז די פּאַוזע האָט זיך צופיל פאַרצויגן, און אַוואַדע לוינט ניט, אַז אַבע מענדעלעוויטש זאָל זיך אָנשטויסן, אַז זיי האָבן אַלץ באַמערקט, האָט מען אָנגעהויבן אונטערשטופּן די מיטליאָריקע און א ביסל פולבלעכע קאַזאַטשקע אָלגע וואַסיליעווע קאָוואַלענקאָ, זי זאָל אים וואָס גיכער אונטערטראָגן דאָס ברויט מיט זאַלץ, מיט וועלכן קאַזאַקן באַגעגענען געווייגלעך כאָשעווע געסט. אָלגע וואַסיליעווע האָט אַליין זיך אָנגעבעטן אויסצופילן די דאָזיקע מיסיִע. איר האָט זיך זייער געוואָלט זאָגן פישערן אַזוינס, מיט וואָס ס׳איז פול געווען איר האַרץ. נאָר ס׳האָט זיך ווידער באַקומען ניט דאָס.

אָנגעהויבן האָט זי דאַפקע גאַנץ פײַן:

— כאַווער גוואַרדיִע פּאָדפּאָלקאָווניק! די אײַנוווינער פון אונדזער סטאַניצע וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן אײַער מוט און העלדנטאַט אין יענע שווערע טעג פון דעם צוויי־און־פערציקסטן...

נאָר גלײַך ווי ס׳האָט זיך עפּעס פאַרהאַקט בא איר אין האַלדז, איז זי מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן, אַראָפּגעשלונגען דאָס, וואָס ס׳האָט זי אָנגעהויבן וואַרגן, און געזאָגט גאָר ניט דאָס, וואָס עס האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן אַף אַזא פײַערלעכער באַגעגעניש.

— כאָטש ווי האָט איר געקאָנט פאַרגעדענקען. ס׳איז דאָך געווען באַנאַכט, און איר אַלע... און מיר אַלע... אַלע ענלעכע איינע אַף די אַנדערע, פאַרשוואַרצט און פאַרכווישעכט. נאָר איך האָב אײַך גלײַך דערקענט, אַזאַ ווי איר זײַנט דאַן געווען... איז לאָמיר זיך כאָטש איצט צעקושן...

יאָ, ס'איז אַלץ געווען ניט אַזוי, ווי עס דאַרף זײַן אויף אַזאַ באַגעגעניש. באַ פיל פּרויען האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן די אויגן, און זיי האָבן זיך געמוזט אַ נעם טאָן פאַר די טיכלעך. פיל פון זיי זײַנען דאַן אײַנגענומען מיט אַליין געלאָפן באַנאַכט מיט קריגלעך מילך צו די אַקאַפּעס. און דער „לאָמיר זיך כאַטש איצט צעקושן" איז אויך געזאַגט מיט אַ רעמעזל, מיט אַ פּיליאַ־ריקן פאַרדראָס פאַר דעם, וואָס דאַן, ווען זיי זײַנען געווען מיידלעך און די סטאַניצע איז געווען אויסגעליידיקט פון יונגע קאַזאַקן, איז זיי אַוואַדע געקומען אַ קוש פון אָט די ברוינע יאַם־פעכאַטינצעס פאַר דער וואַרעמער מילך... און פאַר זייערע יונגע פּענעמער... נאָר ווידער דאָס זעלבע. ווער האָט אין יענע נעכט געקאָנט באַמערקן אַ שיין פּאָנעם?..

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ גייעניש, מע האָט אים אַרומגעפירט איבער דער סטאַניצע, איבער די פערמעס, איבער די ווײַנגאָרטנער. מ'האָט אַלץ אים געוויזן, ווען אַלץ דערציילט — מיט ציפערן און פאַקטן, ווי אָפּגערעכנט זיך פאַר אים, ראַפּאָרטירט וועגן זייערע דערגרייכונגען, גלײַך ער, אַבאַ מענדעלעוויטש פישער, איז דאָס געווען דער, ווער עס האָט געהאַט רעכט מאָנען באַ זיי אַ דין־וְחשבון פאַר די פינף און דרײַסיק פרידלעכע יאָר.

איז ער אַרומגעגאַנגען און געכידעשט זיך. דאָס, וואָס ער האָט געזען איצט, האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם, וואָס אים איז פאַרבליבן אין זיקאָרן פון יענעם ווײַטן אויגוסט. ס'איז ניט יענע סטאַניצע און ניט יענע מענטשן. די צווייִשטאָקיקע מויערן האָבן געמאַכט די סטאַניצע ענלעך אויף אַ שטאָט. די נײַע געבײַדעס פון דרײַ מיטלשולן האָבן צוגעגעבן די גאַסן גרויסאַרטיקייט, דער קולטור־פּאַלאַץ אין צענטער פון דער סטאַניצע האָט איר צוגעגעבן כשי־וועס, און דער ברייטער אַספאַלטירטער וועג, וואָס שנײַדט דורך דאָס דאָרף, האָט געשאַפן יענע אויפגעלעבטקייט און ראַשיקייט, וועלכע עס טראָגן שטענדיק מיט זיך די יאַגנדיקע אויטאָמאָבילן.

די באַלעבאַטים פון דאָרף האָבן אַרומגעפירט פישערן איבער די שולן פון קלאַס צו קלאַס, איבער די פעלדער און פערמעס. דערנאָך האָט ער אַליין געפירט נאָך זיך דעם פּיאָנע־רישן אָטריאַד אויף זײַן נאָמען און אײַנגענומען מיט זיי נאָך פיל אַנדערע שילער. ער האָט זיי געפירט צום אָרט, וווּ עס איז דורכגעגאַנגען די שוץ־ליניע. דאָ איז אויך געווען אַלץ ניט צו דער־קענען. די אַקאַפּעס זײַנען פאַרשאָטן געוואָרן, און בלויז דער שפּור פונעם ברוסטווער האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אָנצייכענען די שוץ־ליניע. דאָס וועלדל, אין וועלכן ס'איז געשטאַנען די מאַטראָסישע קיך, איז שוין אויך ניטאָ, מע האָט עס אויסגעהאַקט. נאָר פישער האָט אַלץ געזען פאַר זיך אַזוי, ווי דאָס האָט אויסגעזען דאַן, אין אויגוסט פונעם צוויי־און־פערציקסטן יאָר. דערציילנדיק די שילער וועגן די דעמלטיקע שלאַכטן, האָט ער נאָך מערער, ווי אין וועג, געפילט זייער מאַמאָשעסדיקייט.

דער סאָף זומער איז שוין איבערגעגאַנגען אין פרײַען האַרבסט, און די ניט לאַנג פאַר־זייטע ווינטער־ברויטן האָבן באַדעקט די ערד ביזן סאַמע הימל מיט אַ יונגער בלענדיקער גרינקייט. אַ ביסל ווײַטער האָבן געוואַרט אָפּן שניט די צײַטיק־געוואָרענע רײַז־פעלדער. די זאַנגען, ווי זײַדענע בעזעמלעך, האָבן זיך געבויגן צו דער ערד, גלײַך זיי וואָלטן געווען איבערגעמאַטערט און אַ ביסל צוגעקילט פונעם לאַנגן שטיין מיט די פיס אין וואַסער.

די פינף טעג, וואָס אַבאַ פישער האָט פאַרבראַכט אין דער סטאַניצע, זײַנען דורכגעפליגן ווי אַ כאָלעם, בייס וועלכן דער הײַנט מיטן נעכטן זײַנען געווען ווי איבערגעמישט. ער האָט שוין לאַנג ניט געפילט אין זיך אַזאַ יונגע וואַרעמקייט, ווען עס דוכט זיך, אַז דו האָסט אָפּגע־מעסן אַראָפּגעוואָרפן עטלעכע צענדליק יאָר, שפּאַנסט מיט אַ גרינגן און פעסטן שפּאַן, ווי דאַן, אין יענע ווײַטע יאָרן. און ווען ער האָט אָנגעהויבן קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן, איז באַ אים געווען אַ געפיל, אַז ניט ער פאָרט אַהיים, נאָר ער פאָרט אַוועק פון דער היים און לאָזט דאָ איבער זײַנע אייגענע. ער וועט בענקען נאָך די מענטשן, ער וועט בענקען נאָך די פעלדער און ווײַנגאָרטנער און נאָך דעם פאַרוואַקסענעם פּאַסיקל ערד, וואָס איז אַ זייכער פון יענער שוץ־ליניע.

פאָרנדיק פון דער סטאַניצע קיין דניעפּראָפּעטראָווסק, האָט אַבאַ פישער געהאַט אַ געפיל, אַז ער האָט אויך אַ שטיקל קיילעך אין די הויכע גערעטענישן פון די ווייצן, וואָס וואַקסן אויף די קובאַנער פעלדער און וועלכע ער האָט מיט פיל יאָרן צוריק אַזוי אַקשאָנעסדיק באַשיצט. ס'איז אים געווען אָנגענעם צו וויסן, אַז ער לעבט אין זיקאָרן ניט נאָר פון יענע מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן צו די אַקאַפּעס קריגלעך מילך, נאָר אויך אין זיקאָרן פון זייערע קינ־דער און אייניקלעך, פון די, וואָס טראָגן איצט רויטע האַלדזטיכלעך און אייניקלעך וועלן זיי זיך זעצן צום רודער פון די טראַקטאָרס און קאָמבײַנען.

שירע גאָרשמאַן

בילדלעך פֿון וועג

קוק מיט צען אויגן...

איך לענינגראַד בין איך פֿריִער פֿון שטייגער, אַפֿילו פֿון זאָרג וווּ אָפּצועסן. איך וווין בײַ מײַן טאָכטער, אַ גאַנצן טאָג לאַכט זי און זינגט מיט מיר אינײַנעם. איך באַווײַז זיך ניט אַרומצוקוקן, איז שוין אַלץ אויפֿן טיש. ניט מיט ברויט אַליין לעבט אַ מענטש. גיי איך אין ערמיטאַזש, פֿאַרייִנס גיב איך אַ שפּאַן איבערן סענאַט־פּלאַץ, כ'דערמאָן זיך אין דעם טויזנט אַכט הונדערט פֿינף און צוואַנציקסטן יאָר, אין דעם בלוטיקן נײַנטן יאַנוואַר פֿונעם טויזנט נײַן הונדערט פֿינפֿטן יאָר, אין דעם, ווי מע האָט געשטורעמט דעם ווינטער־פּאַלאַץ און אין אַלץ, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען, וואָרעם די גאַנצע שטאָט איז אויסגעוויקלט אין אײַנשטעלן ראַטנמאַכט. לענינגראַד ווייט אָן אַף מיר די אַטמאָספֿער פֿון דאָסטאָיעווסקיס „אָרעמע מענטשן" און „ברידער קאַראַמאַזאָוו". הײַנט ווי קאָן מען ניט דערמאָנען פּושקינען, עס רײַסט זיך פֿאָרויס דער קופּערנער רײַטער, און די שפּעטערדיקע צײַטן — בלאָק און אַכמאַטאָווא, אייכענבוים און שאָסטאַקאָוויטש, און גלײַך טוט אַ פֿלייץ אין זיכּאָרן און ס'אָטעמט מיט גליווער די דערשיטערנדיקע בלאָקאַדע...

אָבער דער לעבעדיקער לעבט: אין ערמיטאַזש איז זיך ניט דורכצושטופּן. פֿאַרשטייט זיך, לויף איך ניט איבער אַ סאַך עקספּאָזיציעס. איך לאָז מיך צו די אייביקע לײַוונט. „דאַנײַע" ליגט אַף איר קייזערלעכן געלעגער, זי איז ניט בלײַענדיק־יונג, ניט איידל־דין זײַנען אירע איוורים, ווי מיט געלבן בלומען־שטויב איז איר קערפּער צוגעפּודערט. וויפֿל אומאויסשעפּנדיקער ווײַבלעכער כיין ריזלט איבער איר און אַפֿילו אין רוים אַרום איר, דער גאַנצער אינטעריער איז אין זון אויסגעבאָדן, כאָטש דער הינטערגרונט איז טונקל־ברוינלעך. און אָט איז „דער פֿאַרלוירענער זון", אַפֿילו זײַנע פּיאַטעס, וואָס זײַנען צום צושוויער געוועגדט, דערציילן וועגן זײַנע וואָגלענישן און וועגן ווידערשפּעניקייט, כאָטש איצט איז ער אַף די קני געבויגן אונטער דער לאַסט פֿון זײַן פֿאָטערס מילדע דלאָניעס... האַרצרײַסנדיק איז איצכאָקס ליגן אַפֿן בינטל האָלץ. זײַן יונגער גלאַטער האַלדז איז גרייט־געשטרעקט, און אַוורראָמס האַנט איז פֿאָלגעוודיק־פֿאַרטיק אויסצופֿילן גאָטס ווילן. ס'עקזיסטירט קיין זאַך ניט, אַכוץ דעם דאָזיקן בילד. פּלוצעם דערהערט זיך אַ שטים: „וואָס איז דען לאָז מיט דעם אַלטן קערן, וואָס מאַכט ער דען?" — איך קערעווע אויס דעם קאָפּ און דערזע אַ גאַנצע כאַפּטע יונגע דײַטשן מיט דײַטשקעס, גרייטע אײַנצוזאַפּן די אײַנדרוקן פֿון רעמבראַנדטס געניאַלקייט. איך זאָג געלאַסן: „וויסן זי, דער קערל וואָר אײַן גראַסער עסעס־מאַן". און איך דריי זיך מיר ווידער אויס צו „ייִצכאָקן מיט אַוורהאָמען", צום „אַלטן ייִדן" און צו „סאַסקיע". איך באַווײַז זיך ניט אַרומצוקוקן, און מע פֿאַרמאַכט שוין דעם מוזיי.

גיין איבער לענינגראַדער גאַסן, אָנקוקן די פּרעכטיקע מוזיי־אורבאַניסטיק, דעם „איסאַקיִ־טעמפּל", דעם „קאַזאַנער טעמפּל", די פּרעכטיקע געבײַדעס, דעם זומערדיקן סאָד מיט די סקולפּטורן, — עס איז מאַמעש ניטאָ אַזאַ גאַס, וואָס לאָזט איבער גלײַכגילטיק!

אין לענינגראַד האָב איך מײַנע גוטע־פֿרײַנט, אַ פֿאַרפֿאָלק אַמאָליקע קאָמונאַרן —

וויגדער און מאַלקע. אַט זיץ איך לעבן זייער טיש, און וויגדער ווערטלט זיך:

— מאַלקע! שירע זאָגט, אַז זי איז געווען אין ערמיטאַזש און „דאַנײַע" האָט זי ניט מעכאַבעד געווען מיט קיין וואַרמעס...

איך עס, און מאַלקע מיט וויגדערן האָבן גריס האַנאַע דערפֿון, דערנאָך קומען זייערע זין, איינער איז אַ געאָלאָג און דער אַנדערער איז אַ אינזשעניער. ביידע האָבן מאַשינעס און ביידע לייגן פֿאָר, אַז זיי וועלן מיך אָפּפֿירן צו מײַן טאָכטער. וויגדער שמייכלט און באַמערקט:

— אונדז איז געווען זייער גוט, מיר האָבן אַפֿילו קיין האַסאָגע ניט געהאַט פֿון דעם, וואָס אונדזערע קינדער פֿאַרמאָגן איצט... און אָן אַ שום איבערגאַנג: — אַוועק די יונגע יאָרן, — זיפֿצט ער.

— האָב ראַכמאָנעס, וויגדער, כאַפּ זיך ניט אַרויף אַף דײַן מאַרעשכוירע־זאָטל. וואָס דען האָסטו געוואָלט, ביז איצט אַרומלויפֿן און אַרומטאַנצן?

— כ'האָב זיך גוט אָנגעטאַנצט אין דער מילכאָמע...

— כוץ דײַן שאָדן, אַף אַלעמען געזאָגט געוואָרן, — רוף איך מיך אָן און ווער אַנשוויגן. וויגדער איז געווען פֿאַרוווּנדעט ניט איין מאָל, ער האָט אָנגעוואָרן אַן אויג, דעריבער זאָגט ער אָפּט: „איך קוק מיט צען אויגן".

אַף מאָרגן גיי איך מיר ווידער מיט מײַן טאָכטער אין ערמיטאַזש, און זי טוט צו מיר אַ מאַך:

— מאַמע, פֿאַרנאַכט פֿאָרסטו אַוועק צוריק קיין מאָסקווע, און דער ערמיטאַזש בלײַבט אין לענינגראַד. קוק מיט צען אויגן...

אין שרײַבער־הויז „קאַקטעבעל״

אַף דאַרעם, צו דער זון, צום יאַם, אַראָפּוואַרפֿן דאָס אָנטאָן און די שיך! אַ כײַעס!...

אין קאַקטעבעל, פֿאַרבײַ דעם שעפֿערישן אַפּרו־הויז פֿון די שרײַבער גייען פֿון גאַנצפֿרי ביז שפּעט אין אָוונט מאַכנעס מענטשן, מיטאַמאָל גלאַנצט אַרויס פּונעם אוילעם אַן עמעסע אַפֿראָדיטע און אַ בלעגנדיקער נאַרציס — טאַקע גלײַך ווי זיי וואָלטן נאַראָוואַס אַרויס פֿון דעם כוואַליעס־שוים אָדער פֿון אַ ריזיקן מויערקאַפּ...

דער יאַם איז מערסטנטייל שטיל, ס'איז דאָך יול, קליינע כוואַליעס לעקן דעם זאַמדיקן פּליאַזש, ווי זיי וואָלטן געכאַפּעט דעם ברעג, אים אײַנגערעדט, ער זאָל אַוועק מיט זיי אײַננעם צו די בלויע ווײַטן. און דער ברעג ליגט באַרוט אונטער דער זון, מענטשן — איינס באַ איינס אַף די אָנגעבלאָזענע מאַטראַצן אָדער אַף די לײַסטלדיקע בריקלעך, וואָס נעמען זיך צונויף און נעמען זיך פֿאַנאַנדער. מע ליגט און מע קערעוועט אויס אַ פּלייצע צו דער זון, איין האַנט, די אַנדערע. אָט איז צוגעגאַנגען אַ פּרוי, וואָס איך שאַץ זי גלײַך אַף אין הונדערט אַכציק קילאָ. זי שטייט אַ ווײַלינקע, איין פֿוס איז קאַקעטיש אײַנגעבויגן, דערנאָך די אַנדערע אויך, זי דערלאַנגט אַ שפּרונג און אָט איז זי שוין אַוועקגעשווּמען. איך בין איר מעקאַנע, וואָרעם איך גופֿע שווים ווי אַ האַק.

בייס פֿרישטיק, מיטיק, אָוונט־ברויט גייט זיך יעדערער צו זײַן טיש מיט זײַנע מיטעסער. עס זײַנען דאָ עטלעכע שרײַבער, באַוווּסטע אין אונדזער יאַרהונדערט. איך האָב דרײַ און צוואַנציק טעג געוואַרט, עמעצער פֿון זיי זאָל אַ שמייכל טאָן, און איך האָב זיך ניט דערוואַרט... אַקוראַט ווי מע האָט מוירע אַז דער מענטש, וועמען מע וועט באַגריסן, איז ניט געגנוג באַגאַבעט. איך ווער דערפֿון ניט באָטל בעשישים. אָבער איך האָב קיינעם קיין שוועל ניט געגעבן, אַז איך טאָר ניט אַוועקזעצן באַ מײַן טיש שמועל האַלקינען, דאַוויד האָפּשטיינען, דעם ניסטער, מאָטל גרוביאַנען, וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש גאָרשינען, טוואַרדאָווסקין און פּאַסטערנאַקן. אַזוי מאַך איך מיר אַן אַטמאָספֿער און עס בײַט זיך דער גאַנצער אינטעריער.

ביכלאַל איז ניט אַלץ מיט דער פּוטער אַראָפּ. אָט זיצט באַם שכײנעסדיקן טיש הערשל פּאָליאַנקער מיט זײַן זון, מיט דער שנור און אייניקל, דאָס אייניקל האָט אַ לאַנגן וואָגיקן בלאָנדן צאַפּ, דאָס זעט אויס אַ ביסעלע „אַלטמאָדיש", אָבער אַפּן פֿאָדערגרונט פֿון סופֿערמאָדערנע פֿרויען, יונגע און עלטערע, מאַכט עס אַן אָנגענעמען אײַנדרוק. ס'זײַנען דאָ פֿרויען, וואָס זײַנען אָנגעטאָן אין בגאָדים פֿון אַנדערסענס קייסער. ס'איז זייער לעכערלעך, ווען אַזאַ־אַ פּרוי קאָקעטירט נאָך באַם פּאַראַפּעט אַנטקעגן דעם צענטראַלן קאָרפּוס.

...און דער יאַם האַלט אין איין לאַשטשען דעם ברעג, און ווען עס איז דער צופֿלוס, לאָזט ער אַ צוגאָב נאָך אַ ביסל שטיינדלעך.

אן עקסקורסיע פּאַזע דער באַרג־קייט קאַראַדאַג. קוים זײַנען מיר אָפּגעשווומען פון קאָקטעבעל, האָב איך דערזען סטייִעס פליִענדיקע מעוועס. דאָס האָט מיך זייער פאַרוואונדערט, ווײַל אין קאָקטעבעל פלעגן זיך פאַרנאַכט באַווײַזן צוויי־דרײַ מעוועס, מער ניט. בין איך געווען זיכער, אַז דער יאַם איז ליידיק, און די פייגל האָבן דאָ ניט קיין שום פאַנג. לאָזט זיך אויס, אַז אפן וועג צום קאַראַדאַג, צווישן די אורשפּרינגלעך־נאַקעטע, הויקערדיקע ברוינלעכע פעלדזן נעסטען זיך אָן א שיר מעוועס. זיי שוועבן, לאָזן זיך אַראָפּ צו דער סאַמע וואַסער, טוען א שלײַך איבער די שוימיקע כוואַליע־קאַמען, און אָט האָבן זיי שוין עפּעס לענגלעך־צאַפּלדיקס אין די שנאָבלען...

די שיף שווימט זיך ווײַטער, פאַרבײַ אויסטערלישע דורכגעשניטענע פעלדזן, וועלכע דערמאָנען אין גאָטיק. אַנדערע, ווידער, שטייען ווי פאַרגוואַלדיקט־דורכגעבראָכן, און דער יאַם פליסט אין זיי אַרײַן און אַרויס דורכן כאַלעל. דאָס ווייט אָן גרויליקע בילדער, איך זע מאַמעש סטיכייִשע קאַטאַקליזמען, וואָס ענדערן דאָס געשטאַלט פון דער ערד־פּלאַך. די ערד שפּאַלט זיך פאַר מײַנע אויגן, די אָפּגרונטן שלינגען אײַן שטעט און קאַנטן, עס ווימלען שאָטנס און פאַרשווינדן אין די אָפּגרונטן. איך זע אויך, ווי די אָפּגרונטן פאַרייניקן זיך, און די ערד נעמט זיך הויקערן — און אָט שטייען די דאָזיקע בערג.

— וואָס זיצט איר, מיר זײַנען דאָך שוין געקומען!

כ׳גיי אַרויס פון דער שיף, און איך זע א שמאָלן פּאַס יאַבאָשע באַם סאַמע יאַם, און פון דער נידער קלעטערט ער צו די בערג. אפן ברעג יאַם ליגן מענטשן, נעט ענג, ווי אין קאָקטעבעל. די עקסקורסאַנטן באָדן זיך דאָ ניט, מע גייט פּאַרויס. גיי איך אויך. מיר קומען צו א מערקל, און כאָטש די גאַנצע נעסיע איז געווען א האָזן־שפּרונג, הריזען שוין אייניקע עקסקורסאַנטן אוגערקעס, אַנדערע קויפן שקאַרמיצלעך מיט קאַרשן, ס׳זײַנען אויך דאָ באַלאָנים צו קויפן א קאַוון.

קאַראַדאַג („שוואַרצער באַרג״) פאַרמאָגט ניט קיין באַזונדערע מערקווירדיקייטן. בלויז דער וועג אַרום אים איז צויבערנדיק.

די נאַטור איז אומעטום און אַלעמאָל פּרעכטיק. אין קאָקטעבעל זײַנען אין פּאַרק פאַראַן גענוג פאַרשאָטנט־געמיטלעכע סטעזשקעס, די קיפּאַריסן און אַקאַציעס זײַנען מעכטיק צעוואַקסן, און דאָ איז רויִק, שטיל, זעלטן גייט דורך עמעצער פון די אָפּרוענדיקע. מע דאַרף נאָר ניט זיצן לעבן ביליאַרד־קאָרפּוס, ווײַל דאָרט קלימפּערן די שטעקנס ביז שפּעט באַנאַכט. די אַקאַציעס בליִען איצט, עס שמעקט און ס׳איז אָנגענעם, גרינג צו עטעמען. אין די פאַרמיטאָק־שעהען איז א כּיעס צו זיצן אין פּאַרק. מע שפּאַרט זיך צו ערגעץ אויף א באַהאַלטענער באַנק מיט א ברעטל אויף די קני און מע שרײַבט... אויב עס טרעפט, אַז עס שרײַבט זיך ניט, קאָן מען קוקן אויף מוישע ראַבײנוס קיִעלעך, אויף די מורעשקעס. זיי זײַנען פאַרהאָרעוועט און פאַרנומען, זיך לערנען באַ זיי סייכל איז אויך קעדײַ. אַרום דער בליִונג פון די אַקאַציעס זשוזשען אָן א שיר בינען. עס וואַקסן דאָ אויך אַזוינע ביימער, וואָס איך ווייס ניט, וויאַזוי זיי רופן זיך. די צווײַגן אויף זיי זײַנען אָנגערייעט מיט פלאַטשיקע דורכזיכטיקע רויטע שויטלעך, א האָרעלע ברייטערע ווי די אַקאַציע־שויטלעך. אויף די צווײַגן לויכטן זיי ווי לענגלעכע לאַמטערנדלעך, אָבער אין דער האַנט ווערן זיי אויסגעלאָשן און צעקנייטשט. דעריבער דאַרף מען זיי ניט רײַסן, מע קאָן נאָר קוקן אויף זיי...

ניט ווײַט פונעם צענטראַלן קאָרפּוס וועקט מײַן נײַגער א הויכע שטוב מיט מאָדנע טרעפּלעך, מיט א מעזאַנין, און די צוויי פענצטער, וואָס קוקן צום יאַם, זײַנען געוועלבט און פאַרגלאָזט, ווי פעכערס. ס׳דוכט זיך מיר, מע קאָן זיי פאַנאַנדערנעמען. איך זע ניט, א מענטש זאָל פון דאָרט אַרויסגיין אָדער אַרײַנגיין אַהין, און דאָס איז מאָדנע. אָבער אָט האָב איך דורכגעלייענט דעם מעמאָריאַל־אויפשריפט: „דאָס הויז פונעם דיכטער און קינסטלער מאַקסימיליאַן וואָלאָשין (1877—1932)״. אין דעם הויז פלעגט קומען בלאָק, אַכמאַטאָווא, און נאָך א סאַך באַוווּסטע שריפטשטעלער...

אויב גיין פון צענטראַלן קאָרפּוס אויף לינקס, קומט מען צו די פּאַוויליאָנען, וווּ מע קאָן קויפן נאַשערײַ, און צו א גרויסן טוריסטן־הויז. אויף רעכטס ציִען זיך בולוואַרן.

ס׳איז שוין צײַט גיין אין קינאָ. זיצן אין זומער־קינאָ אונטערן פרײַען הימל איז גאָר ניט לאַנגווײַליק. הין־און־הער פליִען שוואַלבן, זייער געפלי צייכנט זיך ווי פלעקל־שריפט אין קלאָרן הימל. אַזוי שוועבן זיי, ביז די שטערן צינדן זיך אָן.

אפן עקראַן דעמאָנסטרירן זיך קורצמעטראַזשיקע פאַרשיידענע שעקספּיר־ספּעקטאַקלען: „די צוועלפטע נאַכט״, „אָטעלאָ״, א הײַפּשער קאַדער פון „האַמלעט״ מיט אי. סמאָקטונאָווסקין. נאָר אָט זע איך שלוימע מיכאָעלסן אין „קעניג ליר״. ער איז געבויגן איבער קאָרדעליִען, און עס קלינגט אונטערן הימל: „מײַן קינד״... „מײַן קינד״... עס נעמט דורך א בראַנד מײַנע גלידער, און פון די אויגן גיסן זיך טרערן.

◇ ◇ ◇

יוסעף בורג

באַ זיך

און ווידער האָב איך זיך געלאָזט אין וועג.

אָבער דאָס מאָל ניט ווײַט, טאַקע אין דער אייגענער בוקאָווינע, אינגאַנצן צוויי שאָ פאָרן מיט דער באַן.

דער צוג רירט זיך.

דורך די וואַגאָן־פענצטער קוקן צענדליקער פּאָר אויגן. דער פּעראָן שווימט ביסלעכווײַז אָפּ צוריק, די שטאָט דערווײַטערט זיך, און דער באַן פאָרט אַריין אין אַן אײַזערנער בריק, ווי אין א טונעל.

פון אונטן פאלדעוועט זיך דער טײַך אין א לײַכטן ציטער, וויגט אין זײַן טיפקײַט א צעפלאַקערטן מאָרגנרויט, און ווײַט־ווײַט, אויסגעוואַשן אין פרישן טוי, שפּרייטן זיך די פעלדער מיט יונגן ווייץ.

אין וואַגאָן שטייט א געדיכטער טומל. מענטשן ריידן, דערציילן עפּעס, אייניקע זינגען אלטע בארג־לידער.

בוקאָווינע איז א קאַנט פון לעגענדעס, מײַסעלעך און לידער.

מײַנע שכיינים פון רעכטס, א מין געמיש פון אלט און יונג, זעען אויס ווי פרעמדע אין דעם טומלענדיקן ארום. זיי זיצן און שווײַגן.

ער איז שווערלײַביק, מיט דינע קארבן אפן ראָזלעך־ראַזירטן פּאָנעם. אפילע די סופּער־עלעגאַנטע קליידער זײַנען ניט בעקויעך צו פאַרמינערן די יאָרן זײַנע — ער איז נאָענט צו פופציק, אויב ניט מער. זי — א שטארק געפּודערטע, געפּארבטע, גלײַך ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט איר, עפּשער קוים דרײַסיקיאָריקן עלטער, — זיצט „מענעריש" א פוס איבער א פוס, שווינדלט מאַנירלעך מיט אירע לאַנגע בורשטין־אוירינגלעך, און אירע אופגעשויבערטע האָר צעשיטן זיך, ווי לעבעדיקע, איבער דער גלאַטער, ווײַסער פּלייצע.

פון ערגעץ ווײַט פאַרטראָגט דער ווינט צום אָפענעם פענצטער א זיסלעכן רייעך פון יונגן בעז. זי אָטעמט טיף אַרײַן אין זיך די לופט:

— זע, ווי שאַרף דער בעז האָט דאָס יאָר זיך צעבליט...

איר קאָפּ גיט לײַכט זיך א וויג אזוי, גלײַך זי וואָלט פאַרטיפט איר פּאָנעם אין א דופטיקן בוקעט, און ער ענטפערט קורץ:

— יאָ, זייער.

און ביידע שווײַגן ווידער.

וווהין פאָרן זיי? שוין זשע אף אָפּרו אין די בערג? איז צוליב וואָס האָט מען זיך אזוי אויסגעפוצט?

און איך דערמאָן זיך אין די אמאָליקע פּראָווינציעלע, ייִדישע ארטיסטן, וואָס פלעגן אָט אזוי, שווײַגנדיקע, פאַרדײַגעטע, נאָר פאַרפּוצטע, פאָרן פון שטעטל צו שטעטל.

אנטקעגן זיצט א יונג פּאָרל, ארומגערינגלט מיט יונגע לײַט. זײַן פאַרברוינט פּאָנעם איז בארעמלט מיט א געדיכטער שווארצער באָרד, ארומגעשוירן לויטן מיזרעכדיקן שטייגער. פון זײַן צעקנעפּלטן כאַקי־העמד קוקט ארויס א פעסטע, פאַרברוינטע ברוסט.

ער שפּילט אף א גיטארע. פײַערלעך־דערהויבן צעטראָגן זיך די אקאָרדן, זיי צעוואַקסן זיך שטאַרקע, געדיכטע, גלײַך א שטורעם פון צעגליטע פונקען, און בלײַבן נידעריק העגגען, פאַרטויבנדיק אלע ארומיקע קלאַנגען.

איך בין ניט קיין מייוון אף זײַן שפּילן, נאָר עפּעס ווערט מיר לײַכט דערפון.

מיטאמאָל גייען די אקאָרדן איבער אין צאַרטע, לירישע טענער, און עס צעוויגט זיך א פולע, ריינע מיידלשע שטים.

Ти признайся мені,
Звідки в тебе ці чари?
Я без тебе всі дні
У полоні печалі.

(זײַ זיך מוידע, פונוואַנען אזויפיל כיין אין דיר, כ'בין אָן דיר פאַרכאַפּט פון בענקשאַפט אלע טעג).

א בלויאויגיקע מיט קופּערנע האָר, וואָס פאַלן גלעקלדיק איבער איר שמאָל איידל פּאַנעם און הערן ניט אויף צו ציטערן און פלאַטערן בא יעדער באַוועגונג. זיי כוואַליען זיך איבער די באַקן, און זי פאַרשאַרט זיי מיט א גראַציעזן זשעסט. אין איר איז אַלץ נאַטירלעך, באַשיידן אָן א סימען פון קאָסמעטיק. איר גאַנצער שלאַנקער קערפּער שלאָגט זיך דורך דורך דעם דינעם געבלימלטן קליידל.

זי איז איינגאַנצן אין געזאַנג. עס זינגט דער בלויער גלאַנץ פון די אויגן, דער הייסער קופּער פון אירע ווייכע האָר, עס זינגט איר גאַנצער בייגעוודיקער און רײַפער מיידלשער קערפּער. און פון דער היימישער ליד ווייעט מיט לעגענדע, מיט ליבע, מיט כּאַלעם...

Червону руту
не шукай вечорами...

(דאָס רויטע קוויטל, — זוך ניט פאַרנאַכט...)

און די אַקאָרדן פון דער גיטאַרע גייען נאָך דעם געזאַנג.

דאָס גאַנצע לאַנד פון צאָפן ביז דאָרעם קען די ליד, נאָר ניט אַלע ווייסן פונעם שטעטעלע באַם אַרײַנפאָר אין די קאַרפּאַטן, ווו די ליד איז געבוירן געוואָרן.

איך וואַרט אַף א פרײַער רעגע, קעדיי צו פאַרפירן א שמועס. און דערוויס זיך, אַז דעם יונגנמאַן רופט מען פּאַוועל, ער האָט מיט א יאָר צוריק געענדיקט אַף אינזשעניער און אַרבעט אין א טעכניקום. און זי הייסט סטעלאַ, און זי שטודירט מעדיצין.

הײַנט איז שאַבעס, פאָרן זיי אַף צוויי פרײַע טעג אַהיים. ער צו זײַן מאַמען, און זי אין דאָרף צו אירע עלטערן.

מײַן געפאַרבטע שכיינע טוט א פּינטל מיט אירע לאַנגע צוגעקלעפּטע וויִעס, פאַרלירט א שטילן זיפץ, און פּאַוועל לייגט מיטאַמאָל אַרויף זײַן ברייטע האַנט אַף די סטרונעס, ווי ער וואָלט צוגעדעקט די לעצטע אַקאָרדן, ווישט אָפּ דעם שטערן, כּאָטש ער איז טרוקן, און זאָגט, ווי אַף זיך צו פאַרענטפערן:

— אַף הײַנט גענוג!

סטעלאַ צעלאַכט זיך מיט א גלעקלדיקן געלעכטער, אין די אויגן שפּרינגען אַרום בלויע שרעטעלעך, און דער הייסער קופּער פון אירע האָר צעוואָרפט א וואַרעמקײַט איבער איר איידל געשניצט פּאָנעם.

דער צוג דערנענטערט זיך צו וויזשניץ.

היים מײַנע!

א קליין שטיל שטעטעלע באַם סאַמע ברעג פונעם טשערעמוש־טײַך, וואָס קײַקלט ווילד זײַנע וואַסערן דורך דער טיף פון די קאַרפּאַטן.

פרילינג איז מײַן היים באַזונדערס שיין און געמיטלעך.

פון די הויכע, בלויע, זוניקע בערג, וואָס בלענדן מיט א גאָלדיק פאַרטראַכטן שימער, ווייעט אַזאַ טיפע רו, אַזאַ שטילע צאַרטקײַט, גלײַך זיי זײַנען נאָר צוליב דעם באַשאַפן געוואָרן, קעדיי צו צויבערן מיט זייער שיינקײַט.

עס וואַרפן זיך אין די אויגן די באַנײַטע גאַסן, פאַרטרונקענע אין צעצווײַגטע גרינע סעדער. ביפראַט די לענין־גאַס מיט אירע געדיכטצעבליטע קאַשטאַנען־ביימער, וואָס ציִען זיך פון ביידע זײַטן.

איך זעץ זיך צו אַף א באַנק אין סקווער.

אַן עלטערער מאַן דערציילט זײַן אייניקל, וויאַזוי וויזשניץ האָט אויסגעזען מיט א יאָר דרײַסיק צוריק. ער אַליין איז א סיביריאַק, א פאַרבליבענער דאָ פון נאָך דער מילכאָמע. ער האָט א זון א טאָקער אַפן אוראַל און אַן אייניקל, א שילער פון דריטן קלאַס, וואָס איז צום ערשטן מאָל באַם זיידן צוגאַסט. איך הער זיך אײַן, מיט וואָס פאַר א באַגײַסטערונג ער דערציילט, וויאַזוי פאַרביק ער גייט איבער פונעם נעכטן צום הײַנט, וואָס פאַר א פאַנטאַסטישע פּלענער ער בויט, טײַטלענדיק אין דער טיף פון די בערג, ווו עס וועלן זײַן נײַע סאַנאַטאָריעס, הייל־אַנשטאַלטן. און איך דערמאָן זיך, אַז גראָד דאָ, אַף דעם אָרט, פונוואַנען ער פירט זײַן אייניקל אין א נײַעם מאָרגן, איז געווען דער שטעטלדיקער מאַרק. געווען א גרויער שטויביקער פּלאַץ, ווו עס זײַנען פון פאַרטאָג אָן געשטאַנען באַלעגאָלעס מיט פערד־און־וואָגן, בייזע, ניט דערשלאָפענע. הענדלערקעס מיט אויפּעס און אַלטוואַרג, אָנגעפּעלצטע אין שמאַטעס, אײַנגעהילטע אין צעפליקטע קאָלדרעס, האָבן הייזעריק געשריגן, און יידן אין אָפּגעקראָכענע ברודיקע קאַפּאָטעס, מיט פאַרגעלטע הונגעריקע פּענעמער און אין ווײַסע זאָקן, ווי די ראַבאָנים, האָבן פאָרן דאַוונען געזוכט א קוינע אַף א קאַפּיטל טילים, אָדער אַף א בלאַט מישנײַעס.

יעדן דאָנערשטיק פלעגן אַף די קליינע פערדלעך אַראָפּקומען פון די בערג גאַנצע הוצולישע קאַראַוואַנען, באַלאָדענע מיט שאַפּענעם קעז און ברינדזע. און עס האָט זיך אָנגעהויבן א בעהאָלעדיקער מיסכער, א דינגעניש מיט שווערן זיך און מיט קלאָלעס. אין שטויב זײַנען געזעסן בלינדע באַנדוריסטן, געזונגען, געשאָלטן, געוויינט, און ביז שפּעט באַנאַכט האָבן זיך געטראָגן הייזעריקע שיקערע קוילעס...

און אַזוי פון זיך אַליין ווענדט זיך מײַן בליק צו דער דרײַשטאָקיקער אוניווערסאַלער קראָם מיט די גרויסע שפּיגל־פענצטער, צום קולטור־פּאַלאַץ, פונוואַנען עס האָט, אַגעוו, אָנ־

געהויבן זײַן שעפערישן וועג דער באַרימטער עסטראַדע־אַנסאַמבל „סמעריטשקאַ".

מיך זוכט שוין אַרום מוישע טוישער, ווי שטענדיק אײַלט ער זיך, ווי שטענדיק, איז ער צעטראָגן — אַ קלײניקײַט, זײַן דער באַלעבאָס פון דער גאַנצער קאָמונאַלער שטאָטישער ווירטשאַפט, דערצו נאָך דעפּוטאַט פון שטאָטראַט. איבער דרײַסיק יאָר טראָגט ער אָף זיך דעם צווייקן אַל, טראָגט אים פונעם ערשטן טאָג נאָכן אומקערן זיך פונעם פראָנט, כאָטש ער איז שוין אויף פּענסיע. און ער דערמאָנט זיך אָפט אין יענע ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן, ווען דער טויט האָט נאָך אַלץ געלויערט פון באַהאַלטענע ווינקלען, ווען פון באַנדיטישע קוילן זײַנען געפאַלן ניט ווייניק אַקטיוויסטן.

— מע האָט באַדאַרפט ניט נאָר בויען, נאָר אויך קעמפן...

איך געדענק נאָך זײַן פאָטער, וועלוול דעם זייגערמאַכער, אַן אָרעמאַן מיט אַ פולער שטוב קינדער, אַ טוער פון דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דעם פאָטערס כאָלעם, זײַן פלאַמיקן גלויבן אין אַ בעסערער וועלט האָבן מיט שטאָלץ געטראָגן אַלע זײַנע דרײַ זין: הערשל, שלוימע און מוישע. די אייניקלעך — פינף דאָקטוירים — אַרבעטן אין ווינשניצער שפּיטאָל. און מוישעס זון איז שוין אויך אָפן פינפטן קורס, שטודירט אין וויניצער מעד־אינסטיטוט.

אַזוינס האָט דער אַלטער וועלוול טוישער אַפילו אין כאָלעם ניט געזען.

מוישע טוישער — אַ זייער באַוועגלעכער, ניט לויטן עלטער, זיצט ניט אײַן אין קאַבינעט. זײַן אַרבעט איז אָף די גאַסן, אָף די אָביעקטן. דאָרט איז זײַן פאַרמעגן, זײַן אשירעס, און מיר קומט אָפן זינען:

Человек проходит как хозяин...

ער שמײכלט, און איך טראַכט: אין אָט דער שורע איז גאַנץ מוישע טוישער.

פונעם שמאָלן געסעלע, ווו ס'האָט אַמאָל מײַן מאַמע מיך מיט טרויעריקע לידער אײַנגעוויגט, איז שוין לאַנג קיין זייכער ניט געבליבן. ווי אומעטום, זײַנען אויך דאָ אופגעקומען נײַע הײַזער מיט נײַע מענטשן, וואָס קוקן מיר נאָך מיט נײַגער.

דעם שטומען איידעס פון פרייד און טרויער, דעם צעצווײַגטן ניסנבוים, האָט קיינער ניט געטשעפּעט. איך טוליע זיך צו זײַן אַלטן שטאַם, און ער רוישט שטיל מיט זײַנע געדיכט באַבלעטערטע צווײַגן, ווי ער וואָלט זיך דערפרייט מיט מיר.

איין הויז אָפן ראָג, וואָס איז איבערגעבויט און באַנײַט, שטייט נאָך פון יענע ווײַטע צײַטן. איך האָב געקענט די מיידלעך פון דעם הויז. מיידלעך, ווי בלומען, באַ אַ טאַטן אַ באַלעגאָלע. די עלטסטע איז געווען אין מײַנע יאָרן. אײננעם אַרומגעלאָפן באַרוועסע איבער די שטויביקע יידישע געסלעך. און מיטאַמאָל, ווי פאַר איין נאַכט, אויסגעוואַקסן שלאַנק און שטאָלץ, מיט עפּעס אַ באַזונדערן גלאַנץ אין די גרויסע אויגן.

איך שטיי פאַר דעם אַלטן הויז, ווי איך וואָלט דאָ געזוכט אַ לאַנגפאַרלוירענעם כאָלעם, און וואַג ניט אַרײַנצוגיין.

אָף דער שוועל באַווײַזט זיך אַ באַיאָרטע גראָוע פרוי. זי באַקוקט מיך אַ ווײַלע מיט אויסגעלאָשענע בליקן, און טוט פּלוצעם אַ צעפיר אירע פאַרלייגטע הענט:

— יאָסעלע, דאָס ביסטו? וויי־וויי, ווי דו האָסט זיך געעלטערט!

זי פאַרבעט מיך אין שטוב, ווו די נײַע צײַט האָט זיך אַרײַנגעצויגן מיטן מאָדערנעם מעבל און פינקלענדיקן קרישטאָל. פונעם צווייטן צימער קומט אַרויס פּאַוועל, דער זעלבער יונגערמאַן, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַקענט אין צוג. ער בלײַבט שטיין אַ פאַרוווּנדערטער, קענטיק איבעראַשט פון אַזאַ אומדערוואַרטער באַגעגעניש.

— דאָס איז מײַן פּיוועלע... מײַן מיזיניק.

איך ענטפער אָפּ מיט אַ שמייכל:

— האָסט פאַרשפּעטיקט, מיר קענען זיך שוין.

איר דורכגעאַקערט פּאָנעם שמייכלט אויך. איר איז, זעט אויס, צום האַרצן, וואָס זי האָט אַ מעגלעכקײַט מיר באַווײַזן איר געראָטענעם זון.

אַ ווײַלע אין שטיל. דערנאָך נעמט זי אויספרעגן, שיטן מיט דערמאָנונגען. פאַרגאַנגענע יאָרן שטעלן זיך אויס אין איין ריי, מיט זייערע פרײַדן און מיט זייערע ליידן, און זי רעדט ווי צו עפּעס ווײַטע זעונגען.

פּאַוועל זיצט אין אַ זײַט און שווײַגט. מיר ווײַזט זיך אויס, אַז אים איז לאַנגווײַליק פון אונדזער געשפּרעך. איך פּרוּוו מיט אים פאַרפירן אַ שמועס, אָבער די מאַמע שלאָגט מיך איבער. זי האָט נאָך ניט דערציילט ווען אירע געראָטענע יאָרשים, ווען אַלע אייניקלעך, און זי לייגט פאַר מיר אויס די מײַלעס פון אירע קינדער און קינדס־קינדער. פּאַוועל געזעגנט זיך און שאַרט זיך שטיל אַרויס פון צימער. מיר קומט פאַר די אויגן דאָס מיידל פון וואָגאָן, און איך ענטפער אָף זײַן שמייכל מיט אַ שמייכל.

לאַנגזאַם פאַרענדיקט די זון איר קרײַז אַרום דער ערד, פאַרוויקלט דעם מײַרעוו אין

צונטער־רויטע פלאַמען, אַ דינער נעפּל, ווי פון זײַד, פאַרשפּינט די בערג.

איך לאָז זיך מיט דעם אַלטן הענג־בריק איבערן טשערמוש, קיין קיטעוו. אונטן זידן און רוישן די וואַסערן און פאַרגיסן מיט אַ ווײַסן שוים די שטיינערדיקע ברעגן.

אויפן לינקן ברעג, ניט ווײַט פון דער בריק, שטייט אַן אַלטער ייִדישער בייסאַלמען. איך גיי אויף קייווער־אָוועס צו מײַנע זיידעס און עלטערזיידעס, וואָס שטאַמען פון דער לינקער זײַט טײַך, פּלאָנטער זיך צווישן אַלטע מאַציייוועס מיט זעלטענע אָרנאַמענטן, אויף וועלכע די צײַט האָט קיין שליטה ניט. די מאַציייוועס דערציילן וועגן אַן אַלטן ייִדישן ייִשעוו, וועלכן איציק מאַנגער האָט אַמאָל באַזונגען:

> צווישן קאָסעוו און קיטעוו
> שטייט אַ גאָלדענער ברונעם.
> אין טיפן קלאָרן וואַסער
> האָב איך אַ זון געפונען.

דער ברונעם איז שוין לאַנג פאַרשאָטן — מיט מענטשלעכע קערפּערס פאַרשאָטן...

לעאָן לוקס, אַ מענטש פון איבער די פופציק, קאָן ניט פאַרגעסן, וויאַזוי מע האָט באַנאַכט זיך אַרײַנגעריסן אין זייער שטוב, אַלעמען אויסגעהאַרגעט, מיט ווילדער כײַישער רעציכע זיך געיאָגט נאָך זײַן קליין שוועסטערל, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער. ער האָט זיך באַהאַלטן אין די צווײַגן פון אַן אַלטן צעוואַקסענעם דעמב און אַלץ צוגעזען. און ביז הײַנט, קימאַט פערציק יאָר נאָך דעם בלוטיקן מאַבל, כאַלעמען זיך אים נאָך דערשראָקענע קינדערשע אויגן און האַרצרײַסנדיקע געשרייען.

לוקס אַרבעט אין לעספּראָמכאָז באַ ספּלאַוועס. קוקנדיק אויף אים, דערמאָן איך זיך אין די לעצטע ייִדן־פּליטנטרײַבער.

פונעם בייסאַלמען קער איך זיך אום מיט דער נײַער אויטאָסטראַדע וויזשניץ — קאָסעוו — איוואַנאָ־פראַנקאָווסק, איבער דעם נײַעם אײַזערנעם בריק. איך קאָן זיך גאָר ניט אָנשפּיגלען אין דעם נײַעם טייל וויזשניץ, וואָס האָט צערוקט זײַנע גרענעצן, פאַרשלונגען דאָס דערבײַיִקע דאָרף — רעוונאַ. איצט איז עס אַ שטאָטישע גאַס באַם סאַמע ברעג פונעם טשערמוש, מיט ליכטיקע, פּילשטאָקיקע הײַזער, מיט אַ טורבאַזע, וואָס האָט אַ שעם איבערן לאַנד, און מיר דאַכט, ווי איך וואָלט אָקאָרשט זיך אומגעקערט פון אַן אַלטן כסידישן שטעטעלע מיט אַ באַרימטן ראַבאָנישן הויף, מיט אַ צענדליק באָטעמעדראָשים און כאַדאָרים, מיט יעשיווע־באָכערים און טילים־ייִדן, מיט באַלמעלאָכעס און פּליטנטרײַבער — אַ שטעטעלע מיט עטלעכע נעגידים אין אַ יאַם האָפענונגסלאָזער אָרעמקײַט, און בין אַרײַן אין אַ נײַער וועלט, אין אַ נײַער צײַט, אין אַ צײַט פון טרוים.

מיך האָט אָנגעיאָגט אַ „זשיגולי”, אַ צונטער־רויטער אויטאָמאָביל. דורכן גלאָז קוקן אַרויס צו מיר צוויי יונגע שטראַלנדיקע פּענעמער. איך דערקען מײַנע נײַע יונגע פרײַנט — פּאַוועלען און סטעלען. זי זיצט באַם רודער און פירט, מיסטאַמע, דעם פּאָטערס מאַשין.

אַ גליקלעכן וועג אײַך!

טכילעס אָוונט.

ביסלעכווײַז ווערן ליידיק די גאַסן. אין הימל פינקלען די ערשטע שטערן. די לופט, אַ סאַמעט־בלויע, פאַרשיקערט מיט יונגע זאַפטן פון צעבליטע אַקאַציעס. די בערג דרעמלען אינעם אייביקן רויש פון טשערמוש.

היימישע גאַסן... איך קום זעלטן אַהער, נאָר זיי זײַנען מײַנע, ווי דער טײַך, ווי די בערג, ווי די לופט, מיט וועלכער איך אָטעם, ווי דעם פּאַסטעכס הוצולישע דודע.

יאָ, פּאַוועל־פּײַוועלע, אַ מענטש קאָן ניט אויסקומען אָן אַ לײַבלעכער היים, אָן דער ערד, אויף וועלכער ער זאָל, גייענדיק, פילן איר וואַרעמקײַט אונטער זײַנע טריט.

היימישע גאַסן!

און אַזאַ שטילקײַט אַרום. און ס׳דאַכט זיך, אַז די שטילקײַט האָט אַן עכאָ, וואָס רופט זיך אָפּ ווײַט־ווײַט...

• • •

באַרעך שײַנגאָוטער

זומער

ווען ס׳קומט דער פרילינג, זאָרגט מען זיך אין אונדזער מישפּאָכע: וווּהין פירט מען ארויס דאָס קינד אַף זומער. מיט יאָרן צוריק האָבן מיר געהאַט די דאַזיקע זאָרג פאַר דער טאָכ־טער. איצט — פאַרן אייניקל. ס׳איז אָבער ניט אַזוי פּראָסט צו געפינען א געוווּנטשענע דאַ־טשע, זי זאָל זײַן נאָענט צום וואַלד, צום טײַך, ניט ווײַט פון דער סטאַנציע. עס זאָלן זײַן בע־ערעך די באַקוועמלעכקײַטן, צו וועלכע מיר זײַנען געוווינט אין מאָסקווע. הייבט זיך אָן א דינגעניש, ווער ס׳וועט פאָרן זוכן א דאַטשע. דאָס ווײַב שיקט מיך, איך ענטפער איר, אַז כ׳טויג ניט פאַר אַזא שליכעס. כ׳ווייס ניט וווּ צו זוכן. זאָגט די טאָכטער: — פאָרט בײַדע! לאָזן לאָזט זיך אויס, אַז מיר פאָרן אײַנדרײַען און מיר געפינען, געוויינלעך, ניט דאָס, וואָס מיר דאַרפן. אָדער מיר כאַפּן זיך אַרײַן צו אַזא מין סאָרט באַלעבאָסטע, וועלכע טײַט מיטן פינגער, וווּ מע מעג א טראָט טאָן און וווּ מע טאָר ניט אָדער מיר טרעפן דאַפקע אָן צו א באַלעבאָ־סטע — א גאָלד, טויג אָבער ניט די דאַטשע...

האַיאָר האָט מײַן אייניק פאַרענדיקט דעם ערשטן קלאַס, און ס׳האָט זיך ווידער אָנגע־הויבן: וווּהין פירט מען ארויס דאָס קינד אַפן זומער?

דער אייניק הערט, וועגן וואָס מיר טײַנען, און ער מישט זיך אַרײַן מיט זײַן אייצע:

— וואָס דאַרפט איר דאַטשעס, כ׳וועל בע־סער פאָרן מיט מײַן קלאַס אין פּיאָנער־לאַגער! זעענדיק, אַז זײַן אייצע האָט געמאַכט אַף אונדז אַן אײַנדרוק, ווערט ער שוין דרייסטער:

— כ׳בין שוין א גרויסער! סעריאָזשע פון מײַן קלאַס פאָרט אין לאַגער, וויל איך אויך מיט אים פאָרן!

— נו, און בענקען וועסטו ניט? — פרעג איך בא אים מיט א האַלב מויל.

אָט די פראַגע מײַנע האָט אים אויסגעניכ־טערט, דערמאָנט אין דעם, אַז צום ערשטן מאָל פאַר זײַן קנאַפּ אכטיאָריק לעבן וועט ער זיך דאַרפן צעשיידן מיט אונדז ניט אַף א פּאָר שאָ, נאָר אַף פיל טעג און נעכט. אַף זײַן פּענעמל לייגט זיך אויס עפּעס א שאָטן.

אָנשטאָט מיר ענטפערן, צי ער וועט ניט בענקען, שפּילט ער אונדז אָפּ א שטומע סצע־נע: ער לויפט צו צו דער מאַמען, כאַפּט זי שטאַרק ארום מיט די הענט, פון איר — צו דער באָבען... זײַנע אויגן שמייכלען דורך טרערן.

— אָט האָסטו דיר „כ׳בין שוין א גרוי־סער", — נעם איך אים האָפּערדיק פּאַריידן די צײַן, ער זאָל זיך דערווײַל ניט צעוויינען. — נו, פאָר אין לאַגער מיט דײַן קלאַס, מיט סעריאָ־זשען. האָסט דאָך אליין פאַרגעלייגט, איז פאָר!

— פאָר, פאָר! — ענטפערט ער מיר שוין מיט א וויינענדיק קאָל. — כ׳וועל פאָרן, אויב דו וועסט אויך פאָרן מיט מיר...

עס ווערט א ראַש. מיר צעלאַכן זיך.

— פּענסיאָנערן נעמט מען דען אין פּיאָ־נער־לאַגער? — לאַכט מײַן טאָכטער.

— אוודאי! — ענטפערט ער איר גאַנץ ערנסט, — סעריאָזשעס זיידע איז אויך א פּענ־סיאָנער, פאָרט ער אין לאַגער ארבעטן, קעדיי סעריאָזשע זאָל דאָרט ניט זײַן אליין.

מײַן אייניק האָט אונדז ווידער אונטערגע־זאָגט א געדאַנק. איך קוק זיך איבער מיט דער טאָכטער און מיטן ווײַב.

— עפּשער וואָלט טאַקע געווען א טאַכלעס, כ׳זאָל פאָרן אין לאַגער ארבעטן צוליבן קינד? — פרעג איך בא זיי, — מיר וואָלטן דאַן פאַרשפּאָרט זוכן א דאַטשע, וואָס קאָסט טײַער און ברענגט קנאַפּ נאַכעס...

איך פאָר אוועק מיט סערגייס זיידן צו דער פאַרוואַלטערן פונעם לאַגער, צו קלאַוו־דיע סערגייעוונען. זי איז שטאַרק פאַרטאָן אין איניאָנים. איר טיש רינגלען ארום פּיאָנער־וואָ־

זשאַטעס און אַנדערע באַהעלפער. ווען זיי צעגייען זיך, גייען מיר צו און זאָגן איר אַזוי און אַזוי...

צו סערגייס ווידן שמייכלט זי היימיש: ער האָט שוין בא איר געאַרבעט. מיך באַטראַכט זי מיט אַן ענערגישן, געניטן בליק און ענטפערט אַזוי:

— מיר דאַרפֿן נאַכט־וועכטער, קאַטשעגאַרן און דוואָרניקעס... איז קלײַבט פאַר זיך אויס, וועלכע פון די אַרבעטן ס'גייט אײַך אונטער. אָבער איר דאַרפט מיך פאַרזיכערן, אַז איר וועט אַרבעטן דעם גאַנצן זומער. דעם ערשטן יון פאָרן מיר אַרויס אין לאַגער...

— מיר וועלן זיך באַלד באַראַטן, — ענטפערט איר איוואַן וואַסיליעוויטש און רופט מיך אָפּ אַן אַ זײַט.

— די סאַמע פאַסיקע אַרבעט פאַר אונדז וועט זײַן דוואָרניקעס. — זאָגט ער.

— מיר זײַנען דאָך אַלטע סאָלדאַטן, — גיב איך צו, — וועלן מיר אָף דער פרישער לופט מיט די בעזעמער איינס און צוויי...

— נו, און די טעריטאָריע, וועלכע מיר וועלן דאַרפֿן אופראַמען, איז ניט שטאַרק גרויס און אויך ניט קליין... — זעצט פאָר מײַן פרײַנט, מעסטנדיק אין געדאַנק דעם שטעך. — כ'מיין, אַ קילאָמעטער און עפּשער אַלע צוויי... איז נו?

איך שאָקל מיטן קאָפּ אָף יאָ, כאָטש איך האָב ניט קיין אַנונג, אָף וואָס איך גיי אײַן. מיר קערן זיך אום צו קלאַודיע וואַסיליעווונען און מעלדן איר אונדזער אויסוואַל:

— דוואָרינקעס!

— שרײַבט אָן מעלדונגען. — הייסט זי אונדז.

און דערווײַל איז אונטערגעקומען דער ערשטער יון. מיר — איך און די באָבע, די טאָכטער און דאָס אייניקל — גייען צום זאַמלפונקט, ווו ס'האָבן זיך שוין צונויפגעקליבן די עלטערן מיט זייערע דרײַ הונדערט קינדער.

אָט דאָ האָב איך ערשט דערזען, אין וואָס פאַר אַ געניטע הענט עס געפינט זיך די דערציִונג פון אונדזערע קינדער אין דער צײַט פון די קאַניקולן.

זעקס אויטאָבוסן, פאַרפוצטע מיט רויטע פענדלעך און מיט פּיִאָנערישע עמבלעמעס, זײַנען געשטאַנען גרייטע אַרײַנצונעמען אין זיך דרײַ הונדערט קינדער. אָף די אויטאָבוסן — בונטע אויפשריפטן:

„אַכטונג! קינדער!"

פאָרויס גייט אַ „וואָלגע", אין וועלכער ס'געפינט זיך מיליציע. די קאָלאָנע באַגלייט אַן אויטאָמאָביל מיט דאָקטוירים...

דער עלטערער וואָזשאַטע מעלדעט דורך אַ רופּאָר:

— פּיִאָנער־וואָזשאַטעס! פירט אַרײַן אײַערע אָטריאַדן אין די אויטאָבוסן! עלטערן! גייט אָפּ אין אַ זײַט פון אײַערע קינדער!

און אָט קוקן שוין אַרויס די קינדער אָף זייערע עלטערן דורך די אויטאָבוס־פענצטער. מײַן אייניק אויך. די טרומייטן און פויקן שפּילן פּיִאָנערישע מאַרשן. דער געריוש פון די קינדער, זייערע הילכיקע קולעס טראָגן זיך איבער דער גאַס. די קינדער זײַנען פאַרפלאַמט, מאָלע גדולע.

מײַן אייניק איז אויך זייער אופגעלייגט. ער לאָזט אָבער ניט אַראָפּ פון דער באָבען און פון דער מאַמען דעם צעטומלטן בליק. ער שמייכלט צו זיי, אָבער אין זײַנע אויגן גייען אוף צוויי איימעדיקע פּײַערלעך...

— איך פאָר דאָך מיט דיר! — שרײַ איך צו אים.

— איז קום אַרײַן צו מיר אין אויטאָבוס! — בעט ער מיך.

— מײַן אָרט איז צווישן די גרויסע. אין לאַגער וועל איך גלײַך צו דיר צוגיין. — ענטפער איך אים. דאַן ווערט ער פריילעכער, אָט שפּאַסט ער שוין:

— ווו זשע איז דײַן בעזעם?

לאַכן מיר שוין אַלע.

דער נאַטשאַלניק פונעם לאַגער גיט אַ קאָמאַנדע דורכן רופּאָר:

— קאָלאָנע, פאָרויס!

אין אַ דרײַ שאָ אַרום פאַרקערעוועט די קאָלאָנע אָף רעכטס פונעם שאָסיי, און גלײַך רוקט זיך אָף אונדז אָן, ווי אַ הויכע וואַנט, אַ ברייטשעסדיק געדיכטער וואַלד. מיר פאָרן דורך דעם אויסגעהאַקטן וועג. די קרוינען פון די הויכע ביימער הוידען זיך שטיל, ווי זיי זאָלן באַגריסן די קינדער. און אָט באַווײַזט זיך דער טויער מיט אַ טראַנספּאַראַנט: פּיִאָנער־לאַגער „בעריאָזקאַ".

וואָס ווײַטער מיר פאָרן איבער דער לאַגער־טעריטאָריע, אַלץ שאַרפער כאַפּט אונדז אַרום אַ געמיש פון כּיִעסדיקע רייכעס, וואָס עס גיבן אַרויס פון זיך די ביימער, די גראָזן, די וואַלד־בלומען. אַ וואַרעמער רייעך ציט זיך פון די וואַסער־געוויקסן אין נאָענטן טײַך. די ביימער שטייען רויק אין דער הייסער שטילקײַט. דורך דעם געדיכטן בלעטער־געפלעכטס פאַלן אָפּן הויכן גראָז זונען־בליקן.

אָט באַווײַזן זיך זעקס פריש־אויסגעפאַרבטע קאָטעדזשן מיט פאַרגלאָזטע וועראַנדעס, ווו ס'וועלן ווינען די קינדער. אַרום די קאָטעדזשן — צעבליטע בונטפאַרביקע בלומען. די טירן און די פענצטער זײַנען אָפן. אַלץ איז גרייט אופצונעמען די קינדער. זעכציק אַרבעטער פונעם באַדינער־פּערסאָנאַל זײַנען אָהער געשיקט געוואָרן מיט אַ כּוידעש פריִער, און זיי

האָבן אַלץ צוגעגרייט. אין די אופגעראַמטע ראַכוועסדיקע צימערן שטייען אין אַ שטרענגער אָרדענונג ניקלענע בעטלעך. אַנטקעגן די קאַ־טעדזשן איז אויסגעבויט אין דער פאָרם פון אַ טורעם דער קלוב. אַף זײַן פאַסאַד איז מיט פאַרביקער מאָזאיִק אויסגעלייגט אַ פּאַנאָ — פּיאָנערן גיבן אָפּ אַ שוווּע. אינווייניק זײַנען די ווענט באַהאָנגען מיט בילדער, וועלכע דער־ציילן וועגן דעם לעבן פון די קינדער אין אונדזער לאַנד. עס איבעראַשט דער קאָמפאָרט, די געמיטלעכקײַט און רײַכקײַט.

אין קלוב זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע קרײַז־לעך, מיט וועלכע עס פירן אָן געניטע אינסט־רוקטאָרן: אַ פאָטאָ־קרײַז, אַ קרײַז פאַר מאָלע־רײַ, פאַר טענץ, אַ דראַמאַטישער קרײַז, אַ קאָנ־סטרוקטאָר־קרײַז, אַ כאָר און אָרקעסטער.

כוץ דעם טײַך, צו וועלכן מע פירט, אונ־טער אַ שטרענגען אופזיכט פון די וואָזשאַטעס, די קינדער זיך באָדן, איז אויסגעבויט אַ פּרעכ־טיקער באַסיין, ווו ס׳קומען פאַר ספּאָרטיווע פאַרמעסטונגען. גרויסאַרטיק־מײַסעדיק זײַנען די שפּיל־פּלעצער. עסן גיט מען די קינדער פינף מאָל אַ טאָג. דאָס געקעכץ איז פאַרשיידנ־אַרטיק און געשמאַק. ניט ווייניק דעליקאַטעסן און אוודאי פאַרשיידענע פרוכטן.

די קינדער געפינען זיך אונטערן טאָגטעג־לעכן אופזיכט פון דאָקטוירים און מעדיצין־שוועסטער. אין מעדיצינישן פונקט דעזשורעט שטענדיק אַ ספּעציעלער סאַניטאַר־אויטאָבוס, אין פאַל, אויב מע דאַרף דרינגענד אָפּפירן אַ פאַרשלאָפט קינד אין אַ מאָסקווער שפּיטאָל. דער לאַגער־נאַטשאַלניק האָט ניט קיין רעכט צו פאַרלאָזן דעם לאַגער אפילו אַף קיין איין שאָ אין מעסלעס בעמעשעך דעם גאַנצן זומער. די גײַסטיקע און פיזישע דערציִונג פאַר־נעמט דאָס ערשטע אָרט און איז דער הויפּט־ציל, צוליב וועלכן מע פירט ארויס די קינדער אין לאַגער. פון מאָסקווע קומען אָפט באַפול־מעכטיקטע קאָמיסיעס, זיי קאָנטראָלירן, וויאַזוי די אָנפירער פונעם לאַגער פירן דורך די אָנ־געמערקטע פּראָגראַם.

איוואַן וואַסיליעוויטש איז אַ רויִקער, אָנ־שטענדיקער מענטש. אַן אַרטילערישער מאַיאָר אין דעמיסיע. פון די פאַרווונדונגען און קאָנטו־זיעס, וועלכע ער האָט באַקומען אין דער מיל־כאָמע־צײַט, איז ער קימאַט פּולקאָם טויב.

— נו, איצט וועלן מיר זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט! איר זעט, וואָס עס טוט זיך? — האָט ער אַף מיר אַ פּילבאַדײַטנדיקן קוק גע־טאָן. — ערשטנס, קומט אין קלאַדאָווקע נאָכן קלאָפּערגעצײַג.

אַ קוק געטאָן אין קלאַדאָווקע אַף די בעזע־מער, האָט ער אומצופרידן אַ מאַך געטאָן:

— פון וויפל בעזעמער וועלן מיר צונויפ־שטעלן איינעם? אהא, פון דרײַ!

אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן.

איך נעם איבער דעם בעזעם און דערפיל, אַז ער וועגט אַ פוד.

— שווערלעך פאַר אײַך? — פרעגט ער מיט דער אומיטלבאַרער אופריכטיקײַט, וואָס ליגט צעשפּרייט אַף זײַן גוטמוטיק פּאָנעם.

— אוודע, — ענטפער איך. — אויב נאָך נעמען אין כעזשבן, אַז מיט אַזעלכע מאַכינעס וועלן מיר דאַרפן פּאָכען אַ טויזנט מאָל אין טאָג.

— אהא, — איז ער מאַסקים, — מיט אַזאַ „בעזעמל“ וועסטו אַ שוויץ טאָן! נו, פאַר אײַך וועל איך צונויפשטעלן נאָר פון צוויי איינעם. און אָט דעם בעזעם וועל איך איבערלאָזן פאַר זיך. כ׳האָב ליב אַ וואָגיקן אינסטרומענט!

צוויי טעג האָבן מיר געהאָרעוועט, ביז מיר האָבן אופגעראַמט די טעריטאָריע פונעם לאַ־גער. דערנאָך איז געוועזן לײַכטער צו אַרבעטן.

דעם צוואַנציקסטן יון האָט די פאַרוואַל־טערן צונויפגערופן די מילכאָמע־וועטעראַנען און געפרעגט בײַ אונדז:

— ווער פון אײַך איז באַלוינט געוואָרן מיט מיליטערישע אָרדענס און מעדאַלן?

צווישן אַנדערע, האָב איך זיך אויך אָפּ־גערופן.

— דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן וועלן מיר אָפּמערקן דעם טאָג פונעם פאַשיסטישן אָנפאַל אַף אונדזער לאַנד, — האָט זי פאָרגעזעצט. — בעט איך אײַך, איר זאָלט צופאָרן קיין מאָסק־ווע און ברענגען אײַערע באַלוינונגען. כ׳וועל אײַך אויך בעטן, איר זאָלט ארויסטרעטן פאַר די קינדער, דערציילן זיי, פאַר וועלכע העלדנ־טאַטן איר זײַנט באַלוינט געוואָרן און אויך וועגן דעם, ווי שווער ס׳איז אָנגעקומען דער זיג איבערן פאַשיזם.

דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן יון האָט מען אין קלוב פאַרזאַמלט אַלע קינדער. די קלענ־סטע האָט מען, ווי געוויינלעך, אויסגעזעצט אין די ערשטע רייען. אונדז, די מילכאָמע־וועטע־ראַנען — אַף דער בינע אין פּרעזידיום.

ווען די וואָזשאַטעס האָבן אײַנגענומען דעם טומל, האָבן זיך פון די ערשטע רייען געלאָזט הערן קונדייסישע אויסרופן:

— אָט איז מײַן זיידע! — האָט טײַטנדיק מיטן פינגער צו דער בינע, אויסגעשרײַען סע־ריאָזשע, — איר זעט, וויפל נאַגראַדעס ער האָט באַקומען!

— מײַן זיידע איז אַף דער מילכאָמע גע־ווען אַ סטאַרשינאַ! — האָט אים אַן אַנדער קאָל איבערגעשרײַען.

פוילט זיך ניט מײַן אייניק און שרײַט אויס ניט מער, ניט ווייניקער:

— און מײַן זיידע איז אַף דער מילכאָמע געוועזן א גענעראל!

די וועטעראַנען לאַכן גוטמוטיק...

די ערשטע טעג האָט מײַן אייניק ניט געלאָזט מיך צורו. ער האָט זיך געבעטן: „זיידע, זײַ מיט מיר נאָך א ביסעלע, גיי ניט אוועק אַזוי גיך פון מיר". צומאָל פלעגט ער לאָזן א טרער. אָבער מיט דער צײַט האָבן זיך זײַנע טײַנעס צו מיר געענדערט אין דער פאַרקערטער זײַט. ווי נאָר כ׳פלעג צו אים צוקומען, פלעגט ער זיך אַרומקוקן אַף זײַנע כאַווײרים און אומגעדולדיק מיר הייסן, כ׳זאָל פון אים וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן. ס׳איז שוין מיר אויסגעקומען אים בעטן, ער זאָל מיט מיר זײַן נאָך א ביסעלע. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שעמען פאַר זײַנע כאַווײרים, האַלעמײַ איך נעם אים אַרום און זאָג אים א צערטלעך וואָרט.

אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. אָבער אויב א מענטשן זאָל זײַן גוט א גאַנצן זומער אָן אַן איבערײַס, וועט דאָך פון נאַכעס זײַן האַרץ ניט אויסהאַלטן. האָט זיך געטראָפן...

אין א הייסן טאָג האָט מען אוועקגעפירט זיך באָדן צום טײַך דעם זעקסטן אָטריאַד, וווּ ס׳איז געווען מײַן אייניקל. ווי געוויינלעך, זײַנען די קלענסטע קינדער אַרומגערינגלט געווען מיט א צוגאָבלעכער צאָל וואָזשאַטעס פון די עלטערע אָטריאַדן. גוט? אײַלט זיך ניט מיט קיין ענטפער.

אינגיכן האָט זיך איבערן לאַגער צעטראָגן אַן אומרויִקע הודערײַ: דער הודאָק פון דער קאָטעלנע טרייסלט אויף די לופט, וויגט דעם וואַלד, אַן אַליאַרעם!

מיר, אַרבעטער, ווי אויך די פּיִאָנערן פון עלטערן אָטריאַד און עטלעכע מענטשן פון דעם נאָענטן פּיִאָנער־לאַגער, לויפן צום שטאַב. דאָרטן דערזעען מיר קלאַוודיע סערגייעוונען א בלאַסע, זי שרײַט:

— אַלע צום טײַך!

זי לויפט, מיר — נאָך איר. אַפן וועג באַגעגנט אונדז אַן עלטערע אופּראַמערן. ברעכנדיק די פינגער, זאָגט זי אונדז אָן די פינצטערע בסורע:

— א ייִנגעלע... פונעם זעקסטן אָטריאַד... דאַכט זיך דערטרונקען געוואָרן.

כ׳האָב דערפילט, אַז דאָס בלוט האָט זיך אין מיר אָפּגעשטעלט. אַף א מינוט האָבן זיך מײַנע פיס אונטערגעבראָכן. כ׳בין געבליבן שטיין. און גלײַך האָט מיך אַן אינערלעכער שטויס א טראָג געטאָן נאָכן לויפנדיקן אוילעם.

א יונגיטשקע וואָזשאַטע לויפט אונדז אַנטקעגן. אירע פאַרוויינטע אויגן זײַנען ווילד פאַרברייטערט. זי מורמלט עפּעס צום לאַגער־נאַטשאַלניק.

— ווער? — שרײַט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, קלאַוודיע סערגייעוונע. די וואָזשאַטע ווײנט אויס דעם נאָמען. איך האָב אָבער ניט דערהערט, ווער דאָס איז.

אַפן ברעג זיצן די שוין אָנגעטאָנענע קינדער. צוויי וואָזשאַטעס היטן זיי. די איבעריקע זוכן אין טײַך.

— די קינדער אָפּפירן אין לאַגער! — שרײַט קלאַוודיע סערגייעוונע, לויפנדיק אין אָנטאָן אין טײַך אַרײַן. אַלע — נאָך איר.

איך פאַרהאַלט זיך לעבן די קינדער. פאַר מײַנע אויגן שווינדלען זייערע דערשראָקענע פּענעמלעך ווי צעשוווּמענע שאָטנס. איך דערקען ניט, ווער פון זיי איז מײַן אייניקל.

— זיידע!

דערהער איך זײַן ציטעריק קאָל. און אָט קלאַמערט ער זיך שוין מיט די הענטלעך אין מײַנע אָרעמס. דער געדאַנק, אַז דאָס קינד איז מיט מיר, האָט ווי א הייסער שטראָם דורכגענומען מײַן לײַב. אָבער צופיל שרעק האָט פאַרקלעמט מײַן האַרץ, אַז ס׳זאָל זיך קאָנען דערפרייען.

— זיידע, — ציטערט זײַן קאָל, — וואָווע קאָטונצעוו איז...

— שווײַג! — זאָג איך צו אים.

מע פירט אוועק די קינדער. איך לויף אין טײַך אַרײַן. מער פון הונדערט מענטשן בראָדיען אינעם וואַסער אַפן אָרט, וווּ מע האָט געבאָדן די קינדער. דאָס וואַסער איז פלאַך, אַפילע די קליינע קינדער האָט עס דערגרייכט אין יענעם אָרט ביז צו דער ברוסט. מע זעט יעדעס שטיינדל. נאָר וואָווע קאָטונצעוון זעט מען ניט...

— ניטאָ אין טײַך וואָווע! — שרײַט עמעצער.

— דאָס וואַסער פליסט דאָך ניט האַסטיק, ווּהין זשע האָט ער געקאָנט אַנטרונען ווערן?! — פרעגט עמעצער.

— עפּשער איז ער פאַרקראָכן אין וואַלד?

— און מעגלעך, ניט פרעגנדיק בא קיינעם, האָט אים אַוועקגעפירט אין וואַלד זײַן אָנגעפּאָרענע מאַמע! אַזעלכס טרעפט זיך דאָך! — שרײַט מען.

די דאָזיקע האַשאָרע האָט זיך געלייגט אַפן זינען און גערעדט צו אונדזערע הערצער: מיר האָבן דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט גלייבן, אַז דאָס קינד לעבט!

מיט דער מאָמענטאַלקײַט, מיט וועלכער אַף אַן אוילעם ווירקט די אַלגעמיינע שטימונג, האָט די האָפענונג אָנגעהויבן אַרויסשטויסן פון אונדזערע הערצער דעם ייִעש.

אַלע האָבן געווענדט די פרעגנדיקע אויגן אַף דער, ווער ס׳טראָגט די ערשטע אַכרײַעס פאַר די קינדער.

קלאוודיִע סערגייעוונע האָט אופגעהויבן פונעם וואסער דאָס בלאסע, פארצאָרנטע פּאָ־נעם און מאכטלאָז אראָפּגעלאָזט די מידע הענט לענגויס דער אויסגעווייקטער קלייד.

מיר האָבן זיך צעשאָטן איבערן וואלד און גענומען שרײַען:

— וואָ־וואָ־אָ! וואָ־וואָ־אָ־אָ! קאטונצעוו!!!

פלוצעם דערהערן מיר פון די נאָענטע קוס־טעס א קינדעריש, שפּילעוודיק קאָל:

— אאָ־ו־ו! אָט בין איך דאָך!

פארציטערטע זײַנען מיר געבליבן שטיין, קוקנדיק איינער אפן אנדערן. מיר לויפן צו די קוסטעס און דערזעען וואָווען מיט זײַן מאמען. ער זיצט זיך אף אירע קני און עסט שווארצע קארשן...

די ערשטע איז צו אים צוגעפאלן זײַן זעכצניאָריקע וואָזשאטע ליובע. וויינענדיק שוין איצט פאר פרייד, גלעט זי אים און מורמלט:

— וואָוואָטשקא, וואָוואָ!..

קוקנדיק אף איר מיט א שעלמישן בליק, טוט ער זיך א רייס:

— איך בין אוועק מיט מײַן מאמען אין וואלד, און דו האָסט מיך געזוכט...

ווי צערודערט און אופגעבראכט מיר זײַ־נען ניט געווען, וואָס דער מאזיק מיט זײַן קלו־גער מאמען האָבן אונדז אָפּגעשפּילט אזא כא־סענע, האָבן מיר, קוקנדיק אף זײַן לאכנדיק מויל, ניט אויסגעהאלטן און זיך צעלאכט.

און דערווײַל איז די צײַט זיך געגאנגען איר וועג. דער שיינער זומער האָט צוביסלעך גענומען אָפּטרעטן פאר דעם אײַלנדיקן הארבסט, וועלכער איז געקומען פונוויטן. דער וואלד האָט אָנגעהויבן בײַטן די גרינע פארבן אף געלבלעכע. די רויִק שטייענדיקע אין דער ווארעמער לופט ביימער האָבן זיך גענומען אומרויִק שושקען. דער כוידעש אווגוסט האָט צעביטן די פערטע וואָך. אוועק איז דער ליבער זומער...

די אונטערגעוואקסענע קינדער, פארברוינ־טע פון דער זון, אָנגעזאפּטע מיט פרישקײַט, זײַנען ווי מיד געוואָרן פונעם אָנגעשטרענגטן פולן מיט באוועגונג לעבן. זיי האָבן זיך שוין פארבענקט נאָך דער היים. דער לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן קלײַבן אין וועג.

און אָט זיצן שוין די קינדער אין די אוו־טאָבוסן. זיי קוקן פון די שויבן אף די קאָ־טעדזשן, אין וועלכע זיי האָבן אזוי ראשיק און פריילעך פארבראכט דעם זומער. איצט זײַנען די פארמאכטע פענצטער און טירן ווי פארו־מערט געוואָרן. דער פארשלאָסענער קלוב, אין וועלכן ס׳האָט אזוי ראשיק געווימלט מיט מו־זיק, מיט לידער און טענץ, שווײַגט, ווי פאר־שעמט. דער וואלד רוישט אומעטיק.

באטראכטנדיק דעם פּוסט געוואָרענעם לא־גער, דערזע איך פלוצעם, ווי צוגעשפּארט צו א בוים שטייט זיך אזוי איינזאם, ווער האָט איר געמיינט? איר וועט זיך ניט אָנשטויסן, אויב כ׳וועל אײַך ניט מודיִע זײַן, וועמען כ׳האָב דערזען: מײַן געוועזענעם באהעלפער, מײַן בעזעם!.. ס׳איז, כלעבן א נעבעך געווען צו קוקן אף אים: ניט קיין בעזעם — אן אָפּגע־פליקטע הווישײַנע! ער שטייט זיך אזוי בא־טריבט, ווי ער וואָלט מיט מאכטלאָזן פאָרוווּרף געשפּירט נאָך די פליִענדיקע ארום אים פּא־פּירלעך.

עס דערהערט זיך דער באלעבאָסטעס קאָ־מאנדע:

— קאָלאָנע, פּאָרויס!

די קינדער פאָכען מיט די הענט, געזעגע־נענדיק זיך מיטן לאגער, אין וועלכן זיי האָבן פארבראכט דעם זומער:

— זײַט געזונט, לאגער, וואלד, טײַך! איבעראיאָר קומען מיר ווידער צו אײַך!

מיר פאָרן מיט דעם דורכגעהאקטן וועג. פון ביידע זײַטן שטייען, ווי ריזיקע ווענט, די הונדערטיאָריקע דעמבעס. זיי הוידען צו מיט די הויכע קרוינען, ווי געזעגענענדיק זיך מיט די קינדער.

די קאָלאָנע פאָרט ארויס אפן שאָסיי. אין א דרײַ שאָ ארום יאָגט אונדז אנטקעגן דער וועג־אופשריפט: „מאָסקווע".

צווישן די קינדער ווערט א גרויסע גדולע:

— מאָסקווע! מאָסקווע! — שרײַען זיי מיט שײַנענדיקע פּנעמער.

— יאָ, א געמיש פון אופטרייסלענדיקע געפילן און אסאָציאציעס טראָגט מיט זיך דאָס שטאָלצע וואָרט מאָסקווע!

רוווז פּאָסטילניקאָוו

צופּוס איבערן לאַנד

ווען שימען ראָזין זאָל אפילע ניט געווען באלוינט ווערן מיט פיר אָרדענס אין די יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וואָלט מען אים סײַוויסײַ ארײַנגעשריבן אין די צעטלען פון העלדן.

פון זײַנע אכט און זעכציק יאָר, וואָס ער לעבט אף דער וועלט, האָט ער אָפּגעגעבן א דריטל אף פעסטשטעלן, וויאזוי אפן בעסטן אויפן אויסנוצן די רײַכטימער פון אונדזער ערד. ראָזין איז ניט נאָר א גענײטער געאָדעזיסט — ער פארמאָגט א שארפן כוש פון א געאָלאָג, און אויב מע דארף לויטן מעלוכע־פּלאַן ערגעץ אויסבויען א נײַעם זאוואָד אָדער א נײַע שטאָט — שיקט מען דעם אויסגעפּרוּווטן מארקשיידער ראָזינען, ער זאָל אויספאָרשן די ערד־פּלאסטן.

עס קומט אים אויס זיך גראָבן אין דער ערד, געבן די געהעריקע כאראקטעריסטיק וועגן דעם באָדן: צי וועט ער קאָנען אף זיך, אויסהאלטן די מאסע פון דעם זאוואָד אָדער פון אנדערע געבײַען. ער דארף אויך פעסטשטעלן, צי קאָנען די גרונטן אויסגענוצט ווערן אף צו באקומען וואסער פאר דער קומענדיקער שטאָט און צי איז די ערד גינסטיק צו פלאנצן ביימער. איבער א סאך סטעפּעס האָט ער איבערגעלאָזט זײַנע שפּורן. און ווען ער פלעגט מיטן טעאָדאָליט שפּאנען אף דער אויסגעטריקנטער ערד, האָט ער געטראכט וועגן נײַע שטעט, זאוואָדן, עלעקטראָסטאנציעס, וועלכע וועלן דאָרט אויסגעבויט ווערן.

אָפּטמאָל שטויסט זיך ראָזין אָן אף מינעראלן, וועלכע ליגן ניט אין דער טיפעניש פון דער ערד, נאָר אין די אייבערשטע פּלאסטן. קעדיי ארויסבאקומען זיי, דארף מען ניט האָבן קיין ספּעציעלע אויסשטאטונג, און דאָס קאָסט ביליקער. ווען עס גייען דורך עטלעכע יאָר און דער שיכט פון דעם אָפענעם קאריער ענדיקט זיך שוין, קומט ווידער ראָזין צו דער טראנשיי, וועלכע ציט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אף א סאך קילאָמעטער. איצט ווערט ער שוין א מעליִאָראטאָר, און זײַן כויוו איז באטראכטן, מיט וואָס צו אָנפילן אָט די טראנשיי — פארשיטן זי מיט ערד אָדער אָנפילן מיט וואסער.

און ניט אלע, וועלכע לעבן אין דער נײַער שטאָט, וועלן וויסן, אז אין דער אָזערע, ווו עס באָדן זיך אין א הייסן זומער־טאָג קינד־און־קייט, און די יונגע ביימער ארום דער אָזערע, אין שאָטן פון וועלכע מע קאָן כאפּן א געשמאקן דרעמל, האָט ער, שימען ראָזין, א היפּשן כיילעק...

בײַס איינעם א שמועס מיט שימען ראָזינען האָב איך אים געזאָגט:

— מיך כידעשט די פארשיידנקײַט פון אײַערע פאכן: א געאָדעזיסט, א געאָלאָג, א מעליִאָראטאָר...

האָט ער מיר געענטפערט:

— מיט ערדארבעט האָב איך זיך פארנומען אין מײַן שטעטל, ניט ווײַט פון סמאָלענסק, ווען איך בין נאָך געווען א פּופּצניאָריק ייִנגל, ס'איז געווען שוין צען יאָר נאָך דער רעוואָליוציע. לויט דער באשטימונג פון דער אָרטיקער מאכט האָט זיך בא אונדז אָרגאניזירט א קאָלווירט פון עטלעכע און צוואנציק ייִדישע מישפּאָכעס. סארא פרייד ס'איז געווען! אף דער ערד, ווו קיין ייִדישער פוס האָט יאָרנלאנג ניט געוואגט צו טרעטן, האָבן ייִדן געאקערט און געזייט, זיך געקוויקט מיטן ברויט פון אייגענער האָרעוואניע...

שוין דאַן, ווען עס איז נאָך ווייניק געווען באוווּסט וועגן אזא פאך, ווי מעליִאָראציע, האָט שוין שימען ראָזין אין דעם ייִדישן קאָלווירט זיך באטייליקט אין אויסטריקענען די סמאָלענסקער זומפּן. צוויי יאָר האָט ער דאָ געארבעט, דערנאָך האָט אים דער קאָמיוג גע־

שיקט קיין מאָסקווע זיך לערנען אין א הידראָ־מעליִאָראַטיאָן טעכניקום, און ווען ער האָט אים פאַרענדיקט, ווערט ער א דיפּלאָמירטער מע־ליִאָראַטאָר.

טויזנטער העקטאַר זומפּן האָט ער צוזאַ־מען מיט אַנדערע ענטוזיִאַסטן אויסגעטריקנט הינטער סמאָלענסק און הינטער מאָסקווע. דער אָפּטו פון זײַן מעליִאָראַטאָרישער בריגאַדע אין דער אַזויגערופענער „יאַכראָמאָווסקער פּאָימע״ איז אין יענער געגנט באַצייכנט ווי א באַזונ־דערס וויכטיקע דערגרייכונג.

— מיר, מעליִאָראַטאָרן, — זאָגט שימען ראַזין, — זײַנען פון דעם מין מענטשן, וועלכע אונדזער היים איז אָפּטמאָל צווישן הימל און ערד. מיר העלפן דער נאַטור אויסבעסערן אירע כעסרוינעס. מיר אַרבעטן ניט נאָר פאַר דער צײַט, אין וועלכער מיר לעבן, נאָר אויך פאַר דער צוקונפט.

ראַזין דערציילט ווײַטער:

— אָפּטמאָל שטויסן מיר זיך אָן אַף אַזעל־כע דערשײַנונגען, וואָס זאָגן איידעס, ווי־אַזוי ס׳האָט אויסגעזען די ערד מיט מיליאָנען יאָרן צוריק, און לויט דעם קאָנען מיר זיך פאָר־שטעלן, ווי־אַזוי די ערד וועט אויסזען מיט מי־ליאָנען יאָרן שפּעטער. עמעס, ניט אַלץ איז מעגלעך פאָרויסצוזען, די ערד קאָן אונדז אונ־טערטראָגן איר קאַפּריז. ניט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען אָפּלייגן מײַן פאַרפּלאַנירטע אַרבעט און אַפּגיך אַרויספאָרן, לעמאָשל, אַהין, ווו ס׳איז פאַרגעקומען אַן ערדציטערניש. פאָ־רויסזען אַזאַ קאַטאַסטראָפע זײַנען מיר נאָך ניט אײַנגאַנצן בעקויעך. אַרײַנקוקן אין דער טיפע־ניש פון דער ערד איז פיל שווערער, ווי דער־קלײַבן זיך אין דער הימל־ווײַטקײַט. אָט, איר זעט, — באַווײַזט ער מיר א שטיינדל, — ס׳האָט זיך געשווענקט טויזנטער יאָרן אין יאַם־וואַ־סער. געפונען האָב איך עס איצט אין א זאַמ־דיקן גרונט, ווו אַמאָל איז געווען א יאַם. און ווער ווייסט נאָך בעסער, איידער מיר, מעליִאָ־ראַטאָרן, ווי־אַזוי מע דאַרף אָפּהיטן דאָס וואַסער אין די קוואַלן פון דער ערד, ווײַל ווי ס׳איז באַוווּסט, שטעלט זיך ניט אָפּ דער פּראָצעס פון פאַרקלענערן די וואַסער־מאַסיוון. די ברעגן פון יאַמען, טײַכן, אָזערעס ווערן מיט דער צײַט ברייטער, און וואַסער — ווייניקער. די יאַמען זידן אויס אונטער דער זון, ווי דאָס וואַסער פון א טעפּל, ווען עס קאָכט זיך אַפן פײַער...

— און וואָס מיין איך דערמיט צו זאָגן? — טוט ער א שמייכל. — איך האָב מיר מײַן טעאָ־ריע, צו וועלכער כ׳האָב זיך דערקליבן, גייענ־דיק מיט די באָרוועסע פיס איבער הייסע זאַמדן און איבער קאַלטע זומפּן. איך האָב מיט ראַכ־מאָנעס געקוקט אַף א לעבעדיק באַשעפעניש אין דער וויסטע — א שלענגל צי א יאַשטשער־קע, וועלכע לעכצט א שלונג וואַסער, און גע־פרייט זיך, זעענדיק אין דער וויסטע עפּעס א געוויקסל, אַפילע א מין שטעכלקע, וואָס עס האָט באַטײַט, אַז דאָ, אַף דעם פאַרסאַרפּעטן אַרום, קאָן ווידער אויפבלויזן א לעבן...

ווען א מענטש פאַרנעמט זיך אַלע זײַנע יאָרן מיט געאָדעזיע, געאָלאָגיע און מעליִאָראַ־ציע, ווייסט ער שוין ניט ווייניק וועגן די פּראָ־צעסן, וואָס קומען פאָר אין דער ערד, און וויל, אַז ניט נאָר ער זאָל וועגן דעם וויסן. אָט צו־ליב דעם נעמט שימען ראַזין אָפּטמאָל זײַנע זין אין פעלד אַרײַן (אַזוי זאָגן די געאָלאָגן: „אין פעלד אַרײַן״. דאָס אָרט, ווו זיי אַרבעטן, רופט מען „דאָס פעלד״).

— איך וויל, — קלערט ער מיר אויף, — אַז מײַנע קינדער זאָלן קוידעמקאָל וויסן, ווי־אַזוי מע דאַרף שעצן דאָס וואַסער אַף דער ערד. פיל שוואָטים אַף דער וועלט זײַנען אומגעקו־מען נאָר דערפאַר, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט קיין וואַסער...

א סאַך יאָרן וווינט שימען ראַזין אין מאַ־לאַכאָווקע, נאָר דאָ וועלן זיך אָפּזוכן געציילטע מענטשן, וועלכע וואָלטן געקאָנט זאָגן, מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך: טאָמיד האָט ער זיך געפו־נען ווײַט פון דער היים. אַכוץ דעם, איז ער זייער א באַשיידענער מענטש. געבראַכט האָט מיך צו אים אין שטוב א צופאַל — ער איז איי־נער פון די אַקטיווע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ און איז פון די, וואָס וואַרטן ניט, מע זאָל קומען צו זיי פאַרלייגן אויסשרײַבן דעם זשורנאַל, ער שרײַבט אים אַליין אויס אַף דער פּאָטשט. און ווען ער האָט דורכגעלייענט מײַן דערציילונג אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ וועגן זיאַמקע דעם מעליִאָראַטאָר, האָט ער זיך זייער פאַרינטערעסירט — ער איז דאָך אויך א מעליִאָראַטאָר.

איך אַליין האָב ווייניק־וואָס געוווּסט וועגן ראַזינען. איך פלעג שטענדיק זיך באַגעגענען מיט זײַן פרוי, מיט דאָרע מאַרקאָוונע, און זיך געכידעשט, וואָס שטענדיק זעט מען זי אַליין, אָן איר מאַן. און אָט שטעלט מיך איינמאָל אָפּ דאָרע מאַרקאָוונע און בעט, איך זאָל צו זיי אַרײַנקומען — זי דאַרף מיר עפּעס באַווײַזן.

ווען איך בין אַרײַנגעגאַנגען אינעם ערשטן צימער פון ראַזינס דירע, האָט זיך מיר גלײַך גענומען דוכטן, אַז דאָס איז ניט קיין צימער, וואָס פאַרנעמט אײַנגאַנצן 25 קוואַדראַטע מע־טער, נאָר ברייטע ראַכוועסן — נײַע שטעט, יונ־גע וועלדער, פאַרזייטע פעלדער, נײַע טײַכן און קאַנאַלן, וועלכע געפינען זיך אין פאַרשיי־דענע קאַנטן פון אונדזער לאַנד. יאָרנווײַז האָט שימען ראַזין דורכגעשפּאַנט צופוס איבער אָט די וועגן מיט זײַן טעאָדאָליט. דאָס איז געווען

צו זען פון די מאַפּעס, וועלכע הענגען אַף אַלע פיר ווענט.

דאָרע מאַרקאָווּנע לייגט אַרויס אַפּן טיש צענדליקער באַלוינונגען, מיט וועלכע מע האָט אָפּגעמערקט שימען ראָזינס געטרײַע אַרבעט. זי באַווײַזט מיר צײַטונגען, ווו מע שרײַבט וועגן איר מאַן, די פיר אָרדענס, מיט וועלכע ער איז געווען באַלוינט פאַר זײַנע אויפטוען אַף די פראָנטן.

זונטיק האָב איך אָנגעקלונגען אין דער דירע. געעפנט האָט מיר ראָזין אַליין. איך בין געבליבן שטיין אַף דער שוועל און געצווייפלט, צי דאָס איז ער טאַקע, שימען ראָזין. עס האָט זיך מיר פריִער פאָרגעשטעלט א געשטאַלט פון א גיבער, וועלכער גייט דורך בערג און גלײַכט זיי אויס, שפּאַנט דורך זומפּן און טריקנט זיי אויס, טוט א בליק אַף דער ערד — און בויערט זי דורך... און דאָ איז געשטאַנען אַף דער שוועל א געוויינלעכער מענטש פון מיטעלן וווּקס, מיט א קאָפּ גראָווע האָר און מיט נײַגעריקע אויגן, וועלכע זיצן א ביסעלע פאַרטיפט, און אין זײַן הוילעך האָט זיך געוואָרפן א פרויִשער פאַרטעך.

— וואָס קוקט איר אַזוי אַף מיר? — פרעגט ער מיך. — דאָס בין איך, שימען ראָזין. און אַז דער פאַרטעך, איז עס אײַער שולד. איר זײַנט א ביסעלע געקומען פריִער, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. מײַן פרוי איז דאָך בא מיר אַן אַקטיוויסטקע, און אין דאָרפסאָוועט איז פּונקט א זיצונג, האָב איך געמוזט אָנטאָן איר פאַרטעך, ווײַל א גאַסט דאַרף מען מיט עפּעס מעכאַבעד זײַן...

איך פּרוּוו זיך אַנטשולדיקן, וואָס כ׳בין געקומען צו פרי, נאָר ראָזין זעצט מיך אַוועק צום טיש:

— קוידעמקאָל — א טעפּעלע קאַווע... אַמאָל, ווען א גאַסט פלעגט זיך אַרײַנכאַפּן צו אונדז אין שטעטל ליובאַוויטש, פלעגט מען אים מעכאַבעד זײַן מיט א גלעזל ציקאָריע. איך געדענק, אַז אין ליובאַוויטש איז געווען איינער א ייִד, וועלכן מע האָט געקרוינט מיטן נאָמען „יאַנקל דער ציקאָרניק"...

זאָג איך אים:

— בא אײַך אין ליובאַוויטש איז ניט נאָר געווען באַרימט די ציקאָריע, נאָר אויך דער רעבע...

טוט ער א שמייכל:

— מיר דוכט, אַז ניט אַלץ ווייסט מען בא ייִדן וועגן דעם ליובאַוויטשער רעבן. איינמאָל איז ער געקומען אין כיידער, ווו מײַן טאַטע האָט געלערנט. די טאַלמידים האָבן אים אַרומגערינגלט, ווײַל זיי האָבן דערזען, אַז ער האַלט אין דער האַנט א טיכל מיט מינץ־געלט. האָט



שימען ראָזין אַף געאָדעזישע אויסמעסטונגען

ער צוגערופן צו זיך א כיידער־ייִנגל פון א יאָר פינף און אים געפרעגט: „זאָג מיר, ייִנגעלע, אַוועלכע מעלאָכע ווילסטו זיך אויסלערנען?" ענטפערט דאָס ייִנגעלע: „איך וויל זײַן, ווי מײַן טאַטע, א שוסטער". — „אויב אַזוי, — זאָגט דער רעבע, — נאַ דיר א קאָפּעקע". דערנאָך רופט ער צו א צווייטן טאַלמיד: „און ווער ווילסטו זײַן?" ענטפערט דאָס ייִנגעלע: „איך וויל זײַן, ווי מײַן טאַטע, א שנײַדער". גיט אים דער רעבע אויך א גראָשן. און ווען ער האָט געפרעגט דעם דריטן טאַלמיד, האָט יענער געענטפערט: „איך וויל זײַן א רעבע". — „איז נאַ דיר צען קאָפּעקעס". אָט אַזאַ מײַסע. דער ליובאַוויטשער רעבע האָט אַלץ געפּאַסקנט אַף זײַן אויפן: א באַלמעלאָכע איז א מענטש פון נידעריקן גראַד, און מער פון א קאָפּעקע פאַרדינט ער ניט...

איצטער גייט שימען ראָזין אַריבער פון ליובאַוויטש צו אונדזער צײַט, צו די נײַע שטעט, וועלכע ער האָט געבויט. אומעטום פלעגט ער קומען דער ערשטער. דער דאַך פון זײַן וווינונג איז געווען דער הימל, זײַן געלעגער — די ערד. ער דערציילט וועגן דער אַרבעט אַלס א געאָדעזיסט און מעליִאָראַטאָר און וועגן די פראָנט־באַשעפטיקונגען.

— אַלס סאַפּיאָר, בין איך די מילכאָמע ניט דורכגעגאַנגען מיט די פיס, — זאָגט ער, — איך בין זי דורכגעקראָכן אַפּן בויך. כ׳האָב געשלעפּט מיט זיך דעם פאָהיבעל פאַר די פאַשיסטן.

ער ווערט אַנשוויגן, און איך לאָז אים שווײַגן — ראָזין איז מיט די געדאַנקען ערגעץ ווײַט־ווײַט. פּלוצעם טוט ער זיך א כאַפּ:

— נו, גענוג וועגן דער מילכאָמע... איך האָב ליב, ווען מע בויט, און ניט ווען מע רײַסט אויף. אייגנטלעך, איז דער זין פון מײַן גאַנץ לעבן — בויען...

פּיניע פּלאָטקין

דאָרט, ווו עס פליסט די בערעזינא

אין א שיינעם זומער־טאָג האָב איך ליב זיך אופהייבן אפן הויכן ברעג פון דער בערעזינא און קוקן, ווי עס שווימען שיפן, דאַמפּערס און בוקסירן, אָנגעלאָדענע מיט בוי־מאַטעריאַלן, מיט מינעראַלע באַגיטיקונגען פאַר די קאָלווירטישע פעלדער, מיט פאַרשיידענע מאַשינעס, וואָס ווערן פּראָדוצירט אין באָברויסק, אין אנדערע שטעט און שטעטלעך פון דער ווײַסרוסישער ערד.

איך שטיי לעבן בריק, וואָס פאַרייניקטביידע ברעגן פונעם טײַך. פונדאַנען הייבט זיך אָן באָברויסק, עס וויקלט זיך פאַנאַנדער די פּאַנאָראַמע פון דער שטאָט, וועלכע איז פאַר די העכער דרײַ צענדליק נאָכמילכאָמע־יאָרן געוואָרן א וויכטיקער אינדוסטריעלער און קולטורעלער צענטער פון ווײַסרוסלאַנד.

די שטאָט פאַרמאָגט קימאַט א זעקסהונדערטיאָריקע רומפולע געשיכטע.

אפן רעכטן ברעג טײַך זײַנען נאָך פאַרבליבן די ווענט פון דער אַלטער באָברויסקער פעסטונג. זי האָט שוין מיט פיל יאָרן צוריק פאַרלאָרן איר באַדײַטונג אלס פעסטונג און איצט פאַרמאָגט זי בלויז א היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע ווערט.

דער הײַנטצײַטיקער באָברויסק איז א שטאָט פון כימישע אונטערנעמונגען, פון מאַשינבוי־אינדוסטריע. דאָ איז טעטיק דער גרעסטער אין ווײַסרוסלאַנד וואַלד־באַאַרבעטנדיקער קאָמבינאַט, וועלכער איז געווען אופגעבויט אין די יאָרן פון ערשטן פינפיאָר. באַזונדער איז פּאָפּולער די היגע מעבל־פאַבריק אף כאַלטורינס נאָמען.

די פאַבריק האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געמאַכט מעבל פאַר דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט און פאַר דעם וואַרשעווער קולטור־פּאַלאַץ. דער רום וועגן איר פּראָדוקציע איז דערגאַנגען ביז דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן קאָמיטעט פון דער אָלימפּיאַדע־80. די פּײַן־סטאָליערס פון דער אונטערנעמונג האָבן באַקומען א באַשטעלונג ארויסלאָזן פאַר די זשורנאַליסטן, וועלכע וועלן קומען קיין מאָסקווע, ווייכע שטולן און טישן.

מיט וואַלערי לאַשטשאָוון, דעם בריגאַדיר פון א קאָמיוגישער יוגנטלעכער בריגאַדע מויליערס, שטוקאַטורן און פאַרבער, האָב איך זיך באַגעגנט צופעליק אפן בוי־פּלאַץ פון א פילשטאָקיקן מויער. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אז די בריגאַדע פאַרנעמט אין מעשעך פון מער ווי צען יאָר איינס פון די ערשטע ערטער אין באָברויסקער בוי־טרעסט.

וועגן זיך דערציילט וואַלערי זייער ווייניק. שווער ארויסצוציִען פון אים א וואָרט.

אין עלטער פון פופצן יאָר איז ער אָנגעקומען פאַר א שילער צו די בויער. ער האָט גיך באַהערשט די פּראָפעסיע. ווען ער איז אַלט געוואָרן אכצן יאָר, האָט די אַדמיניסטראַציע פונעם בוי־באַצירק אים באַשטעטיקט אלס בריגאַדיר פון דער יוגנטלעכער בריגאַדע. דעם פאָטער זײַנעם, כאָנע לאַשטשאָוון, געדענקט ער ניט. דער טאַטע איז ניט געקומען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. דערצויגן האָט אים די מאַמע, א מעדיצינישע שוועסטער.

זײַן באַשיידנקײַט האָב איך דערפילט, ווען כ'האָב אומבאַמערקטערהייט ארײַנגעקוקט אין זײַנע בלויע אויגן. זיי זײַנען געווען עטוואָס אראָפּגעלאָזט, אף זײַן קײַלעכדיק פּאָנעם האָט זיך באַוויזן די זעלבע רויִקײַט, וואָס גיט שטענדיק ארויס א מענטשן, ווי מע זאָגט, פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט אויסגעזען ייִנגער פון זײַנע זעקס און דרײַסיק יאָר.

— שווער אויסצוטיילן ווער־ניט־איז פון דער בריגאַדע, — זאָגט וואַלערי כאָנאָוויטש, — אַלע ארבעטן, ווי ס'דאַרף צו זײַן.

איך בעט אים, ער זאָל אָנרופן עטלעכע יונגעלײַט, וועלכע טיילן זיך פאָרט אויס פון אנדערע אָף דער ארבעט. דער בריגאדיר פאר־טראכט זיך און ענטפערט אָף זײַן אייגענעם אופן:

— ס׳זײַנען בא אונדז אין בריגאדע די מערהײַט יונגע מענטשן. ווײַסרוסן, רוסן, ייִדן. מיר לעבן פרײַנטלעך, ווי איין מישפּאָכע. ס׳טרעפט, עמעס, זעלטן, אז עמעצער שטעלט זיך צופעליק אָף ניט קיין ריכטיקן וועג. דעמלט העלפן מיר אים מיט וואָס נאָר מיר קאָנען...

בעט איך אים אָנרופן א הויז, וואָס זיי האָבן באשטאט מיט מוליערײַ.

— מיר האָבן געארבעט, — דערציילט דער בריגאדיר, — אָף דער בויונג פון דעם מויער, ווו מע רעגיסטרירט די הייראט־אקטן...

דאָס איז א פּראקטיקע הײַנטצײַטיקע גע־בײַדע, מיט וועלכער ס׳וואָלטן זיך געקענט גרייסן שטעט, פיל גרעסערע פון באָברויסק.

איצט, איבערהויפּט שאבעס און זונטיק, שטעלן זיך אויס לעבן דעם הויז „וואָלגעס" און „מאָסקוויטשן", „זאפּאראָזשצעס" און „זשי־גוליען". פון די אויטאָמאָבילן גייען ארויס יונ־גע פּאָרלעך און הייבן זיך אוף אָף די מירמל־טרעפּ. עס עפנט זיך פאר זיי א ברייטע טיר. כאָסן־קאלע גייען ארײַן אין א ליכטיקן צימער, און דאָרט גיבן די פארליבטע יונגע מענטשן, אין דער אָנוועזנהײַט פון איידעס, א כסימע, אז פון הײַנט אָן ווערן זיי מאן און ווײַב און וועלן בויען זייער געמיינזאם לעבן...

צום בריגאדיר גייט צו א הויכער יונגער־מאן מיט שווארצע וואָנצעס. לויט דער ספּע־צאָוקע, וואָס ליגט שטײַף אָנגעטאָן אָף זײַנע אקסלען, איז נאָך פונדערווײַטנס קענטלעך, אז ער איז א מוליער.

— דאָס איז דמיטרי קאראיעוו, — זאָגט לאשטשאָוו, — ניט לאנג אָנגעקומען אין אונד־זער בריגאדע. א גוטער ארבעטער, באציט זיך ערנסט צו יעטווידער זאך, וואָס מע באשטעלט, ער זאָל מאכן...

דמיטרי כעמאָוויטשן איז ניט געפעלן, וואָס מע לויבט אים אזוי. כ׳האָב באמערקט, ווי עס האָט זיך געביטן בא אים דאָס פּאָנעם. ער האָט איידל איבערגעריסן אונדזער שמועס, עפּעס א פרעג געטאָן בא דעם בריגאדיר מיקויעך דער ארבעט און זיך אומגעקערט צוריק. נאָר באלד איז ער ווידער צוגעגאנגען און האָט אויסגע־שריגן:

— כאנאָוויטש! פארגעס ניט קומען צו מיר זיבן אזייגער פארנאכט אָף כאנוקאס־האבאיִס. — אזוי האָט ער טאקע געזאָגט: „כאנוקאס־הא־באיִס", — און אײַך לאד איך אויך אײַן, — האָט ער זיך שוין געווענדט צו מיר.

איך האָב אים באדאנקט פאר דער אײַנ־לאדונג און צוגעזאָגט קומען.

דמיטרי כעמאָוויטש און זײַן פרוי מײַע האָבן מיך הארציק באגעגנט. זיי האָבן מיך פאָרגעשטעלט פאר די געסט, וועלכע זײַנען שוין געזעסן ארום א סערווירטן טיש. דאָס זײַ־נען געווען מערסטנטייל כאווײַרים, וואָס ארבעטן צוזאמען מיט דימען. געווען זײַנען אויך מײַעס כאווערטעס פון איר ארבעט. מײַע איז א טעלעגראפיסטקע און האָט ניט לאנג צוריק באקומען דעם טיטל „די בעסטע טעלע־גראפיסטקע פון מאָהיליאָווער געגנט". זייער טעכטערל לענאָטשקע איז נאָך ניט געשלאָפן. זי איז געזעסן בא דער מאמען אָף די קני און נײַגעריק געקוקט אָף די געסט.

— אין א וואָך ארום וועט ווערן א יאָר, זינט זי איז געבאָרן געוואָרן... האָט מײַע מיר שטיל געזאָגט.

כ׳האָב לענאָטשקען געבעטן צו זיך אָף די הענט. זי איז גערן איבערגעגאנגען און האָט מיט אירע זייער שיינע אייגעלעך ארומגעקוקט מיך פון אלע זײַטן.

די געסט האָבן דערווײַל הארציק באגריסט די יונגעלײַט מיט זייער נײַער דירע און גע־ווונטשן זיי אלדאָס גוטס. מײַע האָט אײַנגע־שלאָסן דעם מאגניטאָפאָן. אין די געראמע צי־מערן האָט זיך דערהערט הײַנטצײַטיקע מוזיק. די יוגנט האָט גענומען טאנצן, געזונגען פריי־לעכע לידער.

וואלערי כאנאָוויטש און זײַן פרוי סוועט־לאנע זײַנען געשטאנען לעבן פענצטער. איך בין אויך צוגעגאנגען צו זיי.

ס׳האָט א שפּאָר געטאָן מיט פרישער לופט. גאָר ניט ווײַט האָט שטיל געפלאָסן די לעגענ־דארע בערעזינא. טאקע דאָ, גאָר נאָענט פון איר, האָבן די בויער אָקאָרשט איבערגעגעבן אין עקספּלואטאציע דעם ערשטן „עקספּערי־מענטאלן מויער", ווו אציִנד פּראוועט כאנו־קאס־האבאיִס איינער פון די, וואָס האָבן אים געבויט. דער מויער איז אופגעשטעלט אָף דער באזע פון דער פּראָדוקציע פונעם באָברויסקער זאוואָד פון אײַזן־ און בעטאָן־קאָנסטרוקציעס, וועלכער האָט זיך ספּעציאליזירט אָף ארויס־לאָזן גרויסע בלאָקן. אין סאָף פון דריטן יאָר פונעם צענטן פינפיאָר האָט דער זאוואָד שוין ארויסגעלאָזט די ערשטע פּראָדוקציע. פון אזוינע בלאָקן וועט מען יערלעך אופבויען צענדליקער פילשטאָקיקע הײַזער. די דירעס שיידן זיך דאָרט פּרינציפּיעל אונטער פון אנ־דערע מיט זייער פּלאנירונג, מיט די ברייטע קאָרידאָרן, גרויסע באלקאָנען און אנדערע באקוועמלעכקייטן.

אין די צימערן איז געוואָרן שטילער. מײַע האָט אויסגעשלאָסן דעם מאגניטאָפאָן און אונדז געבעטן, מיר זאָלן זיך ווידער זעצן צום טיש פארזוכן דעם שטרודל און דאָס אײַנגעמאכטס, וואָס זי אליין האָט צוגעגרייט. דאָס געבעקס איז טאקע געווען זייער געשמאק. קענטלעך, אז די באלעבאָסטע פון דער נײַער דירע פארשטייט ניט שלעכט אין ייִדישע מײַכאָלים. איך האָב זי א לויב געטאָן, זיך געזעגנט מיט מײַנע נײַע באקאנטע און ארויס אין גאס.

די זון איז שוין פארגאנגען. אפן ריינעם הימל האָבן זיך באוויזן די ערשטע בלאנקענדיקע שטערן, און די לעוואָנע, וואָס איז אָקאָרשט ארויסגעקראָכן, ווער ווייסט פונוואנען, האָט זיך געבאָדן אין די קלאָרע וואסערן פון דער בערעזינא. איך בין צוגעגאנגען נעענטער צו דעם טײַך. די מענטשן, וואָס זײַנען נאָך דאָרט געווען, האָבן זיך געקליבן פארלאָזן דעם זאמדיקן פּליאזש. ס׳איז געווען פריש און קילבלעך.

א ביסל ווײַטער, אפן ברעג טײַך, ווו ס׳געפינט זיך דער האפן, האָט געקאָכט די ארבעט. פון דאָרט זײַנען אָפּגעשוווּמען דאמפּערס און בארזשעס מיט בוקסירן. פאר דער צײַט פון דער נאוויגאציע ווערט דאָ, אין האפן אף דער בערעזינא, אופגענומען ווערן טויזנטער טאָן קאָלערליי סכוירעס און מאטעריאלן. איבערהויפּט איז געוואָרן גרויס דער שטראָם פון פּראכטן אין צענטן פינפיאָר.

דעם פּליאזש האָבן פארלאָזן די לעצטע יונגעלײַט. איך האָב ווידעראמאָל באגלייט א דאמפּער, וואָס איז אָפּגעשוווּמען פונעם האפן, און געווונטשן אים גליקלעך צו שווימען. כ׳בין פּאוואָליע אוועקגעגאנגען צוריק אהיים. פאר מײַנע אויגן זײַנען געשטאנען וואלערי, דמיטרי און זײַן פרוי מײַע מיט זייער טעכטערל לענאָטשקע, די פריילעכע יונגעלײַט, וואָס זײַנען געקומען צו זיי אף כאנוקאס־האבאיס. כ׳האָב פארשטאנען, ווי גליקלעך זיי אלע זײַנען אין זייער פרידלעך לעבן.

די גאסן זײַנען גוט באלויכטן. ניט געקוקט אף דעם, וואָס ס׳איז שוין שפּעט, זײַנען זיי איבערפולט מיט מענטשן. און אָט איז דאָס אָרט, ווו עס שטעלט זיך אָפּ א טראָלייבוס...

ניט לאנג צוריק האָט דער מיניסטעריום־ראט פון דער ווײַסרוסישער רעפּובליק באשטעטיקט דעם גענעראלן פּלאן פון אנטוויקלונג און בויונג פון דער שטאָט און פון דער בײַשטאָטישער זאָנע ביזן סאָף יאָרהונדערט. לויט דעם פּראָיעקט וועלן אין באָברויסק פאר דער צײַט אויסגעבויט ווערן עטלעכע נײַע מיקראָראיאָנען. שוין אין א דרײַ—פיר יאָר ארום, ווען א בריק וועט פארייניקן ביידע ברעגן פון דער בערעזינא, וועט באָברויסק, לויטן גענעראלן פּלאן, זיך „איבערווארפן" אפן לינקן ברעג. דאָרט וועלן זיך באווײַזן נײַע גאסן מיט שיינע פילשטאָקיקע הײַזער. און אויב זיך דערמאָנען דאָס פארגאנגענע, זיך גוט ארײַנטראכטן אין דער צוקונפט, איז ניט שווער זיך דערקלײַבן צום קוואל פון אונדזער אָפּטימיזם: יעדער טאָג אין לעבן האָט א זין, יעדער מענטש לייגט צו א ציגל צום גרויסן געבײַ.

וויקטאָר מיטראָשענקאָוו

דער ערשטער פון דער לעגענדע

(יורי גאַגאַרין)

דעם 1 סענטיאבער 1941 האָט יורי גאַגאַרין זיך אָנגעהויבן לערנען אין ערשטן קלאַס פון דער אָנפאַנג־שול אין קלושינסק, אינגיכן אָבער האָבן די פאַשיסטן פאַרכאַפּט דאָס דאָרף און די שול האָט זיך פאַרמאַכט.

אַפן גאַנצן לעבן האָט יורי פאַרגעדענקט דעם טאָג, ווען די דײַטשן האָבן אַראָפּגעקלאַפּט אונדזערן אַן עראָפּלאַן, וועלכער איז אַראָפּגעפאַלן אין אַ זומפּ לעבן דאָרף. די כעוורע זײַנען געקומען צו לויפן צום עראָפּלאַן און געהאָלפן דעם פליִער אַרויסקריכן פון דער בלאָטע. אינגיכן האָט לעבן דעם זומפּ זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פאַרניכטלער „יאַק". דעמלט האָט יורי צום ערשטן מאָל אין לעבן געזען אַ מיליטערישן עראָפּלאַן, עכטע פליִער מיט עכטע אָרדענס אַף דער ברוסט. די גאַנצע נאַכט זײַנען די פליִער ניט אָפּגעטראָטן פון זייער מאַשין. זיי האָבן דערציילט די כעוורע וועגן דער מילכאָמע, וועגן לופט־אַטאַקעס. יורי האָט זיך אײַנגעהערט און אַלץ פאַרגעדענקט.

אין אָקטיאַבער האָבן די היטלעריסטן פאַרכאַפּט דאָס דאָרף קלושינסק. די גאַגאַרינס האָט מען אַרויסגעטריבן פון דער שטוב און זיי האָבן געמוזט זיך איבערקלײַבן אין אַן ערד־שטיבל.

אין איינעם אַ יאַנוואַר־טאָג האָט יורי ווידער צוגעזען אַ לופט־שלאַכט. איצט האָט ער גוט זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין די סילועטן פון די סאָוועטישע פאַרניכטלער און לײַכט זיי אָפּגעזוכט אין הימל.

דעם 9 מאַרט 1943 האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער באַפרײַט דעם גזשאַטסקער ראַיאָן. די אײַנוווינער האָבן מיט באַגײַסטערונג באַגריסט די באַפרײַער. די שול האָט אָפּסנײַ אָנגעהויבן פונקציאָנירן.

הונגעריקע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע קינדער, וועלכע זײַנען שוין געווינט געוואָרן צו דער שיסערײַ, קינדער, וואָס זײַנען געבליבן אָן טאַטעס, האָבן מיט גרויס ווילן זיך געצויגן צו וויסן. ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך דעמלט געלערנט לייענען לויט די פראָנט־צײַטונגען, לויט די אינפאָרמאַציעס פון סאָווינפאָרמביוראָ, געשריבן אַף באַבולע־פּאַפּיר, אַף אַלטע צײַטונגען, האָבן זייער און זייער געוואָלט ווערן עמעסע סאָוועטישע מענטשן.

יורי האָט זיך גוט געלערנט, געהאָלפן די עלטערן אין דער ווירטשאַפט, ער האָט אויך באַוויזן אָנטיילצונעמען אין דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט, געשפּילט אין אַ בלאָזאָרקעסטער. אינעם שול־קאָנקורס באַקומט ער אַ פּרעמיע פאַר אַן אַרבעט וועגן לעגינען.

אין מײַ 1945 זײַנען די גאַגאַרינס איבערגעפאָרן קיין גזשאַטסק. יורי האָט לאַנג געבענקט נאָך זײַן אַלטער היים, נאָך די כאַווײרים, נאָך דעם געמיטלעך שטיבעלע, וואָס איז אַרומגערינגלט געווען מיט בעז, מיט קוסטעס פון ווײַמפּערלעך, געבענקט נאָך אַלץ, וואָס עס האָט אים דערמאָנט די קינדהײַט.

אין גזשאַטסק האָט יורי אָנגעהויבן אַ סאַך לייענען. ער האָט געלייענט די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער, געשלונגען וויסנשאַפטלעך־פאַנטאַסטישע ביכער. זײַן לערערן פון ליטע־

ראטור אָלגא סטעפּאַנאָוונא ראַיעווסקאַיאַ האָט אופגע־וועקט אינעם יונגן באָכערל דעם אינטערעס צו דער שאַ־פונג פון מאַקסים גאָרקין. שפּעטער, ווען יורי גאַגאַרין איז שוין געווען אַ פּלי‏ער, האָט ער פאַרשריבן אין זײַן טאָגבוך גאָרקיס ווערטער:

„אַ פאַרלוירענער אין די מידבאַריעס פון אַלוועלט, איי־נער אויף אַ קליין שטיקעלע ערד, וואָס טראָגט זיך ערגעץ אין דער טיף פון אומענדלעכע ראַכוועסן, פּײַניקט אים די פראַגע — צוליב וואָס עקזי־סטירט ער? — באַוועגט זיך דרייסט — פאָרויס! און — העכער — אויף וועג צום זיג איבער אַלע געהיימניסן פון דער ערד און פון הימל".

די זעלבסטעטיקײַט פאַר־כאַפּט יורען אַלץ מער און מער. ער שפּילט אין בלאָז־אָרקעסטער, זינגט אין שול־כאָר, שפּילט אין פאַרשיידענע פּיעסן, לייענט פון דער בינע לידער און פּראָזע. אויף איינעם אַן אָוונט האָט ער מיט דערפּאָלג געלייענט אַן אויסצוג פון פאַדייעוס ראָמאַן „די יונגע גוואַרדיע". „מאַמע, מאַמע! — האָט ער געלייענט, דרייסט און אָנטרוילעך קוקנדיק אין זאַל, — איך געדענק דײַנע הענט פון יענער מינוט, זינט איך געדענק זיך... יאָ, פון יענער־אָ מינוט געדענק איך זיי שטענדיק פאַרהאָרע־וועטע..." ער האָט דערפילט, ווי איבער די באַקן האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אַ טרער. אָבער ער האָט פאַרגעזעצט לייענען, געקוקט אויף דער מאַמען, וועלכע האָט ליב געהאַט בײַזײַן אויף זײַנע אַרויסטרעטונגען, פאַרגעסנדיק וועגן דעם אוילעם, האָט ער פאַדייעווס דורכדרינגעוו־דיקע ווערטער געווענדט צו איר.

וואַלענטין אַלעקסייעוויטש, יורעס ברודער, דערציילט: „אין יענעם האַרבסט און ווינטער פונעם זיבן־און־פערציקסטן — אַכט־און־פערציקסטן יאָר איז פּושקין אויף לאַנג אַרײַן צו אונדז אין שטוב".

יורי האָט פאַרענדיקט דעם זיבעטן קלאַס פון דער גזשאַטסקער שול און איז אָנגעקומען אין דער ליובערעצקער האַנטווערקער־שול לויט דער ספּעציאַליטעט פון אַ פאָרם־גיסער. אָבער דער טרוים וועגן הימל, וועלכן ער האָט געטראָגן טיף אין האַרצן נאָך זינט דער מיל־כאָמע, זינט ער האָט זיך באַגעגנט מיט די מיליטער־פּלי‏ער, איז ניט אָפּגעטראָטן. איינמאָל האָט יורי אַרײַנגעשריבן אין זײַן העפט: „די ערד איז דאָס וויגעלע פון פאַרשטאַנד, נאָר אייביק לעבן אין וויגעלע קאָן מען ניט. ציאָלקאָווסקי".

„...צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן געהאָלפן יורין שטאַפּל נאָך שטאַפּל בײַקומען דעם שווערן וועג צום קאָסמאָס, — האָט געשריבן וואַלענטין גאַגאַרין וועגן זײַן ברודער, — וועלכע האָבן געהאָלפן, אַז דער טרוים זאָל געבוירן ווערן און זיך פאַרשטאַרקן, — געהערט דאָס ער־שטע אָרט די צוויי פּלי‏ער, די צוויי כאַוויירים, וועלכע האָבן אוועקגעזעצט זייער אַעראָפּלאַן לעבן אונדזער דאָרף... אין איין־און־פערציקסטן יאָר".

אין 1951 פאַרענדיקט גאַגאַרין די האַנטווערקער־שול לויט דער ספּעציאַליטעט פון אַ פאָרם־גיסער. זומער קומט ער אין אָרלוויב צו די עלטערן, דער פאָטער באַשטייט, אַז יורי זאָל גיין אַרבעטן. די מאַמע וויל אָבער, אַז דער זון זאָל פאָרזעצן זיך לערנען.

אין אווגוסט פונעם זעלבן יאָר קומט יורי אָן אין סאַראַטאָווער אינדוסטריעלן טעכניקום. אין זײַן מעלדונג אָפּן נאָמען פֿונעם דירעקטאָר שרײַבט ער: „איך וויל ברענגען וואָס מער נוץ מײַן היימלאַנד. אַלע פֿאָדערונגען, וואָס וועלן פֿאַר מיר געשטעלט ווערן, פֿאַרפֿליכטע איך זיך אויספֿילן ערלעך און אָן דערוווידערונגען".

צוזאַמען מיט א גרופּע סטודענטן פֿונעם טעכניקום פֿאָרט גאַגאַרין אין א סאָווכאָז העלפֿן אַראָפּנעמען די גערעטעניש. די סטודענטן האָבן געדראָשן, געפֿירט דאָס ווייץ צום עלעוואַטאָר. די פֿיזיקע אַרבעט אין יורין געוווען צום האַרצן, זי האָט אים דערמאָנט די היים, וווּ ער האָט צוזאַמען מיטן ברודער געאַרבעט אָפּן גאָרטן.

שוין אין טעכניקום האָט יורי איבערגעלייענט באָריס פּאָלעוואָיס ראָמאַן וועגן דעם פֿליִער מאַרעסיעוו און איז געוווען דערשיטערט פֿון דער העלדישקײַט, וואָס דער פֿאָזיקער מענטש איז באַגאַנגען. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט גאַגאַרין זיך פֿערזענלעך באַקאַנט מיט אַלעקסיי מאַרעסיעוו, באַקומען פֿון זײַנע הענט א מאַטאָנע — דעם ראָמאַן „די געשיכטע וועגן אַן עכטן מענטשן".

אין א בריוו צו דער מוטער שרײַבט יורי: „מאַמע, איך האָב ערשט אָנגעהויבן זיך לערנען, נאָר ס'וועט דורכגיין א צײַט און איך וועל ווערן א קוואַליפֿיצירטער ספּעציאַליסט, כ'וועל באַקומען א געהאַלט, און דעמלט וועסטו ניט דאַרפֿן אַזויפֿיל אַרבעטן".

אין יאַנוואַר 1952 האָט יורי געהאַלטן עקזאַמענעס. ער האָט זיך גוט צוגעגרייט צו דער סעסיע, און זי איז דורכגעגאַנגען בײַ אים דערפֿאָלגרײַך. ער האָט געהאַט גענוג צײַט אַף צו באַזוכן פֿאַרשיידענע פֿאָרשטעלונגען אין די היגע טעאַטערן. איינמאָל האָט ער אַף א ספּעקטאַקל זיך באַגעגנט מיטן סעקרעטאַר פֿון ראַיקאָם פֿון קאָמיוג, און יענער האָט אים פֿאַרגעלייגט פֿאַרברענגען דעם זומער אין לאַגער מיט די כעוורע פֿון קינדערהיים. „איך פֿאַרשטיי, דו האָסט געוויס אייגענע פּלענער, — האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר, — נאָר מע דאַרף. זייערע עלטערן זײַנען אומגעקומען אַף דער מילכאָמע, זיי דאַרפֿן א גוטן כאַווער..."

אין לאַגער האָט יורי זיך שטאַרק באַפֿרײַנדעט מיט די קינדער. ער האָט מיט זיי געלייענט זשול ווערנען, הערבערט אועלסן, פּושקינען, געשטעלט מיט זיי ספּעקטאַקלען און אַליין אויך געשפּילט אין זיי. די כעוורע האָבן געוווסט, אַז זייער וואָזשאַטע טרוימט צו ווערן א פֿליִער און א סאַך פֿון זיי האָבן אויך געטרוימט וועגן דעם זעלבן.

נאָך די זומערדיקע קאַניקולן איז מען זיך צונויפֿגעקומען אין צוזאַמענווינונג. „די צוזאַמענווינונג, — דערמאָנט זיך וויקטאָר פּאָראַכניאַ, יוריס א כאַווער פֿונעם טעכניקום, — איז געוווען א פּעסטע, אַן אַלטע צווייִשטאָקיקע געבײַדע פֿון רויטע ציגל. דער פּידאַשעק איבערן גאַנעק האָט זיך געהאַלטן אַף טשוהונענע קאָלאָנעס. דער אַרײַנגאַנג איז געוווען ניט אין דער מיט פֿון דער געבײַדע, נאָר אין א זײַט. אָפּן צווייטן שטאָק האָט זיך געפֿונען דער ספּאָרטזאַל, די צימערן — אָפּן ערשטן. אָט די געבײַדע איז אין מעשעך פֿון פֿיר יאָר געוווען אונדזער לײַבלעכע היים".

אין איינעם פֿון זײַנע בריוו שרײַבט יורי צו די עלטערן, אַז ער טרוימט ווערן א פֿליִער. דעם טעכניקום וועט ער, נאַטירלעך, ניט פֿאַרלאָזן, א פֿאַך וועט ער אומבאַדינגט באַקומען — נאָר פֿליִען וועט ער אַלציינס.

איבערגעלייענט ציִאָלקאָווסקיס בוך „אויסער דער ערד", איז ער באַגײַסטערט געוואָרן פֿון דער געוואַגטקײַט און אָריגינעלקײַט פֿונעם געלערנטן, אים האָט איבעראַשט, ווי פּאַשעט און צוטריטלעך עס ווערט דערציילט וועגן די קאָמפּליצירטע קאָנצעפּציעס פֿון פֿליִען אין אַלוועלט.

ציִאָלקאָווסקיס בוך האָט געעפֿנט פֿאַר גאַגאַרינען א נײַע וועלט.

מיט גרויס אינטערעס לייענט יורי אויך אַנדערע ווערק פֿון דעם פֿאָזיקן געלערנטן. אין דער אַרבעט „קאָסמישע ראַקעטן־צוגן" איז דער ערשטער פּונקט פֿאָרמולירט אַזוי: „א ראַקעטן־צוג" רוף איך אָן עטלעכע אַלצײַנע רעאַקטיווע מאַכשירים, וואָס באַוועגן זיך פֿון אָנפֿאַנג אָפּן וועג, דערנאָך אינדערלופֿטן, ווײַטער אין דער פּוסטקײַט אויסער דער אַטמאָספֿער, צום סאָף ערגעץ־ווו צווישן פּלאַנעטעס אָדער זונען".

שפּעטער האָט יורי אַלעקסייעוויטש געשריבן: „ציִאָלקאָווסקי האָט איבערגעקערט מײַן גאַנצע נעשאָמע".

אין איינעם א בוך, וואָס יורי האָט דעמלט איבערגעלייענט, האָט אים פֿאַרינטערעסירט א גראַוויור, ער האָט ניט געוווסט, ווע מענס אַרבעט דאָס איז און וויאַזוי זי הייסט. דער סוזשעט איז זייער א פּאַשעטער: א באַרגיקער פּייזאַזש, דער הימל איז פֿול מיט שטערן, געוויינלעכע געוויקסן, און א מענטש, וועלכער שלאָגט דורך מיטן קאָפּ די אַטמאָספֿער, וווּ ער האָט אַנטדעקט די ענדע פֿון דער וועלט און איר נײַע פֿאַרזעצונג.

מיט א סאך יאָרן שפּעטער האָט גאַגאַרין ווידעראַמאָל זיך אָנגעשטויסן אויף דעם דאָזיקן געמעל, וואָס עס האָט אָנגעמאָלט דער פראַנצויזישער אַסטראָנאָם קאַמיל פלאַמאַריאָן.

אין יענער צײַט האָט גאַגאַרין אַלץ געטאָן באַדאַכט. אויף איינער אַ קאַמיוגישער פאַרזאַמלונג האָט ער אין זײַן אַרויסטרעטונג געזאָגט: „באַטראַכטן אונדזער לער, אונדזער קומענדיקע פאַך אָן און פאַר זיך, אָפּגעריסן פון אונדזער טרוים, טאָר מען ניט. מע דאַרף דאָס טאָן, ווי עס טוען עס אונדזערע שטאַלגיסער, צוזאַמענשמעלצן איינעם. אַ צוניפגעשמעלצטער מעטאַל באַקומט זיך שטאַרקער, ווי אַן איינאַרטיקער. מעגלעך, אַז איך וועל אַ טאָג מאַכן אין דער טערמינאָלאָגיע, נאָר אין טאָך בין איך גערעכט. מענטשן וועלן פליִען צו אַנדערע פּלאַנעטעס. וועגן דעם שרײַבט קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציאָלקאָווסקי. דאָס לאַנד דאַרף האָבן מעטאַל, נײַע מאַכשירים, אויסער מעכטיקע מאָטאָרן...”

דעם 15 יוני האָט דער עלטערער לעקטאָר מאָסקווין זיך געווענדט צום דירעקטאָר פון טעכניקום קאָוואַלן מיט אַזאַ צעטעלע:

„דער שילער פון דער גרופּע ל־21 גאַגאַרין איז אין משך פון די לערניאָרן 1951—1952 און 1952—1953 געווען דער פּאַרזיצער פונעם פיזיש־טעכנישן קרײַזל. פאַר די דאָזיקע יאָרן האָט ער געמאַכט דרײַ פּאַרטראַגן און מיט געניטקײַט אַליין אָרגאַניזירט די לימודים פונעם קרײַזל... פאַר דער דאָזיקער אַרבעט בעט איך אים אַרויסטראָגן אַ דאַנק”.

די קאָניקולן האָט יורי פאַרבראַכט אין גזשאַטסק. ער האָט פיל געאַרבעט. געלייענט. פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רוסישער פּאָעזיע. ער שרײַבט אַרויס פון פעטס אַ ליד:

אויף אַ קאָפּנע הײ בין איך באַנאַכט געלעגן,
געקוקט אין הימל, וואָס האָט לעבעדיק געלויכטן
און געציטערט אַרום מיר.

פון קניאַזשנינען:

דער שטאָלצער אָדלער, פאַרליבט אין דונער,
האָט פליִען זיך געלאָזט געשווינד.
קאָן זײַן, ער זאָל זײַן היים געפינען,
אַהין, וווּ זונען־ליכט זיך צינדט.

אין זײַן טאָגבוך האָט יורי פאַרשריבן וואָלערי בריוסאָווס לידער — די מאָטיוון זײַנע וועגן אַלוועלט. דאָרט געפינען מיר אויך די ווערטער פון עדואַרד באַגריצקין וועגן „שטערן, וואָס האָט אַ וואַקל געטאָן זיך אין געלויף...”

זינט יענעם זומער איז יורי פאַרכאַפּט געווען מיט דער פּאָעזיע וועגן קאָסמאָס.

אין אָנהייב האַרבסט פון 1954 פאָרט יורי אויף פּראַקטיק קיין מאָסקווע, אויף איינעם פון די מעטאַלורגישע גיגאַנטן פונעם לאַנד, אָפּן זאַוואָד אין נאָמען פון פּ. ל. וואָיקאָוון.

אינעם נײַעם קאָלעקטיוו אַרבעט ער מיט גרויס אינטערעס.

נאָך דער אַרבעט שפּאַצירט ער איבער די מאָסקווער גאַסן און פּלעצער. עטלעכע מאָל איז ער געקומען צו פּושקינס דענקמאָל, איינעם אָן אָפּדערנאַכט פאַרבראַכט אין צירק.

פאַר דער צײַט פון זײַן פּראַקטיק אין מאָסקווע האָט ער באַוויזן פיל צו דערגרייכן — אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון זײַן דיפּלאָם, צונויפגעזאַמלט מאַטעריאַלן.

נאָך דער פּראַקטיק האָט יורי צוזאַמען מיט אַנדערע באַקומען אַ דאַנק־גראַמאָטע פאַר אויסגעצייכנטע דערגרייכונגען אין דער לער און אויף דער אַרבעט.

דעם 25 אָקטיאַבער האָט גאַגאַרין צוזאַמען מיט זײַנע כאַווערים פונעם פערטן קורס וויקטאָר פּאָראַכניאַ, איוואַן לאָגווינאָוו, פּיאָטער סעמייקין, מיכאַיל טשעקונאָוו אָנגעגעבן אַ מעלדונג אין אַעראָקלוב. שוין אָפּן צווייטן טאָג זײַנען זיי אָנגענומען געוואָרן אין דער אָפּטיילונג פון פּילאָטן.

אין סאָף כודעש האָבן זיך אָנגעהויבן די לימודים אין אַעראָקלוב. דאָס איז געווען אַ ביז גאָר שווערע אָנלאָדונג.

ביז מיטיק — לימודים אין טעכניקום, דערנאָך — אין אַעראָקלוב. דאָ איז די דיסציפּלין אַ שטרענגע. אין קלוב זײַנען אַרײַנגעטראָטן אַ סאַך סטודענטן, נאָר פאַרענדיקט אים האָט בלויז איין גאַגאַרין.

אין נאָיאַבער האָט יורי פאַרבראַכט זײַן פּראַקטיק אין לענינגראַד. אויך דאָ האָט ער באַוויזן אויסצוזײַן אין פיל מוזייען און טעאַטערן.

אין טאָג פון דער סאָוועטישער אַרמיי האָט דער שעף פונעם אַעראָקלוב דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד ג. ק. דעניסענקאָ פאַרזאַמלט די קורסאַנטן און זיי דערציילט וועגן די העלדנטאַטן פון די פליִער בײַס דער מילכאָמע. ער האָט גערעדט וועגן די פליכטן פון די סאָוועטישע אוויִאַטאָרן, באַדאַנקט די קורסאַנטן פאַר דער ליבע צום הימל. גאַגאַרינען האָט ער אָנגערופן צווישן די בעסטע פליִער.

דעם 18 מײַ איז גאַגאַרין דאָס ערשטע מאָל אַראָפּגעשפּרונגען מיט אַ פּאַראַשוט פון אַן אַעראָפּלאַן. וועגן זײַן ערשטן פלוג מיטן אינסטרוקטאָר דמיטרי פּאַוולאָוויטש מאַרטיאַנאָוו שרײַבט ער: „די אויגן צעלויפן זיך, עס פאַרכאַפּט דער אָטעם, און דו פאַרשטייסט ניט, וואָס עס קומט פאָר מיט דיר... דאָס דאָזיקע פליִען האָט מיך פול געמאַכט מיט שטאָלץ, צוגעגעבן אַ זין מײַן לעבן".

סאָף מײַ, עס הייבט זיך אָן די צוגרייטונג צו די אַרויסלאָז־עקזאַמענעס. יורי, אַלס פאָר־זיצער פונעם פיזישן קרײַזל, האָט צוגעגרייט אַ פּאַרטראַג וועגן דער וויסנשאַפטלעכער יערו־שע פון קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציִאָלקאָווסקי. „די אַרבעטן פון ציִאָלקאָווסקין וועגן אַפּאַ־ראַטן, וואָס זײַנען פייִק צו פליִען אין קאָסמישן רוים, זײַן באַשרײַבונג וועגן די גרינטלעכע, פיזישע אייגנשאַפטן פון די פּלאַנעטעס, שטערן און סאַטעראַידן, גיבן אַ גרונט צו האַלטן, אַז דער דאָזיקער געלערנטער איז דער גרונטלייגער פון דער אַלוועלטלעכער קאָסמאָנאַווטיק", — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט גאַגאַרין פאַרענדיקט זײַן פּאַרטראַג.

אין זײַן אַרבעט האָט יורי אויסגענוצט די וויסנשאַפטלעכע יערושע פון פרידריך אַרטור־ראָוויטש צאַנדערן, קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציִאָלקאָווסקין. שוין דעמלט איז גאַגאַרין געקומען צום אויספיר, אַז די גרויסע געהיימניספולע וועלט פון אומענדלעכן קאָסמאָס וועט מען קאָנען באַגרײַפן נאָר דאַן, ווען די מענטשהײַט וועט באַהערשן אַלע געזעצן פון דער נאַטור. און דאַך, ווען די מענטשהײַט וועט אַפילו דערגרייכן צו אַ צווייטער זון, אויספאָרשן דעם מילך־וועג — ס'הייסט מיליאַרדן זונען, מעגלעך, הונדערטער מיליאַרדן פּלאַנעטעס, וועלן מיר אויך דאַן וויסן ביז גאָר ווייניק וועגן דער אַלוועלט.

יורי גאַגאַרינען האָט מען פאָרגעלייגט פאַרזעצן זיך לערנען אין מאָסקווער אינסטיטוט פון שטאָל און צוגויפשמעלצונג.

דער דירעקטאָר פונעם טעכניקום ס. ראַדזיִאַנאָוו האָט געגעבן גאַגאַרינען אַן אויסגעצייכנ־טע כאַראַקטעריסטיק, אין וועלכער ס'איז צווישן אַנדערס געזאָגט געוואָרן: „פאַר דער צײַט פון זײַן לערן אין טעכניקום איז דער כאַווער גאַגאַרין געוועזן אַן אויסערגעוויינלעך דיסציפּ־לינירטער סטודענט, זײַנע דערגרייכונגען אין דער לער זײַנען אויסגעצייכנטע. ער האָט גע־נומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם טעכניקום: אַרויסגעטראָטן מיט פאָרטראָגן אַף ליטעראַרישע קאָנפערענצן, געוועזן אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער פונעם פיזיש־טעכנישן קרײַזל..."

יוריס כאַווירים זײַנען זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע שטעט. מע האָט זיך געזעגנט אַף לאַנג, מעגלעך אַף שטענדיק. יורי איז טרײַ געבליבן זײַן באַשלוס — ווערן אַ פליִער.

אינגיכן זײַנען די קורסאַנטן פונעם אַעראָקלוב אַרויסגעפאָרן אין לאַגער, אַפן אַעראָדראָם הינטער דער שטאָט. גאַגאַרין איז באַשטעטיקט געוואָרן אַלס עלטסטער פון דער גרופּע און קאָמסאָרג פונעם זומערדיקן אָטריאַד.

דעם 2 יול האָבן זיך אָנגעהויבן די פלוגן. פון אָנפאַנג אין אַ קרײַז. יורי האָט וועגן זײַן ערשטן פלוג געשריבן: „מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ פרייד, וואָס ס'איז אומעגלעך איבער־צוגעבן. איך פלי אַליין! בלויז אוויִאַטאָרס קאָנען פאַרשטיין דעם דאָזיקן געפיל".

דער אינסטרוקטאָר מאַרטיאַנאָוו האָט באַגריסט גאַגאַרינען מיטן ערשטן געלונגענעם פלוג, געלויבט פאַרן געלונגענעם סטאַרט, פאַר דעם שיינעם אַראָפּזעצן זיך.

אַפן צווייטן טאָג האָט די צײַטונג פון די סאַראַטאָווער קאָמיוגיסטן „זאַריאַ מאָלאַדיאָזשי" אָפּגעדרוקט אַ רעפּאָרטאַזש וועגן די מיטגלידער פונעם אַעראָקלוב. דער זשורנאַליסט יעווגעני פּעטראָוו האָט געשריבן: „עס הייבן זיך אָן די צוגרייטונגען צו די פלוגן. אין דעם דאָזיקן טאָג איז די פּראָגראַם אַ פאַרשיידנאַרטיקע. אייניקע וועלן זיך לערנען אופהייבן דעם אַעראָ־פּלאַן די צווייטע — אים אַראָפּלאָזן און די דריטע וועלן קומען אין דער זאָנע, ווו זיי שטייט פאָר אויסצופילן פאַרשיידענע פיגורן פון פּילאָטאַזש.

הײַנט וועט דער סטודענט פונעם אינדוסטריִעלן טעכניקום דער קאָמיוגיסט יורי גאַגאַרין אויספילן זײַן ערשטן זעלבשטענדיקן פלוג. דער יאַט איז אופגערעגט, נאָר זײַנע באַוועגונגען זײַנען פּינקטלעכע און זיכערע. פאַרן אַרויספליִען באַטראַכט ער די קאַבינע, פּרוּווט אויס די מאַכשירים, און ערשט נאָך דעם פירט ער אַרויס זײַן „יאַק־18" אַף דער סטאַרט־ליניע. גאַגאַ־רין הייבט אוף די רעכטע האַנט, בעט אַ דערלויבעניש אַף אופצוהייבן זיך.

— אופצופליִען דערלויב איך, — גיט איבער דורך ראַדיאָ דער אָנפירער פון די פלוגן נ. פ. פּוטשיק".

אַפן גאַנצן לעבן האָט יורי פאַרגעדענקט די געגנטלעכע סאַראַטאָווער צײַטונג, זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט איר. מעגלעך, אַז טאַקע צוליב דער דאָזיקער יוגנטלעכער צײַטונג האָט יורי שפּעטער געמאָלדן: „אין סאַראַטאָוו טאַקע בין איך קראַנק געוואָרן אויף דער קרענק, וואָס האָט ניט קיין נאָמען אין דער מעדיצין — די קרענק פון אויסערגעוויינלעכן דראַנג צום הימל, פון דראַנג צו פליִען".

די צײַטונג „זאַריאַ מאָלאַדיאָזשי" האָט יורי אָנוועקגעשיקט אַהיים. ער האָט געוואָלט, אַז זײַנע ליבע און אייגענע זאָלן זיך פרייען מיט אים צוזאַמען. „דער ערשטער אָפּרוף אין דער פּרעסע האָט אַ וויכטיקע באַדײַטונג פאַרן מענטשן", — האָט שפּעטער געזאָגט גאַגאַרין.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונג צו די פאַרהערן. מע איז געפלויגן קימאַט יעדער טאָג, פון באַגינען ביז שקיִע האָט מען ניט פאַרלאָזט דעם אַעראָדראָם. יורי איז פאַרברוינט געוואָרן, זיך אָנגענומען מיט קרעפטן. אין די באַדינגונגען פון לאַגער, אינעם האַרבן לעבנסשטייגער האָבן די יונגע כוואַליע זיך באַפרײַנדעט, זיי האָט פאַרייניקט און צעמענטירט די ליבע צום הימל. פיל מיטגלידער פונעם אַעראָקלוב האָבן גענומען זיך פאַר אַ בײַשפּיל אַ ליטעראַרישן העלד. מע האָט געפירט טאָגביכער, געוואָרפן רייכערן, זיך באַגרענעצט אין שפּײַז, ווייניק געשלאָפן.

פון גזשאַטסק האָט אַנאַ טימאָפייעוונאַ געשריבן דעם זון: „מיר גריסן זיך מיט דיר, זונעלע... מיר ווייסן, אַז דו וועסט אויסוואַקסן אַ ווירדיקער מענטש פון אונדזער גרויסער צײַט. נאָר אין לעבן זײַנען פאַראַן אַזויפיל שטרויכלונגען, וועלכע קאָנען פאַרפירן אין אַ זײַט. פאַר דער צײַטונג אַ דאַנק, האָסט אונדז דערפרייט. פאַרגעס ניט די נאָז..."

יורי האָט זיך דערפרייט מיט דעם דאָזיקן בריוו. די מאַמע האָט ער פאַרשטאַנען פיל טיפער, ווי עס וואָלט זי געקאָנט פאַרשטיין אַ זײַטיקער מענטש.

אין צוויי כאַדאָשים אַרום, ווען ער איז אויף אַ קורצער צײַט געקומען אַהיים, האָט ער זיך געכידעשט, וואָס די מאַמע איז אַפילע יינגער געוואָרן, שענער און זיכערער. זי האָט אָנגעהויבן גלייבן, אַז דער זון האָט אויסגעקליבן אַ ריכטיקן לעבנסוועג.

דעם 25 יול האָט אין אַעראָקלוב זיך באַוויזן אַ „בליץ"־בלעטל, אין וועלכן עס איז געמאָלדן געוואָרן, אַז יורי גאַגאַרין איז באַגאַנגען אַ העלדנטאַט. איינער אַן אַעראָפּלאַן האָט זיך אָנגעצונדן. דאָס פײַער האָט באַדראָעט דעם פליִער־קורסאַנט — דער אַעראָפּלאַן האָט אין אַ באַליביקער מינוט זיך געקאָנט אופרײַסן. בליץ־שנעל איז גאַגאַרין צוגעשפּרונגען צום אַעראָפּלאַן, אײַנשטעלנדיק דאָס לעבן, האָט ער אַרויסגעשלעפּט דעם כאַוועַר, וועלכער האָט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן, פון דער קאַבינע און ענערגיש גענומען לעשן דאָס פײַער. יוריס כאַווער איז געבליבן לעבן, און דעם אַעראָפּלאַן האָט מען אַלע אייניקעם אָפּגערעמאָנטירט. יוריס אויטאָריטעט איז שטאַרק געשטיגן.

יורי איז געווען אַן איבערגעגעבענער כאַווער און אַ געטרײַער פרײַנט. אײַנמאָל האָט דער פּילאָט מיכאַיִל סאָקאָלאָוו אײַנגעלאַדן יורין צו זײַן פּעטער, וועלכער האָט געוווינט אין אַטקאַרסק. דער וועג איז געווען אַ ווײַטער. יורי איז געפאָרן מיטן כאַווער אין אַ פּראַכט־צוג. עס איז געווען אַ פריילעכע און פּראָסטע נעסיִע. ווען מע האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, האָט מיכאַיִל געפרעגט גאַגאַרינען:

— ביסט צופרידן מיט דער יאַזדע?

— מיר דאַכט, אַז איך האָב זיך ניט שלעכט געשפּראַוועט מיט מײַן ראָל.

מיכאַיִל האָט געשמייכלט: יאָ, ער האָט אײַנגעלאַדן גאַגאַרינען, קעדיי יענער זאָל איבערצײַגן דעם פּעטער, אַז ער, מיכאַיִל, האָט ריכטיק אויסגעקליבן זײַן פּראָפעסיע. יורי האָט פון סאַמע אָנפאַנג פאַרשטאַנען דעם כאַוועַרס פּאַרטראַכט.

וואַלענטין, יורי גאַגאַרינס ברודער, האָט געשריבן: „יורי איז דרייסט אַרײַנגעדרונגען אין אַ פרעמדער וועלט און מערקווירדיק גרינג געשאַפן זײַן אייגענע וועלט".

דעם 6 סענטיאַבער פאַרשרײַבט גאַגאַרין: „פאַר דער לעצטער וואָך געמאַכט דרײַ פּעלערן. שלעכט אַראָפּגענידערט. אָן אומגעלונגענע אַראָפּנידערונג איז ניט קיין טעאָרעטישער פּעלער". גאַגאַרין האָט דאָס שטאַרק איבערגעלעבט. אים איז געקומען אַפן זינען, אַז מע וועט אים אויסשליסן פונעם אַעראָקלוב. נאָר דער קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש וועליקאַנאָוו האָט אים פאַרטרויט אַ לעצטן קאָנטראָל־פלוג. יורי האָט מיט גלאַנץ אויסגעפילט אַלע עלעמענטן און בעסוכיעם אויך דאָס אַראָפּנידערן זיך. גאַגאַרין האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט צווישן די פליִער און שוין קיינמאָל קיינעם דאָס ניט אָפּגעטראָטן.

דעם 24 סענטיאַבער האָט יורי גאַגאַרין פֿאַרענדיקט אָפּגעבן די עקזאַמענעס מיט אויסצייכענונגען: קאָנסטרוקציע פֿונעם עראָפּלאַן „יאַק־18" — אויסגעצייכנט, מאָטאָר מ־11־פּר — אויסגעצייכנט, פֿירן דעם עראָפּלאַן — אויסגעצייכנט, עראָדינאַמיק — אויסגעצייכנט, ראַדיאָ־פֿאַרבינדונג — אויסגעצייכנט, און אין אַלגעמיין — אויסגעצייכנט.

אין אַ טאָג אַרום זײַנען, אין צוזאַמענהאַנג מיטן פֿאַרמאַכן דעם לאַגער, אַלע פּילאָטן פֿונעם עראָקלוב אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ ריי, מע האָט זיי אַרויסגעגעבן די געהעריקע דאָקומענטן אַף אַנצוקומען אין דער אָרענבורגער אוויאַשול. גאַגאַרין איז אויך געווען צווישן די גליקלעכע.

אַלע האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע באַפֿליגלטע פֿרײַנט: פֿאַרבלײַב געזונט, „קאָניאַק־גאַרבונאָק!"

דעם 27 אָקטיאַבער איז גאַגאַרין געוואָרן אַ קורסאַנט פֿון דער 1־טער אָרענבורגער אוויאַ־שול פֿון מיליטער־פּליִער אַף טשקאַלאָווס נאָמען. אין אַ בריוו צו די אייגענע איז ער מודיע, אַז פֿון הײַנט אָן האָט זיך אָנגעהויבן זײַן מיליטער־לעבן. „אַלע נאָוואָבראַנצעס האָט מען אָפּגעשוירן אונטער אַ מאַשינקע, אַרויסגעגעבן כאַקענע גימנאַסטיאָרקעס, בלאָווע הויזן, שינעלן, שטיוול. אַף די אַקסלען שימערן בלויע קורסאַנטישע פּאַהאָנעס מיט דער עמבלעם פֿון פּליִער — גאָלדענע פֿליגעלעך. אַלעמאָל ציט מיך כאַפּן אַ קוק אַף זיי, איך גרויס זיך און פֿריי זיך, וואָס איך האָב אַ שײַכעס צו דער מישפּאָכע פֿון אוויאַטאָרס פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי".

פֿיל באַוווּסטע פּליִער, מיט וועלכע עס גרויסט זיך דאָס לאַנד, האָבן זייער גורל פֿאַר־בונדן מיט דער דאָזיקער באַרימטער שול: וואַלערי טשקאַלאָוו, מיכאַיל גראָמאָוו, אַנאַטאָלי סעראָוו, אַנדריי יומאַשעוו, סטעפּאַן סופּרון, סערגיי גריצעוועץ, איוואַן פּאָלבין, פּאַוועל זשיגאַריאָוו, לעאָניד בעדאַ און פֿיל אַנדערע.

אין די יאָרן פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָבן די געוועזענע שילער פֿון דער דאָזיקער שול אַרויסבאַוויזן ניט געהערטע העלדנטאַטן. טויזנטער דערצויגלינגען זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאַלן, 236 זײַנען געוואָרן העלדן פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, 9 פֿון זיי זײַנען באַערט מיטן דאָזיקן טיטל צוויי מאָל.

יורי האָט מיט גרויס פֿלײַס זיך געלערנט. געלייענט, געלייענט און געלייענט. אין זײַן טאָגבוך פֿאַרשרײַבט ער אַ ציטאַטע פֿון עקזיופּערי: „פֿאַביען איז געגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט — ער האָט געפּיטערט די דאָזיקע קליינע שטעטלעך. ער האָט זיי באַגעגנט יעדע צוויי שאָ, די שטעט זײַנען געקומען צום ברעג זיך אָנפּויען אָדער שטשיפּען גראָז אַף די פּליינען".

און נאָך: „מע דאַרף זיי צווינגען לעבן אין באַשטענדיקער אָנשטרענגונג, — האָט געקלערט ריוויער, — דאָס לעבן, וואָס ברענגט זיי ליידן און פֿריידן, דאָס איז טאַקע דאָס עכטע לעבן".

אין דער ביבליאָטעק האָט ער דעם 21 דעקאַבער ניט געקאָנט זײַן, פֿאַרן אויספֿילן דעם נאַריאַד האָט ער ניט אָפּגערוט — געבראַכט אין אָרדענונג זײַנע פּאַרנאָטירונגען, צונויפֿגע־שטעלט אַ צעטל פֿון ביכער, וועלכע ער האָט געוואָלט אין דער נאָענטער צײַט איבערלייע־נען. ער האָט איבערגעשריבן איינס אָן אָרט פֿון הערצענס אַ רעדע, וועלכע יענער האָט גע־האַלטן בײַם דער דערעפֿענונג פֿון דער וויאַטקער ביבליאָטעק:

„אַ בוך — דאָס איז די גײַסטיקע יערושע פֿון איין דאָר דעם צווייטן, די צוואָוואָע פֿון אַ שטאַרבנדיקן זאָקן דעם יונגלינג, וואָס הייבט אָן צו לעבן, אַ באַפֿעל, וואָס דער וואַכמאַן, וועלכער גייט אַף רו, גיט איבער דעם וואַכמאַן, וואָס פֿאַרבײַט אים. דאָס גאַנצע לעבן פֿון דער מענטשהײַט איז אָפּגעזעצט געוואָרן אינעם בוך: שוואָטים, מענטשן, מעלוכעס זײַנען פֿאַר־שווּנדן געוואָרן, אָבער דער בוך איז געבליבן. ער איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער מענטש־הײַט, אין אים זײַנען קריסטאַליזירט אַלע וויסנשאַפֿטן, וואָס מאַכן שטוינען די מויכעס, און אַלע לײַדנשאַפֿטן, וואָס דערשיטערן די הערצער; אין אים איז פֿאַרשריבן יענע גוואַלדיקע ווידע פֿונעם שטורמישן לעבן פֿון דער מענטשהײַט, יענע גראַנדיעזע אויטאָגראַפֿיע, וואָס ווערט אָנגערופֿן אַלוועלטלעכע געשיכטע".

אין זײַן באַגריסונגס־בריוו צום 1956־טן נײַעם יאָר שרײַבט יורי צו דער מוטער: „מאַמע, אַלץ גייט אַזוי, ווי איך האָב פֿאָרויסגעזעען. די טעג וועלן מיר אָפּגעבן די שוווע און אָפּאַנ־עמעסן זיך נעמען דערלערנען די רעאַקטיווע טעכניק. די צוקונפֿט פֿון דער אוויאַציע איז אין איר שנעלקײַט. מעגלעך, אַז מע וועט נעמען אין אַכט מײַן צוגרייטונג אין עראָקלוב און מיר פֿאַרקירצן דעם לערן־טערמין. איבערצײַג דעם טאַטן, אַז לערנען דאַרף איך אומבאַדינגט. אָן עכטער פֿאַרטיידיקער פֿונעם היימלאַנד איז דער, וואָס באַהערשט גוט דאָס געווער".

דעם 1 פֿעוורואַל האָט יורי אַף אָן אָוונט אין קלוב פֿון דער שול זיך באַקאַנט מיט וואַ־לענטינאַ גאָריאַטשאָוואַ, וועלכע האָט געאַרבעט אָפּן טעלעגראַף. יוריס לעבן האָט אומגעריכט

זיך שטאַרק געענדערט. ער האָט טיף און אָפּנהאַרציק ליב באַקומען וואַליען. זי איז געוואָרן זײַן טרויס, זײַן צוקונפֿט, דאָס איז געווען אַ ליבע פֿונעם ערשטן בליק.

צו יענער צײַט איז יורי געווען זייער אויפֿגעלעבט. די ענערגיע האָט מאַמעש געשפּרודלט אין אים. אין איינעם אַ טאָג, ווען דער לערער איז קראַנק געוואָרן, האָט דער דזשורנע־אָפֿיצער געמאָלדן, אַז די לימודים וועט דורכפֿירן יורי גאַגאַרין. יורי איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער קאַטעדרע, פֿאַרגעלייגט די סטודענטן עפּעס ענעפּטן און פֿאַרשריבן דעם פּלאַן פֿון די לעקציעס.

„פּונקט איינס, — האָט ער געמאָלדן, — דער ציל פֿון קאָסמישע פֿאָרשונגען. פּונקט צוויי — די קאָסמישע שיף, איר קאָנסטרוקציע און איר אויפֿגאַבע. פּונקט דרײַ — דער באַשטאַנד פֿונעם עקיפּאַזש, וואָס ווערט געשיקט אויף דער געהיימניספֿולער פּלאַנעטע מאַרס".

די קורסאַנטן, צוגעוווינט צו דיסציפּלין, האָבן געטרײַ פֿאַרשריבן, ניט קלערנדיק, אַז דאָס איז אַ שפּאַס.

גאַגאַרין האָט כיטרע באַטראַכט דעם קלאַס — אויף אים האָבן מיט צוטרוי געקוקט צוויי און צוואַנציק פּאָר אויגן.

„אַלזאָ, די ערשטע פֿראַגע, — האָט ער פֿאַרגעזעצט ערנסט, — די צילן פֿון קאָסמישע פֿאָרשונגען — געפֿינען אין דער אומענדלעכער וועלט פֿונעם קאָסמאָס, אינעם אומענדלעכן רוים פֿון דעם מילך־וועג אַנדערע ציוויליזאַציעס, דערווײַזן, אַז מיר זײַנען ניט אַליין, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק איז אַלמעכטיק".

יורי האָט, אײַלנדיק, דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט שוין פֿון לאַנג געטראַכט, אַלץ, וואָס עס איז געוואָרן זײַן באַליבטע זאַך. ער האָט גערעדט ניט נאָר וועגן וויסנשאַפֿטלעכע, ריין טעאָרעטישע צילן פֿון קאָסמישן פֿליען, נאָר אויך וועגן דער פּראַקטישער זײַט פֿון דעם דאָזיקן איניען.

„אַרויפֿגיין אויף דער לעוואָנע, אויפֿהייבן אַ שטיין פֿון דער דאָזיקער אויבערפֿלאַך, אָנצילן אַ באַוועגלעכע סטאַנציע אין אַלוועלטלעכן רוים, אויסבילדן לעבעדיקע רינגען אַרום דער ערד, אַרום דער לעוואָנע, אַרום דער זון..."

דער מאַטעריאַל איז געווען ניט לויט דער טעמע, נאָר קיינער האָט זיך ניט געכידעשט, ניט געצווייפֿלט. די צוהערער האָבן ניט באַמערקט, ווי עס זײַנען דורכגעפֿלויגן די צוויי שאָ. ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז אין פֿיר יאָר אַרום האָט יורי גאַגאַרין אויף די דאָזיקע פֿראַגן געענטפֿערט דער מעלוכישער קאָמיסיע. זײַנע פֿרײַנט האָט יורי געשריבן, אַז לערנען זיך איז זייער שווער, מע דאַרף אַ סאַך וויסן. עס ווילט זיך זייער פֿליִען אויף רעאַקטיווע אַעראָפּלאַנען. גאַניטע פֿילאָטן זאָגן, אַז אַעראָפּנידערן איז זייער געפֿערלעך, ווײַל די שנעלקײַט איז אַ גרויסע. „עפּשער איז עס טאַקע אַזוי, נאָר איך קלער, אַז אין דעם פֿאַל דאַרף העלפֿן די אינערציע פֿון דענקען. אַ הײַנטצײַטיקער פֿליִער דאַרף, פֿאַרשטייט זיך, זײַן אַ רעאַקטיווושטשיק".

דער פּאָדפּאָלקאָווניק ריאַביקאָוו האָט אָנגעשריבן קיין גזשאַטסק יורי גאַגאַרינס מאַמע: „אַנאַ טימאָפֿייעוונאַ, איר קאָנט זיך גרויסן מיט אײַער זון. ער באַהערשט אויסגעצייכנט די מיליטערישע לער, וויזט אַ בײַשפּיל אין דער מיליטער־דיסציפּלין, נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. די קאָמאַנדשאַפֿט דאַנקט אײַך פֿאַר דער דערציִונג פֿונעם זון, וואָס איז געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער מיליטערמאַן, און ווינטשט אײַך גליק אין לעבן און דערפֿאָלגן אין דער אַרבעט".

דעם 16 מאַרט האָט וואַליע אײַנגעלאַדן יורין צו זיך אַהיים. וואַליעס פֿאָטער איוואַן סטעפּאַנאָוויטש גאַריאַטשאָוו האָט צוגעגרייט זײַן באַליבט מײַכל — אוראַלער קרעפּלעך, בע־ליאַשן, קנישעס מיט פֿיש און עפּל און, אַן אויפֿגעלעבטער, אַ צופֿרידענער, מעכאַבעד געווען דעם גאַסט. שפּעטער האָט יורי געלייענט פֿאַר וואַליען יעסענינס לידער. „ס'פֿלויִשט דער סאַד, ווי אַ שוימיקע סרייפֿע..."

מיט וואַליען איז ער באַקאַנט ניט מער ווי צוויי כאָדאָשים, און ביכלאַל קען ער זי ניט גענוג, נאָר די באַציִונגען זייערע זײַנען צוטרוילעכע, זיי זײַנען פֿאַרינטערעסירט אינעם גורל איינער פֿונעם אַנדערן, אַזוי אַז עס ווילט זיך שטענדיק אייצענען, זיך זאָרגן איינער פֿאַרן אַנדערן.

אַלס קלאַל, פֿלעגן זיי זיך באַגעגענען לעבן טעלעגראַף. מע האָט שפּאַצירט איבער דער שטאָט און זיך געזעגנט אויף דער טשיטשערין־גאַס, באַם הויז פֿון די גאַריאַטשאָווס. אין 12 יאָר אַרום איז דאָס דאָזיקע הויז געוואָרן אַ מוזיי, אין איינעם פֿון די צימערן איז דאָרט צונויפֿגעזאַמלט געוואָרן פֿיל עקספּאָנאַטן פֿון גאַגאַרינס און וואַלענטינעס לעבן.

דעם 4 יוני פֿאַרשרײַבט גאַגאַרין אין זײַן טאָגבוך, צו וועלכן ער האָט זיך שוין אַ לענ־גערע צײַט ניט צוגערירט: „איך פֿלי ווידער. סאַראַ גליק צו שוועבן אײַנדערלופֿטן, פֿילן די

מאשין, וואָס לאָזט זיך פירן. די ערד איז אונטער מיר, און אליין בין איך אין דער הייך. זאָלן מיר די מענטשן מוחל זײַן פאַר דעם. בייסן פלוג ווילט זיך לייענען לידער...״

וואַלענטינע שרײַבט, אַז זי בענקט נאָך אים. ווען ער באַקומט אַ קורצווײַליקן אורלויב, לויפט ער צו איר. ער הייבט זיך אויף אויף די טרעפּלעך און דערקענט גלײַך, אַז מע וואַרט דאָ אויף אים.

— מיר האָבן געוואַרט אויף דיר, — זאָגט זי שמייכלענדיק.

— אויף מיר? — ווונדערט ער זיך, — ווי האָט איר עס געקאָנט וויסן, אַז איך וועל קומען?

— איך ווייס ניט. מיר האָבן געוואַרט.

ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז יורי איז געווען אַן איבערגעגעבענער פּריײַנט, אַ גוטער כאַווער. גראַדע אין די טעג, ווען יורי האָט, ווי מע זאָגט עס, פאַרלוירן דעם קאָפּ צוליב וואַליען, האָט פון שפּיטאָל זיך אומגעקערט נאָך אַ קראַנקײַט דער קורסאַנט זאַכאַראָוו. דער קאָמאַנדיר פון דער עסקאַדריליע האָט באַשלאָסן, אַז זאַכאַראָוו וועט ניט קאָנען אָניאָגן דאָס דורכגעלאָזטע און איז דעריבער געווען געניי̆גט זיך ווענדן, אַז מע זאָל אויסשליסן אים פון דער פלי־אָפּטיילונג. דאָס איז געווען אַ מוירעדיקער קלאַפּ פאַר זאַכאַראָוון, אַ סאָף צו אַלע זײַנע לעבנס־פּלענער. דערוווּסט זיך וועגן דער שווערער לאַגע פונעם כאַווער, האָט גאַגאַרין זיך געווענדט צום קאָמאַנדיר מיט אַ ביטע ניט אויסשליסן זאַכאַראָוון, און געמאָלדן, אַז ער, גאַגאַרין, וועט נעמען איבער אים פּערזענלעכע שעפטום. יורי האָט זײַן צוזאָג אויסגעפילט. ער האָט אָנגעקלונגען וואַליען, געבעטן, זי זאָל אים ניט זידלען פאַר זײַן שווײַגן, זי זאָל אים מוחל זײַן, וואָס ער באַווײַזט זיך ניט. וואַליע איז אים מוחל געווען, זי האָט געוווּסט, אַז יורי קאָן זיך מאַקריוו זײַן פאַר מענטשן, טאָן אַלץ אויף אַרויסהעלפן עמעצן אין אַ נויט.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק יעווגראַפאָוו, אַ מיטאַרבעטער פון דער מיליטער־שול, האָט דער־ציילט, אַז יורי איז שטענדיק געווען אַן אופריכטיקער, אָפּנהאַרציקער רוסאַק. ער איז שטענ־דיק גרייט געווען אָפּגעבן אַלץ, וואָס עס האָט געקאָנט מיטהעלפן אַ צווייטן.

דאָס 1957 יאָר איז געווען דאָס לעצטע יאָר פון דער לער. דאָס פלי̆ען אויף רעאַקטיווע פאַרניכטלער האָט שטאַרק געענדערט אַלע קורסאַנטן — מע איז געוואָרן ערנסטער, די קינד־הײַט איז געבליבן אויסער די גרענעצן פונעם אַעראָדראָם.

דעם 17 פעברואַל איז יורי גאַגאַרין אַרויסגעטראָטן אויף אַן אָוונט, געווידמעט דעם אוויאַ־קאָנסטרוקטאָר אַרטיאָם איוואַנאָוויטש מיקאָיאַן. זײַן פאָרטראָג איז געווען אַ טיפער און אַן ערנסטער. ער האָט ניט נאָר באַלויכטן אַלע עטאַפּן פון דער אַרבעט פון דעם דאָזיקן טאַ־לאַנטפולן קאָנסטרוקטאָר, נאָר אויך זיך אָפּגעשטעלט אויף די פּערספּעקטיוון פון די קומענדיקע רעאַקטיווע פלי־אַפּאַראַטן.

אין אַ פּאָר כאָדאָשים אַרום, אויף אַ מיטינג, וואָס איז געווידמעט געווען דעם ערשטן סאָ־וועטישן קינסטלעכן ספּוטניק אַרום דער ערד, האָט איינער פון די לעקטאָרן דערמאָנט: „וויסנ־דיק גוט די געזעצן פון דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק, האָט דער קורסאַנט גאַגאַרין מיט אומבאַשטרײַטער איבערצײַגטקײַט גערעדט וועגן דעם, אַז אינגיכן וועלן אַרויסגעלאָזט ווערן אין קאָסמישן רוים אונדזערע ספּוטניקעס...״

דעם 9 מאַרט איז יורי געקומען צו לויפן צו וואַליען. די מישפּאָכע איז געווען אין דער היים. ער האָט געשענקט די פרויען צו צווײַגעלעך מימאָזע. וואַליע האָט אים באַגריסט מיטן געבוירן־טאָג, געשענקט צוויי פאָטאָגראַפיעס. אויף איינער האָט זי אָנגעשריבן:

„יורי, געדענק, אַז די שמידער פון אונדזער גליק — זײַנען מיר זעלבסט. פאַרן גורל בייג ניט דעם קאָפּ. געדענק, אַז געדולד — דאָס איז אַ גרויסע קונסט. היט אָפּ דעם דאָזיקן געפיל ביז דער סאַמע גליקלעכסטער מינוט.

9 מאַרט 1957 יאָר. וואַליא״.

אויף איינער פון די פאָטאָגראַפיעס איז וואַליע געווען אין אַ ווײַסן מעדיציניש כאַלאַט. זי האָט געוווּסט, אַז יורי וויל זייער, זי זאָל ווערן אַ מעדיקער. אויף דער צווייטער האָט זי זיך אַראָפּגענומען אין אַ יאַמטעווודיק קלייד, וואָס האָט זייער שיין אויסגעזען אויף איר שלאַנקן קערפּער.

יורי האָט צוטרוילעך־צאַרט אַ קוק געטאָן אויף וואַליען. די וואַקלעניש, צווייפלעניש, אומבאַשלאָסנקײַט זײַנען מאָמענטאַל אָפּגעטראָטן, און ער האָט אַנטשלאָסן אַרויסגעבראַכט:

— וואַליא, זײַ מײַן פרוי.

וועגן זײַן באַשלוס, וועגן דעם פאָרשלאָג, וואָס ער האָט געמאַכט וואַליען, האָט יורי גע־געבן צו וויסן אַהיים. ער איז געווען גליקלעך און שטאָלץ, וואָס אַזאַ מיידל, ווי וואַליע, איז מאַסקים צו ווערן זײַן פרוי. זײַן לעבן איז ווי פול געוואָרן מיט נײַעם אינהאַלט.

וועגן זײַן באשלוס כאסענע צו האָבן האָט יורי אָפיציעל געמאָלדן דעם קאָמאנדיר. איצט האָט ער, ווי אלע כאסענע געהאטע קורסאנטן, באקומען אײניקע להאטעס, וועלכע זײַנען פאָרגעזען אין סטאטוט פון דער סאָוועטישער ארמיי.

די עלטערן האָבן באוויליקט יוריס באשלוס כאסענע צו האָבן. זיי האָבן געווונטשן דער יונגער פאָר גליק און אײַנגעלאדן צוגאסט. יורי איז זיכער געווען, אז זײַנע אײגענע וועלן ליב באקומען וואליען, פונקט ווי אים אליין.

אין יון האָט וואלענטינע פארענדיקט דעם ערשטן קורס פון דער מעדיצינישער שול.

דעם 5 יול האָבן די פליִער אָנגעהויבן זײער טאָג ווי שטענדיק, קײנער האָט ניט פאָרויס־געזען, אז עס קאָן עפּעס געשען, דער וועטער איז געווען א גוטער, א שטאנדהאפטיקער, יורי האָט אויסגעפילט זײַן צווייטן פלוג. פלוצעם האָט זיך צעשפּילט א שטויב־שטורעם. די זון איז פארשוווּנדן, אפן אעראָדראָם האָט זיך אָנגערוקט א טונקעלע כמארע. אלץ איז פארטרונקען געוואָרן אין כאשכעס.

פאר די, וואָס האָבן זיך געפונען אינדערלופטן, זײַנען די אומשטענדן שטארק קאָמפּליצירט געוואָרן. עס זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן די אווארי־סטאנציעס, די לאָקאטאָרס האָבן פארשטארקט די טעטיקייט. אלע אעראָפּלאנען און דער באהילפס־טראנספּאָרט זײַנען אָפּגעפירט געוואָרן אין באזונדערע ערטער, די פײַערלעשער־ און סאניטאר־מאשינעס זײַנען געשטאנען גרייטע. אָבער גאגארין האָט אויך דאָ, אין די באדינגונגען פון באגרענעצטער שײַן און מוירעדיקן ווינט, אויסגעצייכנט אראָפּגענידערט מיט זײַן אעראָפּלאן.

דעם 4 אָקטיאבער האָט גאגארינס אָפּטײלונג זיך געפונען אפן אעראָדראָם. דאָס איז געווען די צײַט ערעוו די עקזאמענעס. יורי האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף דער ערד, אוועקגעשטעלט דעם אעראָפּלאן אפן אָרט. ווען דער מאָטאָר איז שטיל געבליבן, האָט צו אים אפן לייטערל זיך אופגעהויבן א צעהיצטער זײַן כאווער יורי דערגונאָוו.

— יורי, א ספּוטניק! אונדזערער א ספּוטניק אף דער אָרביטע ארום דער ערד...

גאגארין האָט ניט גלײַך פארשטאנען, געמײנט, אז יורי שפּאסט. אראָפּגעוואָרפן פון די אקסלען די רימענס, האָט ער באטראכט דערגונאָוון, לאנג געקוקט אין הימל, גלײַך ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט דעם קלײנינקן ווונדער.

אין אָוונט האָט די טאסס איבערגעגעבן:

„אין רעזולטאט פון א גרויסער אָנגעשטרענגטער ארבעט פון די וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן און קאָנסטרוקטאָרישע ביוראָען איז געשאפן געוואָרן דער ערשטער קינסט־לעכער ספּוטניק אין דער וועלט...”

בא גאגארינען איז טרוקן געוואָרן אין שלונג. די געדאנקען וועגן א ספּוטניק האָבן ערשט דאָ ניט לאנג אויסגעזען, ווי אן אוטאָפּיע. איצט פליט ער, דער ספּוטניק, אין רוים, צווישן די שטערן, צייכנט אָן אן עליפּטישע טראעקטאָריע ארום דער וועלט, און דעם דאָזיקן פלוג קאָן מען זען אין די שטראלן פון דער אופגײענדיקער און פארגײענדיקער זון.

יוריק האָט זיך געדאכט, אז ער הערט דאָס קלאפּן פונעם אײגענעם הארצן. אין דער דאָזיקער נאכט איז קײנער לאנג ניט אנשלאָפן געוואָרן. מע האָט געטראכט וועגן קאָסמאָס, וועגן פלוגן, וועגן דעם, וואָס פארא ראָל וועלן זיי, די פליִער, איצט שפּילן.

נאָך לאנג האָט מען געשמועסט וועגן דעם ספּוטניק. יורי האָט געמאכט פארשײדענע געמעלן. עפּעס האָט אים באאומרויִקט, נאָר וואָס—האָט ער ניט געוווּסט, אין יענע טעג האָט ער געזאָגט צו וואליען:

— אויב דו וועסט אמאָל זיך דערוויסן, אז איך האָב ארויסגעוואָרפן א פאָרטל, זאָלסטו מיך ניט מישפּעטן, מיך אונטערהאלטן.

— איך פארזיכער דיך, יורי, — האָט זי געענטפערט מיט גרייטקייט און צוטרוי, כאָטש זי האָט נאָך ניט געוווּסט, וועגן וואָס עס גייט א רייד.

אינגיכן, דעם 10 אָקטיאבער, איז אין דער צײַטונג „פראוודא” געווען געזאָגט, אז קעדיי צו פארווירקלעכן א קאָסמישן פלוג מיט א מענטשן, איז נייטיק צו דערלערנען די ווירקונג פון קאָסמאָס אף א לעבעדיקן אָרגאניזם... אז דער סאָוועטנפארבאנד וועט שיקן א ספּוטניק, אין וועלכן עס וועלן זיך געפינען אלס פּאסאזשירן באלעכאַים, און עס וועט דורכגעפירט ווערן א דעטאלע אויספאָרשונג, וויאזוי זיי פירן זיך אוף און ווי עס גייען דורך די פיזיאָלאָגישע פּראָצעסן.

גאגארין האָט פארשטאנען, אז ביז דעם, ווי אין קאָסמאָס וועט געשיקט ווערן א מענטש, איז נאָך ווײַט. די הונדערט טויזנט גאלאקטיקעס וועלן נאָך ניט אזוי גיך זיך דערווארטן אפן שאָליעך פון דער פלאנעטע ערד.

דעם 27 אָקטיאַבער איז אין טשקאַלאָוו פאַרגעקומען יורי גאַגאַרינס און וואַלענטינע גאַריאַטשאָוועס כאַסענע. אין עטלעכע טעג אַרום איז יורי געוואָרן אַן אָפיצער — אַ לייטענאַנט. די קאָמאַנדשאַפט האָט אים פאָרגעלייגט בלײַבן דאָ אַלס פליִער־אינסטרוקטאָר, גאַגאַרין האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט, ער האָט אויך ניט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג צו פאָרן אין קיִעווער מיליטער־קרײַז. גאַגאַרין האָט געבעטן, מע זאָל אים שיקן אויפן צאָפן. אַהין זײַנען אויך געשיקט געוואָרן זײַנע כאַווײרים יורי דערגונאָוו, ניקאָלײַ רעפּין און וואַלענטין זלאָבין.

אויף עטלעכע טעג איז יורי מיט זײַן יונגער פרוי אַוועקגעפאָרן קיין גזשאַטסק. דאָרט האָט מען דעם פאָרפאָלק אויך געפּראַוועט אַ כאַסענע. געסט האָבן זיך פאַרזאַמלט אָן אַ שיר, מע האָט געהוליעט לאַנג און רוישיק — אויפן רוסישן אויפן, פונעם טיפן האַרצן. מע האָט דערמאָנט דאָס הינטל לײַקע, וואָס איז געווען דער ערשטער פּאַסאַזשיר אין קאָסמאָס, געפּרוּווט טרעפן, ווער וועט עס זײַן דער ערשטער מענטש, וואָס וועט פליִען אין דער אַלוועלט: אַן אַקאַדעמיקער, אַ פליִער־אויספּרוּווער, אַ פּאָליאַרניק, אַ דאָקטער?..

מיט דער נײַער אַרבעט אויפן צאָפן איז יורי גלײַך פאַרכאַפּט געוואָרן. די יונגע פליִער האָבן פראָסט און צוגעוווינלעך דערציילט וועגן די אומגעוויינלעכע פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר אין דער אַטמאָספער, וועגן די מאַגניט־שטורעמס און וויאַזוי מע קאָן זיי אויסנוצן, אויב מע זאָל גענוי און מיט סייכל צוגיין דערצו. דאָ האָט ער זיך איבערצײַגט, וויפל העראָישע העלדנטאַטן עס זײַנען דאָ באַגאַנגען די מיליטערישע פליִער. „מיר זײַנען דאָ אויפן פּאָדערשטן ראַנד, און מיר ווילן אַלע ענלעך זײַן אויף סאַפּאָנאָוון, קורזענקאָוון, סאַראָקינען, כלאָביסטאָוון...״

צו וואַליען שרײַבט ער: „ניט געקוקט דערויף, וואָס איצט איז אויפן צאָפן טיפע נאַכט, די כאַשכעס האָט אַרומגערינגלט דעם גאַנצן אַרום, ווײַזט זיך מיר דאָך אויס, אַז איך זע ווײַט און רעאַל. פאַר די דאָזיקע טעג האָב איך פיל געטראַכט, באַזיניקט, איבערגעלעבט. די איינזאַמקײַט (אָן דיר), פאַר וועלכער איך האָב אַזוי זיך געשראָקן, איז אָבער צוניץ געקומען. באַ מיר האָט זיך געשאַפן אַ קלאָרער אויסזיכט אויף אונדזער לעבן, אונדזער צוקונפט. איך וויל דיך איבערצײַגן, אַז אַלץ, וואָס איך וועל טאָן, וואָס איך וועל דערגרייכן, וועל איך ווידמענען דיר און עס טאָן צוליב דיר. מיט דיר וועל איך אַדורכגיין אַלע אויספּרוּוון, בײַקומען די שווערסטע מעכיצעס צום זיג. קיינמאָל ניט אָפּטרעטן פונעם פאַרטראַכטן, פונעם אויסדערווײלטן. דו אַנטשפּרעכסט, ווי קיינער ניט, מײַן אידעאַל, מײַן טרוים. מײַן ליבע צו דיר איז אייביק און גרענעצלאָז!״

יורי שיקט וואַלענטינען פּעטראַרקעס סאָנעט: „געבענטשט איז דאָס יאָר, און דער טאָג, און די שאָ, און יענע צײַט און רעגע, דער וווּנדערלעכער קאַנט, דאָס אָרט, ווו איך האָב געפאַנגען צוויי מילדע אויגן. געבענטשט זאָל זײַן דער ערשטער אומרו, וועגן ס'האָט געפאַנגען מיך פון ליבע דער ערשטער רוף. און יענע פײַל, וואָס האָט מײַן האַרץ פאַרשטאָכן. געבענטשט זאָל זײַן מײַן קאָל, וואָס רופט אָן אופהער דעם נאָמען דײַנעם. די זיפצן, טרויער און פאַרלאַנגען. געבענטשט זאָל זײַן מײַן שרײַבן איר און די געדאַנקען, וואָס ריידן וועגן איר, נאָר וועגן איר!״

גאַגאַרין האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ. אומגעריכט איז געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק וועגן פאַרנעמען זיך מיט אַסטראָנאָמיע. עמעצער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר איפּאָליטאָוו־איוואַנאָוו האָט אין שטוב געהאַט אַ טעלעסקאָפּ און קימאַט אַלע טאָג געקוקט אין הימל, אַז דער אויסגעצייכנטער פּיִאַניסט גאָלדענווייזער האָט פאַרמאָגט אַ גראַנדיִעזע ביבליִאָטעק וועגן אַסטראָנאָמיע.

גאַגאַרין איז גלײַך פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דער דאָזיקער אידיי און אין עטלעכע טעג אַרום שוין געמאַכט מיטיילונגען וועגן הימל־גלאָבוס און וועגן אַנטאָליקע שטערן־לעגענדעס, וואָס ווערן איבערגעגעבן פון דאָר צו דאָר, ווי מײַסעלעך, אין וועלכע ס'איז פאַרזאַמלט די פאָלקס־כאָכמע.

אין די לאַנגע שאָען פון דער פּאָליאַרער נאַכט האָבן די פּילאָטן זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע זאַכן — געשריבן לידער און דערציילונגען און זיי פאָרגעלייענט פאַר די כאַווײרים. יורי האָט די דאָזיקע איניציאַטיוו אונטערגעהאַלטן, אָבער אַליין האָט ער ניט געשריבן.

קיינער וואָלט ניט געקאָנט דערקלערן, פאַרוואָס גאַגאַרין איז שטענדיק געווען דער לידער צווישן זײַנע פרײַנט, כאָטש ער האָט דערצו ניט געשטרעבט; פאַרוואָס איז ער געוואָרן דער צענטער אין די צוציִונגס־קראַפט פון זײַנע שלאַכט־כאַווײרים, זייער אַנערקענטער וואָזשאַק. מעגלעך, אַז די קראַפט זײַנע איז געלעגן אין דער שטאַנדהאַפטיקײַט פון די פּאַשעטע מענטשלעכע אייגנשאַפטן — אָרנטלעכקײַט, פּרינציפּיִעלקײַט, צוגעלאָזטקײַט, אַרבעטזאַמקײַט.

אין זײַן טאָגבוך, וועלכער איז אין יענער צײַט געוואָרן זײַן מיטשמועסער, דער וועכטער פון זײַנע פאַרבאָרגענע געדאַנקען, שרײַבט ער וועגן דעם ציל פון לעבן, וועגן זײַן דינסט,

אין ארטעק

פון לינקס אף רעכטס: יורי גאגארין,
פאוועל פּאָפּאָוויטש, גערמאַן טיטאָוו,
אנדריאַן ניקאָלײַעוו



מיט כאַווייריםפֿון דער
קינדהייט

בלומען פֿאַר דער מאַמען

דער גליקלעכער טאַטע

וועגן זײַן גרענעצלאָזער ליבע צו וואַליען. ער שרײַבט אויך אַרײַן אייניקע געדאַנקען פֿון גרויסע פּערזענלעכקייטן.

„דאָרט, ווו עס איז פאַרמישט ערנסטקייט, איז ניטאָ קיין אָרט פֿאַר אָפּהאַרציקייט". באַלזאַק. „די נאַטור ווייסט ניט וועגן קיין אָפּשטעלן אין איר באַוועגונג און פֿאַרניכטעט יעט־ווידע אומטעטיקייט". געטע.

יורי איז טעטיק און ענערגיש, ער ווייסט ניט פֿון קיין רו. און דאָס מאַכט פֿול זײַן לעבן. ער איז באַגײַסטערט פֿון דער אַרומיקער נאַטור, ער האָט נאָך אַ סאַך זאַכן ניט געזען, נאָר ער וועט צו אַלץ דערגיין. פֿריִער האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס אָפּיצערישע לעבן איז זייער אַ רויִק לעבן — אַ פּלאַצדאַרם פֿאַר רו, נאָך דער אַרבעט, נאָר ער פֿאַרשטייט איצט, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות. די אַרבעט הייבט זיך ערשט איצט אָן. זאָלסט אַפֿילו לעבן צוויי הונ־דערט יאָר, וועסטו אַלץ ניט איבערטאָן. אַרבעט. אַרבעט. אַרבעט.

„וואָס פֿאַר אַ פּאָליאַרניק בין איך, — שרײַבט ער וואַליען, — איך האָב ביז איצט אַפֿילע נאָך ניט געזען קיין ווײַסן בער, ניט געבלאָנקעט אין קיין ווײַסן מידבאָר, און דאָך ווילט זיך מיר זאָגן, אַז איך האָב זיך צוגעוווינט, ליב באַקומען דעם דאָזיקן קאַנט, און ווי יעדער מיליטערמאַן בין איך גרייט צו זאָגן: איך האָב דאָ געלעבט קעסיידער. ווי זאָגט דאָס רוסישע ווערטל — „מיט דער ליבער איז דער גאַניידן אַפֿילע אין אַ בײַדל". איך גלייב אין דעם. איצט לעב איך מיט דעם, וואָס איך וואַרט אויף דײַן קומען. איך וואַרט מיט גרויס אומגעדולד. איך ווייס, ווען איך זאָל דיר זאָגן: וואַרף אַוועק דאָס לערנען און קום צו פֿאָרן, וואָלסטו געקומען, און איך וואָלט געווען גליקלעך, נאָר ניט אויף לאַנג. דו דאַרפֿסט באַקומען אַ פּראָפֿע־סיע. אַרבעט. קינדער וועלן מאַכן דײַן לעבן אינטערעסאַנט, פֿול... אַלע טאָג קוק איך אויף דיר, זע דעם אָפֿענעם בליק פֿון דײַנע ערלעכע אויגן, דײַן ראָזעווע אויערל, און עס ווילט זיך מיר פֿילן דײַן וואַרעמע צאַרטע הויט..."

אין די בריוו צו זײַן ברודער וואַלענטין, וועלכן יורי האָט שטאַרק ליב געהאַט און גע־אַכטעט, שרײַבט ער וועגן די טרוימען, וועלכע האָבן אים באַהערשט און לאָזן אים ניט צורו: „אַפֿילע אין כאַלעם זע איך שיפֿן, ראַקעטעס, די אומענדלעכע ראַכוועסן פֿון קאָסמאָס, אַסטע־ראָידן און „קליינינקע פּרינצן". דער קאָסמאָס שטייט איצט אין טאָג־אָרדענונג, ווי די צעלינאַ. די סיסטעם פֿון אונדזער לעבן איז פֿאַרשלאָסן, עס קאָן דאָך ניט עקזיסטירן אַ קאָסמאָס, וואָס זאָל ניט האָבן קיין שום פֿונקציעס... ציאָלקאָווסקי שרײַבט, און איך לייען אים טאָגטעגלעך, אַז אין קאָסמאָס געוועלטיקט אַ האַרמאָנישער געדאַנק. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט קיין מיסטיק, נאָר אַ גוט אָרגאַניזירטע סטרוקטור פֿון קאָסמאָס, וואָס אַרבעט אויף אַן אײַנגעאָרדנטן מעכאַניזם פֿון פֿיזישע געזעצן..."

וואַלענטין האָט אים געענטפֿערט קלוג און רויִק. ער האָט געשריבן יורין, אַז קראַנק געוואָרן איז ער אויף אַ גוטער קרענק, נאָר צום באַדויערן, ניט אויף קיין מאָדערנער. אָבער זיך אויסהיילן דאַרף מען ניט אײַלן. פֿאַר גרויסע לעבנס־טאַטן פּאָדערט זיך ניט נאָר וויסן, גע־זונט, נאָר אויך טרוימען און מוירעדיקער געדולד. דאָס איז ווי אַ קאָמפּאַס, וואָס זײַן ווײַזער איז געריכטעט אויפֿן ציל. „ס'איז גוט, וואָס דו קלערסט וועגן דעם, אַז דיר איז אָנגעצייכנט פֿיל אופֿצוטאָן אין לעבן. דו דאַרפֿסטווירקלעך מאַכן אַ סאַך. די מעלוכע האָט דיר געגעבן אַזאַ בילדונג, פֿאַר וועלכער דו ביסט אַ שטענדיקער באַלכויוו דעם פֿאָלק..."

פֿאַרענדיקט די לער האָט וואַליע געגעבן צו וויסן, אַז זי איז גרייט פֿאָרן, וווּהין ס'איז נייטיק, אַבי נאָר צו אים. „דאָס פֿאַרגאַנגענע יאָר איז דיר אַן געווען פֿאַר מיר אַ קאָשמאַר. מער קאָן איך ניט אַזוי. מער וועלן מיר זיך אויף אַזוי לאַנג קיינמאָל ניט צעשיידן. זיך דער־ווּוסט, אַז איך פֿאָר צו דיר, האָבן אין זאַפּאָראָזשיע פֿיל מיר אָנגעהויבן אײַנצורײדן, איך זאָל זיך באַטראַכטן, ניט גערעטן „פֿאָרן צו די ווײַסע בערן". נאַראָנים! איך האָב אויף זיי ראַכמאָ־נעס. נאָר מיט דיר, נאָר אינצווייען וועלן מיר דערגרייכן די געגאַרטע הייכן. איך וועל דיר ניט זײַן צו לאַסט, איך וועל זײַן אַ באַהעלפֿערן. איך ווייס, אַז מיר קאָנען פֿיל־פֿיל אופֿטאָן"...

איצט האָט יורי געלעבט מיט דער גליקלעכער האָפֿענונג אויף דער באַגעגעניש. מיט וואַ־ליעס קומען וועט זיך אַ סאַך ענדערן.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער געפּאַטערט אויף שטוביקע איניאַנים — מע האָט געדאַרפֿט געפֿי־נען, ווי עס זאָגט זיך, „אַ נעסט". ניט קיין גרינגע פּראָבלעם. אויף דער ערשטער צײַט האָט אָפּ־געטראָטן איר צימער אַ לערערן, וועלכע איז אַוועקגעפֿאָרן אין אורלויב אויף דער גרויסער ערד. יוריס פֿרײַנט האָבן אים פֿאַרגעלייגט בלײַבן אין צוזאַמענוווינונג, דעם צימער וועלן זיי באַפֿרײַען — זיך צעלויפֿן אין אַנדערע נומערן. אָבער גאַגאַרין האָט ניט געוואָלט זיי באַלע־סטיקן דערמיט. מע האָט אים דערווײַל געגעבן אַ צימער אין אַ גרויסער קאָמונאַלער קוואַר־

טיר. וואַליעס קומען איז געוואָרן אַ געשעעניש אינעם לעבן פונעם גאַרניזאָן. אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער באַגעגעניש מיט אַ נײַעם מענטשן.

עס זײַנען צוגעקומען די־געס, צײַט איז געוואָרן נאָך קנאַפּער. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די צאָל טעג אין דער וואָך זײַנען געוואָרן ווייניקער.

וואַלענטינען איז געפעלן געוואָרן אַפּן צאַפּן. ביסלעכווײַז האָט זי זיך אַרײַנגעצויגן אינעם לעבן פונעם מיליטערישן שטעטל, זיך באַקאַנט מיט די שכיינעס, אָנטיילגענומען אינעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון דער טייל, אײַנגעאָרדנט דעם אייגענעם שטייגער. כאָטש דאָ איז איר אַלץ געווען נײַ, אומגעוויינלעך, האָט זי געשריבן אַהיים אַנציקטע בריוו, אַז אַלץ איז דאָ גוט, בעסער ווי אין אָרענבורג. אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום האָט זי געגעבן צו וויסן די עלטערן, אַז יורי איז צו איר אופמערקזאַם, אַז זיי וואַרטן אויף אַ קינד, זיי לעבן אין אַ גוטן צימער און נייטיקן זיך אין קיין זאַך ניט.

וואַליעס קומען האָט ניט געשטערט, אַז צו גאַגאַרינען זאָלן פּונקט ווי פריִער קומען פּיל־צאָליקע געסט. מע איז געגאַנגען אַהער, צום יונגן פּאָרפּאָלק, ווען ווען ס׳האָט זיך געגלוסט. מע האָט, ווי פריִער, געפירט הייסע דעבאַטן, אָפט האָט מען אײַנגעאָרדנט מאָלצײַטן, גע־שמועסט וועגן ליטעראַטור, וועגן דער דינסט, וועגן טרוים צו לערנען אין אַקאַדעמיע.

וואַליע האָט זיך געכידעשט, ווי׳אַזוי יורי איז ערנסט געוואָרן, ווי איבערגעגעבן ער איז דער אַרבעט. ער פליט אָפט, וויל אויסהאַלטן אויף אַ קלאַס. זי האָט זיך געסטאַרעט אים ניט צו שטערן. זי האָט געוווּסט, ווי שטאַרק די כאַוויירים שעצן אים, אַז די קאָמאַנדשאַפט האַלט פון אים, אַז דער צאַפּן איז אים ניט צו לאַסט, גלײַך ווי ער וואָלט דאָ געלעבט שטענדיק. ער איז אין זײַן סטיכיי. די היגע פּרויען האַלטן, אַז יורי וועט ווערן אַ גרויסער קאָמאַנדיר, אַ באַוווּס־טער פּליִער, אויב ער וועט ווערן ערנסטער, אופהערן צו שפּאַסן... נאַראָנים זײַנען זיי. אַפּן צאַפּן וועסטו אָן אַ שפּאַס זיך ניט באַגיין.

ביז שפּעט אין אָוונט האָבן זיי געלייענט. יורי האָט זייער ליב געהאַט די דערציילונגען „דער נאַכט־פּלוג" און „די פּלאַנעטע פון מענטשן". וואַליע האָט געלייענט: „...אַ דאַנק אַ צו־פעליק הויפנדל בלאָטע, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט צווישן אַ פּאַרצײַטיק־אָפּגעקילטן שיכט און דאָרעמדיקן אײַז. דאָ, באַנאַנד מיט די דאָזיקע שוואַרצע שטראָמען, האָט באַזונדערס זיך געפילט, וואָס פאַר אַ ווונדער דער מענטש איז"... וואַליע האָט געכאַפּט אַ קוק אויף יוריס בלאַס געוואָרענעם פּאָנעם און ווײַטער געלייענט. זי האָט ניט געוווּסט, צי הערט ער.

„די וואָרהאַפטיקײַט ליגט ניט אויף דער אויבערפלאַך, — איז וואַליע מאַסקים געווען מיטן אויטאָר, מיט עקזיופּערי, — אויב אויף דעם דאָזיקן באָדן, און ניט אויף קיין אַנדערן, לאָזט דער מאַראַנצן־בוים שטאַרקע וואָרצלען און גיט בעשעפע פּרוכטן, איז פאַר דעם מאַראַנצן־בוים דער דאָזיקער באָדן דער עמעס. אויב די דאָזיקע פאָרם פון טעטיקײַט, ניט קיין אַנדערע, גיט דעם מענטשן די עמפּינדונג פון גײַסטלעכער גאַנצקײַט, קראַפט, וועלכע ער האָט אין זיך ניט כוישעד געווען"...

דער אָסיען האָט זיך אָנגערוקט. מע האָט געדאַרפט זיך גרייטן צו אַ קאַלטן לאַנגן ווינ־טער, פאַרגרייטן האָלץ, פאַרטיטשקעווען די פענצטער, פאַרגרייטן אייניקע פּראָדוקטן. אין די שפּעטע שאָען, ווען דער וועטער האָט ניט שטאַרק געווילדעוועט, זײַנען זיי ביידע געגאַנ־גען שפּאַצירן. זיי האָבן זיך געשפּיגלט אין דער פלאַטערדיקער צאַפּן־שײַן, וואָס האָט אונטער־געצונדן אַ האַלבן הימל. דאָס איז געווען אַ ווונדער, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט.

וואַליע איז געוואָרן אָן אָנטיילנעמערן אין די קולטפּאַכאָדן, אין די הייסע דיספּוטן, אין די טוריסטישע שפּאַצירן.

יורי האָט באַזוכט דעם אָוונט־אוניווערסיטעט פון מאַרקסיזם־לעניניזם. ער האָט צו דער דאָזיקער לער זיך באַצויגן מיט גרויס ערנסט. געפירט קאָנספּעקטן, געמאַכט פאַרצייכענונגען. אין זײַן לער האָט אים מיטגעהאָלפן די פרוי.

„דער מענטש איז באַשאַפן צו גיין פאַרויס און העכער, — האָט געשריבן מ. גאָרקי. — די מענטשן וועלן נאָך אַרופקריכן אויף מאַרס, זיי וועלן איבערגיסן יאַמען פון איין אָרט אויף אַ צווייטן, אויסגיסן אַ יאַם אין דער מידבער און באַפרוכפּערן זי".

דער דאָזיקער געדאַנק גאָרקיס איז זייער געפעלן געוואָרן גאַגאַרינען. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט יורי אַלעקסייעוויטש סיסטעמאַטיזירט גאָרקיס אַרויסזאָגונגען וועגן די אויספאָר־שונגען פונעם קאָסמאָס, צו וועלכע גאָרקי האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס.

וואַליע האָט געגנומען נייען קינדערש וועש.

— אַזוי פריִ? — האָט יורי זיך געכידעשט.

— שוין צײַט!

— פאַר א ייִנגל, צי א מיידל?

— און ווער וועמען ווילסטו?

יורי האָט אַף א רגע זיך פאַרטראַכט:

— א מיידעלע. איך וויל, זי זאָל זײַן אזא, ווי דו. א גוטע, א שיינע.

— און איך וויל א ייִנגעלע, און ענלעכס אַף דיר.

איינמאָל אין אָוונט, ווען עס האָבן זיך פאַרזאַמלט גוטעפרײַנט, האָט יורי זיך געטיילט מיט זײַן פאַרלאַנג צו פליִען אין קאָסמאָס. אייניקע האָבן זיך באַצויגן דערצו מיט א שמייכל, ווי צו יוגנטלעכע פאַנטאַסטישע טרוימען. בלויז וואַליע האָט פאַרשטאַנען די קראַפט און די פעסטקייט פון יוריס ווערטער, זי האָט געוווּסט, אז אויב ער האָט זיך אײַנגעשטעלט דאָס צו זאָגן, הייסט עס, אז דאָס איז ניט נאָר קיין ווערטער, ער וועט דערמיט זיך ניט באַנוגענען, און זי האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. אין א יאָר אַרום האָט יורי פאַרינטערעסירט מיט דער דאָזיקער פּראָפעסיע זײַנע כאַווערים. דער ערשטער פונעם גאַרניזאָן שרײַבט ער א ראַפּאָרט:

„אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרברייטערונג פון די קאָסמישע אויספאָרשונגען, וועלכע ווערן דורכגעפירט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, קאָן זײַן, אז עס זאָלן נייטיק זײַן מענטשן צוליב וויסנשאַפטלעכע פלוגן אין קאָסמאָס. איך בעט נעמען אין אכט מײַן הייסן ווילן, און אויב ס'וועט זײַן א מעגלעכקײַט, מיך שיקן אַף א ספּעציִעלער צוגרייטונג".

ס'איז אָנגעקומען דאָס נײַע, 1959 יאָר. דעם 2 יאַנוואַר האָט די ראַדיִאָ איבערגעגעבן א מיטיילונג וועגן דעם, אז אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז געשיקט געוואָרן א פּילשטאַפּלדיקע קאָס־מישע ראַקעטע אין דער ריכטונג פון דער לעוואָנע.

מיט פרייד האָט מען אָנגעהויבן שמועסן וועגן די נײַע דערגרייכונגען אין קאָסמאָס, וועגן דעם, אז אינגיכן וועט פליִען א מענטש אין אומבאַוווּסטן רוים. די פאַנטאַזיע האָט זיך צע־שפּילט. אַלע האָבן עפּעס געזאָגט, וועגן עפּעס געטרוימט. מע האָט געטראַכט און געשמועסט וועגן דעם, ווער עס קאָן זײַן דער ערשטער קאָסמאָנאַווט. מע האָט זיך געוווּנדנט צו יורין, אין זײַן קאָמפּעטענטקײַט האָט מען געגלייבט.

— ווער עס קאָן זײַן דער ערשטער קאָסמאָנאַווט? — יורי האָט א צוק געטאָן מיט די אַקסלען, — פונוואַנען זאָל איך וויסן? מינאַסטאַם א הויכגעבילדעטער, א דערצויגענער, א שטאַרקער מענטש. געוויס א הויכער און, פאַרשטייט זיך, א געוואַגטער. איר געדענקט, ווי אַזוי ציִאָלקאָווסקי האָט געזאָגט: „איך שטעל זיך גרינג פאָר דעם ערשטן מענטשן, וואָס וועט בײַקומען די ערד־צוציִונג און וועט אַוועקפליִען אין דעם צווישנפּלאַנעטן־רוים... ער איז א רוסישער... א בירגער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. לויט דער פּראָפעסיע, גיכער פון אַלץ, א פליִער... זײַן געוואַגטקײַט איז א קלוגע, זי ווייסט ניט פון קיין בילקער זינלאָזיקײַט... איך שטעל זיך פאָר זײַן רוסיש פּאָנעם, די אויגן פון א פאַלק[1]". אַזוי, אז ער איז צווישן אונדז.

אין יענע טעג האָט יורי צום ערשטן מאָל דערציילט וועגן זײַנע טרוימען דעם קאָמאַנדיר פונעם פאַלק דעם פּאָדפּאָלקאָווניק באַבושקין.

דער שמועס מיטן לייטענאַנט האָט דערפרייט דעם קאָמאַנדיר, נאָר איינצײַטיק האָט ער ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. לויט די אַרמייִשע קלאַלים, וואָלט ער געדאַרפט אָנעמען מיטלען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער פראַגע, וואָס אים האָט פאָרגעגעבן גאַגאַרין, נאָר וואָס צו טאָן, האָט ער, דעם עמעס געזאָגט, ניט געוווּסט. נאַטירלעך, אז באַבושקין האָט דעמלט ניט געקאָנט וויסן, אז די געשעענישן פונעם הײַנטיקן טאָג וועלן האָבן א דירעקטע שײַכעס צו זײַן לייטענאַנט.

דעם 14 יאַנוואַר איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען א באַראַטונג, אַף וועלכער עס האָט זיך באַהאַנדלט די פראַגע וועגן צוגרייטן א מענטשן אַף צו פליִען אין קאָסמאָס. מיט זייערע גע־דאַנקען האָבן אַף דער דאָזיקער באַראַטונג זיך געטיילט מ. וו. קעלדיש, ס. פּ. קאָראָליאָוו און אַנדערע.

לויט דעם פאָרשלאָג פון קאָראָליאָוו, זײַנען די פאָרשטייער פון די מיליטערישע לופט־קרעפטן און פונעם מיניסטעריום פון געזונט־אָפּהיטונג צוגעטראָטן אויסצואַרבעטן אינסטרוק־ציעס און קלאָלים וועגן אָפּקלײַבן מיליטערישע פליִער פאַר קאָסמאָנאַווטן.

דעם 10 אַפּרעל איז בא די גאַגאַרינס געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד — א מיידעלע. לענאָטשקאַ. דער יונגער טאַטע איז געוועזן גליקלעך. ער האָט געבראַכט אין געבורט־הויז אַן א שיר קוויטן דער טײַערער וואַליושע, וועלכע האָט אויסגעפּילט זײַן טרוים — אים געבוירן

[1] פאַלק — סאָקאָל.

א טאַטערקע: „דאָס איז ווונדערלעך. זי וועט אויסוואַקסן בא אונדז א פּראַקטיקער מענטש. זי וועט זײַן דאָס שײַנדל בא די גאַגאַרינס, און עפּשער אין גאַנצן לאַנד...״

דעם 12 סעפּטעמבער איז באַוווּסט געוואָרן, אַז די אויטאָמאַטישע סטאַנציע „לונאַ־2״ האָט געבראַכט אַף דער לעוואָנע אין ראַיאָן פון לויטערקײַט־יאַם דעם ווימפּעל מיטן הערב פון סאָוועטנלאַנד. גאַגאַרין איז געקומען צום פּאַדפּאָלקאָווניק פּ. באַבושקין און אים דערלאַנגט א מעלדונג, אַז ער בעט אים שיקן אַף ספּעציעלער צוגרייטונג פון די, וועלכע מע וועט געוויס אָנהייבן גרייטן אַף צו פליִען אין קאָסמאָס. דער קאָמאַנדיר האָט אים צוגעזאָגט, אַז בא א מעגלעכקײַט וועט ער באַפרידיקן דעם ווילן פונעם פליִער.

— איך וועל זיך מישטאַדל זײַן, — האָט ער צוגעזאָגט יורין.

וועגן גאַגאַרינס ראַפּאָרט האָט מען זיך דערוווּסט אין גאַרניזאָן. עטלעכע מענטשן, צווישן זיי געאָרגי שאָנין, האָט, נאָכפאָלגנדיק דעם בײַשפּיל פונעם כאַווער, אויך דערלאַנגט א ראַ־פּאָרט. אייניקע האָבן דאַפקע אָפּגערעדט גאַגאַרינען, אַנדערע זײַנען געבליבן גלײַכגילטיק.

אינגיכן איז אין קאָסמאָס־שטעטל מיט דער שנעלקײַט פון א בליץ זיך צעפלויגן די נײַס — ס'איז געקומען א קאָמיסיע פאַנאַנדערקלײַבן די ראַפּאָרטן!

די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע — מיליטערישע פליִער און דאָקטוירים, האָבן ווירקלעך אַרויסגערופן אַף א שמועס אַלע די, וואָס האָבן זיך געבעטן איבערצוגיין אַף אַן אַנדער טעכ־ניק, א מער פּערפעקטער.

מיט די צוועלף מענטשן — מיט גאַגאַרינען, שאָנינען און אַנדערע „לונאַטיקעס״ — האָט מען לאַנג געשמועסט, מע האָט זיי גענוי אויסגעפרעגט וועגן זייער לעבן, וועגן זייערע פלע־נער אַף ווײַטער, וועגן זייערע טרוימען, מיט וואָס פאַרנעמען זיי זיך אין דער פרײַער צײַט. די קאָמיסיע איז ניט אַוועקגעפאָרן אפילע נאָך דעם, ווי מע האָט אַלעמען אויסגעפרעגט. עס האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן פונדאַסנײַ. די צאָל פון די אײַנגעלאַדענע פליִער האָט זיך פאַרקירצט ביז זעקס.

אין די אַלע פּראָצעסן איז געווען עפּעס געהיימניספולס, אומפאַרשטענדלעכס. פון די „לו־נאַטיקעס״ זײַנען אויסגעמעקט געוואָרן די פּאַראַקשנטע, וועלכע האָבן געוואָלט פליִען אַף „נײַער טעכניק״. די קאָמיסיע האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, און די אײַנוווינער האָבן קיין זאַך זיך ניט אָנגעשטויסן.

דעם 22 אָקטיאַבער איז אָנגעקומען געוואָרן א פאַראָרדענונג אַרויסשיקן קיין מאָסקווע פיר פליִער, צווישן זיי יורי גאַגאַרינען.

מיט פלאַטערדיקע הערצער איז מען איבערגעטראָטן די שוועל פונעם צענטראַלן וויסנ־שאַפטלעך־פאָרשערישן האָספּיטאַל (צניאַג), און, נאָך ניט וויסנדיק, וואָס עס שטייט זיי פאָר, האָבן זיי זיך מיט צוטרוי איבערגעגעבן אין די הענט פון די שטרענגע, געהיימניספולע עסקו־לאַפּן.

די דאָקטוירים האָבן אַקטיוו אויסגענוצט די טעכניק, די נײַסטע פּרעפּאַראַטן אַף אַלזײַטיק אויסצופאָרשן דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם. „דער סאַמע וויכטיקסטער אָרגאַן אַף צו פאָרשן, — האָט געזאָגט גאַגאַרין, — איז געווען דאָס האַרץ. לויטן האַרצן האָבן די דאָקטוירים אויסגע־לייענט אונדזערע ביִאָגראַפיעס, און קיין זאַך האָט מען פון זיי ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן.״ די דאָקטוירים האָבן זייער העפלעך, נאָר אָן קיין שום פּשאַרעס פאַרבראַקעוועט איינעם נאָכן אַנדערן. די קומענדיקע קאָסמאָנאַווטן האָבן געדאַרפט אָנטשפּרעכן די סאַמע העכסטע פאָדע־רונגען.

שאָנין איז זיכער געווען, אַז די פאָדערונגען זײַנען צו הויכע, ווײַל קיינער ווייסט דאָך ניט, וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך די נאַרמע.

„צוליב זיכערקײַט, — האָט געטײַנעט שאָנין, — זײַנען זיי פאַרדרײַפאַכט, די פאָדערונגען. דערפאַר קערן זיך אום אַזויפיל צוריק אין די פאָלקן. אַלס קלאַל, איז פון פּופּצן מענטשן דורכגעגאַנגען אַלע עטאַפּן פון אויספאָרשונג בלויז איינער. אייניקע האָט מען ביכלאַל פאַר־ווערט צו פליִען, און ווער האָט געקאָנט גאַראַנטירן, אַז צווישן די, וועלכע מע האָט אויסגע־מעקט פון די צעטלען, וועסטו ניט אַרײַנפאַלן? מע האָט געמוזט ריזיקירן, צוליב דעם צוקינפ־טיקן ריזיקירן מיט דער פּראָפעסיע פון א פליִער, מיט דער רעכט צו פליִען, ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס צווישן מײַנע נײַע באַקאַנטע זײַנען געווען כעוורע, וועלכע האָבן אינעם פּראָצעס פון אָפּקלײַב דערשפּירט בא זיך עפּעס ניט קיין געוווּנטשנס, זיך גלײַך אָפּגעזאָגט פון דער ווײַטערדיקער אויספאָרשונג, און זײַנען אַוועקגעפאָרן אהיים״.

דעם 6 מאַרט, ווען דער לייטענאַנט גאַגאַרין איז צוריק געקומען אין זײַן טייל, האָט דער מאַיאָר רעשעטאָוו געזאָגט:

— איך באַגריס אײַך, כאַווער גאַגאַרין, אײַך איז צוגעזאָגט דער טיטל עלטערער לייטענאַנט.

סאָף דעקאַבער, ווען דער עלטערער לייטענאַנט געאָרגי שאָנין האָט זיך אומגעקערט פֿון מאָסקווע, האָט יורי אים אָנגעהויבן אויסצופֿרעגן וואָס־און־ווען. געאָרגי האָט דערציילט וועגן אַ נײַער גרופּע קאַנדידאַטן, וועגן דעם, אַז די קאָמיסיע, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אָפּקלײַבן קאָסמאָנאַווטן, זוכט נאָך אַלץ „שטאַרקע פּערזענלעכקייטן". זי פֿאָרט אַרום איבער די אַוויאַ־טיילן. גאַגאַרין און שאָנין האָבן ניכטער אָפּגעשאַצט זייערע פּערספּעקטיוון און גערייט געוועזן צו אַלץ. ניט — איז ניט. נאָר דאָך האָט מען ניט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג.

— מיך וועט אָפּהאַלטן נאָר די מעדקאָמיסיע, — האָט געזאָגט גאַגאַרין, — איך וועל זיך דערשלאָגן. און דיר ראַט איך אויך ניט אַראָפּפֿאַלן בא זיך.

גאַגאַרין האָט געאַכטעט שאָנינען ניט נאָר פֿאַר זײַן געוואַגטקייט, פֿאַר זײַן הויכער פּליִער־רישער קוואַליפֿיקאַציע, נאָר פֿאַר זײַן מענטשלעכער פֿײַנקייט, פֿאַרן גוטן כאַראַקטער, פֿאַר זײַן נאָבעלקייט.

שאָנין, פֿון זײַן זײַט, איז גליקלעך געווען, וואָס דער גורל האָט אים צונויפֿגעפֿירט מיט יורי גאַגאַרינען.

בייס דער פֿײַערונג פֿונעם נײַעם, 1960 יאָר, האָט שאָנין געמאָלדן שטיל און באַשיידן.

— יורי, דו ווייסט, מיך האָט מען אָנגענומען.

— אָט, זעסטו! — האָט יורי אויסגעשריגן, — איך האָב געגלייבט, אַז דיך וועט מען נעמען.

גאַגאַרין האָט אופֿריכטיק זיך געפֿרייט מיטן דערפֿאָלג פֿונעם כאַווער און זיך געגרויסט, וואָס דער „לונאַטיק" שאָנין גייט איבער אויף „נײַער טעכניק".

דעם 14 יאַנוואַר איז אָנגעקומען אַ פֿאַראָרדענונג פֿונעם אַוויאַ־שטאַב: קאָמאַנדירן דעם עלטערן לייטענאַנט יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרינען קיין מאָסקווע. צוליב וואָס און אויף וויפֿל טעג, איז ניט געזאָגט געוואָרן. מע האָט געקלערט אַזוי און אַזוי, מע האָט יורין באַגריסט, מע־קאָנען געווען אים, באַדויערט.

מע האָט גערעכנט, אַז ער פֿאָרט אויף לאַנג. יורי האָט פֿאַרגרייט האַלץ, פּראָדוקטן.

וואַליע האָט צוגעגרייט אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק געווען אין וועג, זי האָט זיך ניט פֿאַר־געשטעלט, אַז אין זייער לעבן הייבט זיך אָן אַ נײַער פּעריאָד.

אין מאָסקווע האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע פּראָצעדורן, אויספֿאָרשונגען, אַנאַליזן. זיי זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן לויט אַ ספּעציעלער, עקספּערימענטאַלער סכעמע, וועלכע האָט פֿריִער ניט געהאַט קיין אַנאַלאָגן.

זונטיק זײַנען קיין פּראָצעדורן, קיין אַנאַליזן ניטאָ. די פּסיכאָלאָגן האָבן פֿאַרויסגעזען אָט אַזעלכע „פֿענצטער", וואָס ווירקן, אַז דער מענטש זאָל אינערלעך פֿרײַ ווערן פֿון דער אָנ־שטרענגונג, זיך קאָנען אַרומקוקן, זיך טיילן מיט די מיינונגען. עס זײַנען פֿאָרגעקומען מאָ־סקווע עקספּערימענטן, עס זײַנען אויך געווען אוניקאַלע, בלויז איין־און־איינציקער וואַריאַנט, וואָס פֿאָדערט גראַנדיעזע אָנשטרענגונג פֿון די מענטשלעכע קוכעס. אין די טעג פֿון אָפּרו האָבן די פּליִער אָנגעטאָן פֿוישטן, מאַנטלען, גרויע אָפּיצערישע היטלען און זיך געלאָזט גיין שפּאַצירן. עס האָט געהוליעט דער ווינט, פֿאַרשיט די אָפּגערייניקטע סטעזשקעס, הויפֿנס שניי, ווי די זאַמד־בערג אין דעם מידבאַר, נאָר די אַוויאַטאָרס, געוווינטע צו די אַעראָדראָמישע צוג־ווינטן, האָבן שפּאַצירט און שפּאַצירט.

צומאָל האָבן די פּראָצעדורן זיך איבערגעריסן — די דאָקטוירים האָבן אָפּגעטראָטן זייערע ערטער די פּסיכאָלאָגן, די קומענדיקע אָנפֿירער פֿון צוגרייטן די קאָסמאָנאַווטן. מע האָט גע־שמועסט באַזונדער מיט יעדערן, קאָלעקטיוו, אַ גרופּע מיט אַ גרופּע. דאָס איז אויך געווען אַ וויסנשאַפֿטלעכער עקספּערימענט. אַלץ איז געווען נײַ. די פּליִער זײַנען מיד געווען פֿון אָנשטרענגונג, פֿון ניט באַשטימטקייט, פֿון די אומופּהערלעכע פּראָצעדורן.

אָפּדערנאָכט, ווען די קאָמיסיע האָט פֿאַרלאָזט דעם האָספּיטאַל, האָבן די פּליִער זיך פֿאַר־זאַמלט אין איינעם פֿון די צימערן. מע האָט געשמועסט וועגן ציאָלקאָווסקין, הערבערט וועלסן, אַלעקסיי טאָלסטאָיען, אַלעקסאַנדער בעליאַיעוון. גערמאַן טיטאָוו האָט געלייענט לידער — לערמאָנטאָוון, פּושקינען, בײַראָנען, היינען, יעסענינען, בלאָקן. פּאַוועל פּאָפּאָוויטש האָט גע־זונגען אוקראַיִנישע לידער.

וואַליען און דער מוטער האָט יורי געשריבן, אַז ער געפֿינט זיך אין מאָסקווע, פֿילט דאָרט אויס אַן אַמטלעכן פֿליכט, אַז ער וועט זיך סטאַרען קומען קיין גזשאַטסק, אויב עס וועט זיך מאַכן אַ מעגלעכקייט.

די סקרופּולעזע עסקולאַפּן זעצן פאָר צו זוכן בא זייערע פּאַציענטן פאַרשיידענע קראַנקײַטן, געוועזענע, פאַרמאַסקירטע. זיי פאָרשן אויס דעם זיקאָרן, די אָריענטאַציע, רעאַקציע, די אויפמערקזאַמקײַט, די פייִקײַט צו האַסטיקע, פּינקטלעכע און מאָמענטאַלע באַוועגונגען.

די רעזולטאַטן פון זייערע אויספאָרשונגען האָבן די דאָקטוירים געהיט ווי א גרויסע געהיימניס. נאָר אין דער אָנגעגליטער אַטמאָספער פונעם האָספּיטאַל האָבן זיך דאָך געלאָזט הערן קלאַנגען וועגן אויסשליסן פון די צעטלען. די סוידעספּולע קלאַנגען זײַנען מעקוּיִם געוואָרן. אייניקע פליִער האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע טיילן. די גרופּעס זײַנען שיטערער געוואָרן. די צאָל פון די אײַנוווינער אין די צימערן איז געוואָרן וויניקער.

די דאָקטוירים, וועלכע האָבן אויסגעפאָרשט די פליִער, האָבן דערקלערט דעם פּרינציפּ, לויט וועלכן עס ווערן אָפּגעקליבן די קאַנדידאַטן פאַר קאָסמאָנאַווטן. בײַסן פליִען וועט דער קאָסמאָנאַווט זיך לאַנג געפינען אין די באַדינגונגען פון היפּאָדינאַמיק און געוויכטלאָזיקײַט, אין איזאָליאַציע פון די ערד־באַדינגונגען. דעריבער דאַרפן די עקיפּאַזשן פון די קאָסמישע שיפן אויסהאַלטן אַלע אויספּרוּוון אין א פאַרשלאָסענעם רוים. קעדיי אויסאַרבעטן מעטאָדן אָף צו באַקעמפן די געפערלעכע דערשײַנונגען, וואָס קאָנען אויפשווימען בײַסן פליִען אין קאָסמאָס, דאַרפן אויך אויסגעפאָרשט ווערן זייערע נעגאַטיווע ווירקונגען אַפן מענטשלעכן אָרגאַניזם. נאַטירלעך, אַז פיל זאַכן האָבן זיי ניט געוווּסט, געטאַפּט, ווי מע זאָגט עס „אין דער פינצטער", פון קיין רעטונגס־מיטלען ניט געוווּסט.

אָף איינער א פאַרזאַמלונג פון די קאָסמאָנאַווטן־קאַנדידאַטן האָט מען הייס דעבאַטירט וועגן די עטישע קאָנצעפּציעס פון דער הײַנטצײַטיקײַט. „די פיזיקער האָבן זיך אָנגעוואָרפן אָף די „ליריקער". מע האָט גערעדט וועגן דער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקײַט, וועגן די גײַסטיקע ווערטן, וועגן די פאָדערונגען, וועלכע ווערן, געוויס, אַרויסגעשטעלט וועגן דעם ערשטן שאָליִעך פון דער מענטשהײַט, וואָס וועט געשיקט ווערן אין קאָסמאָס־רוים. די צוקינפטיקע קאָסמאָנאַווטן האָבן געהאַלטן, אַז ביזן ערשטן קאָסמישן פלוג וועט נאָך אַוועקגיין א סאַך יאָרן.

דאָס לעבן האָט זיך אַרויסגעוויזן פיל פאַנטאַסטישער פון דער געוואַגטסטער פאַנטאַזיע.

און אָט האָט זיך פאַרענדיקט די גרונט־פּראָגראַם פון די מעדיצינישע אויספאָרשונגען. ריידן וועגן די ענדגילטיקע רעזולטאַטן, וועגן דעם פּינקטלעכן אויסוואַל פון דער גרופּע איז נאָך געווען פרי. נאָר דער באַשטאַנד פון די גרונט־גרופּעס איז אָנגעמערקט געוואָרן. עס האָבן נאָך געקאָנט אָפּפאַלן אייניקע אין דער באַראָקאַמערע, אָף דער צענטריפוגע און בײַ אַנדערע אויספּרוּוון.

מע איז געוואָרן ווייכער, מילדער, די אָנשטרענגונג און דער אומצוטרוי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין צוטרויִלעכקײַט. די דאָקטוירים זײַנען געוואָרן מילדער, אויפמערקזאַמער, מע האָט אָפּט באַמערקט א שמייכל אָף זייערע פּנעמער — זיי זײַנען געוואָרן געהילפן פון די קאָסמאָנאַווטן. איצט האָבן זיי געהאַט א מעגלעכקײַט צו זאָגן, אַז דאָס זײַנען געווען ניט בלויז מעדיצינישע אויספאָרשונגען, נאָר מאָראַל־עטישע עקזאַמענעס.

דעם 7 מאַרט איז פאָרגעקומען א באַגעגעניש מיטן אויבערהויפּט־קאָמאַנדיר פון די מיליטערישע לופט־קרעפטן. זינט דעם דאָזיקן טאָג האָט מען שוין קיינעם פון די צעטלען ניט אויסגעמעקט. עס איז אויספאָרמירט געוואָרן דער ערשטער אָטריאַד פון די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן. אַלע קאָסמאָנאַווטן זײַנען געפלויגן אָף הײַנטצײַטיקע רעאַקטיווע אַעראָפּלאַנען „מיג־15", „מיג־17".

מע האָט פאַרלאָזט דעם האָספּיטאַל, זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע ערטער. דעם לעצטן אָוונט האָט גערמאַן טיטאָוו געמאָלדן, אַז ער, דער איבערצײַגטער ליריקער, קוואַליפיצירט זיך איבער אָף א שטאַנדהאַפטיקן פיזיקער. ער האָט דעמלט דערציילט, אַז איינמאָל האָט איינשטיינס זון געפרעגט דעם פאָטער, פאַרוואָס איז ער אַזוי באַוווּסט? דער געניִאַלער איינשטיין האָט געענטפערט, אַז פּינקטלעך ווייסט ער ניט, נאָר ער דענקט, אַז דערפאַר, ווײַל ער האָט דער ערשטער באַמערקט, אַז א גלײַכע ליניע איז אויסגעבויגן...

דעם 9 מאַרט האָט יורי געגעבן צו וויסן דער פרוי, אַז ער קערט זיך אום אין זײַן לײַבלעכן גאַרניזאָן. אין אַעראָפּלאַן איז פאָרגעקומען א קאָמישער צופאַל: צו גאַגאַרינען איז צוגעגאַנגען א ייִנגעלע און אים געבעטן, ער זאָל אים עפּעס שענקען. יורי האָט א שמייכל געטאָן און געגעבן דעם יאַטל א שאָקאָלאַדקע. נאָר יענער האָט זיך ניט באַרויִקט.

— וואָס זשע זאָל איך דיר נאָך שענקען? — האָט גאַגאַרין גענומען נישטערן אין די קעשענעס.

— עפּעס רעכטס, — האָט געפאָדערט דאָס ייִנגל, — אַלע באַוווּסטע מענטשן שענקען מיר עפּעס. יאָ, באַוווּסטע. איר וועט אויך זײַן א באַוווּסטער.

אין סאלאָן פונעם עראָפּלאַן האָט מען זיך צעלאַכט. עמעצער פון די פּאַסאַזשירן האָט ארויסגענומען זײַן פאָטאָאַפּאַראַט און אָנגעצילט אויף ייִנגל, וואָס איז ניט אָפּגעטראָטן פון גאַגארינען. אין עטלעכע קאַדאַשים אַרום, ווען דער „פאָטאָגראַף" האָט דערזען אין צײַטונג דעם פּאָרטרעט פונעם ערשטן קאָסמאָנאַווט, האָט דער צופעליקער מיטרײַזנדער צוגעשיקט די פאָטאָגראַפיע מיטן ייִנגעלע דעם מאַיאָר גאַגאַרינען.

אין יענעם טאָג איז יורי גאַגאַרין אַלט געוואָרן 27 יאָר.

גאַגאַרין, וועלכער איז פאַררעכנט געוואָרן אינעם אַטריאַד פון די קאָסמאָנאַווטן, איז צוזאַמען מיט דער מישפּאָכע אַריבערגעפאָרן צום נײַעם אָרט פון דינסט.

אינעם צענטער פון צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן האָבן זיך אָנגעהויבן די לימודים. די ערשטע אַרײַנפיר־שאָען האָט דורכגעפירט ניקאָלײַ פּעטראָוויטש קאַמאַנין. פאַרענדיקט זײַן רעדע האָט ער מיט די ווערטער: „דעם ערשטן פלוג אין קאָסמישן רוים קאָן אויספילן אַ מענטש, וואָס פאַרקערפּערט די העכסטע מאָראַלישע דערגרייכונג פון זײַן פאָלק, וואָס פאַרמאָגט דעם גאַנצן גוואַלדיקער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וואָס פאַרשטייט טיף זײַן וויסנשאַפטלעך־פּאַטריאָטישע מיסיע, וואָס איז פולקאָם צוגעגרייט לויט דעם סכום פון דער פּראָגראַם".

דערנאָך איז געבוירן געוואָרן נאָך איין באַפליגלטע פראַזע: „פליִען גרייטן זיך טויזנטער — אין קאָסמאָס וועט פליִען איינער".

ניט געקוקט אויף זייער טיפן וויסן, האָבן די לעקטאָרס געשטרעבט ניט שטעלן זיך העכער פון די צוהערער. אין דער וויסנשאַפט פון קאָסמאָנאַווטיק זײַנען נאָך געווען אַ סאַך ניט פאַרשטענדלעכע זאַכן, אַזוי אַז צווישן די לערער און די צוהערער זײַנען ניט געווען קיין הויכע באַריערן, וועלכע זאָלן זיי אָפּטיילן. אַלע האָבן געלעבט מיט איינע דײַגעס — באַגרײַפן די וועלט, דערקונדיקן זיך צו די סודיעס פון אַלוועלט.

די צוהערער האָט מען געמאָלדן, אַז זיי וועלן דערלערנען די מאַפּע פון הימל, דעם צושטאַנד פון די פּלאַנעטעס, די רעלאַטיוו־טעאָריע, די פּאַרציײַטיקע מיטן, הײַנטצײַטיקע היפּאָטעזעס, פּערספּעקטיווע קאָנצעפּציעס.

פון דעמלט אָן האָט יורי גאַגאַרין אָפּסנײַ גענומען מאַכן פאַרנאָטירונגען אין זײַן טאָגבוך. ער האָט געהאַלטן, אַז עס הייבט זיך אָן אַ נײַער עטאַפּ אין זײַן לעבן, אָן אָנגעשטרענגטער און אַ פאַראַנטוואָרטלעכער.

יעווגעני אַנאַטאָליעוויטש קאַרפּאָוו, דער דאָקטער, וועגן וועלכן גאַגאַרין האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שיינער, בלוזאַיגיקער, שאַרפזיניקער מענטש, האָט פון סאַמע אָנהייב געקראָגן באַ דער גרופּע קאָסמאָנאַווטן, אפילע באַ די, וועלכע זײַנען אין אַטריאַד ניט אײַנגעשלאָסן געוואָרן צוליב דעם געזונט־צושטאַנד, אַ גוטן שעם. איז אָט, דער ליבער דאָקטער יעווגעני קאַרפּאָוו האָט געמאָלדן, אַז פון דער קומענדיקער וואָך וועט אײַנגעפירט ווערן אַ נײַע רעזשימע — אַלץ וועט פאַרפולקומט ווערן: דרײַ טעג טעאָריע, דרײַ טעג ספּאָרט. „שווערקײַטן זײַנען אומפאַרמײַדלעך, — האָט קאַרפּאָוו געזאָגט, — אָן זיי איז ניט מעגלעך זיך צוצוגרייטן. מעגלעך, אַז פּאָר אַנדערע דוירעס קאָסמאָנאַווטן וועט זײַן אָן אַנדערע, אַ גרינגערע פּראָגראַם, נאָר איר דאַרפט אַדורכגיין די דאָזיקע".

די קומענדיקע קאָסמאָנאַווטן האָט געצויגן אַ קוק טאָן אויף מאָסקווע. אַלעמען האָט זיך געוואָלט זײַן אין די טעאַטערן, מוזייען, נאָר קיין צײַט איז ניט געווען. „שפּעטער, — האָט שטרענג געזאָגט קאַרפּאָוו. — מירן נאָך באַווײַזן. אַגעוו, איז דאָס אַלץ אײַנגעשלאָסן אין דער צוגרייטונגס־פּראָגראַם".

דעם 22 מאַרט איז אויף די לימודים פון די קאָסמאָנאַווטן געקומען איינער פון די פּיאָנערן פון דער סאָוועטישער ראַקעטן־בויונג, פּראָפעסאָר מיכאַיִל קלאַוודיִעוויטש טיכאָנראַוואָוו. די קאָסמאָנאַווטן האָבן געוווּסט, אַז ער איז דער קאָנסטרוקטאָר פון דער ערשטער סאָוועטישער ראַקעטע „גירד־09", אַז ער איז באַקאַנט מיט ס. פּ. קאָראָליאָוו און מיט וו. פּ. גלושקאָ.

זינט טיכאָנראַוואָוו איז געקומען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע באַגעגענישן מיט באַוווּסטע סאָוועטישע געלערנטע, מיט דערפינדער פון קאָסמישע שיפן.

מיט די קאָסמאָנאַווטן האָבן אָנגעהויבן לערנען אָנגעזעענע קאָנסטרוקטאָרס פון דער אוויִאַ־טעכניק, באַוווּסטע געלערנטע, טאַלענטירטע אינזשעניערן, געוואָגטע פליִער־אויספּרווּוער, וועטעראַנען פון דער אוויִאַציע. לערער פון די קאָסמאָנאַווטן זײַנען געוואָרן העלדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

די אינפאָרמאַציע, וועלכע די קאָסמאָנאַווטן האָבן באַקומען טאָגטעגלעך, איז געווען אַזוי גרויס, אַז אָפט האָט די מענטשן אַרומגעכאַפּט אַ פּאַניק, אַ געפיל, אַז זיי וועלן ניט אימשטאַנד זײַן אַלץ צו באַגרײַפן. די שפּראַך פון די לעקציעס איז געווען קאָמפּליצירט, ניט שטענדיק פאַרשטענדלעך, איבערגעלאָדן מיט וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע: פּלאַזמע, קולסאַרע

קוואַזערן, שוואַרצע לעכער, וויַסע קאַרליקעס, רעליקטישע אויסשטראַלונג... קיינער האָט זיך ניט באַקלאָגט, מע האָט געטערפּעט, צוגעוווינט געוואָרן, באַהערשט.

אין זײַן טאָגבוך פאַרשרײַבט יורי גאַגאַרין:

„מער פאַר אַלץ פּיל איך אַצינד, אַז עס פעלן מיר קענטעניששן, אַז איך בין ווייניק אָנגעגרייט, ווייניק אינפאָרמירט. עס זײַנען נייטיק קענטענישן, מע דאַרף זיך לערנען. און ווידער לייענען! דאַכט זיך, אַז דער קאָמפּאָזיטאָר טאַנייעוו האָט געזאָגט, אַז אַף קיין זאַך ברענגט מען ניט אויס אַזוי אומזיסט די צײַט, ווי אַף לייענען אָן אַ באַשטימטער סיסטעם".

„אײַזן ווערט פאַראָסטעט, אויב עס ווערט ניט אויסגענוצט אַף עפּעס, שטייענדיקע וואַסער פוילט, — האָט געשריבן דער געניאַלער לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, — און דער מענטשלעכער געדאַנק, וואָס געפינט פאַר זיך קיין אָנווענדונג ניט — פאַרוועלקט.

דער געדאַנק דאַרף טעטיק זײַן יעדער מינוט, יעדער טאָג, אַלץ מער און מער. מע דאַרף שלײַפן און שאַרפן דעם מויעך אײנעם מויעך פון אַנדערע, ווי עס האָט געלערנט דער גרויסער פראַנצויז מאָנטען".

דעם 13 אַפּרעל זײַנען די קאָסמאָנאַווטן אַרויסגעפלויגן. הינטער סאַראַטאָוו, געשפּרונגען מיט פאַראַשוטן. דער טאָג איז שטרענג פאַנאַנדערגעטיילט: אָפּשטיין קאַיאַר, פיזישע איבונגען, טעאָרעטישע לימודים, מוסטערהאַפטע פאַראַשוט־איבונגען, זעלבשטענדיקע פּרווון פון שפּרונגען.

— איר דאַרפט אַראָפּשפּרינגען פערציק מאָל, — האָט מען זיי געמאָלדן.

— פאַר צוואַנציק טעג?

— יאָ, פאַר צוואַנציק.

ניקיטין האָט צוגעגרייט פאַר זײַן גרופּע אַ סיורפּריז — ער האָט אײַנגעלאַדן פאַראַשוטיסטן פון דער העכסטער קוואַליפיקאַציע, זיי זאָלן באַווײַזן, וואָס הייסט עס — שפּרינגען מיט אַ פאַראַשוט.

דער ערשטער איז געשפּרונגען ניקיטין, דערנאָך מאַקסימאָוו, אישטשענקאָ און בוכאַנאָוו. דאָס איז געווען אַ פּראָגראַם פון קאָמפּליצירטע שפּרונגען, מיט אַראָפּנידערן אָפּן וואַסער, אַף געבײַדעס, אין וואַלד, דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו באַווײַזן די העכסטע מײַסטערשאַפט. די ספּאָרטסמענער האָבן באַוויזן, וויאַזוי מע דאַרף רעגירן מיטן אייגענעם קערפּער, וויאַזוי מע דאַרף אַרויסגיין גאַנץ פון אַ שווערער לאַגע, באַווײַזן עפעקטיווע מיטלען פון שפּרונגען. דערנאָך — פּראַקטישע איבונגען. שפּרונגען. שפּרונגען. שפּרונגען.

דער וועטער איז געווען ניט קיין שטאַנדהאַפטיקער. זוניקע טעג זײַנען געווען ווייניק. די ערד אין די קאַיאָרן — צוגעפרוירן, באַטאָג — בלאָטיק.

דער קאַפּיטאַן מאַקסימאָוו, ניקיטינס פאַרטרעטער, דערמאָנט זיך: „ס'איז געווען אַן עסעריקע קעלט, אַ נודנע רעגנדל, די ערד זעט מען ניט אַרויס. מע האָט זיך צונויפגעקליבן אונטערן פליגל פון אַן אַעראָפּלאַן און געטראַכט, וואָס טוט מען ווײַטער. איך כאַפּ אַ קוק אַף לעאָנאָוו און וואָלינאָוו — זיי ווייסן נאָר איינס: שפּרינגען!

מיר האָבן זיך אופגעהויבן אין הימל, דער רעגן הערט ניט אויף צו ליאַפּען, אין אַעראָפּלאַן איז אַזש פינצטער. מיר האָבן אָפּגעזוכט אין די וואָלקנס אַ „לעכל" און זײַנען אַרויסגעשפּרונגען. אַראָפּנידערן איז ניט אָנגענעם. די שטריק זעען מיר, די קופּאָלן פון די פאַראַשוטן — ניט. מיר שרײַען איינער צום אַנדערן, אַז מע זאָל זיך פאַנאַנדערגיין אײנעם נעפּל, ניט פאַרטשעפּען זיך מיט די פאַראַשוטן".

דעם 7 מײַ איז אָנגעקומען אַ מיטיילונג, אַז עס איז אָנגעמערקט געוואָרן אָרגאַניזירן אַ צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן. דער דאָזיקער צענטער האָט באַקומען דעם נאָמען — „זוויאָזדני גאָראָדאָק" (דאָס שטערן־שטעטל).

„...ווען מע האָט אָנגעהויבן, האָט דאָ בלויז גערוישט דער ווינט און די קרוינען פון די בערעזעס, יעלן און סאָסנעס. אַ געוויינלעכער הינטערמאָסקווער וואַלד־מאַסיוו, מיט לאָנקעס, וואַלדישע שטעגן און אַפילע מיט כאַלאָקים פון סאָדציכטלער. אין דער ווײַט פון רוישיקע מאַגיסטראַלן, פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און שטעט. דאָ האָט געהערשט פרישע לופט, דער גערוך פון וואַלד, פון זון און שטילקײַט..."

ניקיטין איז געווען גערעכט: ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט די פּראָגראַם פון פאַראַשוט־איבונגען, ווען די קאָסמאָנאַווטן האָבן דערשפּירט די שיינקײַט און די קראַפט פונעם לופט־ספּאָרט, האָבן אייניקע אָנגעהויבן בעטן צוגאָב־איבונגען.

ניקיטין האָט אָנגערופן די פאַמיליעס פון יענע, וועלכע האָבן דערפאָלגרײַך אָפּגעגעבן די טעאָרעטישע עקזאַמענעס און אויסגעפילט די קאָנטראָל־שפּרונגען אַף צו באַקומען דעם טיטל „אינסטרוקטאָר פון פאַראַשוטן־צוגרייטונג".

דעם זעלבן טאָג האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין קאָסמאָס איז געשיקט געוואָרן אַ ספּוטניק, וואָס וועגט העכער פֿיר מיט אַ האַלבן טאָן. דער דאָזיקער ספּוטניק וואָלט געזיכערט די געפֿאַרלאָזיקייט פֿון דעם מענטשן, וואָס וואָלט זיך געלאָזט פֿליִען אין קאָסמאָס. איצט האָט מען געקאָנט וואַרטן אַף וויכטיקע געשעענישן, און זיי זײַנען ווירקלעך געקומען.

דער אַרבעטס־טאָג איז געוואָרן מער אָנגעזעטיקט. די אָפּרו־טעג זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין טעג פֿון מי. די סיסטעם פֿון איבונגען איז געוואָרן נאָך מער קאָמפּליצירט. איצט איז געוואָרן אומבאַדינגט פֿאַרנעמען זיך מיט שווימען, כאָקיי, גאָראָדקי, וואָלייבאָל און אַנדערע מינים ספּאָרט. דערנאָך זײַנען אייניקע זאַכן אָפּגעשאַפֿן געוואָרן, נאָר דעמלט האָט קיינער גענוי ניט געקאָנט זאָגן, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע און וואָס איז דאָס צווייטראַנגיקע. דעריבער האָט מען געגרייט די קאָסמאָנאַווטן צו אַלע מעגלעכע און אַלע אוממעגלעכע, אומגעריכטע סיטואַציעס. מע האָט געגרייט זיי צו אומגעוויינלעכס — צום קאָסמאָס.

זײַנע ספּעציפֿישע מיטיילונגען וועגן מעכאַניק פֿון קאָסמאָס האָט וויטאַלי סעוואַסטיאַנאָוו פֿאַרוואַנדלט אין אינטערעסאַנטע און טיפֿע לעקציעס וועגן פֿיזיק, וועגן דער טעאָריע פֿון מאָטאָרן, שטענדיק געפֿונען אינטערעסאַנטע לייזונגען.

— צוליב וואָס לאָזן מיר זיך אין קאָסמאָס? — האָט ער געפֿרעגט און אַליין געענטפֿערט, — אונדז רעגן ניט נאָר די וויסנשאַפֿטלעכע, פּראַגמאַטישע אויפֿגאַבן, נאָר אויך די עסטעטישע. די אויגן, וואָס קוקן אַרײַן אין דער ראַכוועס פֿון דער אַלוועלט, האָבן דאָרט ניט געפֿונען קיין שיינקייט, קיין שום אויפֿטוען פֿון מענטשלעכע הענט... די מענטשן האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאָרויסזען דעם קאָסמאָס וועט זײַן שווער, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט צו די שטערן, צו די ראַכוועסן און צו דער צײַט. — ער האָט באַטראַכט אַ רעגע די צוהערער און פֿאָרגעזעצט. — אַרום אונדז איז אַזאַ גראַנדיעזע, פּראַקטישע און אוממענדלעכע וועלט, אַן אינטערעסאַנטער און ניט קיין אויסגעפֿאָרשטער רוים, וואָס איז פֿול מיט קלאַנגען, מיט אײַלנדיקע באַוועגונגען פֿון אַטאָמען, פֿון אומופֿהערלעכער אויסשטראַלונג, פֿון אַ נײַעם מין צושטאַנד — פּלאַזמע... נאָר מיר וויסן וועגן דעם גאָרניט.

די לעקטאָרן פֿאַרבלענדן פּאַשעט די צוהערער מיטן שימער פֿון זייער ערודיציע, מיט דער ברייטקייט פֿון זייערע קענטענישן.

דער מענטשהײַט זײַנען באַוווּסט די נעמען פֿון העכער פֿינף טויזנט אַסטראָנאָמען, וועלכע האָבן געפּרוּווט איבערציילן די שטערן, צונויפֿשטעלן קאַטאַלאָגן. די דאָזיקע אַרבעט האָבן אָנגעהויבן די אוראַלטע גריכן און די רוימער. זי ווערט פֿאָרגעזעצט אויך איצט. וויפֿל זײַנען פֿאַראַן שטערן אין דער אַלוועלט? אַ מיליאַרד, צען מיליאַרדן, הונדערט? וויפֿל פּלאַנעטעס זײַנען פֿאַראַן אין דער זון־סיסטעם? הײַנט־צו־טאָג זײַנען באַוווּסט נײַן. נאָר ס'איז געווען נאָך אַ פּלאַנעטע, און אַף דער דאָזיקער פּלאַנעטע איז געווען אַ לעבן, אַ ציוויליזאַציע און אַפֿילע אַ מער אַנטוויקלטע, ווי אַף דער ערד.

דעמלט האָבן אייניקע ניט געגלייבט דעם לעקטאָר, נאָר אין 1979 האָבן די אַמעריקאַנער געלערנטע געפֿונען מעטעאָריטן, אַף וועלכע עס האָבן זיך פֿאַרהיט סימאָנים פֿון לעבן.

וואָס זשע איז דאָס פֿאַר אַ פּלאַנעטע מיט אַזעלכע סוידעספֿולע סימאָנים פֿון לעבן? די געלערנטע האָבן זי אָנגערופֿן פֿאַעטאָן. זי איז אומגעקומען, וואַרשײַנלעך, ס'איז, ווײַזט אויס, פֿאָרגעקומען אַן אופֿרײַס, די פּלאַנעטע איז צעשפּאָלטן געוואָרן, אַ טייל פֿון איר, וועלכע האָט באַקומען אַ גוואַלדיקע שנעלקײַט, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם אויסערלעכן רוים. מע קלערט, אַז דער אופֿרײַס איז פֿאָרגעקומען אומגעריכט, און קיינער פֿון די באַוווּסטזיניקע באַשעפֿענישן האָט זיך ניט געקאָנט ראַטעווען.

דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ סענסאַציע פֿאַר די לייענער און אויך אַ טעמע פֿאַר די פֿאָרשער פֿון קאָסמאָס.

אַף די לעקציעס האָט מען אויך אונטערגעצויגן סאַכאַקלען פֿון די פּאַראַשוט־איבונגען. איצט איז געווען מעגלעך גענוי צו אַנאַליזירן די אויפֿגעקומענע שוועריקייטן, די ניט פֿאָרויסגעזעענע סיטואַציעס. בײַ גערמאַן טיטאָוון האָבן בײַם דעם שפּרונג זיך פֿאַרפּלאָנטערט די שטריק, דער קופּאָל איז אײַנגעפֿאַלן און זיך ניט אָנגעפֿילט מיט לופֿט. טיטאָוו האָט אויסגענוצט דעם רעזערוו־פּאַראַשוט.

פּאַוועל פּאָפּאָוויטש איז געשפּרונגען מיט אַ צעשעדיקטן אַקסלביין, דער ווייטעק האָט געשטערט צו רעגירן מיטן פּאַראַשוט בײַסן פֿלוג.

פּאַוועל בעליאַיעוו האָט בײַסן שפּרינגען מיטן פּאַראַשוט צעבראָכן אַ פֿוס.

אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דער ערשטער מענטש, וואָס וועט זיך לאָזן אין קאָסמאָס, דאַרף זײַן ניט פּאַשעט וואַנזיניק־געוואַגט. ער דאַרף פֿאַרמאָגן אַ שטאַרקן ווילן, זײַן אַ קאַלטבלוטיקער, קאָנען זיך באַהערשן אין די סאַמע אומדערוואַרטע און קאָמפּליצירטע סיטואַציעס,

קאָנען אָנעמען א ריכטיקן באשלוס אין די באדינגונגען פון א שטרענג דעפיציטן טערמין. אנט־וויקלען אַט די אלע מײַלעס האָט אין פיל הינזיכטן געהאָלפן די פראָגראַם פון דער פאראשוט־צוגרייטונג.

ווען יורי איז אין מײַ געקומען קיין גזשאטסק, האָט ער נאָך קיין איבעראַשנדיקע נײַס ניט געקאָנט דערציילן. ער האָט געזאָגט, אז ער שפרינגט, פליט, לויפט. קיין קאָסמישע שיף האָט ער נאָך אין די אויגן ניט געזען. ער האָט געקלערט, אז אין קאָסמאָס וועט פליִען א מענטש נאָך ניט אזוי גיך.

דעם 31 מײַ איז אויסגעטיילט געוואָרן א שלאָגלערישער זעקסטלינג פון קאָסמאָנאַווטן. אלס סטאַרשינא איז אָנגעמערקט געוואָרן דער עלטערער לייטענאַנט גאגארין. אָף די לעקציעס איז דערווײַל בײַגעווען דער גאנצער אָטריאַד, נאָר די טרענאַזש־אַפּאַראַטור האָט מען אין דער ערשטער ריי אָפּגעגעבן די זעקס אויסגעוויילטע. וואָס ווײַטער וועט פאָרקומען, האָט קיינער ניט געוווּסט. פיל זאכן זײַנען קלאָר געוואָרן בײַס דער ערשטער באגעגעניש מיטן הויפּט־קאָנסטרוקטאָר.

יעווגעני אנאַטאָליעוויטש קאַרפּאָוו האָט געשמועסט מיט דעם שלאָגלערישן זעקסטלינג, באהאנדלט די דערגרייכונגען און די דערלאָזטע פעלערן פון יעדערן באזונדער.

— ס'איז זייער א שווערע פּראָגראַם, — האָט ער ערנסט געזאָגט, — איך ווייס, אז ניט אלע וועלן זי בײַקומען. נאָר איר... איר זײַנט די בעסטע פון די קאַנדידאַטן. מעגלעך, אז ניט אלע האָבן נאָך באגרײַפט, אז דאָס וועט פאָרקומען גיך, נאָר איך גלייב, אז עס וועט דורכגיין א קורצע צײַט און די היסטאָריקער, אויספאָרשער וועלן דערלערנען אונדזער צײַט, ווי אַן עפּאָכע. איר דאַרפט שטאָלצירן, איר זײַנט די ערשטע...

א הויכגעבילדעטער דאָקטער, וואָס האָט, ווי א געניטער אינזשעניער, באגרײַפט די קאָס־מישע טעכניק, א געלערנטער און א נאָוואַטאָר, איז קאַרפּאָוו געווען דער ערשטער לערער פון די קאָסמאָנאַווטן, ער האָט די לידערשאַפט ניט אָפּגעגעבן אויך אין די ווײַטערדיקע יאָרן. נאָוויקאָוו, דער ערשטער שעף פונעם צענטער אָף צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן, האָט שטענדיק ארײַנגעבראַכט פיל נײַס. אָט האָט ער געמאָלדן, אז מיט דער גרופּע וועלן אָנהייבן ארבעטן קינאָ־אַפּאַראַטאָרן, פּסיכאָלאָגן, קינסטלער.

יורי גאגארין איז אומעטום און שטענדיק געווען צווישן די ערשטע, זײַן נײַגעריקײַט האָט ניט געוווּסט פון קיין גרענעצן. דאָס האָט, ווײַזט אויס, זיך גענומען דערפון, וואָס ער איז זיכער געווען, אז ער ווייסט און קען זייער ווייניק.

„ווי וווּנדערלעך שיין איז די וועלט, — שרײַבט ער אין זײַן טאָגבוך, — ווי אומויסשעפּ־לעך, רײַך און פאַרשיידנאַרטיק זי איז. באנעמענדיק זי, פאַרטיפנדיק זיך אין אירע געהיימ־ניסן, הייבסטו אָן צו פאַרשטיין, ווי נישטיק עס זײַנען אונדזערע קענטענישן וועגן איר.

יאָ, ביז איצט האָט נאָך קיינער ניט באַנומען די וועלט ביזן סאָף. נאָר פאַרייניקנדיק די אָנשטרענגונגען, קאָן די מענטשהײַט זיך דערנעענטערן צום געגאַרטן ציל. דערלערנענדיק די זון, אונדזערע שכייניש פּלאַנעטעס, האָבן מיר באקומען א שליסל אָף צו דערלערנען די גע־שיכטע פון דער אנטשטייונג פון דער ערד און אנדערע פּלאַנעטעס פון דער זון־סיסטעם, צום דערגיין די סיבעס פון דער אנטשטייונג פון דעם לעבן.

דער הײַנטצײַטיקער וועלט איז באוווּסט אכט און אכציק געשטערנס, פיל פון זיי זײַנען באוווּסט געווען אין אוראַלט, זײַנען דערמאָנט געוואָרן אין דער ביבל...“

יורי פאַרשטייט, אז אפילו די לאָגישע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס וועגן קאָמעטעס, מע־טעאָריטן, אסטעראָידן זײַנען נאָך ניט גענוג ריכטיק. אין דער וויסנשאַפט זײַנען פיל זאכן ניט דערוויזן. די קאָסמאָנאַווטן דאַרפן פיל זאכן גלייבן אָפן וואָרט. די געלערנטע ווילן, אז די קאָסמאָנאַווטן זאָלן ווערן זייערע אקטיווע געהילפן.

דער געניאַלער איינשטיין האָט געזאָגט, אז די פאַנטאַזיע איז וויכטיקער פון דעם וויסן. די דערפינדונג פון די געלערנטע איז בלויז א סוואָרע, א פאָרשטעלונג, א כאָלעם, א פאַנ־טאַזיע.

די קאָסמאָנאַווטן האָבן זיך פאַרינטערעסירט מיט אסטראָנאָמיע, דאָס האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם לעקטאָר זייערן. איינמאָל האָט ער זיי געזאָגט, אז אסטראָנאָמיע איז דאָס בעסטע מיטל אָף צו פאַרלענגערן דאָס לעבן. אָט האָט איר א סימען — א סאך אסטראָנאָמען האָבן דערלעבט ביז דער טיפער עלטער. פאָנטענעל האָט אָפּגעלעבט הונדערט יאָר, קאַסיני — זיבן און נײַנציק, סאַבין — פיר און נײַנציק... דער שפּאַס איז א געלונגענער, נאָר אסטראָנאָמיע אָן און פאַר זיך איז גאַנץ אינטערעסאַנט.

דעם 18 יוני האָט יעווגעני אנאַטאָליעוויטש קאַרפּאָוו מיטגעטיילט, אז דער הויפּט־קאָנסט־רוקטאָר לאַדט אײַן צו זיך די קאָסמאָנאַווטן. דער אווטאָריטעט פון סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָ־

ראַליאָוון איז געווען ביז גאָר גרויס, און די באַגעגעניש מיט אַזאַ מענטשן איז פאַר די צוהער־רער, נאַטירלעך, געווען זייער אַנגעלייגט.

די באַגעגעניש איז ווירקלעך פאָרגעקומען. סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט, אײַנקוקנדיק זיך אינעם פּאָנעם פון יעדער אָפּיצער, זיך פאָרגעשטעלט: „זייער צופרידן צו באַקאַנען זיך מיט אײַך. קאָראָליאָוו".

ער האָט אַלעמען באַזעצט אַרום אַ לאַנגן טיש און זיך געווענדט צו די בײַוועזנדע:

— פריִער פון אַלץ בין איך צופרידן צו באַגריסן אײַך, די הויפּט־אויספירוולער פון אונדזער פּילאָטירנדיקער פּראָדוקציע. יאָ, מיר האָבן דערלעבט צו דער צײַט, ווען דאָס פליִען פונעם מענטשן אין קאָסמישן רוים איז נישט קיין טרוים, נישט קיין פאַנטאַזיע, נאָר אַ רעאַלע זאַך, אַ רעאַלקייט פונעם מאָרגנדיקן טאָג. עמעצער פון אײַך וועט זײַן דער ערשטער, דער־ווײַל נישט אויף לאַנג, און פליִען וועט ער בלויז אויף אַן אַרביטע פון דרײַ הונדערט קילאָמע־טער. גרייט זיך. אַ מאַשין איז שוין פאַראַן.

דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר האָט אײַנגעלאַדן די געסט אַ קוק טאָן אויף דער קאָסמישער שיף. מע איז אַוועקגעגאַנגען אין צעך.

סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן קײַלעך און אים אָנגערופן קאָסמישע שיף. דער קײַלעך האָט נישט קיין פליגל, דעם עק און די קאַבינע קאָן מען נישט פאַנאַנדער־שיידן. מיט איין וואָרט, דער דאָזיקער קעגנשטאַנד פאַרמאָגט נישט די געוויינלעכע פאָרמען פון אַ פלי־אַפּאַראַט. עס שטייט אויף פּיסלעך אַ ווײַסער קײַלעך, און דו קאָנסט גלײַך זיך נישט אָנשטויסן, וואָס דאָס איז.

און דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר פרעגט:

— עפּשער וויל עמעצער פון אײַך אָנקוקן די קאָסמישע שיף?

— דערלויבט מיר, — האָט געזאָגט דער עלטערער לייטענאַנט יורי גאַגאַרין.

סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויפן נישט הויכן, דאַרינקן אָפּיצער און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: ס'הייסט, ביטע.

גאַגאַרין איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו דער שיף און אַ פּרווו געטאָן מיט דער האַנט די אויבערפלאַך. זי איז געווען אַ פעסטע, ווי שטאָל. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און אַ שמייכל געטאָן צו די בײַוועזנדיקע.

אין אַלץ, וואָס גאַגאַרין האָט איצט געטאָן, איז נישט געווען קיין שום אויסערגעוויינלעכס, נאָר דאָס, וואָס ער האָט געטאָן אין דער קומענדיקער מינוט האָט אַלעמען פאַרכידעשט. גאַגאַרין האָט זיך אָנגענומען פאַר דער פאַרענטשע, נאָר זיך נישט אופגעהויבן צום אָפענעם ליוק, ווי אַלע האָבן עס דערוואַרט. ער איז געבליבן שטיין אויפן לייטערל, פונקט ווי ער וואָלט פּלוצעם באַקומען אַן אומדערוואַרטן איבעראַשנדיקן קלאַפּ אין דער ברוסט, פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל, אויפן אויסגעשפּרייטן ברעזענט און אַראָפּגענומען די שוואַרצע פאַר־מענע שיך.

אין דער קאָסמישער שיף, ווי אין אַ נײַ הויז, גייט מען אַרײַן, לויטן פאָלקס־מינהג, אָן שיך.

דערזען דעם קאָסמאָנאַווט אָן די שיך, איז קאָראָליאָוו איבעראַשט געוואָרן. „סאָראַ אָפּשײַ צו מיר!" — האָט אַ טראַכט געטאָן דער געלערנטער.

דערווײַל האָט קיינער נישט גערעדט וועגן דעם טערמין פון פליִען אין קאָסמאָס. עס זײַנען נישט געווען קיין אָריִענטירנדיקע דאַטעס, אָבער די אָנלאָדונג און די לער איז נישט קלענער געוואָרן.

אין די שפּעטע באַנאַכטיקע שעהען האָט יורי אַלץ געשריבן אין זײַן טאָגבוך. זײַן באַ־גײַסטערונג צו ציִאָלקאָווסקיס ווערק איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. קימאַט יעדער פראַזע פונעם געלערנטן האָט זיך אים געוואָלט פאַרשרײַבן, פאַרגעדענקען אויף שטענדיק.

דעם 1 יול האָבן זיך אָנגעהויבן עקספּערימענטן אויפן וויבראַסטענד אין דער טערמאָקאַ־מערע, אויף דער צענטריפוגע, אין דער סורדאָקאַמערע. די געלערנטע, קאָנסטרוקטאָרס, אינ־זשעניערן האָבן אַלץ אָפּטער אָנגעהויבן אײַנלאַדן די קאָסמאָנאַווטן, באַווײַזן זיי די ראַקע־טעס, די קאָסמישע שיפן, סקאַפאַנדרען און אַנדערע קאָסמישע אַטריבוטן.

נישט געקוקט אויף זײַן פאַרנומענקײַט, האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש שטענדיק זיך באַגעגנט מיט די קאָסמאָנאַווטן. ווען זיי פלעגן קומען אויף זײַן אונטערנעמונג, פלעגט ער מיט זיי שמועסן, זיי דערציילן פאַרשיידענע נײַס.

איינמאָל האָט ער געזאָגט:

— בײַ אונדז איז אַלץ גרייט אויף צו פליִען, נאָר מע דאַרף אַלץ דורכקאָנטראָלירן, אויס־

פּרוּוון, זיך איבערצײַגן אין דער פולקאָמקײַט, אין דער געפּערלאַזיקײַט פאַרן לעבן. אויב איר וועט מיר זאָגן, אַז צוליב דעם פליִען אין קאָסמאָס זײַנט איר גרייט מאַקריוו זײַן דאָס לעבן, וועל איך אופהערן אײַך צו אַכטן. דאָס לעבן איז די סאַמע טײַערסטע גאָב, און פאַר דעם דאַרף מען קעמפן, גיין אַף אַלץ, אויסער געמיינהײַטן...

צוזאַמען מיט די געלערנטע און מעדיקער, מיט די לעקטאָרן און אָנפירער פונעם צענטער זײַנען די קאָסמאָנאַווטן אַרויסגעפאָרן הינטער דער שטאָט, צום טײַך. מע האָט זיך געבאָדן, געשפּילט אין וואָלײבאָל, געשמועסט וועגן דער נײַער פּראָפעסיע, וואָס וועט הייסן „קאָס־מאָנאַווט". מע האָט זיך צוגעהערט צו די רייד, צו וויקטאָר גאָרבאַטקאָס מיינונג: ער האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ פּראָפעסיע וועט ערשט געבוירן ווערן, ווען דער מענטש וועט שוין פליִען אין קאָסמאָס. געוויס וועט דאָס זײַן אַ בעקאָוועדיקע פּראָפעסיע, ווײַל יעדער אַרויספלי וועט פון אָנפאַנג זײַן זייער פאַראַנטוואָרטלעך, געפערלעך און דעריקער וויכטיק. אָבער פריִער צי שפּעטער וועט די פּראָפעסיע פון אַ קאָסמאָנאַווט ווערן פּונקט אַזוי געוויינלעך, ווי די פּראָ־פעסיע פון אַ פליִער. אָבער דערווײַל איז די זאַך זייער אַ קאָמפּליצירטע, אַ געפערלעכע. איי־ניקע געלערנטע לייגן אַפילע פאָר, אַז מע דאַרף אין קאָסמאָס שיקן ניט קיין מענטש, נאָר אַן אויטאָמאַט.

אָבער דערפינדן אַן אויטאָמאַט, וואָס זאָל פולקאָם פאַרטרעטן דעם מענטשן, איז פּאָשעט אוממעגלעך. ווי קאָן דאָס אַן אויטאָמאַט האָבן מענטשלעכע אינטויציע? אויסער דעם, קאָן דער מענטש אַף עפּעס אומפאַרשטענדלעכע אויפאַנים געפינען אַ פאַרבינדונג, אָפּט אַן אומבאַ־גרײַפלעכע און אומדערוואַרטע, צווישן פּראָצעסן און דערשײַנונגען, וואָס זעען אויס אַפן ערשטן בליק ווײַט איינע פון דער אַנדערער. פון דער צווייטער זײַט — איז דער מענטש אַ שוואַכע באַשעפעניש. ער טראָגט שלעכט איבערלאָדונגען, די עמפינדלעכקײַט פון איי־ניקע זײַנע אָרגאַנען זײַנען שוואַכער, ווי בא די הײַנטצײַטיקע אויטאָמאַטן. איינע פון די הויפּט־שטריכן פון דער קינפטיקער אַנטוויקלונג פון די קאָסמישע סיסטעמען וועלן זײַן די אָפּטימאַלע פאַראייניקונגען פון די בעסטע מײַלעס פונעם מענטשן און פון דער מאַשין.

נאָר אויב מע זאָל ריידן פליִען אין ווײַטן קאָסמאָס, וועט, ווײַזט אויס, צוליב דעם דאַרפן געשאַפן ווערן אַ צווישנמאָנטאַזש־אַרביטע, אַף וועלכער עס וועט מאָנטירט און אויס־געפּרוווט ווערן אַ גראַנדיִעזע שיף. און דאָס באַטײַט, אַז אויסער אַ גרויסער צאָל טעכנישע פּראָבלעמען, וועט אַנטשטיין אַ ריין־וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעם — די פּראָבלעם פון דערלער־נען די טעטיקײַט פונעם מענטשן אין אָפענעם קאָסמאָס.

די קאָסמאָנאַווטן האָט מען געמאָלדן, אַז ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ טרענאַזשאָר־קאָמ־פּלעקס פון אַ קאָסמישער שיף, אַף וועלכן זיי וועלן דערלערנען אַלע עלעמענטן פון פליִען און פון אַראָפּלאָזן זיך. באַשאַפן אַזאַ טרענאַזש־אַפּאַראַטור איז, נאַטירלעך, געווען קאָמפּלי־צירט. די שיף פאַרמאָגט דרײַ הונדערט מאַכשירים, צוויי הונדערט פערציק עלעקטרישע לאָמפּן, זעקס טויזנט דרײַ הונדערט טראַנזיסטאָרנע „פּאָלופּראָוואָדניקעס" און אַכט הונדערט זעכציק עלעקטראָ־מאַגניטישע רעלע. און דאָך, ניט געקוקט אַף אַלע שוועריקײַטן, איז דער טרענאַזש־קאָמפּלעקס, וואָס אימיטירט פולקאָם אָדער קימאַט פולקאָם די קאָסמישע שיף „וואָס־טאָק", געמאַכט געוואָרן, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די טרענירונגען.

די קאָסמאָנאַווטן זײַנען געוואָרן מוירעדיק אָנגעלאָדן. נאָר וואַלענטינע האָט גענומען אַף זיך אַלע זאָרגן פאַר דער שטוב און פאַרן קינד, קעדיי יורי זאָל קאָנען פולשטענדיק זיך אָפּ־געבן זײַן אָנגעשטרענגטער אַרבעט. לענע איז געגאַנגען אין קינדערגאָרטן, וואַליע האָט געאַרבעט, און יורי האָט ניט געוווּסט פון קיין רו.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די טרענירונגען אַף דער צענטריפוגע. דער שטרענגער און ערנסטער געלערנטער אַדיליאַ ראָטשאַטאָוונאַ קאָטאָווסקאַיאַ האָט אײַנגעשטעלט אַ שטרענגע דיסציפּלין, אַ גענויע מעדיצינישע אויספאָרשונג—טעמפּעראַטור, פּולס, אָטעם, קאַרדיאָגראַמע. דעם, וואָס וועט דערלאָזט צו די איבונגען, באַזאָרגן די מעדשוועסטער מיט אַלע נייטיקע „דאַטשיקעס", זעצן אַרײַן אין דער קאַבינע. די קאָמאַנדעס זײַנען די זעלבע, וואָס אַפן אַראָ־דראָם:

— סטאַרט!

עס ווערן אָנגענומען אַלע מיטלען פון געפאַרלאַזיקײַט. דאָך האָט אַדיליאַ קאָטאָווסקאַיאַ איינמאָל, נאָך אַ טרענירונג, באַמערקט בא עמעצן פון די קאָסמאָנאַווטן פינטעלעך פון בלוט־אויסגיסונגען. די טרענירונגען זײַנען איבערגעריסן געוואָרן, עס האָבן זיך אָנגעהויבן עקס־פּערימענטן איבער באַלעכאַיִם. די אַרבעט מיט די מענטשן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אַף אַן אומבאַשטימטן טערמין.

און ווען עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די טרענירונגען, איז דער אויספאָרשנדיקער, וואָס האָט באַקומען פינטעלעך פון בלוט־אויסגיסונג — מע האָט אים גערופן אַנאַטאָלי, — צו דער אַרבעט ניט דערלאָזט געוואָרן. דעמלט האָט גאַגאַרין זיך געווענדט צו אַדיליען:

— איך בעט אײַך זייער, קערט אום אַנאַטאָלין צו די טרענירונגען.

— דאָס איז אוממעגלעך.

— ער איז דער בעסטער צווישן אונדז. געדענקט עס, ער וועט זײַן דער ערשטער קאָסמאָנאַווט.

יורי האָט געקעמפט פּאָר אַ מענטשן, ווען ער האָט ווירקלעך געקאָנט ווערן דער ערשטער קאָסמאָנאַווט אַף דער פּלאַנעטע.

בײַסן באַדן זיך האָט וואַלענטין זיך צעבראָכן דעם האַלדז־ביין. מע האָט אים גלײַך געבראַכט אין שפּיטאָל, ווו ער איז אומבאַוווּסטלעך אָפּגעלעגן העכער אַ כוידעש צײַט. אַדאַנק די אָנשטרענגונגען פון די דאָקטוירים איז וואַלענטין געזונט געוואָרן, נאָר דעם אַטריאַד האָט ער געמוזט פאַרלאָזן.

דאָס איז געווען דער ערשטער, נאָר, צום באַדויערן, ניט דער לעצטער פאַרלוסט. צוליב פאַרשיידענע סיבעס איז אין פאַרשיידענע צײַטן אוועקגעגאַנגען פונעם אַטריאַד מאַרס און אַ צווייטער וואַלענטין, אַנאַטאָלי און איוואַן, גריגאָרי און דמיטרי און דער דריטער וואַלענטין — דער ייִנגערער.

יאָ, דער וועג צום קאָסמאָס איז ביז גאָר אַ שווערער...

ס'איז געקומען גאַגאַרינס ריי דורכצוגיין די אויספּרוּוון אין דער סורדאָקאַמערע. אַ טויבע שטילקייט, ניט קיין לעבעדיקע, אַ טויטע אַטמאָספער אַרום. דער דאָזיקער עקספּערימענט ווערט דורכגעפירט אונטער דעם שטרענגן אויפזיכט פון די דאָקטוירים, אונטער אַ קאָנטראָל, וואָס איז וואַך טאָג און נאַכט. לעבן אין אַ באַשרענקטן רוים, אין דורכווייסיקער שטילקייט איז ניט היימלעך, נאָר דאָס איז אומבאַדינגט. מע דאַרף זיך באַזאָרגן מיט אַרבעט.

יורי האָט געלייענט. אַף אַ שליסל האָט ער אויסגעקלאַפּט ראַדיאָ־מיטיילונגען: „איך לעב אויסגעצייכנט! די שטימונג איז אַ מונטערע, קיין אויסערגעווייינלעכס פיל איך ניט. איך אַרבעט!”...

ער איז גוט געווען באַהאַוונט אין די באַדינגונגען, אין וועלכע ער וועט זיך געפינען צען טעג אָדער נאָך מער. וואַלערי ביקאָווסקי איז דער ערשטער דורכגעגאַנגען דעם דאָזיקן אויספּרוּוו. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער סורדאָקאַמערע, האָט מען אים געפרעגט: „נו, וואָזוי?” „נישקאָשע, כ'בין אָפּגעזעסן”, — האָט ער געענטפערט.

אָט איצט דאַרף „אָפּזיצן” גאַגאַרין. מע שפּירט נאָך אים, אין פאַל פון אַן אומגליק, וועט מען אים העלפן. דעריקער איז — זײַן פאַרטאָג. ער שטעלט צונויף אַן אײַזערנעם רעזשים: אַרבעטן און אַרבעטן. ער לייענט, מאָלט, פאַרשרײַבט זײַנע געדאַנקען, אידייען. צומאָל נעמט קלעמען אַ שווער געפיל פון איינזאַמקייט, הילפלאָזיקייט, שוואַכקייט. ס'האָט זיך אַפילו געמאַכט, אַז ער איז גרייט געווען צו בעטן, מע זאָל עפענען, אַרויסלאָזן אים. ער האָט אופגעהויבן די האַנט, קעדיי זאָגן דאָס איינציקע מוירעדיקע וואָרט, נאָר ער האָט דאָס וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט.

ער האָט געטראַכט וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט, וועגן דער צוקונפט, וועגן דער אומופהערלעכער שטרעבונג פון דער מענטשהײַט אַרײַנצודרינגען אין קאָסמאָס, וועגן ליטעראַטור, וואָס האָט דערוועקט דעם שעפערישן געדאַנק פון מענטשן און גערופן אין דער אַלוועלט, אָפּט אָנגעוויזן אַ פּרימיטיוון וועג צו דעם אומענדלעכן רוים. ער האָט געטראַכט וועגן אַסטראָנאָמיע, וועגן דער וויסנשאַפט, וואָס האָט געהאָלפן דעם מענטשן דערגרייכן נײַע הייכן, געקלערט וועגן דעם שטערנזוכער אולוגבעק. אינעם פופצנטן יאָרהונדערט האָט דער רעגירער פון סאַמאַרקאַנד אולוגבעק אויסגעבויט אַן אָבסערוואַטאָריע און געקוקט אַף דער זון, אַף דער לעוואָנע און אַף אַנדערע פּלאַנעטעס אין הימל. ער האָט צונויפגעשטעלט אַ קאַטאַלאָג, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן די סאַמע פּינקטלעכע קאָאָרדינאַטן פון 1018 שטערן. לויט איר וויסנשאַפטלעכער ווערט, האָט די דאָזיקע אַרבעט ניט געהאַט קיין גלײַכן צו זיך. אולוגבעק האָט אויסגערעכנט די לענג פון שטערן־יאָר.

דעם 19 אווגוסט האָט מען געשיקט אין קאָסמאָס אַ שיף, אַף וועלכער עס האָבן זיך געפונען די הינט בעלקאַ און סטרעלקאַ, ווײַסע מײַז, געוויקסן און אינזעקטן. די געלערנטע האָבן פאָרטראַכט דורכפירן גענעטישע אויספאָרשונגען: אויסרעכענען די שטופּע פון דער אופווירקונג פון קאָסמאָס אָפן אָרגאַניזם פון דעם פליִענדיקן.

אָבער די הויפּט־אופגאַבע פונעם עקספּערימענט איז געווען אויסשליסן די סיסטעם, וואָס דאַרף באַוואָרענען די לעבנסטעטיקייט פונעם מענטשן און די גופּאַרלאַזיקייט אינעם פלוג.
יורי גאַגאַרין איז געווען אַנציקט. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ פּראַקטישע צוגרייטונג אַף צו שיקן אַ מענטשן אין קאָסמישן רוים.
דעם זונטיקדיקן טאָג האָט ער פאַרבראַכט אין דער היים. געלייענט מײַסעלעך דעם קינד. געגאַנגען אין קראָם.
— דײַנער אַ פרײַער טאָג איז פאַר אונדז אַ יאָמטעוו, — האָט וואַליע געזאָגט.
— פאַר מיר אויך.
די כאַווערים פון צאַפן האָבן יורין מיטגעטיילט, אַז דער פאַלק, ווו ער האָט געדינט, איז רעפאַרמירט געוואָרן. פיל זײַנע פרײַנט, קאַמאַנדירן זײַנען אַוועק אין רעזערוו, אָנגעקומען אַרבעטן אַף פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. יורין איז געוואָרן טרויעריק — ער האָט דאָך געטרוימט אַראָפּכאַפּן זיך אין טראַנספּאָליאַריע, צו זײַנע טײַערע פרײַנט.
— ס'וועט קומען אַ צײַט, ווען מירן זיי אײַנלאַדן אַלע צו זיך, — האָט וואַליע אים באַרויקט.
אַזוי איז דאָס טאַקע געווען.
עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַטעסטאַציע פון די קאָסמאָנאַווטן. וועגן גאַגאַרינען האָט מען אָנגעשריבן: „ער האָט ליב אַקטיווע אַקציעס, אין וועלכע עס פּרעוואַלירט העראָיק, דער דראַנג צום זיג, דער אָטעם פון פאַרמעסטונג. אין די ספּאָרטיווע שפּילן איז ער שטענדיק דער איניציאַטאָר, אָן אָנפירער, קאַפּיטאַן פון דער קאָמאַנדע. געוויינלעך שפּילט דאָ אַ ראָל דער ווילן זײַנער צו ווערן דער זיגער, די אויסדויערונג, די שטאַנדהאַפטיקייט, דער געפיל פון קאָלעקטיווקייט. זײַן באַליבט וואָרט איז „אַרבעטן”.
אַף די פאַרזאַמלונגען טראָגט ער אַרײַן זאַכלעכע פאָרשלאָגן. שטענדיק זיכער אין זײַנע קרעפטן. עס איז זייער שווער, אייגנטלעך אומעגלעך, אַרויסצוברענגען אים פון גלײַכגעוויכט. געוויינלעך איז ער געשטימט אַ ביסל דערהויבן, מעגלעך דערפאַר, וואָס זײַן קאָפּ איז פול מיט הומאָר און געלעכטער, דערבײַ איז ער ניכטער און באַדאַכט. ער איז איבערפולט מיט גרענעצלאָזער זעלבסטבאַהערשונג. די טרענירונגען טראָגט ער איבער גרינג. אַרבעט רעזולטאַטיוו. אָפּנהאַרציק. זײַן נעשאָמע און זײַן גוף זײַנען ריין. ער איז העפלעך, טאַקטיש, אַקוראַט און פּינקטלעך. האָט ליב איבערצוכאַזערן: „ווי מע האָט אונדז געלערנט!” ווען ער זאָלצט איבער זאַכן אין זײַנע כאַכמעס, איז ער באַשיידן־שעמעוודיק.
יוריס אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג איז אַ הויכע. אַ וווּנדערלעכער זיקאָרן. טיילט זיך אויס צווישן די כאַווערים מיט זײַן פילזײַטיקער אַקטיווער אופמערקזאַמקייט, פאַרשטענדלעכקייט און מאָמענטאַלער רעאַקציע. ער איז אַרבעטזאַם, גרייט זיך זאָרגפול צו די לימודים און צו די טרענירונגען, מאַניפּולירט, זיכער מיט פאָרמולעס פון הימל־מעכאַניק און העכערער מאַטעמאַטיק.
ער שעמט זיך ניט צו באַשטיין אַף זײַן שטאַנדפּונקט, וועלכן ער האַלט פאַר ריכטיק. עס מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז ער קען דאָס לעבן מער פון אייניקע זײַנע כאַווערים. די באַציונגען מיט דער פרוי זײַנען כאַווערישע”.
דעם 30 אויגוסט האָט די סאָוועטישע רעגירונג באַשטעטיקט „די קלאָלים וועגן די קאָסמאָנאַווטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד”.
הייסט עס, אַז עס עקזיסטירט און האָט באַקומען איצט די פולע רעכט די נײַע פּראָפעסיע. סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו האָט באַגריסט די קאָסמאָנאַווטן מיטן דאָזיקן וויכטיקן דאָקומענט פון דער רעגירונג. ער האָט געזאָגט, אַז מע העלפט אונדז זייער, מע קאַרגט ניט קיין מיטלען, מע קומט אונדז אַנטקעגן בוכשטעבלעך אין אַלץ... פאַרגעסט אָבער ניט, אַז דאָס אַלץ איז אַן אַוואַנס, פאַר וועלכן מירן זיך דאַרפן אָפּרעכענען מיט גוטע טאַטן פאַר אונדזער פאָלק...
סערגיי פּאַוולאָוויטש איז געווען גערעכט. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, דער סעקרעטאַר פון צק פון קפּסס לעאָניד איליטש ברעזשנעוו, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דעם דאָזיקן איניען, האָט געטאָן אַלץ, אַז די גרויסע אופגאַבע פון באַהערשן דעם קאָסמישן רוים זאָל דערפאָלגרײַך אויסגעפילט ווערן.
יורי אַלעקסייעוויטש האָט גוט געדענקט די ווערטער פונעם הויפּט־מאַרשאַל פון אוויאַציע ק. א. ווערשינינען: „ס'איז געקומען די צײַט אַף צוגרייטן מענטשן... איך דערוואַרט פיל אינטערעסאַנטס און נײַס, נאָר אויך אַ סאַך שוועריקײַטן. די זאַך איז ניט קיין געוויינלעכע, און איך וועט אָפּט אויסקומען שפּאַנען איבער צעלינאַ, מיט ניט קיין אויסגעטראָטענע וועגן. ווי די אוראַלטע פלעגן זאָגן, דורך דאָרנס צו די שטערן... די פּאַרטיי און די רעגירונג האַלטן, אַז די קאָסמישע אויספאָרשונגען האָבן אַן ערשטראַנגיקע באַדײַטונג”.

יורי איז אַף טעלעכע טעג געקומען קיין גזשאַטסק צו די עלטערן און צו די ברידער. ער האָט פאַר אַלעמען, ווי שטענדיק, געבראַכט מאַטאַנעס.

די שטוב האָט געדודערט מיט פריילעכן טומל און אָנשטעקנדיקן געלעכטער.

אין דער היים האָט מען באַמערקט, אַז יורי האָט זיך געענדערט. דער שמייכל — אַ פּאַר־מאַטערטער, נאָר די אויגן — רויִקע. מיט וואָס צו דערקלערן די דאָזיקע ענדערונגען, האָט קיינער ניט געוווּסט. וואָס טוט ער אין די דאָזיקע כאַדאָשים הינטער מאָסקווע, האָט יורי ניט דערציילט, און עפּעס איבעריקס פרעגן אַ מיליטערישן מענטשן — טאָר מען ניט, און יורי איז געווען אונטערן איינדרוק ניט נאָר פון זײַן אומגעוויינלעכער אַרבעט, נאָר אויך פון די באַגע־גענישן מיט מענטשן. ער איז בוכשטעבלעך געווען באַגײַסטערט פון זייער טיפער בילדונג, קולטור און אינטעלעקט.

די טעג אין גזשאַטסק זײַנען גיך דורכגעלאָפן.

אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָט מען אָנגעהויבן אַרבעטן אַף אויסקאָרעגירן דעם פּלאַן פונעם ערשטן פלוג. אַלע האָבן געוואַרט אַף נײַס. אַלע טאָג האָט מען געלערנט, זיך טרענירט. די לער האָט געפאָדערט אַלע קויכעס. לויט דער פּסיכאָלאָגישער אָנשטרענגונג האָט יעדער טאָג געקאָנט פאַרגלײַכט ווערן צו וואָכן, אַפילע צו כאַדאָשים פון דער אַרבעט אין גאַרניזאָן. קיינער האָט דאָס לעבן ניט אונטערגעיאָגט, ניט געײַלט די געשעענישן, ניט פאַרגי־כערט די פּראָצעסן, נאָר דאָס לעבן האָט מיט אַ ווירבלדיקער קראַפט זיך באַוועגט צום אַפּאָגיי.

ס'איז אויספאָרמירט געוואָרן דער שטאַב פונעם צענטער אַף צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן. יורי אַלעקסייעוויטש האָט געזען, מיט וואָס פאַרא גרויסער אָנלאָדונג עס אַרבעטן די אָנפירער פונעם צענטער, ער האָט געטראַכט וועגן זייער גרענעצלאָזער אומדערמידלעכער טעטיקײַט. עס זײַנען נאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען די באַדײַטונג פון די קאָסמישע אויספאָרשונגען, ניט געגלייבט אין דער רעאַלקײַט פון דער אָנגעהויבענער אַרבעט, נאָר דאָס לעבן, די פּראָצעסן פון שאַפן נײַע טעכניק פאַר די אויספאָרשונגען האָבן געשטעלט אַפן טאָג־סיידער נײַע פּראָבלעמען.

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום האָט גאַגאַרין זעלבסט זיך אָפּגעגעבן דער אַרבעט אַף צו אָרגאַניזירן און שאַפן דעם צענטער פון צוגרייטונג — און ער האָט פיל באַוויזן אָפּצוטאָן.

דעם 4 אָקטיאַבער איז געוואָרן דרײַ יאָר, זינט עס איז אין דער וועלט אַרויסגעלאָזט געוואָרן דער ערשטער קינסטלעכער ספּוטניק. מיט דרײַ יאָר צוריק האָט די וועלט זיך דער־וווּסט וועגן דער דאָזיקער איבעראַשנדיקער נײַס. דרײַ יאָר — און וויפל עס איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן, און וויפל שטייט נאָך פאַר אָפּצוטאָן! אין צענטער פון צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן האָט מען דעם דאָזיקן יובילײַ פײַערלעך אָפּגעמערקט.

— דערלערנען די אַלוועלט איז ניט קיין זעלבסטציל, — האָט געזאָגט סערגיי פּאַוולאָ־וויטש. — ס'איז ניט פאַראַן קיין דערקענטעניש בלויז צוליב דער קונסט פון דערקענטעניש. מיר דרינגען אַרײַן אין קאָסמאָס, קעדיי בעסער דערלערנען די פאַרגאַנגענהײַט פון אונדזער פּלאַנעטע, אַף צו פאָרויסזען איר צוקונפט. מיר ווילן, אַז די רעסורסן פון קאָסמאָס זאָלן דינען דעם מענטשן, אַרײַנדרינגען אַף אַנדערע הימל־קערפּערס, און אויב די באַדינגונגען וועלן דאָס פאָדערן, באַזעצן דעם גאַנצן רוים אַרום דער זון.

דעם 1 דעקאַבער איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד געשיקט געוואָרן אַ קאָסמישע שיף, אַף וועלכער ס'האָבן זיך געפונען די הינט פּטשאָלקאַ און מושקאַ און אויך אַנדערע ביאָלאָגישע אָביעקטן. ס'איז פאַרגעשטאַנען אויסצופאָרשן די מאָס פון קאָסמישער באַשטראַלונג.

„דאָס, וואָס פּטשאָלקאַ און מושקאַ זײַנען אומגעקומען, האָט איבערגעלאָזט אַ ביטערן בײַטאַם, — האָט געשריבן יורי גאַגאַרין, — מיר האָבן אַפילע מוירע געהאַט דאָס צו אַנער־קענען פאַר זיך זעלבסט...” „באַזונדערס שטאַרק האָבן דאָס איבערגעלעבט די דאָקטוירים, די אווטאָרס פונעם דאָזיקן עקספּערימענט.

מע האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן דעם טעאָרעטישן קורס, און די גרינטלעכע לערן־צײַט איז אויסגעטיילט געוואָרן אַף צו „באַווינען די קאָסמישע־שיף”.

די טרענירונגען זײַנען פאַרגעזעצט געוואָרן מיט אַ פאַרגיכערטן טעמפּ.

די פראַגע וועגן שיקן אַ מענטשן אין קאָסמאָס איז געוואָרן רעאַל. אַף דער סטיכיייש־אַנטשטאַנענער זיצונג פון די מיטגלידער פונעם אָטריאַד איז אויפגעשוווּמען די פראַגע — ווער וועט זײַן דער ערשטער?

אַ קאָלעקטיווע מיינונג איז געווען, אַז פליִען דער ערשטער וועט, מיסטאָמע, יורי.

דער פליִער־קאָסמאָנאַווט אַנדריאַן ניקאָלײַעוו דערמאָנט זיך, אַז ווען זיי האָבן וועגן דעם געזאָגט גאַגאַרינען, האָט ער אַפילע ניט געקאָנט גלייבן, אַז נעמען דעם ערשטן סטאַרט וועט

דאפקע ער. „נאָר מיר האָבן אין דעם ניט געצווייפלט, און דערפאַר באַשטאַנען אויף אונדזער מיינונג, און מיר האָבן געפאָדערט פון אים אן ענטפער, צי איז ער גרייט אויסצוהאַלטן אַלץ, וואָס אים דערוואַרט. אַן אויפגערעגטער, אַ געריכטער ביז דער טיף פון דער נשמה, האָט יורי אַרומגענומען פאַר די אַקסלען מיך און גערמאַנען, — ער איז געזעסן צווישן אונדז, — און האָט געזאָגט:

— וואָס רעדט איר, כּוורעס... אויף מיין ערנוואָרט, מיין האַרץ וועט שטענדיק פאַר־בלייבן אַזאַ".

אין יאַנואַר 1961, האָבן זיך אָנגעהויבן די עקזאַמענעס אינעם אָטריאַד פון די קאָסמאָ־נאַווטן. אויפן סמאַך פון די רעזולטאַטן פון די אָפּגעגעבענע עקזאַמענעס איז געוואָרן צוגעייגנט דער נאָמען „קאָסמאָנאַווט" דעם ערשטן זעקסטלינג פונעם אָטריאַד.

אין יענע טעג האָט מען אַ סך געשמועסט וועגן די קומענדיקע פּלוגן, פאַנטאַזירט, געט־טרוימט. אָט אַזאַ אָוונט פון דערינערונגען האָט קאַראַליאָוו פאַרגעלייגט דורכפירן בא אים אין דער היים. „אויב ניט, וועט קיין אַנדער צייט ניט זיין", — האָט ער געזאָגט. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש, עמעס, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, אָפּגעמערקט זיין געבוירן־טאָג.

— אַך, דער יוגנט, בין איך מעקאַנע! — האָט ער יענעם אָוונט געזאָגט צו זיי, — דירעקט איך שטייט פאַר אויסצופילן אָן אַ שיר אינטערעסאַנטע זאַכן!

דעם 20 פעוורואַל האָבן די קאָסמאָנאַווטן אָנגעהויבן דערלערנען און אָנמעסטן די סקאַ־פאַנדרען, יורי האָט געשפּאַסט:

— אַ סקאַפאַנדער איז אַ קאָסמישע שיף אין אַ מיניאַטיור־פאָרם, די ערד פאַר פּערזענ־לעכן באַנוץ".

מיט די קאָסמאָנאַווטן האָט געשמועסט ניקאָלײַ פּעטראָוויטש קאַמאַנין. ער האָט גערעדט וועגן די נאָענטע און ווײַטע שטערן, וועגן די פאַרענדיקטע טרענירונגען. קאַמאַנין האָט דער־לויבט געבן צו וויסן די פּרויען, די אייגענע און פרײַנט, אַז איינער פונעם אָטריאַד וועט אינ־גיכן פליִען אין קאָסמאָס.

— די לאַגע דאַרף מען ניט דראַמאַטיזירן, — האָט אונטערגעשטראָכן ניקאָלײַ פּעטראָ־וויטש, — נאָר אַן איניען איז עס אַ נײַער, וואָס פאָדערט מאַקסימום אָנגעשטרענגטקייט...

דעם 7 מאַרט איז בא די גאַגאַרינס געבוירן געוואָרן די צווייטע טאָכטערקע, מע האָט איר אַ נאָמען געגעבן גאַליע.

אויף דער אָרדנטלעכער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, וווּ עס איז געשטאַנען די פראַגע „ווי־אַזוי ער איז גרייט אויסצופילן דעם באַפעל פון היימלאַנד", האָט יורי אַלעקסייעוויטש געזאָגט:

— עס ענדיקן זיך אונדזערע צוגרייטונגען, עס דערנעענטערט זיך דער טאָג פון סטאַרט. דער דאָזיקער פלוג וועט זיין דער אָנהייב פון אַ נײַעם עטאַפּ אין אונדזער אַרבעט. איך קאָן פאַרזיכערן, אַז איך וועל נישט שאַנעווען ניט קיין קויכעס, ניט קיין מי, ניט רעכענען זיך מיט קיין זאַך, קעדיי אויספילן די פאַרגעבונגען פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג.

דעם 24 מאַרט איז די גרופּע קאָסמאָנאַווטן בעראָש מיט נ. פּ. קאַמאַנינען אַרויסגעפלויגן קיין בײַקאָנור. דאָס איז געווען דער ערשטער באַזוך אין בײַקאָנור.

— מיט עפּעס אַ געמישטן געפיל פון באַגײַסטערונג און דערהויבנקײַט, — האָט דערנאָך געשריבן יורי אַלעקסייעוויטש, — האָב איך געקוקט אויף דעם גיגאַנטישן געבײַ, וואָס הויכט זיך איבערן קאָסמאָדראָם, ווי אַ טורעם.

דעם 30 מאַרט איז יורי אַלעקסייעוויטש מיט נאָך עטלעכע קאָסמאָנאַווטן געווען אין מאָסקווע, אויפן רויטן פּלאַץ, אין מאַוזאָליי פון וו. אי. לענינען. דאָס איז געווען דער רוף פון דער נשמה. שפּעטער זײַנען די דאָזיקע באַזוכן געוואָרן אַ טראַדיציע.

15 אַזייגער פונעם דריטן אַפּרעל, ווען דער צווייטער אָטריאַד קאָסמאָנאַווטן האָט אָנגעג־הויבן אָפּגעבן עקזאַמענעס, איז געקומען נ. פּ. קאַמאַנין אין זוויאָזדני און געמאָלדן וועגן דעם באַשלוס פון דער סאָוועטישער רעגירונג שיקן אַ מענטשן אין קאָסמאָס.

16 אַזייגער האָט ס. פּ. קאָראָליאָוו געמאָלדן, אַז ער פליט אַרויס קיין בײַקאָנור.

דעם 4 אַפּרעל זײַנען פאַר גאַגאַרינען און טיטאָוון פאַרגרייט געווען דאָקומענטן, וועלכע האָבן באַשטעטיקט, אַז זיי זײַנען בירגער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

דעם 5 אַפּרעל איז די ערשטע גרופּע קאָסמאָנאַווטן אַרויסגעפלויגן קיין בײַקאָנור.

אַ לויטערער, זוניקער פרילינגדיקער וועטער האָט באַגלייט דעם אַעראָפּלאַן ביז צו בײַקאָנור. דאָ איז דער פרילינג געווען אין פולן ברען, אַ ליבע וואַרעמקײַט. טיולפּאַנען האָבן האַסטיק זיך געה־הויבן אינעם גאַנצן אַרום. די נאַטור, פונקט ווי אַ גוטער קינסטלער, האָט אונטערגעקליבן בונטע פאַרבן, באַשאַפן אַ פריילעכן, פילקאָלירקן פּייזאַזש. אין אַעראָפּלאַן האָבן אַלע געגור־

מען קוקן אין די אילומינאַטאָרס און, דערזען אַ גיגאַנטישן טעפּיך פון קווייטן, פאַרשטאַרבן געוואָרן, אַנציקטע פון דער ווונדערלעכער זעונג. די לעצטע צוויי כאַדאָשים זײַנען געווען ביז גאָר אָנגעשטרענגטע. אַרבעט אין די צעכן פון די אונטערנעמונגען, פלוגן, אַפּטע באַגעגענישן און אינטערעסאַנטע שמועסן מיטן הויפּט־קאָנסטרוקטאָר.

דעם 6 אַפּרעל איז אויף אַ באַראַטונג באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן דער גרייטקײַט צום פלוג. עס זײַנען געגעבן אָפּגעוויגן געוואָרן די מינדסטע דעטאַלן, די קלענסטע מעניִעס אין דער אַרבעט פון דער סיסטעם. ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די פאַרגעבונג פון איין אַרומ־קרײַזונג אַרום דער ערד.

אומעטום שווימט אויף די פראַגע: ווער וועט זײַן דער ערשטער?

די קאָסמאָנאַווטן טרענירן זיך, באַוווינען די שיף, אַרבעטן אויס די געוווינהײַטן פון לאָזן אין גאַנג דעם ספּוטניק מיט די הענט. אין דעם דאָזיקן פלוג רעכנט זיך אַזאַ אויסגאַנג פון אומ־קערן זיך אויף דער ערד אַלס אַוואַריע־מעטאָד.

יע. אַ. קאַרפּאָוו, דעם אָנפירער פונעם צענטער פון צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן, האָט קאַ־ראַליִאָוו געזאָגט:

— יעווגעני אַנאַטאָליעוויטש, דערלויבט ניט איבעריקס אָנשטרענגען זיך סײַ די, וועלכע לערנען, און סײַ די, וועלכע לערנען זיך. אַלס מעדיקער דאַרפט איר אײַצענען, אַז די פּליִער זאָלן זיך לאָזן אין פלוג אין דעם בעסטן צושטאַנד.

דעם צווייטן העלפט טאָג האָט מען אָנגעהויבן אָנמעסטן די סקאַפאַנדערס.

די ערשטע האָבן אָנגעטאָן די קאָסמישע קאָסטיומען יורי גאַגאַרין און גערמאַן טיטאָוו. קאַמאַנין און קאַרפּאָוו טוען אַלץ, קעדיי אויסמײַדן די אָנגעשטרענגטקײַט, דעם אומרו, די ערגערנישן פון די קאָסמאָנאַווטן.

געגעסן אָוונטברויט האָבן אַלע אינײנעם, מע האָט זאַכלעך באַהאַנדלט די רעזולטאַטן פון די טרענירונגען און אַזויאַרום פאַרקלענערט די צאָל ציצונגען.

דעם 7 אַפּרעל האָט מען נאָכן איבערבײַסן זיך פאַרנומען מיט דער האַנט־אַראָפּשטײַגונג, באַהאַנדלט, וויאַזוי זיך אופירן נאָכן אַראָפּנידערן. עס איז אָנגעשריבן געוואָרן אַן אינסטרוקציע, נאָר אַלע האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז אַלץ פאָרויסזען קאָן מען ניט, פּונקט ווי מע קאָן ניט אַלץ זיך אויסלערנען. אַלע זעקס קאָסמאָנאַווטן אַרבעטן לויט דער זעלבער פּראָגראַם, דערווײַל מאַכט מען קײנעם ניט גרינגער, קײנער באַקומט ניט קײן שום פאַרצוגן, אַלע דאַרפן גרייט זײַן צו פּליִען. אַלץ האָט געקאָנט פּאַסירן, — האָט געזאָגט יורי אַלעקסײעוויטש, — ס׳איז גענוג געווען, אַז אַ שטויבעלע זאָל אַרײַן אין אויג דעם ערשטן קאַנדידאַט אויף צו פּליִען אין קאָסמאָס, אָדער די טעמפּעראַטור זאָל זיך בײַ אים העכערן אויף אַ האַלבן גראַדוס, צי דער פּולס זאָל אויסקלאַפּן מער מיט פינף טאַקטן — וואָלט מען אים שוין דעמלט געדאַרפט פאַר־בײַטן אויף אַן אַנדערן צוגעגרייטן מענטש.

פאַרן וואַרמעס האָט מען צוויי שאָ זיך פאַרנומען מיט ספּאָרט. פּופּצן אַזייגער האָט מען די קאָסמאָנאַווטן דערלויבט נאָכמיטאָגדיקע רו.

דעם 8 אַפּרעל זײַנען אַלע קאָסמאָנאַווטן אויף אַ טרענירונג אין מאָנטאַזש־אויספּרווו־קאָר־פּוס. צו גאַגאַרינען גײען צו אינזשענירן, טעכניקער, לאַבאָראַנטן און בעטן בײַ אים אַן אויטאָגראַף.

— וואָס עפּעס אינמיטנדערינען, פּרײַנט מײַנע, — כידעשט זיך יורי אַלעקסײעוויטש, — וואָס עפּעס אויטאָגראַפן?

— מע דאַרף, — זאָגט אײנער פון די אָנפירער.

— מיטן באַדינג, אַז אַלע וועלן שטעלן די כסימע, — באַשטייט גאַגאַרין און קוקט אויף אַנדריאַן ניקאָלײַעוון.

— שרײַב אונטער, יורי, — זאָגט אַנדריאַן. גאַגאַרין לאָזט אַראָפּ די אויגן און שרײַבט אונטער. פיל שפּעטער נאָכאַנאַנד האָט זיך באַראַטן די מעלוכישע קאָמיסיע פון לאָזן אין גאַנג די קאָסמישע שיף „וואָסטאָק“ מיט אַ מענטשן אויפן באָרט.

אין זאַל פון דער זיצונג פון די געלערנטע, אינזשענירן, קאָנסטרוקטאָרס האָט די קאָ־מיסיע באַשטעטיקט די פאַרגעבונג פון דעם פלוג, פאַנאַנדערגעקליבן די פראַגן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט אופזוכן און ברענגען דעם קאָסמאָנאַווט. נאָך דעם, ווי ער וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד. די פראַגע וועגן דעם קאַנדידאַט — ווער וועט פּליִען דער ערשטער, האָט מען פאַנאַנדערגעקליבן קימאַט צום סאָף. די בײַוועזנדיקע האָבן גוט געוווסט, אַז די דאָזיקע פראַ־גע איז די שווערסטע; ווער עס וועט זײַן דער ערשטער, איז אַ וויכטיקער מעלוכישער שריט. די רעכט אויף אַרײַנצוטראָגן אַ פאָרשלאָג וועגן קאַנדידאַט איז געגעבן געוואָרן דעם גענעראַל

קאַמאַנינען. ער לייגט פֿאַר באַשטעטיקן אפֿן ערשטן פֿלוג די קאַנדידאַטור פֿונעם עלטערן לייטנאַנט גאַגאַרינען. ער מאָטיווירט זײַן באַשלוס, ברענגט אַרגומענטן, פֿאַקטן, אָנגאַבן. די רעכט אויף אַרויסצורוקן קאַנדידאַטן איז געגעבן אַלעמען. צום ערשטן פֿלוג זײַנען גרייט פֿאַר־וועל פֿאָפּאָוויטש, גערמאַן טיטאָוו, אַנדריאַן ניקאָלײַעוו... אַלע זײַנען גרייט, נאָר פֿליִען קאָן דערווײַל נאָר איינער און נאָר דער, וואָס, בײַ אַלע גלײַכע מעלות, פֿאַרמאָגט ער נאָך איין מעלה — ער קאָן זײַן דער ערשטער.

„גערמאַן טיטאָוו איז געזעסן צו מיר אין פּראָפֿיל, — האָט געשריבן יורי אַלעקסייעוויטש, — און איך האָב זיך געשפּיגלט אין די נאָבעלע שטריכן פֿון זײַן שיין און פּאַרטראַכט פּנים, אין זײַן הייכן שטערן, איבער וועלכן עס האָבן זיך עטוואָס געקרויזט זײַנע ווייכע קאַשטאַ־נעווע האָר. ער איז געווען טרענירט, פּונקט אַזוי ווי איך, און, געוויס מער פֿייִקער. עפּשער האָט מען אים ניט געשיקט דעם ערשטן, אַפּהיטנדיק אים אויף אַ צווייטן, אויף אַ מער קאָמפּלי־צירטן פֿלוג".

וואָס האָט געדאַרפֿט זאָגן ניקאָלײַ פּעטראָוויטש קאַמאַנין אויף צו פּאַרטיידיקן זײַן קאַנדי־דאַטור? לויבן איינעם אפֿן כּעזשבן פֿון אַן אַנדערן האָט ער ניט געקאָנט, ניט געהאַט קיין רעכט. יאָ, ער האָט גוט געוווּסט, אַז יורין האָבן ליב די כאַווײרים. זײַן אויפֿריכטיקייט האָט באַצויבערט, צוגעצויגן די מענטשן.

די קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט יורי גאַגאַרינען אפֿן ערשטן פֿלוג אין דער וועלט אין קאָסמישן רוים.

די מיטגלידער פֿון דער מעלוכישער קאָמיסיע זײַנען געקומען אין מאָנטאַזש־אויספּרוּוו־קאָרפּוס, קעדיי זיך צו באַקאַנען, וויִאַזוי עס גייען די טרענירונגען פֿון די קאָסמאָנאַווטן.

סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו האָט, ניט אָנטפּלעקנדיק דעם באַשלוס, וואָס איז נאָר־וואָס אָנגענומען געוואָרן, ניט געײַלט און סקרופּולעז גענומען דערקלערן גאַגאַרינען די אַרבעט פֿון די סיסטעמען, איבערצײַגט דעם מיטשמועסער אין זייער זיכערקײַט.

יורי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, מאַסקים געווען מיט די אַרגומענטן פֿונעם הויפּט־קאָנסטרוקטאָר, מיט שטוינונג געקוקט אויף סערגיי פּאַוולאָוויטשן, וועלנדיק פֿאַרשטיין די סיבע, פֿאַרוואָס יענער האָט זיך אַזוי צערעדט. אומבאַמערקט האָט יורי אויך זיך אַרײַנגעצויגן אינעם געשפּרעך.

פּלוצעם איז סערגיי פּאַוולאָוויטש שטיל געבליבן און געכאַפּט אַ קוק אפֿן קאָסמאָנאַווט.

— וואָס זשע באַקומט זיך? איך מונטער אים אונטער, און ער איבערצײַגט מיך אין דער זיכערקײַט פֿון דער שיף...

— מיר, — האָט געזאָגט גאַגאַרין, — מונטערן אונטער איינער דעם אַנדערן.

קאָראָליאָוו האָט געגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז דעם קאָמאַנדיר פֿון דער שיף און זײַן דובליאָר זאָל מען פֿאַרן טאָג פֿון סטאַרט און אויך פֿאַר דער סטאַרט־נאַכט אָפּגעבן אַ באַזונ־דער שטיבל, ניט ווײַט פֿונעם סטאַרט.

קלאַווּדיִאַ אַקימאָווּנאַ, די באַלעבאָסטע פֿונעם הויז, ווו עס שטייט פֿאַר צו פֿאַרברענגען דעם מעסלעס פֿאַרן סטאַרט דעם קאָמאַנדיר פֿון „וואָסטאָק" און זײַן דובליאָר, האָט געפֿרעגט בײַ קאָראָליאָוון:

— אויף אַ וועלכן בעטל וועט שלאָפֿן גאַגאַרין?

— גאַגאַרין? — האָט זיך פֿאַרכידעשט קאָראָליאָוו. — פֿאַרוואָס האָט איר באַשלאָסן, אַז אין דעם שטיבל דאַרף שלאָפֿן ער?

— איך ווייס ניט, איך קלער פּאַשעט, אַז אונדזער ערשטער מענטש אין קאָסמאָס דאַרף זײַן אַזאַ, ווי גאַגאַרין. איך בין אַ מאַמע פֿון אַ פֿליִער...

— און צוליב וואָס דאַרפֿט איר עס, קלאַווּדיִאַ אַקימאָווּנאַ?

— איך וועל אָוועקשטעלן בײַ זײַן בעט טיולפּאַנען...

„פֿאַרוואָס ווייסט קלאַווּדיִאַ אַקימאָווּנאַ, אַז דער ערשטער דאַרף זײַן גאַגאַרין, און מיר...“ — האָט אַ טראַכט געטאָן סערגיי פּאַוולאָוויטש.

ניקאָלײַ פּעטראָוויטש קאַמאַנין באַשליסט דערציילן גאַגאַרינען און טיטאָוון וועגן דעם באַשלוס פֿון דער מעלוכישער קאָמיסיע, ער רעדט וועגן קאָמפּלעקס פֿראַגן, וועלכע זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער זיצונג: וועגן רעגיסטרירן דעם פֿלוג אַלס אַ וועלט־רעקאָרד, וועגן אַוואַריע־קאַטאַפּולטירונג פֿונעם קאָסמאָנאַווט בײַסן סטאַרט און אַזוי ווײַטער.

ער האָט אײַנגעלאַדן צו זיך יורי גאַגאַרינען און גערמאַן טיטאָוון, זיך דורכגעשמועסט מיט זיי וועגן דער צוגרייטונג און געזאָגט פּראָסט, ווי מעגלעך רויִק:

— די קאָמיסיע האָט באַשלאָסן, אַז עס פֿליט גאַגאַרין. אַלס רעזערוו צוגרייטן טיטאָוון.

גאגארין האָט זיך צעשמייכלט — אים האָט ניט געקלעקט קיין קויעך צו דערשטיקן אין זיך די פרייד. איבער טיטאָווס געזיכט איז דורכגעלאָפן א שאָטן פון באַדויערונג, אָבער בלויז אף א ווײַלע. גערמאן האָט מיט א שמייכל שטײַף א דריק געטאָן יורין די האנט, און יענער האָט ניט פארשפעטיקט צו דערמוטיקן דעם כאַווער:

— אינגיכן, גערמאן, וועט זײַן דײַן סטארט.

די, וועלכע זײַנען געווען אפן קאָסמאָדראָם, האָבן אופגערעגט געוואַרט אף דער היסטאָרישער שאָ.

„ער האָט זיך געגרייט צו באַגיין א העלדנטאַט, — דערמאָנט זיך דער פליִער־קאָסמאָנאווט יעווגעני כרונאָוו, — ווײַל זײַן פלוג האָט מען אנדערש אָפּשאַצן ניט געקאָנט. ער איז געפלויגן אהין, ווו קיין מענטש איז נאָך קיינמאָל ניט געווען. ער איז געפלויגן אין א פײַנט־לעכער סוויווע פארן מענטשן, אין דער וועלט פון וואקוום און שטילשטאַנד, אין קיניגרײַך פון פארניכטנדיקער אולטראַפיִאָלעטווער אויסשטראַלונג און טיילעכלעך פון הויכער ענער־גיע, דער קוואַל פון וועלכע עס איז די זון, און וואָס ברענגען טויט פאר אלעם לעבעדיקן. ער האָט געדאַרפט פליִען מיט א גיכקײַט, מיט וועלכער ס׳איז קיינמאָל ניט געפלויגן קיין מענטש. אַלץ איז דאָ געווען צום ערשטן מאָל. און קיינער האָט ניט געקאָנט געבן קיין פולע גאראַנטיע, אז ער וועט אומבאַדינגט זיך אומקערן צוריק אף דער לײַבלעכער ערד”.

גאגארין היט זיך אויס פון איבעריקן טומל, פון איבעריקע קאָנטאַקטן, פון ניט קיין אומ־באַדינגטע געשפרעכן, מיט איין וואָרט, פון דעם אַלץ, וואָס וואָלט אים געשטערט זיך קאָנ־צענטרירן, טראַכטן וועגן פלוג.

אינמיטן טאָג זײַנען גאגארין און טיטאָוו געקומען אף דער סטארט־פּלאַטפאָרמע, דורכ־געפירט א טרענאַזש אין דער קאַבינע פון דער קאָסמישער שיף.

„עס איז געווען זייער טשיקאַווע צו קוקן אף גאגארינען פון א זײַט, — האָט דערציילט דער פּראָפעסאָר ב. וויקטאָראָוו, — ס׳האָט זיך געפילט, ווי פריידיק ער איז געשטימט, ווי אָנגענעם אים איז, וואָס ער פליט דער ערשטער. נאָר דאָס האָט ניט געשטערט גאגארינען צו זײַן ערנסט, רויִק, קאָנצענטרירט. איך האָב געקוקט אף אים און מיטן געדאַנק פארשטאַנען, אז מאָרגן וועט דער דאָזיקער באָכער אופרודערן די גאַנצע וועלט”.

יורי גאגארינען און גערמאן טיטאָוון לאָזט מען איבער אליין. דער סטראַטעגישער מעדי־ציניש־פּסיכאָלאָגישער פּלאַן טרעט ארײַן אין זײַנע רעכט. מיט זיי איז א דאָקטער, נאָר ער איז א זײַטיקער צושויער. גערמאן לייענט יורין לידער, דערציילט אים סיבירער מײַסעלעך, אוויִא־כאַכמעס. אינצווייען איז זיי גוט, נאָר אינדרײַען איז בעסער, אָבער די פאָדערונגען צווינגען, עס זאָל זײַן, ווי עס איז.

די קאָסמאָנאַווטן שפּילן אין ביליארד, הערן פּלאַטן, אף וועלכע ס׳איז פארשריבן רוסישע מוזיק, ריידן וועגן דער קינדהײַט, וועגן דער מיליטער־שול.

סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט אינאָוונט באַזוכט די קאָסמאָנאַווטן, אופמערקזאַם באַטראַכט דעם צימער, פארגעבן עטלעכע פראַגן, געזעסן א פּאָר מינוט א פארקלערטער — עפּשער האָט ער זיך ארײַנגעטאָן אין עפּעס א געדאַנק, צי פּאַשעט אָפּגערוט — דערין האָט ער זיך זייער געניייטיקט אין יענע טעג. ער האָט געווונטשן די קאָסמאָנאַווטן א רויִקע נאַכט, כאָטש פאר אים איז זי קיין רויִקע ניט געווען, און פּאַמעלעכן, מיט שווערע טריט, אוועקגעגאַנגען.

די לעצטע נאַכט פארן סטארט!

דעם 12 אַפּרעל 1961 האָט קאָראָליאָוון זיך אף א רעגע אויסגעוויזן, אַז ער איז געקומען דער ערשטער אין דעם דאָזיקן הויז. ער האָט געכאַפּט א קוק אף די שלאָפנדיקע יורי גאגא־רינען און גערמאן טיטאָוון, ארויסגעגאַנגען אפן גאַנעק און דערזען, ווי פּאַרזיכטיק עס דער־ווײַטערט זיך יעווגעני אנאַטאָליעוויטש קאַרפּאָוו.

3 אזייגער 00 מינוט. סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט געמאַכט עטלעכע טריט אף צוריק און פונדערווײַטנס געכאַפּט א קוק אף דעם סטארט־פּלאַץ, אפן גיגאַנטישן קערפּער פון דער ראַ־קעטע. זי האָט אויסגעזען עפעקטפול אין דער ארומרינגלונג פון די פערמעס און א באַלויכ־טענע מיט מעכטיקע פּראָזשעקטאָרס. א מידער, האָט דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר געקוקט אף דעם, וואָס ער האָט באַשאַפן מיט זײַנע אייגענע הענט, אפן קינד פון זײַן גאַנץ לעבן. דאַכט זיך, אז אַלץ איז פאַרטיק? ווי־אַזוי וועט אויסזען דער באַגינען פון דער קאָסמישער ערע, פון דער ערע פון גאלאַקטישן שווימען? שוין זשע מאָרגן? ניין, שוין הײַנט!

דער רוביקאָן איז איבערגעשפּאַנט עס געשעט! וואָס וועט זײַן?

„דערווײַל איז דאָס אן איניען ניט קיין דאַנקבאַרער, א ריזיקאַלער און אומגעווייִנלעך שווערער, — האָט געשריבן ק. ע. ציִאָלקאָווסקי, — ער וועט פאָדערן ניט נאָר אויסערגעוויינ־לעכע אָנשטרענגונג פון קויכעס און געניִאַלע מויכעס, נאָר אויך פיל קאָרבאָנעס.

...דאָס שווימען צווישן שטערן קאָן מען ניט פאַרגלײַכן מיט פליִען אין דער לופט. דאָס ערשטע איז א שפּילעכל אין פאַרגלײַך מיטן צווייטן".

א קלוגע וואָרענונג פון א גאָען. נאָר נישט ציאָלקאָווסקי גופא, נישט זײַנע מעסירעסנע־פּעשדיקע שילער האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אָט דעם טרוים.

5 אזייגער מיט 30 מינוט. יעווגעני אנאַטאָליעוויטש קאַרפּאָוו איז מיט דער זיכערקײַט פון א פּאַלקנפירער ארײַנגעקומען אין שלאָפצימער און א טרייסל געטאָן גאַגארינען פאַרן אַקסל:

— יורי, שוין צײַט...

גאַגארין איז אופגעשטאַנען. באלד האָט זיך אויך אופגעהויבן גערמאַן טיטאָוו, אונטער־זינגענדיק א פריילעך לידעלע וועגן לאַנדישן — א שטענדיקע באַדערפעניש בא דעם דאָזיקן מענטשן אין מוזיק. דאָס איז געווען דער ערשטער זיג פון די פּסיכאָלאָגן, וואָס מוזיק איז געוואָרן א נויטווענדיקייט. דער דאָקטער האָט א באַפרידיקטער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — די קאָסמאָנאַווטן זײַנען געווען מונטער, געזונט. די צוגרייטונגס־פּראָגראַם צום פלוג איז אויס־געפּילט געוואָרן פּינקטלעך.

6 אזייגער מיט 30 מינוט. די קאָסמאָנאַווטן זײַנען אין דער באַגלייטונג פון די מעדיקער אַרויסגעגאַנגען פון שטיבל, סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט זיי באַגעגנט. דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר איז געווען פאַרדײַגעט — ווײַזט אויס, אז עס האָט זיך געלאָזט פילן די שלאָפלאָזע נאַכט.

שפּעטער האָט גאַגארין דערציילט וועגן דער דאָזיקער באַגעגעניש:

— ער האָט מיר געגעבן עטלעכע אייצעס און רעקאָמענדאַציעס, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט און וועלכע האָבן מיר געקאָנט צוניץ קומען בייסן פלוג. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אז ווען ער האָט אונדז דערזען און זיך דורכגעשמועסט מיט אונדז, איז ער געוואָרן לוסטיקער.

סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט גערעדט קורץ און פּינקטלעך, גערעדט אַפּאָריסטיש, נאָר זײַנע רייד זײַנען געווען פאַר אן „ענגן קרײַז", און די אייצעס אומבאַדינגט נאָר פאַר פּראָפעסיאָ־נאַלן.

6 אזייגער מיט 50 מינוט. גאַגארין איז געקומען צו פאָרן אף דעם סטאַרט־פּלאַץ, איז אַרויסגעגאַנגען פונעם אויטאָבוס. פיל פון די, וואָס זײַנען דאָ געווען, האָבן אים געקענט פּערזענלעך. אלעמען האָט באַהערשט א מין אומרו.

נאָכן ראַפּאָרט פונעם פאָרזיצער פון דער מעלוכישער קאָמיסיע האָט יורי געמאַכט א מעלדונג פאַר דער ראַדיאָ און פאַר דער פּרעסע.

ער האָט געזאָגט:

„...אין עטלעכע מינוט אַרום וועט די מעכטיקע קאָסמישע שיף מיך אוועקטראָגן אין די ווײַטע ראַכוועסן פון אלוועלט. וואָס קאָן מען אײַך זאָגן אין די דאָזיקע לעצטע מינוטן פאַרן סטאַרט? דאָס גאַנצע לעבן, ווײַזט זיך מיר איצט אויס, ווי איין וווּנדערלעכע רעגע, אלץ, וואָס עס איז איבערגעלעבט געוואָרן, אלץ, וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן פריִער, איז געווען איבערגעלעבט און געטאָן צוליב דער דאָזיקער מינוט...

דער ערשטער אופטאָן דאָס, וועגן וואָס עס האָבן געטרוימט דורעס מענטשן, דער ער־שטער דורכלייגן א וועג פאַר דער מענטשהײַט אין קאָסמאָס... רופט מיר אָן א גרעסערע אופ־גאַבע לויט דער קאָמפּליצירטקײַט, פון דער, וואָס עס איז אויסגעפאַלן מיר. דאָס איז א פאַר־ראַנטוואָרטלעכקײַט ניט פאַר איינעם, ניט פאַר קיין צענדליקער מענטשן, ניט פאַר קיין קאָ־לעקטיוו. דאָס איז א פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַרן גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, פאַר דער גאַנצער מענטשהײַט, פאַר זײַן וואָר און צוקונפט, און אויב איך באַשליס זיך דאָך אף דעם דאָזיקן פלוג, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווײַל איך בין א קאָמוניסט, ווײַל הינטער מײַן פּלייצע שטייען געשטאַלטן פון אומשטערבלעכן העראָיזם פון מײַנע לאַנדסלײַט — די סאָוועטישע מענטשן".

8 אזייגער מיט 30 מינוט. א דרײַסיק־מינוטיקע גרייטקײַט. טיטאָוו איז צוויסנגעגעבן, אז ער קאָן אראָפּנעמען דעם סקאַפאַנדער און פאָרן אפּן באַאָבאַכטונגס־פּונקט, ווו עס האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט אלע ספּעציאַליסטן.

עס גייט אָן אקטיווער ראַדיאָ־איבערוף. גאַגארינס קאָרעספּאָנדענטן זײַנען סערגיי פּאַוו־לאָוויטש קאָראָליאָוו, ניקאָלײַ פּעטראָוויטש קאַמאַנין, פּאַוועל ראָמאַנאָוויטש פּאָפּאָוויטש און אלעקסיי אַרכיפּאָוויטש לעאָנאָוו. זיי געפינען זיך אלע אין ראַדיאָ־פּונקט.

8 אזייגער מיט 32 מינוט. פּ אָ פּ אָ ו י ט ש: — מיט אײַער געזונט־צושטאַנד אינטערעסירט מען זיך אין מאָסקווע. מע האָט איבערגעגעבן, אז איר פילט זיך גוט און, דאָס באַטײַט, אז איר זײַט גרייט צו די ווײַטערדיקע איניאַנים.

גאגארין: מע האָט איבערגעגעבן ריכטיק. איך פיל זיך גוט. די שטימונג איז א מונטערע, צו דער וויַיטערדיקער ארבעט בין איך גרייט.

9 אזייגער 07 מינוט. סערגיי פּאַוולאָוויטש אינפאָרמירט די קאָסמאָנאַוטן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אָף דער ערד.

קאָראָליאָוו: — עס ווערט געגעבן די אָנצינדונג. „קעדער".

גאגארין („קעדער"): איך האָב פארשטאַנען. עס ווערט געגעבן די אָנצינדונג. פּאַיע־כאַליי.. דער געררויש אין דער קאַבינע הערט זיך שוואַך. אַלץ גייט נאָרמאַל, איך פיל זיך גוט, די שטימונג איז א מונטערע, אַלץ איז נאָרמאַל.

קאָראָליאָוו. — אַלע ווינטשן אײַך א גוטן פלוג...

גאגארין: — צום ווידערזען, לאָמיר זיך גיך באַגעגענען, טײַערע פרײַנט!

אומגעריכט רײַסט זיך ארײַן אין בונקער גאגארינס שטים:

— איך זע די ערד... סאַרא שיינקײַט!..

ערשט אין דער דאָזיקער מינוט האָבן פיל פון די בײַוועזנדע באַגרײַפט, אז א מענטש איז אין קאָסמאָס! אַלעמען האָט ארומגעכאַפּט א פרייד, אַלע ערגערנישן זײַנען פלוצעם פאַרשוווּנדן.

„...דײַטלעך טיילן זיך אויס די באַרג־רוקנס, גרויסע שאָטנס, גרויסע וואַלד־מאַסיוון, א פלעק פון אַן אינדזל, דער ברעג פון ים. איך האָב געזען די זון, נעפּלען און זייערע לײַכטע שאָטנס אָף דער ווײַטער ליבער ערד", — האָט פארשריבן אין באָרט־זשורנאַל פון „וואָסטאָק" יורי גאגארין.

9 אזייגער מיט 26 מינוט. דער פלוג גייט דורך געלונגען. דער געפיל פון וואָגלאָזיקייט איז נאָרמאַל. איך פיל זיך גוט. אַלע מאַכשירים, אַלע סיסטעמען ארבעטן גוט. א פּראַכט!..

אין די רעדאַקציעס פון אַלע צײַטונגען אין דער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן א בום — מע האָט באַדאַרפט באַווײַזן איבערוואָרסטעוועןן די ארויסגייענדיקע נומערן. „די וועלט־נײַס" האָט געדאַרפט ווערן דער שלאָגער פון אַלע נומערן.

„דער סאָוועטנפארבאַנד, וועלכער האָט דער ערשטער אין 1957 ארויסגעלאָזט א קינסט־לעכן ספוטניק פון דער ערד, דער ערשטער דערגרייכט די לעוואָנע אין 1959 און דערנאָך דער ערשטער אין פאַריקן יאָר אומגעקערט אָף דער ערד באַלעבאַטים פונעם קאָסמאָס, — האָט אָקאָרשט געגעבן דער וועלט זײַן כריסטאָפאָר קאָלומב פון קאָסמישן רוים" — אזוי האָט קאָמענטירט די נײַס די אַגענטור פראַנס פּרעס.

פון די פראַנצויזן זײַנען ניט אָפּגעשטאַנען די אמעריקאַנער, איטאַליענער, דײַטשן, ענגלענדער.

יורי גאגארין איז געוואָרן אַן אייגענער פאַר אַלע פעלקער פונעם ערד־קײַלעך, נאָר מער פאַר אַלעמען האָט איבערגעלעבט פאַר אים, נאַטירלעך, דאָס היימלאַנד.

10 אזייגער מיט 55 מינוט. א פארקוילטער אײַזערנער קײַלעך לאָזט זיך אראָפּ אָף א צעאַקערטן באָדן — אפּן פעלד פונעם קאָלווירט „לענינסקי פּוט", דרײַסיק קילאָמעטער דאָרעם־מײַרעוודיקער פון דער שטאָט ענגעלס, ניט ווײַט פונעם דאָרף סמעלאָווקא.

די ערשטע האָט דערזען יורי גאגארינען אַנאַ אקימאָוונאַ טאַכטאַראָוואַ. „א מוירע האָט מיך ארומגעכאַפּט — עפּעס זייער שרעקלעך איז דער דאָזיקער מענטש געווען אָנגעטאָן, ניט אזוי ווי מיר, און באַווײַזן האָט ער זיך אומגעריכט, פונעם לויטערן הימל, ווי א שניי אפּן קאָפּ. דערנאָך דערזע איך — דער מענטש שמייכלט. און אזוי הארציק, אז די גאַנצע שרעק איז פארשוווּנדן געוואָרן". איך בין געקומען צו־זיך, און זיך אָנגעהויבן ערגערן, עפּשער איז ער הונגעריק, טראַכט איך, כ'האָב געוואָלט אים אָנפּויען מיט מילך. נאָר ער ענטפערט אזוי העפלעך, און דער שמייכל גייט ניט אראָפּ פונעם פּאָנעם: ער איז ניט הונגעריק, זאָגט ער, מע דאַרף זיך ניט באַאומרויִקן, ס'וואָלט גוט געווען אָנקלינגען. כ'האָב זיך גענומען ארומקוקן און דערזען, אז מע גייט שוין צו אונדז, מענטשן לויפן, ווײַזט אויס, זיי האָבן געזען, ווי ער איז פונעם הימל געפאַלן. מיליטערישע זײַנען אונטערגעקומען, באַ אונדז אין פעלד זײַנען זומער זייערע לאַגערן געשטאַנען".

10 אזייגער מיט 59 מינוט. צום אָרט פון דער אראָפּנידערונג איז געקומען א גרופּע מיליטער־אינזשעניערן — דער מאַיאָר גאַסיִעוו, האָט באַטראַכט מיט א פּראָפעסיִאָנעלן בליק דאָס אָרט פון דער אראָפּנידערונג, איז צוגעגאַנגען צו יורי אַלעקסייעוויטש גאגארינען. ווי עס איז אײַנגע־שטעלט, האָט דער קאָסמאָנאַווט לויט דער פאָרמע געמאָלדן:

— כאַוווער מאַיאָר, דער קאָסמאָנאַווט פון סאָוועטנפארבאַנד דער עלטערער לייטענאַנט גאגארין האָט אויסגעפילט...

דער מאַיאָר האָט ניט ביזן סאָף אויסגעהערט דעם ראַפּאָרט, אופגעהויבן די האַנט:

— מע דאַרף קיין ראַפּאָרט ניט, יורי, דו ביסט שוין א מאַיאָר!

גאַסיִעוו האָט צוגעלייגט די האַנט צום היטל, אָראַפּגענומען דאָס פּונעם קאָפּ און דער־לאַנגט גאַגאַרינען.

פון יענעם טאָג אָן ווערט אין דער מישפּאָכע פון די גאַגאַרינס אָפּגעהיט די דאָזיקע רע־ליקוויע.

אָפן אָרט פון דער אַראָפּנידערונג האָט גאַסיִעוו אוועקגעשטעלט א סטויפיקל־אָבעליסק מיט די ווערטער: „ניט טשעפּען! 12.4.61, 10 אַזייגער מיט 55 מינוט. מאָסקווער צײַט.

11 אַזייגער מיט 06 מינוט. יורי אַלעקסייעוויטש האָט באַטראַכט די אינווייניקסטע אויס־שאַטונג פון דער שיף, דעם צושטאַנד נאָך דעם ווי די שיף איז דורכגעגאַנגען די קאָמפּאַקטע שיכטן פון דער אַטמאָספער.

דער מאַיאָר גאַסיִעוו, וועלכער האָט גוט געוווּסט, אַז יעדער מין מעלוכיש פאַרמעגן דאַרף פאַרהיט ווערן, האָט גלײַך אוועקגעשטעלט בא דער קאָסמישער שיף א וואַך.

אָף א מיליטערישער מאַשין איז יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרין אין דער באַגלייטונג פונעם מאַיאָר גאַסיִעוון געקומען צו פאָרן אין זומערדיקן לאַגער. פונדאָרטן גלײַך אַנגעקלונגען קיין מאָסקווע און ראַפּאָרטירט, אַז ער האָט נאָרמאַל זיך אַראָפּגעלאָזט אָף דער ערד.

13 אַזייגער מיט 20 מינוט. וואַלענטינע שיקט א צעטעלע דעם מאַן:

„טײַערער יורי! איך מיט גאַלעטשקען און אַליאָנען באַגריסן דיך. מיר זײַנען זייער צו־פרידן, גליקלעך, וואָס דו האָסט בעשאָלעם זיך אומגעקערט פונעם קאָסמאָס. מיר וואַרטן, דו זאָלסט גיכער קומען אַהיים. מיר קושן דיך שטאַרק, נעמען דיך אַרום, אונדזער טײַערער קאָסמאָנאַווט!

דײַן וואַליע".

דערהערט די מיטיילונג פון טאַסס, איז זאָיע גאַגאַרינא אָף א צײַט צעטומלט געוואָרן. אין קאָסמאָס איז יורי גאַגאַרין, איר ברודער! דאָס האַרץ האָט געפּלאַטערט, זי האָט געקלערט, וואָס צו טאָן, און פּלוצעם באַשטימט לויפן צו דער מאַמע.

— מאַמע, — האָט זי אויסגעשריגן אַרײַנלויפנדיק אין שטוב, — שליס אײַן די ראַדיאָ, וועגן יורין גיט מען איבער.

אַנא טימאָפייעוונא האָט א דערשראָקענע זיך אַרומגעקוקט. שיר ניט אַרויסגעלאָזט פון די הענט דעם טשוהונאָק:

— געהאַרגעט געוואָרן?

— ניין, וואָס רעדסטו, אין קאָסמאָס איז ער!

— וואָס האָט ער עס אָפּגעטאָן? ער האָט דאָך צוויי פּיצלעך, טעכטערלעך... — און זיך צעוויינט.

14 אַזייגער מיט 30 מינוט. די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן א מיטיילונג פונעם צענטראַלן קאָמיטעט פון קפּסס, פּרעזידיום פון אויבערסאָוועט פון פסםר און פון דער רעגירונג פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און צו די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַר־באַנד, צו די פעלקער און רעגירונגען פון אַלע לענדער, צו דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט:

„עס איז פאָרגעקומען א גרויסע געשעעניש. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט האָט א מענטש פאַרווירקלעכט אין קאָסמאָס א פלוג.

...דאָס איז א בײַשפּיללאָזער זיג פונעם מענטשן איבער די קרעפטן פון דער נאַטור. א גראַנדיִעזע דעראָבערונג פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, דער טריִומף פונעם מענטשלעכן געדאַנק. עס איז געמאַכט געוואָרן דער אָנהייב, ווען דער מענטש וועט פליִען אין קאָסמישן רוים.

אינעם דאָזיקן העלדנטאַט, וואָס וועט פאַרבלײַבן אין די דורות, איז פאַרקערפּערט דאָס געוויִנעס פונעם סאָוועטישן פאָלק, די גוואַלדיקע קראַפט פונעם סאָציאַליזם".

נאָכן היסטאָרישן פלוג פון יורי גאַגאַרינען האָט דער אַקאַדעמיקער קאָראָליאָוו געזאָגט:

„דאָס וויכטיקסטע איז אָפּגעטאָן. דער וועג איז אָפן. באַלד נאָכן ערשטן שפּאַן וועלן קומען די איבעריקע.."

נאָך די ערשטע סיגנאַלן פון א מענטשן פונעם קאָסמאָס האָט זיך געעפנט א נײַ בלעטל אין דער וויסנשאַפט, א נײַער געביט פון וויסן, א נײַע ספערע פון פּראַקטישער טעטיקײַט פו־נעם מענטשן. פון דעם 108־מינוטיקן רעיס איבער דער רונדיקער אָרביטע זײַנען מיר איבער־געגאַנגען צו פילכאַדאָשימדיקע פלוגן. ניט צוליב פאַרמעלער פּאַרגרעסערונג פון די טערמיי־נען, ניט אין גײַעג נאָך רעקאָרדן, נאָר מיט דער זיכערקײַט, אַז דאָס אַלץ וועט האָבן א ווײַ־טערדיקע אַנטוויקלונג, א גלענצנדיקע צוקונפט. אַזא איז די לאָגיק פונעם עקספּערימענט.

ס. פּ. קאָראָליאָוו איז געווען זיכער, אַז איצט וועט דער דאָזיקער פּראָצעס זיך ניט אָפּ־שטעלן. די פּערספּעקטיוון זײַנען גרענעצלאָז.

21 אזייגער 00 מינוט. יורי האָט זיך געלייגט שלאָפן, ווען די גאַנצע וועלט — די צײַטונ־גען, ראַדיאָ, טעלעוויזיע — האָבן מיטגעטיילט וועגן זײַן פלוג.

13 אַפּרעל 1961 יאָר.

7 אזייגער 00 מינוט. יורי אַלעקסייעוויטש איז אויפגעשטאַנען, לאַנג און געשמאַק געלעגן ניט אויסגעגעבן, אַז ער האָט זיך שוין אויפגעכאַפּט, ער האָט געפּרוּווט באַגרײַפן דעם דורכ־געלעבטן טאָג.

וואָס איז דאָס, אַ כאַלעם? גרייטנדיק זיך צום פלוג, האָט מען אַלץ דורכגעטראַכט, אָפּגעג־רעפּעטירט, דאַכט זיך, אַלץ. אַלץ, וואָס עס איז נעגייע דעם פלוג. און איצט איז שוין ניט געווען קיין פלוג, ס'איז אָבער ניט געווען קיין כאַלעם. פאַרוואָס האָבן די מענטשן מיט עפּעס איין אַלגעמיינער באַגײַסטערטער אויפטרייסלונג, מיט אַזאַ ענטוזיאַזם אויפגענומען דעם פלוג אין קאָסמאָס?

8 אזייגער מיט 30 מינוט. פּרעסטיק. לויט דער ביטע פונעם קאָסמאָנאַווט — אַ געוויינ־לעכער ערדישער פּרעסטיק פון אַ האַרעפּאַשניק. יורי עסט שווײַגנדיק, טראַכט וויאַזוי צו אויסבויען זײַן מיטיילונג: געבן אַן אָפּשאַצונג דער אַרבעט פון דער אַפּאַראַטור — דאָס אינ־טערעסירט, נאַטירלעך, די קאָנסטרוקטאָרס, דערציילן וועגן דער נײַקייט פון די עמפּינדונגען בייסן פלוג, וועגן וואָגלאָזיקייט, וועגן גיגאַנטישן, ראַכוועסדיקן קרײַז פון דעם איבעררזיכט, וועגן אונדזער קליינינקער פּלאַנעטע ערד.

10 אזייגער 00 מינוט. אינעם שטיינערנעם הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט די מיטגלידער פון דער מעלוכישער קאָמיסיע, געלערנטע, קאָנסטרוקטאָרס, סעקרעטאַרן פונעם געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי, די קאָמאַנדשאַפט פונעם מיליטער־קרײַז.

דער מאַיאָר גאַגאַרין האָט גערעדט צווי שאָ. קענענדיק די בײַוווּזנדע, האָט ער זיך גע־סטאַרעט באַפרידיקן די אינטערעסן פון אַלע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, און, דאַכט זיך, אַז דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבן.

ס. פּ. קאָראָליאָוו האָט אונטערגעצויגן די סאַכאַקלען פון דער ערשטער מיטיילונג.

— איך וויל נאָכאַמאָל אײַך באַגריסן מיט דעם גראַנדיעזן אַלמענטשלעכן זיג, — האָט געז־זאָגט סערגיי פּאַוולאָוויטש. — דאָס איז ווירקלעך אַ גרויסער זיג פון דער סאָוועטישער און אַלוועלטלעכער וויסנשאַפט. נאָך יורי אַלעקסייעוויטשעס פלוג זײַנען די מענטשן געוואָרן נאָך שטאַרקער, קליגער, בעסער. אַלע דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער קאָסמישער וויסנ־שאַפט ווידמעט אונדזער פּאַרטיי און די סאָוועטישע רעגירונג די פרידלעכע צילן פון דער מענטשהײַט. און קיינמאָל וועלן מיר, געלערנטע און קאָסמאָנאַווטן, ניט ברעכן דעם דאָזיקן הייליקן פּרינציפּ פון אונדזער מאַכט. נאָך אין 1905 יאָר האָט קאָנסטאַנטין עדוואַרדאָוויטש ציאָלקאָווסקי, ענטפערנדיק אויף די פראַגן פונעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „איליוסטרירטאָ־וואַניע בירזשעוויע וועדאָמאָסטי", געזאָגט: „איך האָב קיינמאָל ניט געאַרבעט איבער פאַרפול־קומען די מיטלען פון פירן מילכאָמעס... אַרבעטנדיק איבער רעאַקטיווע מאַכשירים, האָב איך פאַר זיך געשטעלט פרידלעכע און הויכע צילן: באַהערשן די אַלוועלט פאַרן גונסט פונעם מענטשן, באַהערשן דעם רוים און די ענערגיע, וואָס עס גיט אָפּ די זון".

מיר דאַרפן דאָס געדענקען.

די צײַטונג „פּראַוודאַ" האָט געגעבן אַן אינטערוויו מיטן פּראָפעסאָר הערמאַן אָבערטן, וועלכן מע רופט אין מײַרעוו, „דער פאָטער פון דער דײַטשישער ראַקעטן־טעכניק".

— יאָ, כ'האָב שוין געהערט, — האָט געזאָגט דער געלערנטער, — אַז דער פּילאָט־קאָסמאָ־נאַווט האָט אַ געזונטער זיך אומגעקערט אויף דער ערד. איך בין זייער צופרידן, וואָס עס זײַנען מעקוייעם געוואָרן מײַנע טרוימען וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ מענטשן צו פליִען אין קאָס־מישן רוים. איך האָב דאָס פאָרויסגעזאָגט אין 1923.

— נאָר דעמלט האָט איר זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דער ערשטער קאָסמאָנאַווט וועט זײַן אַ רוסישער?

— ניין, — האָט געענטפערט אָבערט. — איך האָב געקלערט, אַז דאָס וועט זײַן אַ דײַטש.

— און ווען זײַט איר געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז דאָס וועט זײַן אַ סאָוועטישער מענטש?

— דעם 4 אָקטיאַבער פון 1957, ווען דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מיט דערפאָלג אַרויס־געפירט אויף דער אָרביטע דעם ערשטן ספּוטניק פון דער ערד.

אין דער צווייטער העלפט פון טאָג זײַנען קיין קויבישעוו געקומען צו פאָרן ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן פון דער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" וואַסילי פּעסקאָוו און פּאַוועל באַראַשאָוו. זיך דערוווּסט וועגן זייער קומען, האָט גאַגאַרין זיך גלײַך געלאָזט צו זיי.

דורך די סקריפּענדיקע טרעפּ איז מיט פלינקע יונגע טריט אַראָפּגעלאָפן צו זיי ניט קיין הויכוווקסיקער מאַיאָר. ער איז געווען איינער אליין, און אין ערשטן מאָמענט האָבן די קאָרעספּאָנדענטן באַשלאָסן, אַז דאָס איז געשיקט געוואָרן אַ מענטש, קעדיי זיי נאָכאַמאָל זאָגן, זיי זאָלן צוואַרטן. נאָר דער מאַיאָר האָט אויסגעצויגן די האַנט.

— איך באַגריס אײַך. דאָס זײַט איר פון דער „קאָמסאָמאַלקע"?

— גאָט מײַנער, דאָס איז דאָך ער! נו, אַוודאי, דאָס איז גאַגאַרין!

דער דאַרינקער, ניט הויכער מאַיאָר האָט גלײַך פאַרשטאַנען די געשאַפענע סיטואַציע און אַזוי גוט, אַזוי כאַוועריש זיך צעשמייכלט, אַז זיי האָבן געזאָגט:

— יורי...

זיי האָבן פּאַשעט אים אַנדערש ניט געקאָנט אָנרופן.

וווּהין האָבן זיך אַהינגעטאָן די פּאַרויס צוגעגרייטע „טיפּזיניקע און ערנסטע" פראַגן? וועגן וואָס זשע פרעגט מען אים איצט? וועגן דעם, ווי ער פילט זיך? וועגן דעם געזונט? נאָר זײַן בראַוווער אויסזען, דער שמייכל זײַנער האָבן אויסגעשלאָסן אָט די פראַגן.

זיי האָבן ארויסגענומען פון די רענצלעך צײַטונגען...

דאָס איז געווען אַ גוטע מאַטאַנע.

גאַגאַרין האָט אופמערקזאַם, מיט אַ פאַרטראַכט שמייכעלע באַקוקט די פאָטאָגראַפיעס פון דער פרוי און פון דער עלטערער טאָכטער און פראָסט געזאָגט: — אַ דאַנק.

14 אַפּרעל.

8 אַזייגער 00 מינוט. ניקאָלײַ פּעטראָוויטש קאַמאַנין איז פּאַרזיכטיק ארײַנגעגאַנגען אין נומער און אופגעוועקט יורי אַלעקסייעוויטשן. נאָכן ערשטן טאָג אַרבעט אַף דער ערד, נאָך די פּילצאָליקע באַגעגענישן, שמועסן, אינטערוויוען, איז דער קאָסמאָנאַווט געשמאַק געשלאָפן. דאָס איז דער אָנגענעמער, און מע קאָן זאָגן, פּאַראַדנע טייל פונעם קאָסמישן רעגלאַמענט. נאָר עס שטייט פאַר זייער אַ וויכטיקער, דער הויפּט־טייל, צוליב וועלכן עס איז פּאַרטראַכט געוואָרן און דורכגעפירט דער פלוג: דער וויסנשאַפטלעכער באַריכט. דער באַריכט וועגן דער אַרבעט פון די סיסטעמען פון דער שיף, זײַן זיכערקײַט. וואָס באַטײַט דער דאָזיקער פלוג — דער אָנהייב אָדער דער סאָף פון ארײַנדרינגען אין קאָסמאָס. עס וועלן נאָך אים זיך לאָזן קאַראַוואַנען, אָדער אָט דעם איינציקן איז באַשערט צו ווערן אַן אוניקום? פון אים, פון גאַגאַרינען, דערוואַרטן אַן אינפאָרמאַציע געלערנטע, קאָנסטרוקטאָרס, אַלע סאָוועטישע מענטשן! פון אים דערוואַרטן נײַע מיטיילונגען אַלע פעלקער פון דער פּלאַנעטע ערד.

„עס זײַנען פאַראַן זאַכן, האָט געזאָגט סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו ערעוו דעם סטאַרט, — וועלכע מיר ווייסן נאָך ניט. וואָס איז עס אַזוינס וואָגלאָזיקײַט? דער פיזישער טאָך איז פאַרשטענדלעך, נאָר דער טאַט, די נאָכפּאָלגן..."

עס ווייסט ניט, קאָראָליאָוו! סערגיי פּאַוולאָוויטש האָפט צו באַקומען פון אים נײַע מיטיילונגען.

סאַראַ פּאַראַנטוואָרטלעכקײַט! ער, גאַגאַרין, איז געשטימט אָפּטימיסטיש. אין קאָסמאָס קאָן מען לעבן, אין קאָסמאָס קאָן מען אַרבעטן. די שיף איז אַ זיכערע, זי זיכערט די געפאַרלאָזיקײַט בייסן פלוג.

— מיר פליען ארויס גלײַך נאָך פרישטיק, — טיילט מיט ניקאָלײַ פּעטראָוויטש.

9 אַזייגער 00 מינוט. בייסן פרישטיק האָט נ. פּ. קאַמאַנין דערציילט, אַז עס האָט געקלונגען לעאָניד איליטש ברעזשנעוו, ער האָט זיך באַאומרויקט וועגן זייער קומען קיין מאָסקווע, די מעטעראָלאָגישע דינסט גיט אַ שלעכטן פּראָגנאָז. דער וועטער וועט, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרשטערן די פרײַדיקע באַגעגעניש, נאָר אַ בלויער הימל איז בעסער, אַסאַך אָנגענעמער. יורי אַלעקסייעוויטש האָט שווײַגנדיק געהערט. וואָס האָט ער געקאָנט זאָגן? נעכטן האָט לעאָניד איליטש געקלונגען צוויי מאָל, ער האָט זיך אינטערעסירט מיט גאַגאַרינס געזונט, געבעטן ניט באַלעסטיקן אים מיט קיין פראַגן, געבן אים אַ מעגלעכקײַט צו קאָנצענטרירן זיך. באַקלערן די ענטפערס.

9 אַזייגער מיט 52 מינוט. יורי אַלעקסייעוויטש איז אַרויסגעגאַנגען אַפן ברעג פונעם טײַך פאַרכאַפּט מיט די מאַכשאָוועס, איז ער עטלעכע מינוט געגאַנגען לענגויס דער וואָלגע. אַ שטילער ווינטלאָזער אינדערפרי, די קוסטעס זײַנען פוסט, און די רוסישע ראַכוועסן איז ניט אַרומצוכאַפּן מיטן אויג. דער פרילינג האָט זיך רוישיק ארײַנגעריסן אינעם געלאַסענעם לעבן

פון דעם גרויסאַרטיקן טײַך. עס האָבן געגרישט די ריטשקעס, די לאַנקעס האָבן געביטן דעם קאָליר, עס איז גרוי געוואָרן, פאַרשוווּנדן דאָס אײַז.

גערמאַן טיטאָוו האָט שפּעטער דערציילט:

— דער שניי איז שוין צעגאַנגען. די ערד איז ביסלעכווײַז טרוקן געוואָרן. ווו־ניט־ווו האָט זיך באַוויזן יונג העל גראָז, פון די קנאָספּן האָבן זיך אויסגעפּיקט קלעפּיקע בלעטעלעך. די אָלכעס האָבן זיך אָנגעטאָן מיט טונקל־רויטע אוירינגלעך. פון דער וואָלגע האָט געציִען א קעלט. אין די צווײַגן האָבן זיך געפּאָרקעט די פייגל, פאַריכטנדיק די אַלטע נעסטן, עס האָבן געפּײַפט די שטאַרן, און דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין אַ פּילשטימיקער ליד, אין א לויב־געזאַנג דעם פרילינג, וואָס עס האָט געכאַפּט פאַרן האַרצן. די לײַבלעכע רוסישע נאַטור האָט שטאַרק האַרמאָנירט מיט אונדזער שטימונג.

13 אַזייגער מיט 41 מינוט. דער אַעראָפּאָרט וונוקאָווא. די גאַגארינס, יורי אַלעקסייעוויטש און וואַלענטינא איוואַנאָוונא, זעצן זיך אַרײַן אין אַ בלויען אָפּנעם „זיל־111". אַ קאָרטעזש פון מעלוכישע מאַשינעס לאָזן זיך קיין מאָסקווע, צום רויטן פּלאַץ.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט יורי אַלעקסייעוויטש געשריבן אין דער צײַטונג „פּראַוודא".

„געוויס האָט קיין איין מענטש אין דער וועלט ניט איבערגעלעבט דאָס, וואָס עס איז מיר אין אָט דעם יאָמטעוודיקן טאָג אויסגעקומען איבערצולעבן".

„דאָס געשטאַלט פון יורי גאַגארינען, — האָט געשריבן לידיִא אַבוכאָווא, — לייגט זיך אַזוי אַרײַן אין אַ לעגענדע, ווײַל זי האָט שוין פון אָנפאַנג געהאַט אין זיך שטריכן פון קלאָרקײַט און אויסערגעוויינלעכער „פּאַראַלגעמיינערונג". ער איז געווען אַ פאָלקס־מענטש, וועלכער האָט זיך ניט אַזוי אויפגעהויבן איבער אַנדערע, ווי ער האָט צוזאַמען מיט זיך זעלבסט אויפגעהויבן אַפּן פּיעדעסטאַל די גאַנצע עפּאָכע פון קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג. ער איז געוואָרן דער העלד פון דער צײַט ניט דערפאַר וואָס ער האָט פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע אינדיווידועלע שטריכן, נאָר פאַרקערט, אַ דאַנק דעם, וואָס זײַן כאַראַקטער האָט זיך פּינקטלעך איבערגעכאַזערט, וואָס עס האָט זיך איבערגעכאַזערט זײַן גורל, זײַנע אידעאַלן און די ציל־געווענדטקײַט".

אַף יענעם אָוונט בײַס דעם אופנעם אין קרעמל, האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו פּאַטערלעך, וואַרעם און אופגעלייגט באַגריסט יורי אַלעקסייעוויטשן:

— גאַגארין האָט באַוויזן, אַף וואָס עס איז פייִק אַ מענטש. אַפּן סאַמע גרעסטן!.. ער האָט געעפנט פאַר די מענטשן פון דער ערד דעם וועג אין ניט קיין אויסגעפאָרשטער וועלט. און נאָר דאָס דען? איך טראַכט, אַז גאַגארין האָט געמאַכט נאָך עפּעס גרעסערס — ער האָט געגעבן די מענטשן דעם גלויבן אין די אייגענע קויכעס, אין זייערע מעגלעכקײַטן, געגעבן קויעך צו גיין זיכערער, געוואַגטער. דאָס איז — אַ פּראַמעטעיִישער אופטו.

17 אַפּרעל. דעם ערשטן האַלבן טאָג האָט יורי אַלעקסייעוויטש פאַרבראַכט אין זוויאָזדנע, צווישן זײַנע אייגענע. בא אים זײַנען געווען צוגאַסט די עלטערן, די שוועסטער, די ברידער, אַהער, אין זוויאָזדנע האָבן געשטרעבט אַרײַנדרינגען פּיל קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן געוואָלט זיך זען מיטן קאָסמאָנאַווט, זיך דורכשמועסן מיט אים, נעמען בא אים אַן אווטאָגראַף. גאַגארין האָט קיינעם ניט אָפּגעזאָגט.

אין דעם דאָזיקן טאָג האָט יורי אַלעקסייעוויטש אָנגעשריבן דעם פילאַטעליסט יע. סאַשענקאָוון אַף אַ סעריע פּאָסטשט־גראַוויורן „דער ערשטער אין דער געשיכטע קאָסמישער פלוג, וועלכן ס'האָט געמאַכט דעם 12 אַפּרעל 1961 דער סאָוועטישער בירגער יורי אַלעקסייעוויטש גאַגארין אַף דער שיף „וואָסטאָק". דער פאַרבינדונגס־מיניסטעריום פון פססר האָט אַרויסגעלאָזט אַ סעריע פּאָסטש־מאַרקעס „דער מענטש פונעם לאַנד פון די סאָוועטן אין קאָסמאָס". אײַנגיכן האָט מען געקאָנט קויפן אַ מאַרקע מיט יורי גאַגארינס פּאָרטרעט. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט דער זשורנאַליסט יעווגעני סאַשענקאָוו — אַ ווירקלעכער מיטגליד פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט פון פססר אַרויסגעלאָזט אַ בוך „די פּאָסטשט־וועגן פון די קאָסמאָנאַווטן" מיט אַ פאָרעדע פון יורי אַלעקסייעוויטש גאַגארינען, אין וועלכער ער האָט געשריבן:

„...אָט האָט זיך באַוויזן אַ בוך, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט די קאָסמישע פונקציע פון אַ פּאָסטשט־מאַרקע — אַזוינס איז פריִער ניט באַוווּסט געווען. דערציילנדיק וועגן געוויינלעכן און אומגעוויינלעכן, אופשטעלנדיק אַ ברייט בילד פון „קאָסמאָפילאַטעליִע", גרייט דער דאָזיקער בוך צו דעם מענטשן צום געדאַנק וועגן דעם, אַז ווען־ניט־איז וועט אויך די אַלוועלט ווערן אַ געוויינלעכער פּאָסטשט־מאַרשרוט..."

אין יענע טעג האָט אין לענינגראַד די שרײַבערן ווערא קעטלינסקאַיאַ פאַרעפנטלעכט אַזעלכע שורעס:

„מע קאָן ניט פאַרגלײַכן קיין העלדנטאַטן: יעדערער איז פּראָטאָטיפּ, יעדערער האָט זײַן אומשאַצבאַרן קערן, זײַן שיינקײַט, זײַן גרויסקײַט, וואָס ס'איז ניט מעגלעך איבערצוכאַזערן. אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט פלאַמען, ווי העלע פאַקלען, די העלדנטאַטן, באַווײַזנדיק דאָס סאַמע בעסטע און העכסטע, אַף וואָס עס איז פײַיק דער מענטש, און יעדער העלדנטאַט, ווי אינדיווידועל ער זאָל ניט זײַן, שפּיגלט שטענדיק אָפּ אי די צײַט אי די נעשאָמע פונעם פאָלק, וואָס האָט אַרויסגערוקט זײַן העלד".

דער אַמעריקאַנער קינסטלער ראָקוועל קענט האָט אין זײַן באַגריסונגס-בריוו געשריבן:

„סאָוועטישע פרײַנט, אײַער יורי, איז ניט נאָר אײַערער, ער געהערט דער גאַנצער מענטשהײַט. און די טויערן פון קאָסמאָס, וועלכע ער האָט געעפנט, זײַנען צעפּראַלט פאַר אונדז אַלעמען.

...זאָל די מענטשהײַט האַלטן הייליק דעם טאָג פון יוריס פלוג, ווי דעם טאָג פון אַלגעמיינעם פרידן. זאָל מען אים פײַערן איבער דער גאַנצער ערד...

זאָל דאָס זײַן אַ טאָג, ווען אַף יעדער שטאָט-פּלאַץ און אומעטום, ווו עס זאַמלען זיך צונויף מענטשן, זאָלן די פּענעמער פון זקיינים און יוגנטלעכע זיך צעלויכטן מיט אַזאַ פרייד, ווי עס לויכטן די פּענעמער אַף די פאָטאָגראַפיעס, וועלכע ליגן איצט פאַר מיר און וועלכע זײַנען געמאַכט אין דער יובלדיקער מאָסקווע".

26 אַפּרעל. עס זײַנען פאַרענדיקט געוואָרן די מעדיצינישע אויספאָרשונגען. גאַגאַרינען האָט מען דערלויבט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל.

נ. פּ. קאַמאַנין האָט געמאָלדן יורין, אַז די טעג פליִען זיי אַרויס קיין טשעכאָסלאָוואַקיִע לויט דער אײַנלאַדונג פון צק קפּטש.

27 אַפּרעל. אין דער סטודיע פון די מיליטערישע קינסטלער אַף מ. ב. גרעקאָווס נאָמען איז פאָרגעקומען אַ בעגעגעניש מיט גאַגאַרינען. דער קאָסמאָנאַווט האָט דערציילט וועגן זײַן פלוג, וועגן דער וויכטיקײַט פון אויספאָרשן דעם קאָסמישן רוים, ער האָט פּאָזירט פאַר די קינסטלער. געמאָלט דעם פּאָרטרעט פונעם קאָסמאָנאַווט האָבן נ. זשוקאָוו, פּ. מאַלצעוו, מ. סאַמסאָנאָוו, נ. בוטט, פּ. קריוואָנאָגאָוו, פּ. פּאָסטניקאָוו און אַנדערע.

דעם 28-טן אַפּרעל איז גאַגאַרין אַרויסגעפלויגן קיין פּראַג.

פאַר דער לעצטער צײַט האָט יורי באַקומען טויזנטער בריוו. בריוו, אין וועלכע מענטשן האָבן זיך געהאַלטן אַן אײַצע, בריוו מיט ביטעס, בריוו, אין וועלכע ס'איז אויסגעדריקט געוועזן אַנציקונג. ענטפערן אַף אַלע בריוו איז פּאַשעט אוממעגלעך. שפּעטער, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָסמאָנאַווטן-פּאָטשט האָט זיך אײַנגעגעבן פעסטצושטעלן, אַז באַ צוויי הונדערט טויזנט בריוו איז אָנגעקומען אַפן אַדרעס פון יו. א. גאַגאַרינען.

„גאַגאַרינס פּאָטשט, — באַשטעטיקט דער פליִער-קאָסמאָנאַווט פון פּססר אַלעקסיי לעאָנאָוו, — דאָס איז יעדן טאָג אַ פּאַק בריוו, אָן אַ גוזמע — אַ זאַק. אַף יעדן בריוו האָט ער געענטפערט פּערזענלעך. ער האָט ניט געקאָנט ענטפערן בלויז אַף אַכט בריוו פון הונדערטער טויזנטער".

אין די אַרכיוון פון די גאַגאַרינס ווערט אָפּגעהיט אַ בריוו, וועלכן יורי אַלעקסייעוויטש האָט באַזונדערס אָפּגעהיט:

„טײַערער יורי אַלעקסייעוויטש! איר באַקומט אַ סאַך בריוו, נאָר איך בין זיכער, אַז איר האָט נאָך ניט קיין בריוו, וועלכע ס'האָט אָנגעשריבן אַ מענטש, וועלכער האָט ניט ביידע הענט. דערצו האָב איך אויך קיין פּיס ניט. אינגאַנצן האָב איך אַף מײַן קערפּער פערצן ווונדן. איך בין אינוואַליד פון דער ערשטער גרופּע, דאָס היימלאַנד פאַרטיידיקנדיק פונעם פאַשיזם. אין 1942, ווינטער, בין איך איבער די פעלדער פון דער סטאַלינגראַדער געגנט דאָס לעצטע מאָל געגאַנגען אין שלאַכט אַף די אייגענע פּיס, האַלטנדיק די ביקס אין די הענט, וועלכע כ'האָב נאָך דעמלט פאַרמאָגט. און אָט איצט בין איך אַן אינוואַליד, נאָר דעם דאָזיקן בריוו שרײַב איך אַליין, אָן קיינעמס הילף. איך שרײַב אײַך, דעם מענטשן, וועלכער האָט געעפנט אַ נײַע ערע פון פליגן אין קאָסמאָס. אַ דאַנק אײַך, יורי אַלעקסייעוויטש, איר האָט באַרימט געמאַכט אונדזער פאָטערלאַנד אַף אייביק. אַזוינס פאַרגעסט זיך ניט... קורץ וועגן זיך. האַגאַם איך בין אַן אינוואַליד, בין איך געוועזן אַ דעפּוטאַט פונעם ראַיאָנישן סאָוועט אין פערם, געאַרבעט אינעם אָפּטייל פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. מיט מײַן אַרבעט האָב איך געבראַכט נוץ 12 יאָר. אין 1957 האָב איך באַקומען אַ פּערסאָנעלע פּענסיע, נאָר אַרבעטן זעץ איך פאָר. א. אי. פּאָרסטאָרעזאָוו, פערם".

צוגאַסט איז צו גאַגאַרינען געקומען דער מיליטערישער פליִער ניקאָלײַ רעפּין, וועלכער האָט געדינט מיט יורין צוזאַמען. זיי האָבן צוזאַמען פאַרענדיקט די מיליטערישע שול, ביידע אוועקגעפאָרן דינען אַפן צפון. זיי האָבן זיך דערמאָנט זייער ליד, וואָס איז געבוירן געוואָרן

אין שול און איז געוואָרן אַ מין אייגנאַרטיקער קורסאַנטישער הימן: „כ'האָב ליב מײַן „מיג“, מײַן שלאַכט־מאַשין...“

דעם 4 מײַ איז פאַרגעקומען אינעם צענטראַלן טעאַטער פון דער סאָוועטישער אַרמײ אַ באַגעגעניש פון די טיילן פונעם מאָסקווער גאַרניזאָן מיט דעם ערשטן קאָסמאָנאַווט יורי גאַגאַרין.

אין דער צווייטער העלפט פון טאָג איז דער קאָסמאָנאַווט געווען אַ גאַסט בײַ די מאָסקווער שרײַבער. אים האָט אַ צופרידענער אופגענומען קאָנסטאַנטין פעדין.

— איר, טײַערער יורי אַלעקסייעוויטש, דאַרפט שרײַבן, — האָט געראָטן זײַן לאַנדסמאַן פעדין. מיר, קעדיי פאַרינטערעסירן דעם לייענער, טראַכטן אַלץ אויס, האַלטן אים מיט דער אינטריגע פון נײַקײַט, און איר דאַרפט קיין זאַך ניט אויסטראַכטן. איר ווייסט דאָס, וואָס קיינער ווייסט ניט, איר פאַרמאָגט אומשאַצבאַרן מאַטעריאַל...

דעם 15 מײַ איז די גאַנצע גרופּע קאָסמאָנאַווטן אין דער באַגלייטונג פון זייערע אָנפירער אַרויסגעפלויגן קיין סאָטשי מיט אַ ספּעציעלן אַעראָפּלאַן. די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם דאָזיקן אורלויב האָבן אויסגערעכנט, אַז די קאָסמאָנאַווטן וועלן אָפּרוען, פאַרשטאַרקן דאָס געזונט, אין פרײַע אומשטענדן וועלן זיי זיך טיילן מיט די מיינונגען מיט גאַגאַרינען וועגן דעם דורכגעמאַכטן קאָסמישן פלוג.

אין צווייטן טאָג אַרום איז אַהער אָראָפּגעקומען סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שכיינישער סאַנאַטאָריע. דעם זעלבן אָפּדערנאַכט האָט ער אײַנגעלאַדן צו זיך די קאָסמאָנאַווטן, געלייענט לידער, געבעטן פּאָפּאָוויטשן און גאַגאַרינען עפּעס זינגען.

— מיר רוען זיך אָפּ, קיין שום פּראָדוציר־זיצונגען, האָט געזאָגט דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט יורי אָנגעהויבן פּאָזירן דעם באַרימטן סקולפּטאָר גריגאָרי פּאָסטניקאָוו, וועלכער איז געקומען צו פליִען קיין סאָטשי. יורי האָט מיט גרויס כיישעק אים געהאָלפן מיט זײַנע אייצעס, געדולדיק געזעסן אין דער פּאָזע, ווי דער קינסטלער האָט אים אוועקגעזעצט, זיך אונטערגעאָרדנט דעם שטרענגסטן רעזשים פון דער שעפערישער באַגײַסטערונג.

אַף די פּאָטאָגראַפיעס, וועלכע יורי אַלעקסייעוויטש האָט געשענקט פּאָסטניקאָוון האָט ער אָנגעשריבן: „גריגאָרי ניקאָלײַעוויטש פּאָסטניקאָוון — דעם קאָסמאָנאַווט אין דער קונסט“.

אין דעם זעלבן טאָג איז יורי גאַגאַרין אַרויסגעפלויגן קיין סאָפיִע.

אין איינעם פון די טעג פון זײַן וויזיט איז גאַגאַרין געקומען צום דענקמאָל „אַליאָשאַ“.

„איך האָב געקוקט אַף אים, ווי אַף אַ לעבעדיקן, — האָט ער שפּעטער געשריבן, — און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ פרישער ווינט, וואָס פליט פון די באַלקאַנער בערג, באַוועגט זײַנע יונגע האָר, עטוואָס באַריִרטע מיט גרויקײַט, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטער דער פראָנט־פּילאָטקע. אָך, ווי גרויס עס איז די פאַראַלגעמיינערונגס־קראַפט פון קונסט! איך האָב זיך אײַנגעקוקט אינעם שמייכלענדיקן פּאָנעם פון „אַליאָשען“ און דערקענט אין אים די ווילנס־שטריכן פון פיל סאָוועטישע מענטשן...“

אַנאַטאָלי ניקיפּאָראָוויטש יאַר־קראַווטשענקאָ, האָט אײַנגעלאַדן יורי גאַגאַרינען צו זיך, קעדיי אָנמאָלן דעם קאָסמאָנאַווט. דער דאָזיקער באַרימטער קינסטלער איז געווען צום האַרצן יורי אַלעקסייעוויטשן — אין דער צײַט פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז ער געווען אַ לופט־שיסער אַף אַן אַעראָפּלאַן פּע־2, דורכגעפירט אַ סאַך שלאַכט־פלוגן. מיט מאָלערײַ האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען נאָך בייסן קריג און באַשאַפן אַ גאַנצע גאַלעריע פּאָרטרעטן פון באַוווסטע פליִער.

דעם 13 יוני איז גאַגאַרין לויט דער אײַנלאַדונג פונעם קאַלוגער געגנטקאָם פון פּאַרטיי געקומען צו פאָרן אין דער היימשטאָט פון קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציאָלקאָווסקי.

— מיט אַ פלאַטערדיק האַרץ, — האָט יורי דערציילט, — האָב איך זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפרייט אַף אַ באַרגיק אָרט. די שטאָט איז געווען אײַנגעטונקען אין פרישן גרינס פון סעדער, וועלכע זײַנען אָקאָרשט אויסגעוואַשן געוואָרן פון אַ שלאַקס־רעגן.

דער קאָסמאָנאַווט איז געווען אַפן קייווער פונעם גרונטלייגער פון דער טעאָרעטישער קאָסמאָנאַווטיק, אַרופגעלייגט קוויטן, זיך באַגעגנט מיט די אייגענע פונעם גרויסן געלערנטן, באַזוכט דאָס מוזיי־הויז. יורי אַלעקסייעוויטשן האָט מען דערציילט, אַז אַ גרויסע ווירקונג אַפן לעבן פון קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטשן האָט געהאַט די באַגעגעניש און די באַקאַנטשאַפט מיטן פילאָסאָף נ. פ. פיאָדאָראָוו, דעם ניט געזעצלעכן זון פונעם פירשט גאַגאַרין.

— סאַראַ מענגע גאַגאַרינס איז געווען אין ראַסיי, — האָט אויסגעשריגן דער קאָסמאָ־נאווט. — דאָ ניט לאַנג צוריק האָט מיר צוגעשיקט א בריוו פון לאָנדאָן גריגאָרי און אַנקאַ גאַגאַרין. זיי שרײַבן, אַז זיי שעצן הויך די דערפּאָלגן פון די סאָוועטישע געלערנטע און אַנ־פּירעה, און דאָס פּריוט זיי, רוסן, וועלכע לעבן אין דער פרעמד. זיי גרויסן זיך מיט דעם העלדנמוט פון זייער נאָמען־ברודער. עס איז פאַראַן בא מיר לעבן אָרענבורג, אינעם ייִשוּוו, קאַלינאָווקא, א „טיאָזקע" — גאַגאַרין יורי אַלעקסייעוויטש.

אין יענעם טאָג איז אין קאַלוגע פאַרלייגט געוואָרן דער ערשטער שטיין פונעם מוזיי פון קאָסמאָנאַווטיק אױף ק. ע. ציאָלקאָווסקיס נאָמען. דעם דאָזיקן ערשטן שטיין האָט אוועקגעלייגט גאַגאַרין. אױפן אָרט פונעם קינפטיקן מוזיי איז געשטעלט געוואָרן א פּליטע מיט די ווערטער: „דאָ וועט אויסגעבויט ווערן דער מוזיי פון ק. ע. ציאָלקאָווסקין. דעם ערשטן שטיין פונעם קינפטיקן מוזיי האָט געלייגט דעם 13 יוני 1961 דער פּליער־קאָסמאָנאַווט, העלד פון סאָ־וועטנפאַרבאַנד, דער ערן־בירגער פון דער שטאָט קאַלוגע יו. א. גאַגאַרין".

אױפן מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען אױף דעם לענין־פּלאַץ, איז אַרויסגעטראָטן יורי אַלעק־סייעוויטש. לויטן באַשלוס פון די אָרטיקע אָרגאַנען איז גאַגאַרינען צוגעייגנט געוואָרן דער נאָמען — ערן־בירגער פון דער שטאָט.

דעם 17 יוני איז גאַגאַרין אױף אַן אויטאָמאָביל „וואָלגאַ", וועלכן די סאָוועטישע רעגירונג האָט אים געשענקט, אַרויסגעפאָרן אין דער היימשטאָט גזשאַטסק אין דער באַגלייטונג פון נאָך עטלעכע אויטאָמאָבילן.

„אָט זײַנען זיי, מײַנע ליבע ראַכוועסדיקע קאַנטן. דער טיפער און קילער טײַך גזשאַט, וואָס איז אַרומגעזוימט מיט בעזעמלעך אָטשערעט, די וועלדלעך און קוסטעס, די פעלד־וועגן צווישן בליִענדיקן קאָרן און לײַן, די טונקל־גאָלדיקע וואַלדשנעפּן און דאָס צאַקען פון די סאָלאָווייען" — אַזוי האָט ער געשריבן אין עטלעכע טעג אַרום.

ניט דערפאָרנדיק צו זײַן שטוב, האָט יורי אַלעקסייעוויטש דערזען באַקאַנטע פּרויען, ער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין, אַרויסגעגאַנגען פון איר און זיך אַרומגענומען מיט א שכיינע.

— איך האָב געמיינט, יורי, אַז דו וועסט דורכפאָרן פאַרבײַ, ניט דערקענען מיך, די אַל־טע, — האָט געזאָגט די פרוי.

אין שטאָט האָט מען געוווּסט, אַז יורי קומט צו פאָרן, ער האָט געקלונגען אהיים, דער מוטער, און איצט, אין דעם דאָזיקן זוניקן, אויסגעצייכנטן טאָג, איז די גאַנצע שטאָט אַרויס־געגאַנגען אים באַגעגענען. יוריס קינדער־פרײַנט האָבן געהאַט פאַרטראַכט באַגעגענען יורין באַם אַרײַנפאָר און אים אַרײַנטראָגן אין שטאָט אױף די הענט. נאָר ער, פּונקט ווי ער וואָלט דאָס געוווּסט, האָט דאָס אויסגעמיטן — געקומען צו פאָרן א סאַך פריִער.

די דרײַ טעג, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין דער היימשטאָט, האָבן דערוועקט דערי־נערונגען וועגן דער קינדהײַט, וועגן די שווערע כאַדאָשים פון אָקופּאַציע, די אומפאַרגעסלעכע טעג פון לערנען אין שול. דעם 20־טן יוני האָט ער גענומען אַרבעטן איבער א בוך. געפינענ־דיק זיך נאָכן פלוג אין שפּיטאָל אױף א סטאַציאָנאַרער אויספאָרשונג, האָט ער באַקומען א סאַך בריוו פון סאָוועטישע און אויסלענדישע אויטאָרן, וועלכע האָבן געבעטן דערציילן גענויער וועגן זײַן לעבן. נאָר וויאַזוי ענטפערט מען אױף אַלע בריוו, וויאַזוי באַפרידיקט מען די ווילנס־גיריקײַט פון טויזנטער אַדרעסאַטן.

און בריוו זײַנען דערווײַל אָנגעקומען אַלץ מער און מער, זייער צאָל איז געוואַקסן מיט א גוואַלדיקער שנעלקײַט, דער באַרג איז געוואַקסן מיט יעדער שאָ.

זשול ווערנס פּלעמעניצע קריסטינאַ אַלאָט דע לאַ טויע האָט צוגעשיקט יורי אַלעקסיי־וויטשן א בריוו:

„מאָסיע, איך בין זשול ווערנס א פּלעמעניצע און פון דעם שטאַנדפּונקט וויל איך אַרויס־זאָגן מײַן באַגײַסטערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט אײַער העלדנטאַט. איר האָט פאַרווירקלעכט דעם טרוים פון זשול ווערנען. ווען ער זאָל הײַנט לעבן, וואָלט ער, נאַטירלעך, זיך איצט געפונען לעבן אײַך, טיילנדיק די פרייד פון אײַער לאַנד. בראַוואָ! — פונעם פולן האַרצן ווינטש איך אײַך גליק, אַזאַ וואָס עס איז נאָר מעגלעך."

יורי אַלעקסייעוויטש האָט באַקומען א בריוו פון פראַנקרײַך. אַן אומבאַקאַנטער קאַרע־ספּאָנדענט האָט געשריבן: „איך בעט אײַך נעמען מײַן מאַטאַנע א זאַך, וועלכע איך שעץ מער פון אַלץ. דאָס איז א מעדאַל, מיט וועלכער איך בין באַלוינט פאַרן אָנטייל אין דער פראַנ־צויזישער באַוועגונג פון ווידערשטאַנד אונדזער אַלגעמיינעם סוינע..."

„ווען אַלע פּיאָנערן וועלן אַרײַנטרעטן אין קאָמיוג, — האָבן געשריבן די פּיאָנערן פון דער 124־טער מאָסקער שול, — וועלן מיר אין דעם דאָזיקן פײַערלעכן טאָג דאַרפן, לויט דער טראַדיציע פון אונדזער דרושינע, די נײַע פּיאָנערן צווייגנען אײַער נאָמען.

מיר וואָלטן זייער געוואָלט באַקומען פון אײַך אַ בריוו...״

און די כּעוורע האָבן אַזאַ בריוו באַקומען. נאָר ווי־אַזוי ענטפערט מען גלײַך אַלעמען.

און ער האָט זיך געגעבן אַן אייצע — מע דאַרף אָנשרײַבן אַ בוך.

אָט ווען עס איז צוניץ געקומען דער טאָגבוך, אַפּילע די פראַגמענטאַרע פאַרצייכנונגען האָבן געהאָלפן אופצושטעלן די פאַרגאַנגענהייט.

יורי אַלעקסייעוויטש האָט ווידער אָנגעהויבן טרענירן זיך. ער האָט זיך אומגעקערט צום פריִערדיקן אָנגעשטרענגטן ריטם פון אַרבעט, געגרייט דעם קאָסמאָנאַווט־2 צום פלוג, צונויפגעשטעלט נײַע אינסטרוקציעס, געענטפערט אַף פילצאָליקע בריוו, זיך באַגעגנט מיט אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, סטודענטן, שילער. אַ סאַך אַרומגעפאָרן, מיט גרויס כיישעק אַרויסגעטראָטן און קיינמאָל זיך ניט געקלאָגט. ער האָט געטראָגן אַף זײַנע אַקסל דאָס, וואָס עס האָט אַף זיי אַוועקגעלייגט די געשיכטע.

דעם 24 יוני, נאָך אַן אָרדנטלעכער באַגעגעניש, ווו מע האָט געבעטן גאַגאַרינען דערציילן וועגן דעם צענטער פון צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן, איז אים אופגעקומען אַ געדאַנק וועגן שאַפן אַ מוזיי אין זוויאָזדנע.

„לאָמיר, — האָט יורי זיך געווענדט צו די קאָמוניסטן, — שאַפן אונדזערן אַ מוזיי. דאָס וועט זײַן אַ מין אייגנאַרטיקער באַריכט וועגן אונדזער אַרבעט, און בּיכלאַל דאַרף מען דאָך אַ מוזיי, פאַר אונדז, פאַר דער געשיכטע, פאַרן יונגן דאָר״.

דער ערשטער עקספּאָנאַט פונעם מוזיי איז געווען די פיגור פון אַ שטאָל־גיסער, וועלכן מע האָט גאַגאַרינען געשענקט אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

איצט זײַנען פאַראַן אין מוזיי באַ צען טויזנט עקספּאָנאַטן. פריִער איז דאָס אין דער ערשטער ריי געווען מאַטאָנעס, וועלכע עס האָבן באַקומען די קאָסמאָנאַווטן. איצט זײַנען דאָרט אָנגעזאַמלט עקספּאָנאַטן וועגן דער געשיכטע פון דער פּאַטערלענדישער קאָסמאָנאַווטיק, טרענאַזשאָרן, פּאַטעלן, קאָסטיומען.

דאָ געפינען זיך אויך רעליקוויעס פון די באַהערשער פון קאָסמאָס, פּאָטאָגראַפיעס און אַלבאָמען, סוווענירן, בילדער און פּערזענלעכע זאַכן, וועלכע געהערן די העלדן פון קאָסמאָס, אָדער אַזעלכע, וואָס זײַנען געווען אײַנגעם מיט זיי בייס די פלוגן. גאַגאַרינס פּלאַנשעט, לעאָנאָווס אַ שאַכטל בלײַערס, מיט וועלכע ער האָט געמאָלט בייסן פלוג קאָסמישע פּייזאַזשן. זיי דערציילן וועגן הערוִישע טאַטן פון אַלע קאָסמאָנאַווטן פון דעם צוגרייטונגס־צענטער.

פון יאָר צו יאָר האָבן אונדזערע קאָסמישע דערגרייכונגען זיך אַלץ פאַרברייטערט, געוואַקסן, דער מוזיי האָט דאָס אַלץ געדאַרפט אָפּשפּיגלען. און אָט פּאָרט איבער דער מוזיי אין קולטור־הויז און פאַרנעמט דאָרטן עטלעכע צימערן. די מאַטעריאַלן זײַנען קאָמפּאַנירט און סיסטעמאַטיזירט, אויסגעלייגט כראָנאָלאָגיש און וויסנשאַפטלעך־דאָקומענטאַל. און קעסיידער קומען צו נײַע עקספּאָנאַטן.

אין 1967 האָט דער מוזיי געעפנט די טירן פאַר באַזוכער. אַהער האָט מען איצט אויך אַריבערגעטראָגן גאַגאַרינס אַרבעטס־קאַבינעט, ער ווערט אָפּגעהיט אַזוי, ווי ער איז געווען. אינעם קאַבינעט געפינט זיך דער ביוסט פון ציִאָלקאָווסקין, דער גלאָבוס פון דער לעוואָנע, ביכער. די ביכער־שאַפע איז באַזונדערס אינטערעסאַנט. דאָרט זײַנען צונויפגעזאַמלט געשענקטע ביכער מיט אופשריפטן, געווידמעט י. א. גאַגאַרינען, ביכער אַף פיל שפּראַכן פון דער וועלט. יורי אַלעקסייעוויטש האָט געוווסט יעדן בוך באַזונדער און געקאָנט לאַנג דערציילן וועגן זייערע אווטאָרן. אָפן טיש ליגט דער טעקסט פון גאַגאַרינס רעדע, מיט וועלכער ער האָט זיך געקליבן אַרויסטרעטן אַף דער פײַערלעכער זיצונג, געווידמעט א. מ. גאָרקיס 100־טן געבוירטסטאָג.

אין דער קליידער־שאַפע געפינט זיך דער שינעל, דאָס היטל, אַף דער וואַנט איז אָפּגעשטעלט דער זייגער.

אין דעם קליינעם זאַל פונעם מוזיי געפינט זיך ו. מ. קאָמאַראָווס פאַרטיי־בילעט, די צייכנס פונעם שטערן־שטעטל און די מעדאַלן, וועלכע זײַנען אויסגעהאַקט געוואָרן אַלס ערן־צייכן פון די קאָסמאָנאַווטן.

אינעם גרויסן זאַל פון דעם מוזיי הענגען אַ סאַך בילדער, פּאָרטרעטן, פאַראַן אַלבאָמען, פּאָטאָגראַפיעס פון די קאָסמאָנאַווטן. אין אַ וויטרינע — אַ זייגער אַ מאַטאָנע פון דעם אַמעריקאַנער קאָסמאָנאַווט פראַנק באָרמאַן. דער דאָזיקער זייגער איז צווי מאָל געווען מיט באָרמאַנען אין קאָסמאָס.

דעם 25 יוני האָט יורי אַלעקסייעוויטש פאַרבראַכט מיט דער פאַמיליע אין דער היים, געהאָלפן דער פרוי, געשפּילט זיך מיט די טעכטערלעך, געגאַנגען אין וואַלד אַרײַן, געלעגן

מיט אלעמען אויף דער לאָנקע, ער האָט מיט גרויסער מײַסטערשאַפֿט געלייענט מײַסעלעך די קינדער.

עס איז פֿאָרגעשטאַנען א נײַע קאָמאַנדירונג — א רײַזע קיין פֿינלאַנד. ביזן אָפּפֿאָרן האָט מען באַדאַרפֿט אָנשרײַבן עטלעכע אַרטיקלען, וועלכע ער האָט צוגעזאָגט די צײַטונגען און זשורנאַלן.

— יורי, אַנטשולדיק, נאָר העלפֿן דיר קאָן איך איצט ניט, — האָט געזאָגט וואַלענטינא איוואַנאָוונא, — גאַלינע איז נאָך א פּיצל, און אַליאָנקע פֿאָדערט אויך אויפֿמערקזאַמקײַט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צוגרייטונג צום פֿאָרום פֿון דער יוגנט אין מאָסקווע איז אָרגאַניזירט געוואָרן א פּרעס־קאָנפֿערענץ, געווידמעט דעם ערשטן אין דער וועלט פֿלוג פֿון א מענטשן אין קאָסמישן רוים.

גאַגאַרין, וועלכער איז בײַגעווען אויף דער פּרעס־קאָנפֿערענץ, האָט געענטפֿערט אויף פֿיל־צאָליקע פֿראַגעס.

— אין דער ערשטער רײ איז טאַקע פֿאַראינטערעסירט די יוגנט אינעם מאָרגנדיקן טאָג. זי, די יוגנט, וועט מאָרגן לייזן דעם גורל פֿון דער וועלט.

...זאָלן די קאָסמישע שיפֿן אוועקטראָגן וויסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציעס צו די ווײַטע פּלאַנעטעס. נאָר זאָלן זיי קיינמאָל ניט טראָגן קיין טויט־לאַסט.

דער אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון די מעטאַל־גיסער פֿון גרויסבריטאַניע האָט אײַנגעלאַדן צו זיך יורי אַלעקסייעוויטשן. די פּראָגראַם האָט פֿאַררויסגעזען באַזוכן לאָנדאָן און מאַנטשעסטער.

די ענגלישע פּרעסע האָט מיט דער אייגנטימלעכער פֿאַר איר פּעדאַנטישקײַט גענומען באַהאַנדלען די פֿראַגע וועגן דעם, וויאַזוי צו באַגעגענען דעם ערשטן קאָסמאָנאַווט פֿון דער פּלאַנעטע.

„הײַנט, — האָט געשריבן די צײַטונג „דײלי מיראַר“, — קומט דער מאַיאָר גאַגאַרין קיין לאָנדאָן. גאַגאַרין איז א העלדישער מענטש. ער איז דער סימבאָל פֿונעם זיג פֿון דער וויסנשאַפֿט, וואָס איז ווען־ניט־איז דערגרייכט געוואָרן... נעכטן נאָך די דעבאַטן וועגן דער פּראָצעדור פֿון דער באַגעגעניש האָט די בריטישע רעגירונג, סאָפֿקאָלסאָף, באַשלאָסן, ווער עס וועט באַגריסן דעם העלד מיטן וועלט־נאָמען, ווען וועלן מיר שיקן באַגריסן אין נאָמען פֿונעם גאַנצן בריטאַנישן פֿאָלק גאַגאַרינען, ווען ער וועט אַראָפּשטײַגן פֿונעם אַעראָפּלאַן. אים וועט באַגעגענען ניט דער פּרעמיער־מיניסטער מאַקמילאַן, ניט דער מיניסטער פֿון אויסערן־איניאַנים לאָרד כיום, ניט דער מיניסטער לויט די פֿראַגן פֿון וויסנשאַפֿט לאָרד כיישלעם, נאָר פּרענסיס פּ. טערנבול (סעקרעטאַר פֿון דער קאַנצעלאַריע פֿונעם מיניסטער). די דערקלערונג, וועלכע ס'ווערט געגעבן דערויף, באַשטייט אין דעם, וואָס יורי גאַגאַרין איז ניט דער הויפּט פֿון דער מעלוכע. נאָר קיינער האָט ניט געהאַלטן, אַז גאַגאַרין איז דער הויפּט פֿון א מעלוכע. אָבער עס בלײַבט דער פֿאַקט, אַז ער איז באַגאַנגען א העלדנטאַט, אין פֿאַרגלײַך מיט וועלכן עס ווערט בלאַס אַלץ, וואָס עס האָט ווען־ניט־איז אויפֿגעטאָן מאַקמילאַן אָדער ווער־עס־איז פֿון זײַנע מיניסטאָרן.“

דעם ענגלישן פֿאָלק גייען אָבער ניט אָן די פּראָטאָקאָלן. דאָס פֿאָלק גיט צו א גרויסע ווערט דעם ערשטן מענטשן, וועלכער האָט באַהערשט דעם קאָסמאָס, און וויל, אַז דעם דאָזיקן מענטשן זאָל מען באַגעגענען ווי ער, דער ערשטער קאָסמאָנאַווט אין דער וועלט, האָט פֿאַרדינט. ער האָט פֿאַרדינט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל אים באַגעגענען מיט ערע“.

דער ענגלישער געזעלשאַפֿטלעכער טוער ק. זאַליאַקוס האָט געשריבן: „די, וואָס מיינען, אַז בא אונדז אין לאַנד לעבן צוריקגעהאַלטענע מענטשן, וועלכע זײַנען ניט גענייגט אַריסטאָקראַטישע פֿון... שטעלן זייערע געפֿילן פֿאַר יענעם, וואָלטן געדאַרפֿט בײַזײַן בא אונדז, ווען יורי גאַגאַרין האָט באַזוכט ענגלאַנד. נאָך יולי צעזאָרן וואָלט ער געקאָנט זאָגן: „געקומען, געזען, באַזיגט“.

אין נאָמען פֿון דער קיניגין און פֿון דער ענגלישער רעגירונג באַגעגנט פּרענסיס טערנבול, פֿון די ענגלישע מיליטערישע לופֿט־קרעפֿטן — דער מאַרשאַל פֿון אוויאַציע ראָנאַלד ליז.

„די פֿינף טעג, וועלכע איך האָב פֿאַרבראַכט אין ענגלאַנד, — האָט געשריבן יורי אַלעקסייעוויטש, דאַרף איך אָנערקענען, האָבן אין א גרויסער מאָס געענדערט מײַן פֿאָרשטעלונג וועגן דעם בריטישן פֿאָלק...“

(סאָף קומט)

אַרן ווערגעליס

די קאָלעקטיווע שעפערישע עקספּעדיציע דויערט

די סאָוועטישע ייִדישע פּראָזע איז אַרײַנגעטראָטן אין די 80־ער יאָרן, האָבנדיק דערגרייכט אַזאַ אָרגאַנישע באַהעפטקייט מיט דער הײַנטצײַטיקייט, אַז זי קאָן וועגן זיך ריידן ווי וועגן אַ שעפערישער עקספּעדיציע, וועלכע טאָגט און נעכטיקט אין דער טעמאַטיק פֿונעם איצטיקן לעבן. אין רוסיש איז פֿאַראַן אַ געלונגענער אויסדרוק творческий поиск, וועלכער באַטײַט — זוכן לעבנס־מאַטעריאַל, אַרײַנדרינגענדיק אין דער רעאַלער ווירקלעכקײַט. די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער טוען עס מיט דער איבערצײַגונג, אַז אומקערנדיק זיך פֿון אַזאַ עקספּעדיציע, ברענגען זיי מיט זיך אין דער ליטעראַטור אַ געזיכערטן העמשעך פֿאַר איר.

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אין דעם פּראַט געגליכן צו אַ שווימענדיקער פֿישפֿאַנג־באַזע, וואָס געפֿינט זיך מיט איר שטענדיקער מאַנשאַפֿט אין סאַמע יאַם, און סײַ זי הייבט אויף פֿון די טיפֿעניש דעם פֿאַנג, סײַ זי גרייט אים צו פֿאַר דעם געברויך.

מיר געדענקען די צוויי נומערן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" — פֿאַר דעקאַבער 1978 און פֿאַר דעקאַבער 1979 — וועלכע אַנטהאַלטן בלויז און אויסשליסלעך („פֿון טעוועלע ביז טעוועלע") קינסטלערישע פֿאַרצייכענונגען. און אָט איז נאָך אַ נומער פֿונעם זשורנאַל, און מיר קאָנען בעפּיירעש זיך גרויסן מיט דעם, וואָס די רעזערוון פֿונעם לעבנס־מאַטעריאַל זײַנען בײַ אונדזער סאָוועטישער ייִדישער פּראָזע אומויסשעפּלעך.

ס'איז צו זען באַשײַמפּערלעך, ווי די פֿאַרצייכענונג נעמט זיך אָן מיט קויכעס, פֿאַרברייטערט דעם טעמאַטישן האָריזאָנט, באַקומט אַ שאַרפֿער אויג, מאָסטעט זיך פֿעסטער אײַן אינעם באָדן פֿון דער הײַנטצײַטיקייט. די רעטראָספּעקציע, דער צוריק־קוק טרעט אַלץ מערער אָפּ דאָס אָרט פֿאַר דער דירעקטער שילדערונג, און אייניצײַטיק דערמיט קומט פֿאָר אַן אייכעסדיקער בײַט: אַנשטאָט דער באַלויכטונג און טיפּיזירונג פֿון כאַראַקטעריסטישע פֿאַקטן (וואָס דאָס אַליין איז ביז גאָר וויכטיק) קומט די פּראָבלעם־שטעלונג, דאָס זוכן און אָפּזוכן כאַראַקטעריסטישע סימאָנים פֿון דער צײַט. עס ווערט אויך קלענער דאָס אָרט פֿונעם ריין־בִיאָגראַפֿישן עלעמענט אין די דאָקומענטאַלע ווערק, האַגאַם איינגאַנצן קאָן ער ניט און דאַרף ניט פֿאַרשווינדן — אָן אים וואָלט פֿאַרלאָרן געגאַנגען דער איקער־אַטריבוט פֿונעם אָטשערק.

אָן אויסגעשפּראָכענע פּראָבלעם־פֿאַרצייכענונג איז אַלעקסאַנדער ליזענס „דאָס אומגעווײנלעכע אינעם געוויינלעכן". די האַנדלונג קומט פֿאָר אין דער לוואָווער פֿאַרייניקונג „עלעקטראָן". די פּראָבלעם — פֿאַרביקע טעלעוויזיע. די מענטשן, וועגן וועלכע ס'גייט אַ רייד — צוויי אינזשעניערן, פֿאָרשטייער פֿונעם עלטערן און ייִנגערן דאָר פֿון דער סאָוועטישער טעכנישער אינטעליגענץ — פּיאָטער סאַמוילאָוויטש ראָזענבערג און זײַן זון סאַשע (דער פֿאָטער האָט סאַשען געייצעט: הייב אָן ווי אַן אַרבעטער, וועסטו ווערן אַ גוטער ספּעציאַליסט... „סאַשע האָט אָנגעהויבן פֿון אַ שלאָסער־מאָנטאַזשלער. נאָכדעם ווערט ער אַן אַפּאַראַט־רעגולירער. דער פֿערטער ראַזריאַד, פֿינפֿטער, זעקסטער... אייניצײַטיק שטודירט ער אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, אויפֿן ראַדיאָ־טעכנישן פֿאַקולטעט. ס'באַקומט זיך אַ געשמעלץ פֿון טעאָריע און פּראַקטיק"...).

אַ בִיאָגראַפֿישע פֿאַרצייכענונג? לאָמיר זיך צוקוקן צו איר אויפֿמערקזאַמער. ערשטנס: אַליין די בִיאָגראַפֿיע פֿון די העלדן אַנטהאַלט אַ וויכטיקע פּראָבלעם. „הייב אָן פֿון אַן אַרבעטער"... און דאָס זאָגט אַ ייִד צו זײַן זון (אַמאָל וואָלט דער טאַטע געוווּנטשן, אַז דאָס ייִנגל

זאָל ווערן א ראָוו, צי א סויכער, אָן איידעם אָף קעסט, אָדער — בא די אָרעמע שיכטן — א באַל־מעלאָכע...). צווייטנס: ווי נײַ עס זײַנען דאָ די צײַט־סימאָנים! פּראָדוציר־פאַרייניקונג „עלעקטראָן“. פאַבריקע טעלעוויזיע. אַפּאַראַטור־רעגולירער אדג. ווײַטער — „רויטע, גרינע און בלאָווע פּיצינקע גרײַפּעלעך, ליומינאָפאָרן... בוכשטעבלעך באַטײַט עס שײַנטראָגנדיקע. סאַראַ ווונדערבאַר־שיין וואָרט! א שיינס און א ליכטיקס... די דאָזיקע אָנדערהאַלבן מיליאָן גרײַפּעלעך זײַנען פאַנאַנדערגעטיילט איבערן עקראַן אין א שטרענגער אָרדענונג... אזא גוזמע ליר־מינאָפאָרן אָף אזא קליינעם שטעטך“...

א גוזמע... ליומינאָפאָרן! ניט נאָר בא דינעזאָנען אָדער אַקסנפעלדן — אַפּילע בא אָרלאַנדן און אַלבערטאָנען וועט איר ניט געפינען אזא לעקסישן צונויפשמעלץ.

און דאָך איז דער אווטאָר פון דער פאַרצייכענונג פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערס. דאָס איבערגעזאָגטע איז פאַר אים אָן אויסגאַנגס־פּונקט, א זעלבסטפאַרשטענדלעכער אַטריבוט אָף צו שילדערן דעם איצטיקן מאַצעוו פונעם נאַציאָנאַלן פּערסאָנאַזש, לאַכלוטן קיין נײַס ניט. דער יִדישער שרײַבער זוכט אינעם לעבנס־מאַטעריאַל די גרויסמאַסשטאַביקע פּראָבלעם, וועלכע איז נעגייע דעם גאַנצן לאַנד.

פילנדיק זיך אַליין אַלס טײלכל פונעם פילטויזנטקעפּיקן אַרבעטער־קאָלעקטיוו פון דער פּראָדוציר־פאַרייניקונג „עלעקטראָן“, זוכט דער יִדישער שרײַבער־דאָקומענטאַליסט א לייזונג פון אזא וויכטיקער פּראָבלעם, ווי נײַע מעטאָדן פון פאַרוואַלטונג. „ס'איז אָף שטענדיק פאַר־שווונדן די נאַיִווע פאָרשטעלונג וועגן א דירעקטאָר ווי וועגן אַן אַדמיניסטראַטאָר, — שרײַבט א. ליזען. — איצטער איז אַלגעמיין באַוווּסט, אַז פאַרוואַלטונג, אָנפירונג איז א וויסנשאַפט. און ניט קיין איינפאַכע. מע דאַרף זײַן ניט נאָר א גענייטער אינזשעניער, אָן עקאָנאָמיסט מיט א ברייטן פאַרנעם, נאָר אויך א פּסיכאָלאָג און א פּעדאַגאָג. וועגן די הויפּט־שטריכן פון א מאָ־דערנעם אָנפירער פון א גרויסער אונטערנעמונג האָב איך געהאַט א שמועס מיט ראָזענ־בערגן“...

פאַרוואָס מיט ראָזענבערגן? ווײַל ער האָט שוין די דערפאַרונג פון א שטעלפאַרטרעטער פונעם גענעראַלן דירעקטאָר פון „עלעקטראָן“ און ווײַל ער פאַרנעמט זיך מיט „פּראַגן פון וויסנשאַפטלעכער אָריִענטאַציע פון מי און פאַרוואַלטונג“...

אָט צו וואָס עס האָט דערגרייכט און מיט וואָס עס פאַרנעמט זיך אין אונדזער צײַט א יִיד אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אַדעראַבע, זאָל עמעצער פּרווון „אַריבערפירן“ ראָזענבערגס אינ־טערעסן, זײַנע רייד, זײַן אַרט דענקען, די פּראָבלעמען, מיט וועלכע ער איז פאַרנומען, זײַן מענטשלעך געשטאַלט און זײַן גורל, — נו, לאָמיר זאָגן, זאָל מען פּרווון דאָס אַלץ „אַריבער־פירן“ אָף שאָלעם־אַלייכעמס מענאַכעם־מענדל, אָדער אָף א יִדישן פּערסאָנאַזש פון א הײַנ־טיקן אווטאָר, לעמאָשל, אין אַמעריקע (באַשעוויס, גראַדע), — וואָלט עס אויסגעזען, ווי מע וואָלט א רעאַקטיוון אַעראָפּלאַן אײַנגעשפּאַנט אָף טשיקאַוועס אין א פּאַעטאָן. און עס וועט ווערן קלאָר אַפילע פאַר א קינד, וואָס פאַר א גרויסן וועג עס האָט דורכגעמאַכט דער יִיד באַם סאָציִאַליזם.

דער אווטאָר פון דער פאַרצייכענונג שרײַבט: „איך פרעג זיך: צי איז ראָזענבערג כאַראַק־טעריסטיש אַלס א טיפּ, וואָס פאַראַלגעמיינערט געוויסע שטריכן, אייגנטימלעכע פאַר זײַן דאָר אינגאַנצן גענומען? יאָ, כאַראַקטעריסטיש. אויב ניט, וואָלט ניט געווען קעדײַ צו שרײַבן וועגן אים“. און אין אַן אַנדער אָרט פון דער פאַרצייכענונג: „איך וויל בעשום־אויפן ניט זאָגן, אַז ראָזענבערג איז עפּעס אָן אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקײַט. ניין. ער איז א געוויינלעכער סאָוועטישער מענטש. דאָס אומגעוויינלעכע איז גראָד אין דער געוויינלעכקײַט“.

א וועזנטלעכן טראָט פאָרויס אינעם אויפן פון אופאַסן די ספּעציפישע יִדישע טעמע אין דער איצטיקער יִדישער ליטעראַטור האָט געמאַכט טעוויע גען אין זײַנע צוויי קליינע פאַר־צייכענונגען — „אין טאָרזשאָק“ און „אין פּאַלאַנגע אָפן פּליאַזש“. קומענדיק אין דער טיף־רוסישער שטאָט טאָרזשאָק, האָט דער יִדישער שריפטשטעלער בעדייע צו באַשרײַבן טאַקע זי, די רוסישע שטאָט. ער באַזוכט א שוך־פאַבריק — אָן אונטערנעמונג אין אַלטן טאָרזשאָק, ניט ווײַט פון דער צאָפּנדיקער רוסישער אָזערע סעליגער. די אַרבעטער און די מײַסטערס זײַנען רוסן, און וועגן זיי דערציילט אין דער אייגנטימלעכער פאַר אים „שאָלעם־אַלייכעמ־ישער“ מאַניר דער יִדישער שרײַבער טעוויע גען. נאָר אָט באַמערקט ער אין צעך דעם יונגן מײַסטער נאָום. דאָס איז, פאַרשטייט מען, א יִיד, אָבער ער איז איצט פאַרנומען, און דעם יִדישן שרײַבער גיט זיך ניט אײַן צו דורכשמועסן זיך מיט אים. דוכט זיך, אַז אַזוי וועלן מיר שוין אוועקפאָרן פון טאָרזשאָק, ניט באַקומענדיק אין איינוועגס א שילדערונג פון דער ספּעציפישער יִדישער טעמע, האַגאַם דאָס אַלץ, וואָס טעוויע גען האָט אונדז באַוויזן צו

דערציילן וועגן דעם אייגנאַרטיקן מענטשן־ייִשעוו אין סאָוועטן־רוסלאַנד, וועט דעם ייִדישן לייענער אָן ספֿק געפֿעלן ווערן און קומען צוניץ.

נאָר עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין דער פֿאַבריק איז פֿאַראַן „אַן עלטסטער און כאַשעווסטער אַרבעטער", וועמענס נאָמען עס איז צאַליע. אַ ייִד, הייסט עס. צו אים קומט דער ייִדישער שרײַבער אַהיים, און אָט וויאַזוי צאַליע שילדערט פֿאַר אים זײַן „ייִדישע געאָגראַפֿיע": „כ'געדענק, ווי הײַנט, דעם זומער־טאָג, ווען מיר, צוואַנציק קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער, זײַנען אַראָפּגעקומען פֿון דער סעליזשאַראָווער שוך־פֿאַבריק אַהער, קיין טאָרזשאָק, ווו עס האָט זיך געעפֿנט אַ נײַע פֿאַבריק. מע האָט געדאַרפֿט לערנען די יונגע קאַדרען. פֿון וואָס האָבן מיר אָנגעהויבן? מיר האָבן אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס מיר האָבן דערציילט די כעוורע וועגן הירש לעקערטן, וויאַזוי ער האָט געשאָסן אינעם גובערנאַטאָר פֿאָן־וואַל און וויאַזוי מע האָט דעם שוסטער־יונג אויפֿגעהאַנגען... ווען איך האָב זיך אומגעקערט פֿון פֿראָנט און דערזען די כורוועס, די שטאַרצנדיקע ציגלנע קוימענס אין דער פּוסטקײַט, האָט מיך אַ ריס געטאָן באַם האַרצן, ווי איך וואָלט ניט געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל רודניע, נאָר טאַקע דאָ, אין טאָרזשאָק. דאָס ווײַבל האָט מיר געשריבן פֿון קירגיזיע: „עפּשער וועלן מיר שוין בלײַבן דאָרט, ווו מיר זײַנען? די קינדער לערנען זיך און טרינקען קומיס. איך האָב זיך שוין אויך צוגעוווינט"... נאָר איך האָב די פֿאַמיליע צוריק אַראָפּגעבראַכט קיין טאָרזשאָק. די פֿאַבריק האָט שוין ווידער געאַרבעט"...

אין די דאָזיקע רייד פֿונעם באַיאָרטן ייִדישן האָרעפּאַשניק געפֿינען מיר די גאַנצע לאָגיק פֿון די געאָגראַפֿישע פֿאַרענדערונגען, וועלכע זײַנען פֿאָרגעקומען בײַ די סאָוועטישע ייִדן נאָך דעם, ווי זיי זײַנען אַרויס פֿונעם שטעטל. עס כידעשט אונדז ניט, וואָס מיר טרעפֿן צאַליען אין דער רוסישער „גלובינקע", אין טאָרזשאָק, ווו עס איז איצט זײַן היים, און דער גורל זײַנער איז דער זעלבער, ווי בײַ די רוסישע מענטשן, צווישן וועלכע ער לעבט.

די פּראָבלעם פֿון ייִדישער מיגראַציע אין די סאָוועטישע באַדינגונגען גיט אויך זיך אַ באַווײַז אין כאַיִם בײדערס פֿאַרצייכענונג, און זי זעט דאָ אויס אַזוי פּשוט און נאַטירלעך, אַז אָנרופֿן זי „פּראָבלעם" קאָן מען בלויז באַדינגלעך. עס ווערן אַפֿילע ניט דערמאָנט די אַמאָליקע קאָמפּליצירטקײַטן — די „פּראַצענט־נאָרמעס", די אַבלאַוועס אויף ייִדן, די גײרושים און אַנדערע צאָרעס. דער בוכהאַלטער פֿונעם שטעטעלע דראַזשנע שמועל אַפּאַקאָרין — דער „באַנקיר" — איז געוואָרן אַ מאָסקווער טוישעוו (אַזוי הייסט טאַקע בײדערס פֿאַרצייכענונג: „דראַזשנע — מאָסקווע"). „ער האָט זיך מיט זײַן באַנק עוואַקויִרט און געבראַכט אים צוריק, אָבער שוין ניט קיין דראַזשנע, נאָר קיין מאָסקווע. „מירן אײַך דעמאָביליזירן, — האָט מען אים געזאָגט, — נאָר מיט איין טנײַ: איר זאָלט אַרבעטן אין מאָסקווע, אינעם מעלוכע־באַנק פֿון פּססר"... אַפּאַקאָרין איז שטענדיק געווען אַ מענטש אַ דיסציפּלינירטער — מע וויל, ער זאָל אַרבעטן אין מאָסקווע, קאָן מען דאָך ניט זײַן קיין אַקשן".

(אין זעלבן פֿאָלקסטימלעכן נוסעך קאָן גערעדט ווערן וועגן דער היסטאָרישער ענדערונג אינעם לעבן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, דעם פֿאָלק פֿונעם טכום, נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע: מע וויל, אַז אַ ייִד זאָל לעבן, ווו ער וויל — אין שטאָט, אין דאָרף, אויף דאָרעם, אויף צאָפֿן, אויף מיזרעך, אויף מײַרעוו, קאָן מען דאָך ניט זײַן קיין אַקשן... מע וויל, אַז אַ ייִד זאָל אַליין זיך אויסקלײַבן, מיט וואָס זיך פּאַרנעמען: מיט ערדאַרבעט, מיט אינזשעניערײַ, מיט קאָכן מעטאַל, מיט קאָרטשעווען טײַגאַ, מיט היילן מענטשן, קאָן מען דאָך ניט זײַן קיין אַקשן..).

שמועל אַפּאַקאָרינס זון וווינט אויך, ווי זײַנע עלטערן, אין מאָסקווע, און „וועגן דעם, וויאַזוי עס האָט אויסגעזען דאָס שטעטל, האָט ער אַפֿילע קיין מינדסטע פֿאָרשטעלונג ניט. כאָטש אין זײַן מעטריקע איז שוואַרץ אויף ווײַס פֿאַרשריבן אָט דאָס אָרט מיטן מאָדנעם פֿאַר אים נאָמען"...

אַנדערע צײַטן. אַנדערע בּיאָגראַפֿיעס און גורלאָלעס.

אַ טשיקאַווען גורל פֿון אַ מענטשן פֿון אונדזער צײַט פֿאַרצייכנט טעוויע גען אין זײַן קליינעם אָטשערק „אין פֿאַלאַנגע אויפֿן פּליאַזש". דער העלד איז דאָ אַ ייִד אַ קאַזאַק... „שטאַמען שטאַם איך פֿון דאַנעץ, פֿון ליטע, קאָוונער גובערניע, פּאָנעוועזשער אויעזד, — דערציילט דער ייִד, — נאָר פֿון דער מילכאָמע לעב איך אין אַ קאַזאַכישער סטאַניצע, ראָסטאָווער געגנט. איך האָב פֿאַרענדיקט אַ וועטערינאַרנע טעכניקום, און מע האָט מיך געשיקט אַהין אַרבעטן. אין דער סטאַניצע האָב איך כאַסענע געהאַט פֿאַר אַ קאַזאַטשקע, בין איך אויך געוואָרן אַ קאַזאַק"...

(אין די ווײַט־פֿאַרגאַנגענע צײַטן, ווען מע פֿלעגט אויסוואַרפֿן אַ פֿרוי, אַז זי האָט ניט קיין קאָשערע קינדער, פֿלעג זי ענטפֿערן: לאָז עס זײַן פֿון אַ קאַזאַק, אַבי מיט מאַזל... איצט, ווען אַ קאַזאַטשקע האָט געשענקט קינדער אונדזער פּאָנעוועזשער ייִדן, איז צוזאַמען מיטן

מאזל אויך מעגלעך א טרער, אָבער אַט איבער וואָס: „די דערציִערן פֿונעם קינדערגאָרטן האָט געפּירט די קינדער אַף א שפּאַציר אויסער דער סטאַניצע, און דאָרטן איז פֿאַראַן א ברוד־דער־קיווער. די דערציִערן האָט געזאָגט, אז אין קיווער ליגן א סאַך ייִדן, וואָס די פּאַשיסטן האָבן מילכאָמע־צײַט צעשאָסן. איז ער, דער אייניק פֿונעם פּאָנעוועזשער ייִדן, געקומען מיט א פֿראַגע: — דיעדושקאַ, האָסט געזען אמאָל א ייִדן?"...

ווען די טראַגישע פֿראַגע „דיעדושקאַ, האָסט געזען אמאָל א ייִדן?" וואָלט ניט פֿאַרגעבן א קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן און וואַרט דערצויגן אין דער נאַציאָנאַלער סוויווע פֿון זײַן מאַמען, דער קאַזאַטשקע, און ווען די פֿראַגע זאָל ניט געווען אָפּשווימען אין א קאָנקרעטן קאָנטעקסט פֿון דערמאָנען די פֿאַרשניטענע מיצאַד דעם פֿאַשיזם ייִדן, וואָלטן אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן געגומען צעפּירן אַרום איר א בלאָטקעלע: זעט איר, א ייִדיש ייִנגעלע פֿרעגט בא זײַן זיידן, צי עס זײַנען קלאַל פֿאַראַן ייִדן אַף דער וועלט!

א ראַכמאָנעס אַף אָט די לײַט. מיר וועלן זיי, אויב אזוי, געבן נאָך איין „אַרגומענט", וואָס בא אונדזער סאָוועטישן פֿאַרשטאַנד איז ער א באַווײַז, אז דאָס לעבן איז פֿילפּאַכיק און פֿילפּאַרביק, און זיי ווייסן מאַמעש ניט, וואָס מיט אזעלכס צו טאָן, און זיי האַלטן עס אין זייער אַרסענאַל, ווי א שטיקל שיס־געווער קעגן אונדזער אַרט לעבן. האַקלאַל, עס גייט אין דעם, אז אין דער פֿאַרצייכענונג פֿונעם ביראָבידזשאַנער שרײַבער בוזי מילער „צווייגן און צווײַגעלעך", איז „דערגאַנגען דערצו", אז אין דער ייִדישער מישפּאָכע, וועלכע וווינט אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, איז איינע פֿון די שניר — א יאַפּאָנערן, זי הייסט אַטאַקאָ („עפּעס איז ביז אַהער ניט געהערט געוואָרן בא ייִדן, מע זאָל א שידעך טאָן מיט א יאַפּאָנערן"...).

לאָמיר א קוק טאָן, וואָס דאָס איז פֿאַר א מישפּאָכע. מע קאָן בילדעריש זאָגן, אז אַרום טיש באַם ביראָבידזשאַנער טוישעוו אַלעקסאַנדער באַריסאָוויטש ווילענסקי קלײַבט זיך צונויף, בײַס דער פֿײַערונג פֿון זײַן זיבעציקיאָריקן יובילײַ, שיר ניט דאָס סאָוועטישע ייִדנטום אין מיניאַטיור. די סימכע קומט פֿאָר דעם 9־טן מײַ, און ס'איז א דרײַפּאַכער יאָמטעוו: אין דעם טאָג איז געבוירן געוואָרן אַלעקסאַנדער באַריסאָוויטש, מיט 35 יאָר צוריק איז ער אין דעם טאָג אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און — דער 9־טער מײַ... דער טאָג פֿון זיג... ער האָט אים באַגעגנט אין בערלין! אַרום טיש זיצט די מישפּאָכע. אירע צווײַגן און צווײַגעלעך: א כירורג, א פּעדאַגאָג, אַן אינזשעניער, א מעבל־מײַסטער, א טעראַפּעווט, א בוי־ער, א צושנײַדער אין אַטעליע, א מעדיצין־שוועסטער, א שול־אינספּעקטאָר, אַן אַרויסלאָזניק פֿונעם רעזשיסערישן פֿאַקולטעט, א סטודענט־געאָלאָג, א דירעקטאָר פֿון א זאַוואָד, אַן אַרכיטעקטאָר, א סקולפּטאָר, א געוועזענע סעקרעטאַרשע אין געגנטלעכן אויספּירקאָם, וועלכע איז אַרויס אַף פּענסיע, אַן איבערזעצערן פֿון רוסיש אַף יאַפּאַניש, אַן איבערזעצער פֿון יאַפּאַניש אַף רוסיש...

טאַקע זיי, די צוויי איבערזעצער, זײַנען עס די „שולדיקע" פֿאַר דעם, וואָס אַנטיסאָוועטישע אומווירדיקײַטן קאָנען זאָגן נאָך איין „פֿע" וועגן אונדזער לעבן. בוזי מילער שרײַבט: „אמאָל, ווען מע איז געווען פֿאַרשפּאַרט אין טכום, איז אזוינס אוואַדע ניט מעגלעך געווען"... (אין אַן אַנדער אָרט פֿון דער פֿאַרצייכענונג רעדט זיך וועגן פֿינף שוועסטער, וואָס זײַנען מיט פֿופֿציק יאָר צוריק געקומען פֿון בערדיטשעוו קיין ביראָבידזשאַן, און דער לייענער דער־ווייסט זיך, אז „דער טאַטע זייערער האָט נאָך געדענקט דעם טכום"...). „איצט, ווען פֿאַר די איז אָפֿן די גאַנצע וועלט — וויקטאָר האָט שטודירט יאַפּאַניש, אַטאַקאָ — רוסיש, איז עס דען א קליינער גרונט, אז צוויי יונגע מענטשן זאָלן איינס דאָס אַנדערע געפֿינען?"

זאָל אָבער קיינער ניט כוישעד זײַן, אז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור „האָט ניט קיין פֿאַרשטעלונג וועגן דעם שטעטל", אזוי, לעמאָשל, ווי שמועל אַפּאַקאַרינס זון אין ביידערס פֿאַרצייכענונג. ווי באַוווּסט, איז די שטעטל־טעמע אויך הײַנט א גאַנץ סטאַבילע אין אונדזער דאָקומענטאַליסטיק, עמעס — זי ווערט באַלויכטן מיט א נײַער שײַן, אונטערן קוק־ווינקל פֿון דער איצטיקער צײַט.

דער סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער הירש רעלעס איז געקומען קיין זשיטקאָוויטשי, וואָס איז אמאָל געווען א ייִדיש שטעטל אַף דער ווײַסרוסישער ערד. זײַן פֿאַרצייכענונג „אין זשיט־קאָוויטשי" צייכנט זיך ניט אויס מיט האַסטיקער האַנדלונג. דער אווטאָר גייט אַרום איבער די גאַסן און רעדט מיט מענטשן. צוביסלעכווײַז באַקומען מיר נוצלעכע פֿאַרן צונויפֿשטעלן דאָס גאַנצע בילד אינפֿאָרמאַציע. דער האָטעל איז א דרײַשטאָקיקער. די גאַס איז אַספֿאַלטירט (כאָטש בא די זײַטן זײַנען די פּאַרקנס באַוואַקסן מיט ווילדגראָז, עס פּאַשעט זיך א געפּענטעט פֿערד). דער אָרטיקער טוישעוו רוּוון מעלאַמעד קאָן דאָס ווײַב ניט אָפּרײַסן א גאַנצן טאָג פֿונעם

טעלעוויזאָר. דער בוכהאַלטער יאַשע עפּשטיין לייענט דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און קלײַבט זיך גוט פאַנאַנדער, וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָרט". אַבראַשע דער שמיד איז „אַ שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי". „אינעם אַרבעטער־יישעוו איז ניטאָ קיין פּאַרק, ניט קיין טײַך, שפּאַצירט מען באַם סטאַדיאָן, וווּ ס'איז פאַרפּלאַנצט אַ געדיכט סקווערל". אַבראַשע דער שמיד קלינגט אָן פון זײַן שטוב אין טעלעפאָן צום מעכוטן זײַנעם — יאַשע עפּשטיינען, וועלכער לעבט אויף יענער זײַט באַן־ליניע.

רעלעס שטעלט אוועק אין זײַן פאַרצייכענונג די שטעטל־פּראָבלעם. מיר געדענקען, אַז טאַקע ער, דער ייִדישער דיכטער פון ווײַסרוסלאַנד הירש רעלעס, איז איינער פון די הײַנט־צײַטיקע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, וועלכע קומען אַראָפּ אין די אַמאָליקע שטעטלעך, באַשרײַבן זיי און לאָזן איבער, אַזויאַרום, אַ וויכטיקן ליטעראַרישן דאָקומענט פאַר דעם צו־קינפטיקן פאָרשער פון דער שטעטל־פּראָבלעם. אויפן אוקראַיִנישן באָדן טוט עס שמואל גאָר־דאָן, אויפן ווײַסרוסישן — הירש רעלעס. מע דאַרף זאָגן, אַז זייער אַרבעט, אומאָפּהענגיק פון איר פאָרנעם און טיפקײַט, וועט מיט דער צײַט ברענגען פיל נוץ, ווײַל ס'קאָן אפילו זײַן, אַז קיין אַנדערע מעקוירעס (סאָציאָלאָגישע, סטאַטיסטישע אאַ.) וועלן די היסטאָריקער אין דער צוקונפט ניט האָבן אויף צו אויפשטעלן דאָס בילד פונעם ייִדישן שטעטל נאָך דעם, ווי די מילכאָמע האָט עס ליקווידירט אַלס טעריטאָריאַל־אַדמיניסטראַטיווע קערפּערשאַפט. (אָבער, ווי עס פירט זיך, ווערט אַ מענטשלעכע נעסט ניט פאַרשווונדן אין איין אויגנבליק, אפילו אין רעזולטאַט פון דער שטאַרקסטער ערדציטערניש, און פאַר די ווײַטערע דורות איז וויכטיק צו פאַרצייכענען די איבערגעבליבענע סימאָנים פונעם לעבן אין אָט דער נעסט, ווי אויך די אַנדערע פאָרמען און העמשאָכים, וועלכע זײַנען אויפגעקומען נאָך דער קאַטאַסטראָפע).

רעלעס קלײַבט אויף אין די הײַנטיקע ייִדישע שטעטלעך אויף דער ווײַסרוסישער ערד ווערט־פולע פּראַטים, וועלכע וועלן מיט דער צײַט העלפן אויפשטעלן אַ גאַנץ בילד. ער היט אָפּ, ס'זאָל ניט פאַרפאַלן גיין אַ ייִדיש וואָרט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון אַמאָל אויף די ליפּן פון אַן איצטיקן אײַנוווינער אינעם שטעטל („איך פרעג באַם אַלטן אויפן היימישן דיאַלעקט: — ווי לאַנג פרייט איר זיך דאָ? כ'בין אַ געבאָרענער הי"...; „ווי ער זאָל ניט זײַן פאַרנומען, פשירעט ער אַלץ מיט אַן אַנדער און קומט גלײַך אַרײַן. דאָס וואָרט „פשירעט" איז פאַר מיר ניט קיין נײַס, דאָס הייסט — וואָרפן, פאַרלאָזן. דאָ זאָגט מען „פשירעט די אַרבעט", „פשי־רעט דאָס שטעטל", „פשירעט דאָס ווײַב". דאָס דאָזיקע וואָרט האָב איך געהערט אין מאָזיר, אין קאַלינקאָוויטשי, אין רעטשיצע, אין יעלסק און אין אַנדערע ערטער אויף פּאָלעסיע, האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז עס שטאַמט פונעם סלאַווישן „פּרעסירן", און דאָ איז עס פּאַשעט פאַר־פּוילישט"...).

דאָס איז אָבער ניט גענוג. אפילו די פעסטשטעלונג, אַז אין די געוועזענע דורכויס ייִדישע שטעטלעך זײַנען נאָך דער מילכאָמע, ניט געקוקט אויף אַלץ, דאָך אײַנגעפּונדעוועט גע־וואָרן אייניקע גראַטעוועטע ייִדישע מישפּאָכעס. דער שרײַבער שטעלט זיך אַ ציל צו אונ־טערשטרײַכן, וואָס דער איצטיקער שטעטלדיקער ייִד זאָגט וועגן דער גאַנצער פּראָבלעם, ווי אַזוי ער באַטראַכט זי סאָציאָלאָגיש, אויב איר ווילט — פילאָסאָפיש, אויפּאַסנדיק זי מיט דער הילף פון דעם מאַטעריאַל פון דער הײַנטצײַטיקײַט.

ס'איז קלאָר, אַז ווען עס וואָלט אויפגעקומען באַ אונדז אַ טענדענץ „אויפצושטעלן דאָס שטעטל" — ווי מע הערט טײַנען אין נאַציאָנאַליסטישע קרײַזן אין אויסלאַנד, — וואָלט עס געוועזן אַ באַדנלאָזע, אַ רעאַקציאָנערע טענדענץ. רעלעסעס „שטעטלדיקער ייִד", דער שמיד אַבראַשע (אַ שלאָגלער פון סאָציאַליסטישער מי!) טראַגט אַריבער די פּראָבלעם אינעם פּלאַך פון „עלטערן און קינדער":

„...— די יונגע ציט צו הײַנטיקער טעכניק, צו עלעקטראָניק. ווי נאָר זיי ענדיקן די מיטל־שול, פאָרן זיי ווײַטער שטודירן. זיי ענדיקן אַן אינסטיטוט, און — אַ גוטן טאָג מיט דער קאַ־פּאָטע, אַהין קערן זיי זיך שוין ניט אום...

— און ווי קוקן איר אויף דעם די עלטערן?

— פאַרשטייט זיך, אַז מע וואָלט וועלן, די קינדער זאָלן זײַן דאָ, וווּ עס ציט זיך זייער וואָרצל פון ניט איין דאָר, נאָר טו און מאַך. דאָס לעבן גייט מיט זײַן גאַנג, און בײַקומען דעם דאָזיקן גאַנג איז ניט אַזוי פּאַשעט"...

האַקלאַל, פאַר דעם באַיאָרטן סאָוועטישן ייִדן פון די 80־ער יאָרן איז דאָס שטעטל אַ זוי־בערע דערמאָנונג, אָבער ניט קיין אַקטועלע פּראָבלעם. ס'קאָן אפילו זײַן, אַז ווען אין דער שײַן פונעם אומגליקלעכן גוירל, וואָס האָט געטראָפן דאָס ליבע שטעטעלע, קומט אויף אין זײַ־קאָרן אַזאַ לעבנס־דעטאַל פון די 20־ער — 30־ער יאָרן, ווי איזי כאַריקס אופריכטיקער אויס־

געשריי „שטעטעלע, פאַרשווינד!" — טוט עס אַ ביסעלע ווי דעם באַיאָרטן סאָוועטישן ייִדן פון די 80־ער יאָרן. נו, אָט איז עס שוין פאַרשוווּנדן... היטלער האָט עס געשאָכטן...

אַ טרייסט איז דאָס, וואָס אַ נײַער אַרבעטער־ייִשעוו שטייט אויפן אָרט פון דעם שטעטעלע, און די אַקשאָנים אין פראַט פון ציִען ווײַטער דעם פאָדעם, אַזעלכע, ווי רוווּן מעלאַמעד, יאַשע עפּשטיין, אַבראַשע דער שמיד, טוען עס אין אַ נײַער סאָציִאַליסטישער אַטמאָספער און ניט ווײַל זיי זײַנען פאַרפעסטעט מיט אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע מעשוגאַסן.

און ס'איז טאַקע זייער גוט, וואָס די שעפערישע עקספּעדיציע — творческий поиск פון די סאָוועטישע ייִדישע דאָקומענטאַליסטן מײַדן הײַנט ניט אויס אָט דאָס רעאַל־עקזיסטירנדיקע ווינקעלע פון אונדזער איצטיקן לעבן, די אַרבעטער־ייִשווּוים און קאָלווירטישע דערפער, וואָס זײַנען נאָכן קריג אויפגעקומען אויף די רויִנען פון די אַמאָליקע שטעטלעך, און ביז הײַנט שײַנען פון דאָרט אַרויס טיכטיקע פײַערלעך, וואָס וואַרעמען דעם זיקאָרן...

דערצו איז ניט פאַרלאָזט קיין איין טעריטאָריִעלער געביט, ווו דאָס שטעטעלע איז אַמאָל געווען. יויסעף בורג טוט אין זײַן היים־קאַנט בוקאָווינע די זעלבע ליטעראַריש־פאָרשערישע אַרבעט, וועלכע ס'טוען אין אוקראַיִנע און אין ווײַסרוסלאַנד שמועל גאָרדאָן און הירש רעלעס.

דער צוגאַנג צו דער טעמע איז בײַ בורגן דער זעלבער, ווי בײַ די כאַווײרים זײַנע לויט דער עקספּעדיציע — אַ פולקום הײַנטצײַטיקער, אַ „סאָוועטיש־היימלאַנדישער".

דער אויטאָר פון דער פאַרצייכענונג „בײַ זיך" לאָזט זיך „ווידער אין וועג" איבער דער, „אייגענער בוקאָווינע". ער דערציילט וועגן אָט דער רײַזע מיט אַ ליריש־פאַרבענקטער שטים, ווי ער וואָלט צוגעמאַכט די אויגן און געפירט אַ שמועס מיט נאָענטע מענטשן וועגן אייגנס, אינטימס. „בײַ זיך" — הייסט „בײַם אייגענעם וואָרצל", „בײַם קוואַלעכל פונעם אייגענעם לעבן"...

דעם שרײַבערס אַמאָליקע היים איז וויזשניץ — „אַ קליין שטיל שטעטעלע בײַם סאַמע ברעג פונעם טשערמוש־טײַך, וואָס קײַקלט ווילד זײַנע וואַסערן דורך דער טיף פון די קאַרפּאַטן". אויפן אָרט פון דעם „קליין שטיל שטעטעלע" טרעפט ער „באַנײַטע גאַסן", אַ „דרײַשטאָקיקע אוניווערסאַלע קראָם מיט גרויסע שפּיגל־פענצטער", אַ קולטור־פּאַלעץ. „פונעם בעסאַלמען קער איך זיך אום מיט דער נײַער אויטאָסטראַדע וויזשניץ־קאָסעוו־איוואַנאָ־פראַנקאָווסק, איבער דעם נײַעם אײַזערנעם בריק. איך קאָן זיך גאָר ניט אָנשפּיגלען אין דעם נײַעם טייל וויזשניץ, וואָס האָט צערוקט זײַנע גרענעצן, פאַרשלונגען דאָס דערבײַיִקע דאָרף — רעוונא. ווי איך וואָלט אָקאָרשט זיך אומגעקערט פון אַן אַלטן כסידישן שטעטעלע מיט אַ באַרימטן ראַבאָנישן הויף, מיט אַ צענדליק באָטעמעדראָשים און כעדאָרים, מיט יעשיווע־באָכערים און טילים־ייִדן, מיט באַלמעלאָכעס און פּליטנטרײַבער (איינער פון די איצטיקע אײַנוווינער פון וויזשניץ — „לעאָן לוקס אַרבעט אין לעספּראָמכאָז בײַ ספּלאַוועס. קוקנדיק אויף אים, דערמאָן איך זיך אין די לעצטע ייִדן פּליטנטרײַבער") — אַ שטעטעלע מיט עטלעכע נעגידים און אַ יאַם האָפענונגלאָזער אָרעמקײַט, און בין אַרײַן אין אַ נײַער וועלט, אין אַ נײַער צײַט"...

אין דער נײַער וועלט, אין דער נײַער צײַט זעט אָפט דאָס אויפמערקזאַמע אויג פון אַ שרײַבער אַזוינס, וואָס אין געוויינלעכן שטייגער־לעבן באַמערקט מען ניט. אָט, לעמאָשל — אַזאַ „פאַרקערטע דערשײַנונג". אָנהייבנדיק פון די 20־ער יאָרן איז, ווי באַוווּסט, געווען אַ קלאַל דאָס אוועקפאָרן פון שטעטל אין דער גרויסער שטאָט, אויף די גיגאַנטישע בויונגען, וועלכע האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין טיף רוסלאַנד, אוראַל, סיביר. דערנאָך איז געווען די מילכאָמע, די עוואַקואַציע, און אַן אָנגענומענער קלאַל איז געוואָרן דאָס פאַרבלײַבן פון די געוועזענע שטעטלדיקע ייִדן אין טיף־רוסלאַנד, אוזבעקיסטאַן, אוראַל, סיביר... איצט — הערט אַ מײַסע! דער שרײַבער באַגעגנט אין וויזשניץ אַן עלטערן מאַן מיט זײַן אייניקל. „ער אַליין איז אַ סיביריאַק, אַ פאַרבליבענער דאָ (אין שטעטל) נאָך דער מילכאָמע"... „גראָד דאָ, פונוואַנען ער פירט זײַן אייניקל אין אַ נײַעם מאָרגן (ער דערציילט אים, אַרומגייענדיק איבער די „באַנײַטע גאַסן", וועגן פלענער אויף דער צוקונפט — א. וו.), איז געווען דער שטעטלדיקער מאַרק. הענדלערקעס מיט אויפעס און אַלטוואַרג, אָנגעפּעלצטע אין שמאַטעס, אײַנגעהילטע אין צעפליקטע קאָלדרעס, האָבן הייזעריק געשריגן, און ייִדן אין אָפּגעקראָכענע ברודיקע קאַפאָטעס, מיט פאַרגעלטע הונגעריקע פּענעמער און אין ווײַסע זאָקן, ווי די ראַבאָנים, האָבן פאַרן דאַווענען געזוכט אַ קוינע אויף אַ קאַפּיטל טילים, אָדער אויף אַ בלאַט מישנײַעס..." אַ סיביריאַק איז נאָך דער מילכאָמע געבליבן וווינען אין איבערגעאַנדערשטן שטעטל!

דאָס ערשטיקע (אַמאָליקע) ייִדישע שטעטעלע איז שוין ניטאָ, אָבער אין דעם הײַנטיקן שטאָטישן שטעטל טרעפט דער שרײַבער די פאַרצווײַגטע מישפּאָכע טוישער — וועלוול טוישערס, דעם זייגערמאַכערס, יאָרשים; זײַן זון מוישע איז אַ דעפּוטאַט פונעם שטאָט־ראַט, זײַנע פינף אייניקלעך — דאָקטוירים אין וויזשינצער שפּיטאָל, און דאָס זעקסטע שטודירט אין ווינניצער מעדיצין־אינסטיטוט. דער שרײַבער באַגעגנט זײַן „אַמאָליק מיידל", איצט שוין אַ באַיאָר־

טע גרויע פרוי, צו איר איז געקומען איר זון פאוועל — פּיזיול מיט זײַן קאַלע סטעלע. אויך לעאָן לוקס, דער ארבעטער „אין לעספּראַמכאַז בא ספּלאַוועס" איז א טייל פונעם נײַעם ווזשניק.

די שפּעריש עקספּעדיציע פון דער דאָקומענטאַל־קינסטלערישער יידישער סאָוועטישער פּראָזע דרינגט ארײַן אלץ טיפער אינעם לעבנס־מאַטעריאַל. עס עפענען זיך אוף נײַע האָריזאָנטן, וואָס זײַנען אין דער יידישער ליטעראַטור ניט געווען. ביז איצט האָבן מיר נאָך ניט געלייענט בא א יידישן שרײַבער אַזעלכע שורעס: „וועגן וואָס מיר האָבן ניט געהאַט גערעדט, נאָר דאָך האָבן מיר זיך אלץ אומגעקערט צו דזשעזקאַזגאַן (אין געוווּזענעם „הונגעריקן סטעפּ", קאַזאַכסטאַן, ווו עס קומט פאָר די האַנדלונג פון אוראַם גאַנטאַרס פאַרצייכענונג „וועגן קרייצן זיך איבער" און ווו עס לעבט די קראַנקן־שוועסטער לידע קאַמינסקע־סימאָכינא — א. וו.), צום שפּיטאַל, צו די שטויב־ווירבלען, צום מעש־זאַוואָד, צו דער קאַמיוגישער אַזערע און צו וולאַדימיר נאַוויקאָוון... זיי זײַנען נאָענטע קרוויים מיט די קאַסמאָנאַוטן — בײַקאָנור איז פון דאָרט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. די צעלינא האָט געענדערט דעם קלימאַט"...

ס'איז קיין צווייפל ניט, אז דערגרייכנדיק די נײַע האָריזאָנטן, וועט די סאָוועטישע יידישע פּראָזע מאַצליִעך זײַן אין איר ווײַטערדיקן וועג.

■ ■ ■

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 1, January 1981

Our current issue opens with a message of greeting:

"We sincerely wish our readers a Happy New Year for 1981.

"The 26th Congress of the Communist Party of the Soviet Union opens on 23 February. This historic event is being by our country and the entire Soviet people with outstanding achievements in the building of communism. The Congress of the Leninist party will sum up the results of the tenth five-year plan and will indicate the targets for the next one.

"Our multinational Soviet literature, the Jewish included, widely reflects the victories of our homeland and the impressive development of the Union of Soviet Socialist Republics.

"Our current issue, published on the eve of the 26th Party Congress. is entirely devoted to the creative documentary essay."

We are publishing items by the following writers: Alexander Lizen of Lvov—"The Unusual in the Usual"; Leonid Shkolnik, Roman Shoikhet, Shneyer Konik and others of Birobijan—"People of the Tenth Five-Year Plan", Buzi Miller of Birobijan—"Branches of the Same Tree"; Grigory Polyanker of Kiev—"Too Much to Do"; Grigory Reles of Minsk—"In the Settlement of Zhitkovichi"; Tev'ye Gen of Moscow—"Torzhok" and "On the Beach at Palanga"; Iosif Shuster of Moscow—"The Green Workshop"; Chaim Beider of Moscow—"Derazhnya—Moscow"; Brokha and Aron Burstein of Perm—"Forty Years After"; Chaim Gurevich of Novosibirsk—"Three Encounters"; Avram Gontar of Moscow—"At the Crossroads"; Boris Mogilner of Moscow—"Courage"; Chaim Melamud of Chernovtsy—"The Weatfield"; Shira Gorshman of Moscow—"On the Way"; Iosif Burg of Chernovtsy—"At Home"; Borukh Sheingauter of Moscow—"Summer"; Ruvim Pustylnikov of Moscow—"On Foot Round the Country"; Pinya Plotkin of Bobruisk—Where the Berezina Flows"; Viktor Mitroshenkov of Moscow—"First from Legend (Yuri Gagarin)".

The issue ends with an article, "The Group Creative Search Continues", by Aron Vergelis of Moscow. "The Eighties found Soviet Jewish prose," writes the author, "enriched by its consolidated organic ties with present-day life. Carried out over the last few years, the group creative search in the genre of the documentary essay has enabled it to penetrate deep into the phenomena of life that are characteristic of our times.

"Sovietish Heimland" dedicates annually one of its issues to documentary prose, which doesn't mean that interest in this genre slackens in the other numbers. As a result, the documentary essay has acquired vitality, is expanding its creative horizon and is putting its roots deeper down into Soviet reality. If, previously, the essay was mainly retrospective and the articles themselves were too descriptive, furnishing biographical data rather than generalisations, the focus of attention has now shifted to the coverage of the major issues of life and to mirroring the complex phenomena of our days".

Supplement to this issue: J. Druker, "Essays"

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 1, январь, 1981

В новогоднем поздравлении, открывающем номер, сказано:

«Сердечно поздравляем наших читателей с Новым, 1981 годом.

23 февраля откроется XXVI съезд Коммунистической партии Советского Союза. К этому историческому событию наша страна, весь наш советский народ приходят с выдающимися достижениями в строительстве коммунизма. Съезд Ленинской партии подведет итоги десятой пятилетки и наметит задачи на следующее пятилетие.

Многонациональная советская литература, в том числе еврейская, широко отражает победы нашей Родины, мощный расцвет Союза Советских социалистических Республик.

Настоящий номер нашего журнала, выходящий накануне XXVI съезда партии, целиком посвящен документальному художественному очерку».

В номере помещены очерки следующих авторов: Александра Лизена (Львов) «Необычное в обычном», Леонида Школьника, Романа Шойхета, Шнеера Коника и др. (Биробиджан) «Люди десятой пятилетки», Бузи Миллера (Биробиджан) «Ветви одного дерева», Григория Полянкера (Киев) «Дел невпроворот», Григория Релеса (Минск) «В поселке Житковичи», Тевье Гена (Москва) «Торжок» и «На пляже в Паланге», Иосифа Шустера (Москва) «Зеленый цех», Хаима Бейдера (Москва) «Деражня — Москва», Брохи и Арона Бурштейн (Пермь) «Сорок лет спустя», Хаима Гуревича (Новосибирск) «Три встречи», Аврама Гонтаря (Москва) «На перекрестке дорог», Бориса Могильнера (Москва) «Мужество», Хаима Меламуда (Черновцы) «Пшеничное поле», Ширы Горшман (Москва) «В пути», Иосифа Бурга (Черновцы) «У себя дома», Боруха Шейнгаутера (Москва) «Лето», Рувима Пустыльникова (Москва) «Пешком по стране», Пини Плоткина (Бобруйск) «Там где течет Березина», Виктора Митрошенкова (Москва) «Первый из легенды (Юрий Гагарин)».

Номер завершается статьей Арона Вергелиса (Москва) «Коллективный творческий поиск продолжается». «Советская еврейская проза, пишет автор, вступила в восьмидесятые годы окрепшей органической связью с современностью. Осуществленный в последние годы коллективный творческий поиск в жанре документального очерка дал ей возможность проникнуть в глубь жизненных явлений, характерных для нашего времени.

Как известно, журнал «Советиш геймланд» посвящает ежегодно один из своих номеров документальной прозе, не ослабляя внимания к ней в других номерах. В результате очерк набирает жизненную силу, расширяет тематический горизонт, пускает все глубже свои корни в нашу советскую действительность. Если раньше в очерках непомерно большое место занимала ретроспекция и сами они нередко страдали описательностью, отражая биографический факт вместо обобщения, то ныне на первый план выступают проблемы, охватывающие большие просторы жизни и отражающие сложные явления наших дней.

Приложение к номеру: И. Друкер
«Литературные эссе»

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.10.1980. Подписано к печати 18.12.1980 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 2634.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1981 г.

Цена 50 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

Современные очерки

А. Лизен. Необыкновенное в обычном.
Люди десятой пятилетки (Еврейская автономная область).
Б. Миллер. Ветви одного дерева.
Г. Полянкер. Дел невпроворот.
Г. Релес. В поселке Житковичи.
Т. Ген. Торжок. На пляже.
И. Шустер. Зеленый цех.
Х. Бейдер. Деражня — Москва.
Б. и А. Бурштейн. Сорок лет спустя.
Х. Гуревич. Три встречи.
А. Гонтарь. На перекрестке дорог.
Б. Могильнер. Мужество.
Х. Меламуд. Пшеничное поле.
Ш. Горшман. В пути.
И. Бург. У себя дома.
Б. Шейнгаутер. Лето.
Р. Пустыльников. Пешком по стране.
П. Плоткин. Там где течет Березина.
В. Митрошенков. Первый из легенды (Юрий Гагарин).

А. Вергелис. Коллективный творческий поиск продолжается (статья).

1981

№ 1